STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02580

DER KOYEKH FUN YIDISHN HUMOR

Shimon Dzigan

Permanent preservation of this book was made possible
by The Yiddish Book Center
in honor of
the extraordinary commitment and dedication of Myra Fein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד ז ש י ג א ן

*

דער כּוח פון יידישן הומאָר



דזשיגאַן

דער כוח פון יידישן הומאָר

תשל"ד 1974

DZIGAN — THE IMPACT OF JEWISH HUMOUR

דזשיגאַן — דער כוח פון יידישן הומאָר

אַרויסגעגעבן דורך דעם געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט
צו פייערן 40 יאָר טעטיקייט פון שמעון דזשיגאַן
אויף דער יידישער בינע.

©

נדפס בישראל, תשל״ד

דפוס „אורלי״, תל־אביב, טל. 32062

אינהאלט:

פוילן	17—141
ראַטן־פאַרבאַנד	143—295
מדינת ישראל	297—370

דאָס בוך ווידמע איך

די חסידים פון מיין טעאַטער

אין גאָר דער וועלט

ש. דזשיגאַן

איך וויל דאַנקען די פּען-מענטשן יצחק יאַנאַ-סאָוויטש, אברהם קאַרפּינאָוויטש און מענדל קאַ-כאַנסקי — גוטע חברים וואָס האָבן אַזוי טריי מיט-געאַרבעט ביים אויסלייטערן מיינע כתבים.

אויב האָב איך דורכגעלאָזט נעמען פון פריינד, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט דער צייט, וואָס איך שילדער — זאָל מען מיר מוחל זיין.

אַ באַזונדערן יישר כוח אברהם קאַרפּינאָוויטשן פאַר ברענגען דעם חיבור צום דרוק.

שמעון דזשיגאַן

ער לאכט פון זיין טרויער

פערציק יאָר שטייט שמעון דזשיגאַן אויף דער יידישער בינע און שענקט אונדז געלעכטער. פערציק יאָר וואַנדערט ער מיט אַ זעקל טרייסט איבער גאָרער וועלט צו מונטערן יידן. ווו נאָר אַ יידישער קיבוץ איז דאָרט דזשיגאַן אַ גאַסט; זיין היים איז מדינת ישראל. דער יידישער גורל האָט באַשטימט דזשיגאַנס יאָרן טעטיקייט אויף אומקום און ווידעראויפלעבונג. פון די געטאָס ביז דער מדינה גייט אַ שווערער וועג, פול מיט מכשולים. דער יידישער גורל האָט דזשיגאַנען באַשטימט צו באַגלייטן זיינע צושויער ביז מדינת ישראל און מונטערן זיי מיט ברעקלער שמייכלען אויפן וועג. שוין ביי זיינע ערשטע שריט אויף די בינע-ברעטער האָבן מיר אים געדאַרפט נישט אויף סתם געלעכטער, נאָר אויף שמייסן מיט אַ סאַטירע-בייטש אונדזערע שונאים; און ער האָט עס געטאָן מיט דער גאַנצער גבורה פון זיין געבענטשטן טאַלאַנט, ווי אַ טרייער קעמפער פאַר דעם יידישן כבוד. אין תפיסה, צו אין די ווייטע סיבירער לאַגערן, ווו אַ הומאָרלאָזער רעזשים האָט אים פאַרשיקט צוליב פּרוּוון אַטאַקירן אָט דעם רעזשים מיט אַ שאַרפן וויץ — אויך דאָרט האָט דזשיגאַן נישט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט זיין זעקל טרייסט — דעם איינציקן פאַרמעג, וואָס די מאַכט

האָט נישט געקאָנט קאָנפיסקירן. יידן, געוועזענע אסירים, דער־מאָנען אין אַ גוטער רגע יענע צייטן. זיי זאָגן — דזשיגאַן האָט אונדז דאַן געגעבן די אמונה, אַז מען וועט נאָך פון דאָרט אַרויס...

...און מען איז אַרויס. אָבער נישט אַלע. דאָס רוב דזשיגאַנס צושויער זענען געפאַלן דורך דעם שונאס שווערד; אין יאָר 1947 איז דזשיגאַן געשטאַנען צוזאַמען מיט זיין חבר צו דער שעפעריש־קייט, ישראל שומאַכער ז״ל, אויף דער בינע אין זיין געבוירנשטאָט לאָדזש. אינעם זאַל האָבן זיך אויפגעזאַמלט די רעשטלאַך פון זיין עולם. דזשיגאַן האָט אויסגערופן: אַבי מען זעט זיך!... דאָס ערשטע מאָל אין זיין קאַריערע אַלס קאָמיקער האָט מען נישט געלאַכט פון זיינס אַ ווערטל. אַ שטיל געוויין, ווי דער לעצטער רעגן נאָך אַ שטורעם, איז אַדורך דאָס טעאַטער. אַזוי האָבן דאַמאָלסט צעבראָכענע נשמות רעאַגירט אויף אַ דערפרייענדיקן וואָרט; און אין אַ רגע אַרום — אָפּגעווישט די טרער, און שוין — דזשיגאַן מיט זיינע חסידים זענען ווידער פאַראייניקט אין איין לאַבעדיקער משפּחה.

דזשיגאַן איז נישט קיין לץ. זיין קאָמיזם ליגט נישט אין לע־בערלעכע סיטואַציעס אָדער משונהדיקן הילוך. זיין קאָמיזם שפּאַרט זיך אָן אויף די פעסטע יסודות פון אונדזער לשון — יידיש. די זאַפטיקייט פונעם יידישן וואָרט געפינט אין זיין מויל אַ באַזונדערן תיקון. זיין וויץ איז אַ געזעצלעך קינד פון דורות יידישער חכמה. ווי אַזוי איז ער געקומען צו דעם? דזשיגאַן אַליין איז אַ קינד פון פאָלק. מיט דער מאַמעס מילך האָט ער געזויגן דעם וואָרט־ניגון און דעם שטייגער פון יענע יידן, וואָס האָבן זיך געדאַרפט מפרנס זיין ביי אַ וועב־שטול, אָדער אַ גרינס־וועגעלע. זייער לעבן איז ווייט נישט געווען פרייליך. זיי האָבן געמוזט געפינען אַ געווער קעגן דער אייגענער עצבות, וואָס דאָס איז בבחינת עבודה זרה. דער סאַמע צוטריטלעכסטער געווער פאַר זייער געמיט איז געווען

דאָס געלעכטער. דזשיגאַן, זייער פאָרשטייער, פאַרשטייט אַמבעסטן ווי זיך אומצוגיין מיט אָט דעם געווער. ער לאַכט פון זיין טרויער, ווי דאָס האָבן געטאָן אונדזערע טאַטעס, און אַלע זיינע צושויער לאַכן מיט אים.

לאָמיר אים ווינטשן נאָך לאַנגע יאָרן שטיין פאַר אונדז אויף דער בינע.

פאַרן קאָמיטעט —

א. קאַרפּינאָוויטש

פוילן

פוילן

לאָדזש, באַלוט, זאַווישע 32 — דאָרט בין איך געבוירן גע-וואָרן און דאָרט זענען דורכגעגאַנגען מיינע קינדער יאָרן. דאָס איז געווען אַ הויף — אַ גאַנץ יידיש שטעטל. ס'האָבן דאָרט געוווינט אַלע מינים יידן: שניידערס, שוסטערס, וועבערס, שלאָסערס, הענדלער וכדומה. ס'איז דאָרט געווען אַ בעקעריי, אַ קוילן-סקלאַד, אַ מילכיקעריי און אפילו „אַ הייזל". וואָס דאָרט האָט געפעלט איז נאָר געווען אַן אַפטייקער און אַ דאָקטאָר.

דער הויף מיט אַלע זיינע בנינים האָט געהערט צו דעם באַ-רימטן באַלוטער הויזווירט, דער דייטש קראַמער, וואָס האָט גערעדט יידיש מיט לשון-קודש פסוקים און האָט געוווּסט אויף אויסנווייניק דעם לוח מיט אַלע יידישע ימים טובים. די פראָנט-געביידע איז געווען פון ציגל און אין איר האָט געוווינט די „אַריסטאָקראַטיע". די אינעווייניקסטע בנינים פון הויף זענען געווען הילצערנע און אין זיי האָבן שוין געוווינט די אָרימע וואָס אויך צווישן זיי האָבן זיך געפונען יידן פון פאַרשידענע סאָציאַלע מדרגות: געווען בעלי מלאכות און קליינע הענדלער וואָס האָבן זיך מפרנס געווען בדוחק, אָבער בכבוד. און געווען קבצנים, הייזער-גייער, קאַטערינקע-שפּי-לער או״ו או״ו. אָרום און אָרום האָבן געלעבט עטלעכע הונדערט יידן און אַ המון קינדער. די קינדער האָבן נישט געוווּסט

פון קיין סאָציאַלע אונטערשיידן און האָבן זיך געשפּילט צוזאַמען, בעת זייערע עלטערן האָבן שוין יאָ אָפּגעהיט זייער סאָציאַלן מעמד און האָבן זיך געחברט נאָר מיט זייער גלייכן.

פון צווישן אָט די קינדער אויפן הויף זענען שפּעטער אויסגעוואַקסן שרייבערס, לערערס, מאָלערס און בלערליי רעוואָלוציאָנערן. אין מיינע שפּעטערדיקע דערוואַקסענע יאָרן פלעג איך אָפט אין די ליטעראַריש-קינסטלערישע קרייזן טרעפן מיין הויף-חבר שמעון לובלינער, אַ קינדער-שרייבער, אַ מאָלער און זשורנאַליסט וואָס איז אַלס ייִנגל געווען אַ מין עלטסטער אין אונדזער קינדערישער הויף-רעפּובליק. ער, שימעלע, איז געווען אַ שטאַרק ייִנגל, האָט געקאָנט געבן אַ קלאַפּ און דערצו האָט ער געקענט לערנען, ווייל זיין טאַטע איז געווען אַ רב. שימעלע איז, צוליב עפּעס וואָס, געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ ווייס כאַלאַט און אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ מין שטריימל. מיט זיין הלבשה האָט ער זיך שטאַרק אויסגעטיילט צווישן די איבעריקע קינדער, אָבער אין אַנדערע פּרטים איז ער געווען איינער פון אַלע און געהערט צו דער „קאָמאַנדע" פון הויף.

מיין טאַטע האָט זיך געצײלט צווישן די רייכע פון זאַווישע 32. מיר האָבן געוווינט אין דער ציגלנער פראָנט-געביידע און דאָרט טאַקע האָבן מיר געהאַט אַ געוועלב. מיין פאָטער איז געווען אַ פּשוטער ייִד, אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט אין רוסישן מיליטער (ער האָט בעת זיין מיליטער-דינסט אָנגעשפּאַרט אַזש ביז טאַשקענט). נאָכן פאַרענדיקן דאָס מיליטער-דינסט איז ער געוואָרן אַ וואַלד-שרייבער און דעמאָלט האָט ער זיך באַקענט מיט מיין מאַמע וואָס איז געווען אַ טאָכטער פון אַ וואַלד-סוחר אין טאָמאַשאָוו. נאָך דער חתונה האָט ער זיך גענומען צום האַנדל, געעפנט אויף זאַווישע 32 אַ כל בו-געשעפט און זיינע הויפּט-קליענטן זענען געווען די דייטשן פון אַ דאָרף נעבן לאָדזש. אין געוועלב האָט זיך

געפונען פון אַ נאָדל ביז אַן אָקער-אייזן און פון צוקערלעך און כאַלווע ביז חתונה-בגדים פאַר חתן-כלה. די מאַמע האָט זיך פאַרנומען מיט די קליינע קונים און דער טאַטע — מיט די גרעסערע. צו אונדז, קינדער, האָבן זיי ביידע געהאַט ווייניק צייט.

מיין טאַטע האָט זיך געהאַלטן זייער פשוט, אָבער ער האָט ליב געהאַט דיסציפּלין. דאָס האָט ער געבראַכט פון דער צאַרישער „סלוזשבע״. ער איז צו אונדז, קינדער, געווען גענוג שטרענג. אמת, אַ גאַנצע וואָך האָט ער געהאַט צו אונדז ווייניק צייט. דער-פאַר אָבער שבת האָט ער אונדז נישט געלאָזט זיך שפּילן מיט דער חברותא פון הויף. האָסט זיי גענוג אַ גאַנצע וואָך — פלעגט ער צו מיר זאָגן. פון ווידערשפּעניקן דעם טאַטן איז נישט געווען קיין רייד. אַ מערכה, וואָס שבת נאָכמיטאָג האָט ער זיך געלייגט שלאָפן און דעמאָלט האָבן מיר געקענט זיך אַרויסכאַפּן אין דרויסן, כדי אָנטייל צו נעמען אין די „מלחמות״ וואָס זענען געווען די גרעסטע אַטראַקציע אין אונדזערע קינדערישע יאָרן.

כ׳בין פון קינדווייז-אָן געוואַקסן מיטן געפיל אַז איך בין אַ שטיקל אויסדערוויילטער, ס׳הייסט: איינער וואָס געפינט זיך אויף אַ העכערער מדרגה אין דער לייטער פון דער קינדערישער גע-זעלשאַפט. וואָרום מיר האָבן די שטאַרקערע, עלטערע יינגלעך צוגעלאָזט צו זייערע מסיבות וואָס פלעגן פאָרקומען ביינאַכט ווען די קלענערע קינדער זענען שוין געגאַנגען שלאָפן. דעם דאָזיקן זכות האָב איך געהאַט נישט דערפאַר ווייל מיין טאַטע איז געווען דער רייכער באַלעבאָס און האָט געצאָלט דעם מלמד פּינקטלעך דעם שׂכר-לימוד, נאָר צוליב דעם וואָס ביי מיין טאַטן אין געוועלב זענען געווען מעדנים — כאַלווע, שאָקאָלאַד און צוקערלעך וואָס מיינע חברים האָבן זייער ליב געהאַט. איך פלעג זיי צושטעלן די דאָזיקע סחורה און דערמיט זיך איינגעקויפט אין יחוס. מיין באַשיצער איז טאַקע געווען שימעלע לובלינער און אַ דאַנק אים האָב איך

געהערט צו דער הויף-קאָמאַנדע און געקאָנט קוקן אויף די קינדער פון מיין עלטער פון אויבן-אַראָפּ.

דער סאַמע גלאַוונער עלטסטער צווישן די יינגלעך איז גע-ווען אברהמעלע גנב. פאַרוואָס מען האָט אים אַזוי גערופן ווייס איך נישט. כ'ווייס נאָר אַז ער האָט נישט מורא געהאַט פאַר קיין שקצים און פאַר קיין הינט. ער איז געווען דער גענעראַל-גובער-נאַטאָר פון הויף און דער אָנפירער פון אַלע אונדזערע „מלחמות" מיט די יינגלעך פון די אַנדערע הויפן און גאַסן. דער שני למלך איז געווען דעם בעקערס יינגל וואָס ביי זיין פאָטער אין דער בעקעריי פלעגן מיר זיך צוזאַמענקומען אויף אונדזערע אסיפות. ער האָט זוכה געווען צו אָט דעם הויכן מעמד צוליב זיין טאַלאַנט צו דערציילן פאַנטאַסטישע מעשות וועגן מכשפות, פרינצן, בעט-לערס און דאָס גלייכן. ער האָט אונדז דערציילט וועגן דעם אונ-טערגאַנג פון דער שיף „טיטאַניק" און געשילדערט ווי אַזוי ער אַליין האָט זיך געראַטעוועט פון דער קאַטאַסטראָפע. און כאָטש מיר האָבן אַלע גוט געוווּסט, אַז ער האָט קיינמאָל אונדזער הויף נישט פאַר-לאָזט, פלעגן מיר אים דאָך גלייבן יעדעס וואָרט. ער האָט אונדז, למשל, דערציילט וועגן די שחיטות פון די ענגלענדער איבער די בורן און עס איז אויסגעקומען אַז ער אַליין האָט געראַטעוועט כאָטש עטלעכע טויזנט בורן וועלכע די ענגלענדער האָבן געוואָלט אומברענגען.

פון דער פריער קינדהייט געדענק איך צום בעסטן די מלחמות וואָס די יינגלעך האָבן געפירט שבת נאָכמיטאָג בעת מען איז פריי געווען פון חדר און די עלטערן זענען געשלאָפן זייער שבתדיקן שלאָף. יעדער הויף האָט געהאַט זיין אַרמיי און די אַרמייען האָבן זיך גערופן לויט די נעמען פון די מלוכות וועלכע זענען אַקוראַט געווען אַקטועל אין דער וועלט-פּאָליטיק. געווען אַ טערקישע אַרמיי, אַ רוסישע אַרמיי און שפּעטער אַ יאַפּאַנישע אַרמיי. מיר זענען

געווען באַוואָפנט מיט שטעקנס און שטיינער און מיר האָבן גע-קעמפט ווי די לייבן. נאָך אַזאַ מלחמה פלעגן מיר אַ היים קומען צעקוילטע און צעביילטע, אָבער צופרידן וואָס מיר האָבן איינגע-נומען וולאַדיוואָסטאָק (דעם שכנהשן הויף). אין אונדזערע שלאַכטן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די געאָגראַפיע וואָס וועגן איר האָבן גע-רעדט די גרויסע. אַן אַנדערמאָל זענען מיר צוריקגעקומען אבל וחפוי ראש, ווייל דער צד שכנגד, די רוסן, האָבן צוריק גענומען מאַנדזשוריע.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך אָנטייל גענומען אין אַ פּאָר-שטעלונג וואָס די קינדער פון אונדזער הויף האָבן געשפּילט אין שטאָל פון דעם מילכיקער (שווייגער). מען האָט געשפּילט די פּיעסע „דוד אין דער וויסטע" וואָס איז געגאַנגען אין יידישן טעאַטער. רעזשיסער איז געווען אברהמעלע גנב. ער האָט פּאַרטיילט די ראָלן, באַקענט יעדן איינעם מיטן טעקסט און געוויזן ווי צו גיין און ווו צו שטיין. כ'האָב געמוזט אַרויסטראָגן פון טאַטנס געוועלב אַ היפּש ביסל נאַשוואַרג כדי כ'זאָל זוכה זיין צו באַקומען די ראָל פון אַ שעפּסל אין דוד המלכס סטאַדע. מיין אויפגאַבע איז נישט געווען קיין קאָמפּליצירטע, כ'האָב בלויז פון צייט צו צייט, צוזאַמען מיט די אַנדערע שעפּסן, געדאַרפט מאַכן: מע.

די פּאַרשטעלונג גופא צו וועלכער מיר האָבן זיך לאַנג געגרייט איז פאַרגעקומען אום פורים. מען האָט אַריינגעלאָזט די קינדער פון אונדזער הויף און די קינדער פון די אַנדערע הויפן (צוליב דעם איז צווישן די „אַרמייען" געשלאָסן געוואָרן אַ וואָפנשטילשטאַנד). יעדעס קינד וואָס האָט געוואָלט זען די פּאַרשטעלונג האָט געמוזט ברענגען — אַ מאכל, אָדער אַ נאַשוואַרג. נאָך דער פּאַרשטעלונג האָבן אַלע אַקטיאָרן געפּראַוועט אַ פורים-סעודה פון די צונויפ-געבראַכטע מאכלים.

פון דער פּאַרשטעלונג געדענק איך אַז דוד האָט געהאַלטן אין

האָנט אַ פּיילנבויגן און דאָס בעקערישע לערן-יינגל וואָס האָט געשפּילט גליתן איז געווען אָנגעטאָן אין אַ מעל-זאַק און אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ מעשן פּענדל. ער איז אויך געווען באַוואָפנט מיט אַ וואַלגערהאָלץ, אָנשטאָט אַ שפּיז און מיט אַ לאָקשנברעט, אָנשטאָט אַ פּאַנצער. לויט די אָנווייזונגען פון רעזשיסער האָט ער זיך מיט אָט די כלים נישט געדאַרפט צופיל באַנוצן און ער האָט דער עיקר געדאַרפט געדענקען צו פאַלן ווען דוד וואַרפט אים דאָס באַרימטע שטיינדל.

מיר, די שאָף פון דודס סטאַדע, זענען געקראָכן אויף אַלע פיר און זענען דערצו געווען פאַרדעקט מיט איבערגעקערטע שעפּסענע פעלצן און מיט ליילעכער. מיר האָבן נישט געזען דעם עולם און דער עולם האָט אונדז נישט געזען. ווי געזאָגט, איז אונדזער גאַנצע אויפגאַבע געווען פון צייט צו צייט צו מעקען. היות איך בין אָבער געווען אַ נייגעריקער און אַן אומרואיקער איז מיר דאָס קריכן אויף אַלע פיר און דאָס ליגן פאַרדעקט מיט אַ שעפּסענעם פעלץ גיך נימאס געוואָרן און איך האָב אין אַ געוויסן מאָמענט אונטערגעהויבן דעם פעלץ, כדי צו כאַפּן אַ קוק אויף דעם אַרום. דערזען דעם עולם קינדער וואָס זייערע שיינענדיקע אויגן קוקן אויף אונדז פון „זאַל", האָב איך, כ'ווייס אַליין נישט פאַרוואָס, אַ מעקע געטאָן, גאַרנישט לויטן פּלאַן פון דער רעזשי. ס'איז דווקא געווען אַ „מאָראַלישער מאָמענט" און מיין פּלוצימדיקער „מע" האָט אַרויסגערופן ביי די קליינע צושויער אַ גרויס געלעכטער. אַז איך האָב דערהערט ווי מען לאַכט האָב איך ערשט אויף אַ רעכטן אמת גענומען מעקען און מאַכן העוויות. הכלל, איך האָב צוגעגנבעט די פאָרשטעלונג און מיין דערפאָלג איז געווען זייער גרויס. די קאָנסעקווענצן פון אָט דעם דערפאָלג זענען אָבער געווען זייער ביטערע: מען האָט מיך גענומען רופן: שימעלע מע.

דאָס וואָס די קינדער האָבן מיך גערופן מיט דעם דאָזיקן צונאָ-

מען איז געווען געגוג שלעבט און האָט מיך היפש פאַרדראָסן. אָבער ס'איז געקומען נאָך עפּעס ערגערס. ביי אונדז אויפן הויף האָט גע-ווינט אַ לערער און ער האָט געהאַט אַ טעכטערל וואָס האָט געהייסן ראָזע. אין אונדזערע קינדישע אויגן איז אָט די ראָזע געווען אַן אמתע בת מלכה. שטעלט אייך פאָר אַז זי האָט געהאַט בלאָנדע לאָקן און בלויע אויגן און דערצו איז זי געווען שבתדיק אָנגעטאָן אפילו אין מיטן דער וואָך. אַ מיידעלע וואָס האָט אין גאַנצן זיך פאַרגינען צו הייסן ראָזע האָט מסתמא נישט געטאָן קיין שום זאַך, נאָר איז געשטאַנען ביים פענצטער און אַראָפּגעקוקט אין הויף. פאַרשטייט זיך אַז מיר אַלע, די יינגלעך פון הויף, זענען געווען אין איר פאַרליבט און אַלץ וואָס מיר האָבן געטאָן, אַלע קונצן און בריהשקייטן וואָס מיר האָבן באַוויזן זענען געווען צוליב ראָזען. ראָזע איז אונדז געשטאַנען פאַר די אויגן בייטאָג און ביינאַכט און אַלע אונדזערע געשפּרעכן און שמועסן האָבן זיך געדרייט אַרום איר. אברהמלע גנב האָט אונדז אַלעמען פאַרזיכערט אַז אָט-אָט וועט ער מיט ראָזען זיך דורכשפּאַצירן איבערן הויף און עס איז דערפון גאָרנישט געוואָרן. איך אַליין האָב מיר אויך איינגערעדט אַז ראָזע קוקט אויף מיר אַנדערש ווי אויף די איבעריקע יינגלעך און געווען זיכער אַז זי האָט פאַר מיר עפּעס אַ ספּעציעלע סימ-פּאַטיע. שטעלט זיך אָבער פאָר מיין קרענקונג ווען אָט די ראָזע איז זיך איינמאָל דורכגעגאַנגען מיט דער מוטער איבערן הויף און דערזעענדיק מיך האָט זי אַ רוף געטאָן: שימעלע מע! ס'איז מיר בפירוש פינצטער געוואָרן מיין וועלט, בפרט ווען אַלע יינגלעך אַרום האָבן געהערט ווי זי רופט מיך מיט דעם דאָזיקן צונאָמען וועלכער האָט אין איר מויל געקלונגען מיט פאַרניכטנדיקן חוזק.

היינט ווייס איך, אַז דער הויף זאַווישע 32 איז געווען גרוי און וואָכעדיק-אָרעם. אין מיינע קינדער-יאָרן איז ער אָבער געווען דער צענטער פון מיין פאַרביקער וועלט. יעדע קלענסטע

געשעעניש האָט אויפגערודערט און פאַרכאַפּט און מיר פלעגן דערוועגן רעדן וואָכן-לאַנג. בדרך כלל זענען די איינוווינער פון הויף געגאַנגען פרי שלאָפן און זיי פלעגן פרי אויפשטיין צו דער אַרבעט, אָדער צו זייערע מסחרים. גאַנץ אָפט האָבן איבערן הויף געהילכט לידער וואָס די וועבער און שניידער-אַרבעטער האָבן געזונגען ביי זייער אַרבעט. זיי האָבן געזונגען פאָלקס-לידער און אויך לידער פון יידישן טעאַטער וואָס האָבן געהאַט אַ ספּעציפישן חן צוליב זייערע דייטשמערישע ווערטער. די מעלאָדיעס האָבן זיך אָפט צונויפגעמישט און זענען אַריינגעדרונגען אין מיין געמיט. שפּעטער האָבן זיך אויפן הויף אויך דערהערט רעוואָלוציאָנערע לידער און נישט איין פּרייטיק צו נאַכטס איז פאַרשטערט געוואָרן מחמת דער הויף איז פּלוצים אַרומגערינגלט געוואָרן דורך זשאַנ-דאַרן, וועלכע האָבן געוואָלט כאַפּן אַ געהיימע פאַרזאַמלונג וואָס איז ערגעץ-ווו אָפּגעהאַלטן געוואָרן. כ׳געדענק אַז עס זענען אפילו טיילמאָל פאַרגעקומען שיסערייען און איינמאָל איז אַ פרוי טאַקע געטראָפן געוואָרן פון אַ קויל.

מיין קינדערישער הויף-גן-עדן האָט זיך געצויגן ביז האַרט פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה. ווארום דעמאָלט האָט מיין טאַטע פאַרלאָזט באַלוט (ס׳איז נישט פאַר אונדז — האָט ער געזאָגט) און האָט זיך באַזעצט אין „ווילקע״, אויף דער דזשעלנע-גאַס. דאָרט האָט ער געקויפט אַ הויז און זיך געעפנט אַ דעליקאַטעסן-קראָם. ס׳האָט זיך פאַר אונדז אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. אויס חדר, אויס מלחמות, אויס פאַרזאַמלונגען אין דער בעקעריי און אויס מעשיות פון דעם בעקערס יינגל. מיר האָבן גענומען גיין אין שולעס און די סביבה און די חברים זענען שוין געווען אַנדערע.

**
*

אויך נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך אַוועקגעצויגן פון באַלוט קיין „ווילקע" האָב איך נאָך נישט אין גאַנצן איבערגעריסן מיט מיין זאַווישער הויף, אָבער מיינע אָפטע עקסקורסיעס צו דעם אָרט פון מיין פריער קינדהייט האָבן געבראַכט צו דעם, אַז איך זאָל באַקומען אַ ברייטערן באַגריף וועגן דער דאָזיקער אָרימער געגנט. אויב איך האָב פריער געקענט אירע הייף וועלכע זענען געווען ענלעך צו מיין הויף, האָב איך איצט אָנגעהויבן זען אירע גאַסן, זייער אימפּעטיק לעבן, זייער ספּעציפישן רעש און זייער אייגנ-אַרטיקן קאָלאָריט. כ'האָב אָגב אין יענער צייט זיך באַקענט נישט בלויז מיט באַלוט, נאָר מיט די אַנדערע טיילן פון דער שטאָט לאָדזש צו וועלכע איך האָב איצט שוין געהאַט אַ פיל גרינגערן צוטריט.

באַלוט איז באַשטאַנען פון טויזנטער אַזעלכע הייף ווי דער הויף אויף זאַווישע. אָבער עס זענען דאָרט אויך געווען אַזעלכע הייף וועלכע זענען נישט ענלעך געווען צו אונדזערן. אין זיי איז די אָרימקייט געווען אַ געדיכטערע, אַ מער נאַקעטע, אַזוי צו זאָגן, און אויך דער מענטשן-עלעמענט אין זיי איז געווען אַ מער איינ-הייטלעכער, אַ מער אָפּשרעקנדיקער און חשודער. עס זענען געווען אין באַלוט אַזעלכע געסלעך און הייפן וועלכע זענען אויסגעפּילט געווען דורכאויס פון מענטשן וועלכע האָבן געהערט צו דעם שיכט וואָס מען רופט אָן: די דעק-עלעמענטן פון דער געזעלשאַפט. דאָרט האָבן געוווינט די גנבים, די אַלפאָנסן און זייערע כלות, כלערליי קאַסע-ברעכער און ווילע יונגען וואָס האָבן געטראָגן קאַשקעטן מיט גלאַנציקע דאַשקעס אַראָפּגערוקט איבער די אויגן, אָדער ווילעריש פאַררוקט אויף אַ זייט. צווישן זיי האָבן אָפט געוווינט דאַראַזשקאַזשעס אויף וועלכע די אונטערוועלט-לייט האָבן געקוקט מיט ביטול, אָדער טרעגער וואָס זענען געווען מגושמדיק, נישט געקענט קיין צורה פון אַן אלף און דאָך האָבן זיי שטילערהייט געקרעכצט וואָס זיי מוזן לעבן בשכנות פון אַט דער מסוכנער

חברה, און טאָג, ווי נאַכט, געמוזט האַלטן אַן אויג אויף זייערע אונטערוואַקסנדיקע טעכטער...

באַלוט איז נאָר געווען אַ פאַרשטאָט פון לאָדזש און דאָך האָט אָט די פאַרשטאָט פאַרמאָגט אַלץ וואָס עס דאַרף פאַרמאָגן אַ גאַנצע שטאָט: גרעסערע און קלענערע סוחרים, אַן אַ שיעור בעלי מלאכות פון פאַרשידנסטע פאַכן און דער עיקר — די באַלוטער וועבער וואָס דער אומאויפהערלעכער מאָנאָטאָנער קלאַפּ פון זייערע וועב-שטולן איז געווען די כאַראַקטעריסטישע מוזיק פון דער געגנט. עס קאָן טאַקע זיין אַז ווען מען זאָל מאַכן אַ סטאַטיסטיק וואָלט זיך אַרויסגעוויזן אַז די יידן וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט האַנט-וועבעריי אין באַלוט זענען בשום אופן נישט געווען קיין מערהייט צווישן די אַרבעטנדיקע האַרעפּאַשניקעס אין דער געגנט. אָבער דער איינדרוק איז געווען אַז די וועבער שטעלן מיט זיך פאָר דעם רוב פון באַלוטער יידן-פאָלק. אַז מען האָט בלויז דער-מאָנט דעם נאָמען „באַלוט” האָט מען באַלד געזען פאַר זיך טונ-קעלע שטובן אין וועלכע די וועב-שטול פאַרנעמט דרייפערטל פון דער, לרוב, איינצימערדיקער וווינונג, און מען האָט אויך געזען דעם ייד מיטן צעבראָכעטן טלית קטן וואָס זיצט פון פרי ביז שפּעט ביי דער וועב-שטול און וואַרפט די „שיץ” אַהין און צוריק, בעת אין ווינקל פון דער שטוב, ביי דער קיך, שטייט זיין ווייב און קאָכט דאָס אָרימע מאַלצייט פון וועלכן עס פאַרשפּרייט זיך איבער דעם חלל אַ געדיכטע פּאַרע און אַ ריח פון צוגעברענטן אייל.

די וועב-שטול און איר מאָנאָטאָנער געזאַנג האָט דאָמינירט איבער באַלוט, כאָטש דאָרט האָבן, ווי געזאָגט, געלעבט טויזנטער אַנדערע בעלי מלאכות, סוחרים און מענטשן פון אומבאַשטימטע פּראָפעסיעס. די דאָזיקע אַלע מענטשן האָבן געלעבט אין זייערע אָפּגעזונדערטע הייף און האָבן זיך צוזאַמען געטראָפן אין די באַלו-טער גאַסן און געסלעך. דאָרט זענען געווען די געוועלבער, די מערק,

די שענק, די אַפּטייקן, די גויאישע אַמטן וכדומה. דאָרט האָט מען געהאַנדלט, געפאָרן אויף טראַמווייען און דראָזשקעס און זיך פאַרזאַמלט אין רעדלעך אויף די טראָטואַרן בעת עס האָט פּאַסירט עפּעס אַן אויסטערליש געשעעניש. דאָרט האָבן גנבימלעך אין גע-דרענג געאַרבעט מעשים און אַלע ווילדע אומגליקלעך געמאַכט אַן אַנדער פּראָווינצער ייִד, אָדער יידענע. דאָרט איז מען אויך אין די פאַרנאַכטן געגאַנגען שפּאַצירן, געגאַנגען אין „פּאַריין” אַריין, אָדער להבדיל — דאַווענען אין די פיל שולן, שטיבלעך און בתי-מדרשים פון דער געגנט.

באַלוטער יידן האָבן ליב געהאַט אין אַ פרייער מינוט צו פאַרברענגען אויף זייערע גאַסן און געסלעך. אונטערוואַקסנדיקע מיידלעך האָבן „שפּאַנצירט” אויף די שמאָלע טראָטואַרן און זייערע קעפּ, אויסגעצוואָגענע מיט נאַפט האָבן געגלאַנצט אין די שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון. דערוואַקסענע פרײלינס, מיט ביכער אין די הענט, האָבן זיך איבערגערופן מיט די גזעלן וועלכע האָבן זיך געדרייט אַהין און אַהער מיט פּאַצעטישע שטעקעלעך, אָנ-געהאָנגען אויף די אַקסלען. איין צד האָט גערעדט צום צווייטן נישט דירעקט, נאָר מען האָט זיך געוואָרפן מיט קליגערישע ווערטלעך ווי מיט באַלעמס, ערשט דערנאָך האָט מען זיך דערנענטערט און געשלאָסן קאַנטשאַפט. און אַז אַ מיידל האָט דערפילט אַז דער בחור „מיינט ערנסט” האָט זי זיך מיט אים אָפּגערעדט צו טרעפן אַ צווייט מאָל. אַז ס׳האָט שוין צווישן אַזאַ פּאָרל געהאַלטן גאָר ערנסט, האָט מען אַוועקשפּאַצירט צום בית עלמין אויף דער בזשע-זשינער גאַס, אָדער מען איז געגאַנגען קיין „ווילקע” אויפן „דעפּ-טאַק”, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס. אין די שפּעטערדיקע יאָרן זענען אויף די באַלוטער גאַסן אויך געווען די רעוואָלוציאָנערע בירזשעס ווו די יונגעלייט אין די שוואַרצע העמדלעך און מיט די גרויסע „גזשיבעס” האָבן זיך באַגעגנט אַזוי

ווי כלאחר יד און דערבײַ אויפֿן ווונק זיך איבערגעגעבן געפּער-לעכע סודות. עלטערע יידן, בעלי מלאכות, טרעגערס, קצבים און פּורמאַנעס האָבן זיך געטראָפֿן אין די שענקען בײַ אַ גלעזל ביר מיט קיילעכיקע אַרבעס. יעדעס פּאָר האָט געהאַט איר שענק און אויך די אונטערוועלט האָט געהאַט אירע שענקען ווו מען האָט זיך אָפֿט געשלאָגן און צווישן אַ יאָ און אַ ניין האָט דאָרט אויפֿגע-בליצט אַ מעסער. אין די דאָזיקע שענקען האָט מען געפּראַוועט גנבישע דין תורהס, וואָס האָבן זיך אָפֿט געצויגן וואָכן-לאַנג און האָבן זיך פֿאַרענדיקט מיט איבערבעטענישן און אויסגלייכענישן בײַ וועלכע מען האָט פֿאַרטיליקט אַ סטאַדע געבראָטענע גענדז און מען האָט אויסגעזויפֿט אַ שלל בראָנפֿן און גאַנצע פֿעסלעך שוימיקן ביר.

די דאָזיקע אָרימקייט אין באַלוט האָט באַזאָרגט די גאַנצע שטאָט לאָדזש מיט פֿאַבריק-אַרבעטער, הויף-הענדלער, בעטלער, הייזער-גייער, קאַטאַרינקע-שפּילער, קונצנמאַכער און גאַסן-זינגער. אין דער פֿרי האָבן זיך די אַלע אַוועקגעלאָזט איבער די ווייטע גאַסן פֿון שטאָט און אין אָוונט זענען זיי צוריקגעקומען מיט זייער טאָג-פּדיון. געווען אויך אַן אַנדער טייל פֿון באַלוטער איינוווינער וואָס זענען אַוועק צו די ווייטע שטאָטישע גאַסן ערשט דעמאָלט ווען דער אָוונט האָט גענומען צופֿאַלן. דאָס זענען געווען די אַרבע-טער-טוער, די אינטעליגענטן וועלכע זענען געגאַנגען, אָדער גע-פֿאָרן צו זייערע אָרגאַניזאַציעס. די יונגעלייט און מיידלעך האָבן זיך אין אָוונט אַרויסגעלאָזט צו אַ פֿאָרלעזונג, אָדער צו אַ טעאַטער-פֿאָרשטעלונג. צוזאַמען מיט זיי זענען אויך אַוועק אויף די ווייטע גאַסן די פּרויען פֿון צווייפֿלהאַפּטיקער אויפֿפֿירונג און די פֿאַרשווינען וואָס זייער חיונה האָבן זיי געצויגן פֿון פֿאַרדעכטיקער נאַכט-אַרבעט.

באַלוט האָט אַרויסגעגעבן אַ סך יידישע שרייבער און איז אויך באַשריבן געוואָרן דורך יידישע שרייבער. איבערגעבן אָבער

דאָס פולע און פאַרשידנפאַרביקע בילד פון דער דאָזיקער געגנט האָט קיינער נישט באַוויזן. ס׳איז געווען אַ ים וואָס קיינער קאָן אים נישט אויסשעפּן און איך — אַוודאי נישט.

זייט מיר האָבן זיך איבערגעצויגן פון זאַווישע אויף דזשעלנע האָב איך זיך נענטער באַקענט אויך מיט אַנדערע שטאָט-טיילן פון לאָדזש, מיט דעם וואָדני רינעק, מיט דעם גרינעם מאַרק, מיט גייערס מאַרק, מיטן קאָנסטאַנטינער וואַלד. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָב איך גענומען דערשפּירן די באַזונדערקייט און די ספּעציפישקייט פון יעדער איינער פון די דאָזיקע געגנטן. איך בין אויך געוואָרן אַן אָפּטער איינגייער אין די לאָדזשער שטאָטישע גערטנער, ווו מען האָט געטראָפן יידישע יוגנט. יידישע יינגלעך און מיידלעך האָבן זיך דאָרט באַגעגנט ווי צופעליק, אָבער אָנשטאָט צו ברענגען צום אויסדרוק זייערע ראָמאַנטישע געפילן האָט מען גערעדט וועגן פּאָליטיק, וועגן ליטעראַטור און מען האָט רק עוסק געווען אין דעם ענין פון פאַרבעסערן די וועלט. אַזוי איז עס געווען אין די צייטן פון פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה און אַזוי איז עס געבליבן אויך שפּעטער, נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה, אין די צייטן פון מלכות פוילן. דער חילוק איז נאָר געווען דער, וואָס פריער האָט מען זיך געדאַרפט היטן פאַר דעם „סיסטשיק״ פון דער צאַרי-שער אָכראַנע און שפּעטער — פאַר דעם געהיים-אַגענט פון דער פוילישער דעפענסיווע. דאָס היטן זיך האָט אָבער נישט אָפּגעלאָשן דעם ברען, דעם יוגנטלעכן טעמפּעראַמענט און דעם ווילן משנה צו זיין דעם סדר פון דער וועלט. איך — אַן אונטערוואַקסנדיק יינגל — האָב זיך אַרומגעדרייט אין אָט דעם יוגנטלעכן געדרענג מיט אָפענע אויגן און מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. איך האָב שוין דעמאָלט געוווּסט אַז ס׳איז נישט גענוג דער פאַקט אַז מען א י ז, נאָר מען דאַרף כסדר שטרעבן עפּעס צו ו ו ע ר ן...

**
*

ס׳איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט-מלחמה. דאָס מזל-רעדל אין אונדזער שטוב האָט זיך אַ דריי-געטאָן מיטן פּנים צום דלות. דאָס גרויסע געוועלב וואָס דער טאַטע האָט געהאַט, האָט גענומען איינשרומפּן פון טאָג צו טאָג ביז ס׳איז געוואָרן ליידיק און ס׳איז נישט געווען מער וואָס צו פאַרקויפן. בלית ברירה האָט דער טאַטע פאַרקויפט דאָס הויז און מיר האָבן עס געגעסן שטאָקנ-וויין. איינמאָל ווען מיר האָבן שוין געהאַלטן ביים עסן דעם צווייטן שטאָק האָט דער טאַטע זיך אָפּגערופן צו דער מאַמען: מירל, האָט ער געזאָגט, אונדזערע קינדער וועלן מער נישט קענען לערנען אין שולע. אָט באַלד וועלן מיר אויפעסן דעם דאַך און קוקן אין הימל אַריין און אַז איך וועל קוקן אין הימל אַריין וועט די שטוב גיין אין דער ערד אַריין. מיין עצה איז אַז די קינדער זאָלן נעמען לערנען פאַכן. מלאכה-מלוכה. מיט אַ פּאָר ווערט מען אין ערגעץ נישט פאַרפאַלן.

כ׳האָב זיך גענומען צום האַרץ דעם מצב פון מיינע עלטערן און בין גערן איינגעגאַנגען זיך צו לערנען שניידעריי. עס האָט גענומען אַ סוף צו מיין וואַנדערן איבער די גאַסן מיט חברים. ס׳האָט גענומען אַ סוף צום לערנען אין דער שולע און דערמיט אויך צו מיין אָנטייל אין די טעאַטער-פאָרשטעלונגען, וואָס די שולע פלעגט איינאָרדענען אונטערן נאָמען „קינדער פאַר קינדער״. כ׳בין געוואָרן אַ לערן-יינגל ביי אַ יונגן שניידער-מייסטער וואָס האָט מיט מיר גענומען קנעלן דאָס פּאַך אויף דעם זעלבן אופן ווי מען האָט עס אים געלערנט מיט יאָרן צוריק, דאָס הייסט אַז אָנשטאָט מקבל צו זיין די תורה פון האַלטן אַ נאָדל אין האַנט האָב איך צום ערשטן געמוזט זיין אַ דינסט, אַ ניאַנקע ביים קינד, אַ שליח אויף פאַר-שידענע געגנג, אַן אָפּטראָגער און ברענגער פון פּעק און אַזוי ווייטער און ווייטער.

מיין שפּעטערדיקע דערפאַרונג האָט מיך איבערצייגט אַז די ערגסטע מייסטערס, די גרעסטע אויסנוצערס פון זייערע לערן-יינגלעך און געזעלן זענען די יונגע באַלעבעסלעך וועלכע זענען אָקאָרשט, איידער זיי האָבן חתונה געהאַט און „געגאַנגען פאַר זיך״, אַליין געווען אַרבעטער און דווקא זייער רעוואָלוציאָנערע. אַזאַ איז געווען מיין ערשטער מייסטער ביי וועלכן איך פלעג טאַקע טאָן כל עבודות פרך פון פרי ביז שפּעט אין אָוונט. כ׳האָב געהאָרעוועט ווי דריי דינסט-מוידן, געניאַנטשעט זיין קינד, געפּוצט די פראָטערירטע פּאָדלאָגעס אויף אַ גלאַנץ און כסדר געגאַנגען אין שליחותן. מיין דעמאָלטיק ביטער לעבן האָט אָבער געהאַט איין זיסע מינוט: דאָס איז געווען פרייטיק פאַרנאַכט ווען איך האָב באַקומען מיין מאָגערן לוין און אים אַ היים געבראַכט דעם טאַטן. איך האָב געהאַט אַ גוטע מינוט, אָבער מיין טאַטע האָט דערפון געהאַט ביטערע שעהן, ווייל ער האָט גוט געזען ווי אַזוי איך פאַרדין מיין שכר טרחה.

מיט דער צייט האָב איך זיך גענומען בונטעווען קעגן מיין מייסטער. אַז ער האָט מיך ערגעץ געשיקט פלעג איך פאַרפאַלן ווערן אויף שעהן. כ׳האָב דערויף אָנגעגעבן אַזעלכע פוילע תירוצים, אַז אפילו דאָס קליינע קינד אין וויגל האָט מיך, דאַכט זיך, געכאַפּט ביי דער האַנט און געווען אַ מבין אויף מיינע גראָבע ליגנס. אַז מיין מייסטער און מייסטערין האָבן מיך געצווּנגען צו רוימען די שטוב, אָנשטאָט מיך צו לערנען איינפעדימען אַ נאָדל, האָבן די כלים, דאָס גלאָזוואַרג און די וואַזעס פלוצים גענומען צעבראָכן ווערן פון מיין יעדן קער און ריר. כ׳בין געוואָרן אַזאַ שלימזל אַז דאָס קינד איז ביי מיר כסדר אַרויסגעפאַלן פון וויגל, די טעלער זענען אַנטלאָפן פון מיינע הענט און זיך צעפאַלן אין שערבעלעך אויף דער ערד. ס׳האָט אויך געטראָפן אַז אויף די אַנצוג-שטאָפן וואָס מיין מייסטער האָט באַקומען פון זיינע קונים האָבן זיך מיט-אַמאָל באַוויזן פלעקן פון אייל. איינמאָל האָבן זיך אַפילו אָנגעצונדן

די פֿאַרהאַנגען איבער די פֿענצטער און עס האָט זיך געמאַכט אַ שׂריפֿה, כאָטש רוף די פֿייערלעשער.

מיין מייסטער האָט מיך געזידלט, געדראָט אַז ער וועט מיך אַרויסטרייבן, אָבער ער האָט מיך פֿון דעסטוועגן ווייטער געהאַלטן און ווייטער אויסגענוצט. די סיבה איז געווען אַ פּשוטע: וויפֿל שאָדנס איך האָב אים נישט געזאָלט אָנטאָן האָט אים מיין אַרבעט אַלץ פֿאַרגיטיקט. איך האָב געהאָרעוועט ווי דריי משרתים און צו דעם בין איך נאָך געווען אַ ניאַנקע ביי זיין קינד און אַ שיק־ייִנגל ביי זיין ווייב. געאַרבעט האָב איך פֿון 8 אין דער פֿרי ביז 9 ביינאַכט. אַז כ׳האָב זיך אין דער פֿרי אויף אַ מינוט פֿאַרשפּעטיקט האָט ער געהאַלטן אַ פֿייערדיקע רעדע ווי אויף אַ מאַסן־מיטינג. ביינאַכט, צום אַהיימגיין, האָט ער שוין נישט געהאַלטן קיין פֿייערדיקע רעדעס, נאָר שטילערהייט צוריק גערוקט דעם זייגער און ביז איך האָב נישט געענדיקט דאָס וואָס מיין מייסטער אָדער מייסטערין האָבן געוואָלט אַז איך זאָל ענדיקן האָט דער זייגער בשום אופֿן נישט אויסגע־קלונגען די שעה פֿון „פֿייעראָבנט״. פֿון דעמאָלט אָן האָב איך פֿיינט געקריגן צו זיין „אַ מענטש ביי יענעם״ און דאָס איז מיר שוין געבליבן אויף אַ גאַנץ לעבן.

סוף כל סוף האָב איך מיט מיין ערשטן מייסטער פֿאַרענדיקט. איך האָב זיך איינמאָל פֿאַרשפּעטיקט אויף אַ גאַנצער שעה און ער האָט מיך געהייסן גיין. כ׳בין געגאַנגען און מער שוין נישט געוואָלט צו אים צוריק קומען, כאָטש ער איז געקומען צום טאַטן און אים געוואָלט איינשמועסן אַז ער וועט פֿון מיר מאַכן אַ לייט. דער טאַטע האָט אָבער גוט געזען און געוווּסט וואָס איך האָב זיך ביי אים דורך דער צייט אויסגעלערנט און וואָס פֿאַר אַ פּעולה איך האָב געהאַט אין פֿאַך און ער האָט געהאַלטן צוזאַמען מיט מיר, אַז איך דאַרף צו אים נישט צוריק גיין.

מיין צווייטער מייסטער איז געווען אַ ייד אַן אָרימאַן. ער איז

געהאַט צוריק געקומען פון אַמעריקע, אַן אויסגעקוועטשטער ווי אַ ציטרין. געגייט האָט ער דווקא גוט און שנעל און איך האָב זיך ביי אים אויסגעלערנט דאָס פאַך. די צרה איז אָבער געווען וואָס מיין צווייטער מייסטער האָט אַנשטאָט צו אַרבעטן ליב געהאַט צו רעדן וועגן פּאָליטיק. מיט דער צייט בין איך געוואָרן אַ גוטער פּאַרטנער צו זיינע אומאויפהערלעכע פּאָליטישע דיסקוסיעס און אַנשטאָט אויפצונייען אַ פּאָר הויזן אויף וועלכע דער קליענט האָט געוואַרט, האָבן מיר שעהן-לאַנג זיך געקריגט וועגן דער סטראַטעגיע אויף די מלחמה-פראָנטן, געביטן רעגירונגען און כלערליי לענדער, זיך געאַמפּערט וועגן דעם מאַרשרוט פון די כלערליי קריגס-שיפן און נישט געקענט דורכקומען וועגן דעם וואָס ס׳איז וויכטיקער כדי צו געווינען אַ מלחמה: האַרמאַטן אָדער אונטערוואַסער-שיפן.

עס איז געווען, ווי געזאָגט, מלחמה-צייט. דער דייטש האָט שוין געהאַט לאַנג פאַרנומען לאָדזש און עס גרינטלעך אויסגערייניקט פון יעדער זאַך וואָס ס׳איז מעגלעך צו עסן. יעקע-נאַר האָט אַרויסגעפירט פון לאַנד ווי נאָר אַ קערנדל ווייץ, אָדער קאָרן פון די פּויערישע שייערן און האָט זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון רעקווירירן ביי אַ יידישן קרעמער אַ זעקל מעל, אָדער אַ פּוד הירזש. קיין צוקער, קיין פעטס האָט מען שוין לאַנג נישט געזען פאַר די אויגן. די מעשענע קלאַמקעס זענען פאַרשוואונדן פון די טירן און ווער ס׳האָט געהאַט אַ סאַמאָוואַר האָט אים געמוזט באַגראָבן, ווייל אַנדערש האָט זיך דער דייטש אויף אים מרחם געווען און אים אַוועקגעשיקט אין זיינע שמעלץ-פאַבריקן ווו ער איז מגולגל געוואָרן אויף אַ קאַנאָן. די מלבושים-שטאָפן זענען געווען פון ערגסטן ביינוול און לעדער איז אין גאַנצן פאַרשוואונדן. עס האָבן זיך באַוויזן די הילצערנע טרעפּעס וואָס האָבן ביים גיין דערמאָנט די פורימדיקע המן-קלאַפּערס.

לאָדזש האָט געהונגערט, געגעסן אויף „קאַרטלער“ און דאָס לעבן איז געווען שווער. און דאָך האָט גראָד אין יענער צייט אויפֿגעבליט אַ יידיש-געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעט און עס האָבן זיך כסדר געמערט אַלערליי אָרגאַניזאַציעס און פאַריינען, פון וועלכע מען האָט אין די צייטן פון צאַר ניקאָליי נישט געקענט חלומען. עס האָבן זיך געשאַפן אַרבעטער-פאַריינען, ביבליאָטעקן, בילדונגס-קרייזן און ספּאָרט-אָרגאַניזאַציעס וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט אַ נייעם טעמפּאָ אין דעם לעבן פון די לאָדזשער יידן און באַזונדערס אין דעם לעבן פון דער לאָדזשער יידישער יוגנט.

איך האָב געהאַלטן ביים ווערן אַ גוטער בעל מלאכה און אָט-אָט וואָלט איך געקאָנט פאַרדינען צוויי מאָל אַזויפיל וויפל איך האָב פאַרדינט ביי מיין „פּאָליטישן“ מייסטער. אָבער דאָ איז אונטערגעקומען אַן ענין וואָס האָט מיך אַוועקגעפירט אויף אַן אַנדערן וועג. אין לאָדזש איז צווישן דער יידישער יוגנט דעמאָלט זייער פּאָפּולער געוואָרן דער ענין פון ספּאָרט און דער דאָזיקער ענין האָט מיך זייער פאַרכאַפּט און מיך אָפּגעלענקט פון דעם שניידעריי.

מיט דעם ספּאָרט אויף דער יידישער גאַס איז געווען אַזאַ מעשה: לעולם האָט קיין שום יידישער טאַטע נישט געוואָלט הערן דערפון אַז זיין זון זאָל זיך פאַרנעמען מיט אַזאַ זאַך ווי גימנאַסטיק, אָבער אַז די דייטשע פאַבריקאַנטן אין שטאָט האָבן געגרינדעט ספּאָרט-פאַריינען פאַר זייערע זין און טעכטער, האָבן די יידישע פאַבריקאַנטן און סוחרים שוין נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי נאָר נאָכצוגיין דער גויאישער מאָדע און אויך צו גרינדן אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס. באַלד טאַקע האָט זיך געשאַפן דער לאָדזשער יידישער ספּאָרט און טורן-פאַריין „בר כוכבא“ וואָס זיינע ערשטע מיטגלידער זענען געווען רייכע זינדלעך וועלכע האָבן זיך געקענט פאַרגינען דעם „שווילטאָג“, אָבער וועלכער האָט ווייטער געמוזט



אין מיין יוגנט

אויפנעמען אויך די יוגנטלעכע פון דער עמך-סביבה, ענלעכע צו מיר, וועלכע האָבן אָנגעקלאַפּט מיט שטורעם אין זיינע טויערן.

איך, פון מיין זייט, בין געוואָרן פאַרקאַכט אין ספּאָרט. ווען איך האָב ס׳ערשטע מאָל אין אַ ל״ג בעומר געזען דעם גאַסן-אויפמאַרש פון די בר כוכבא-טורנער. עטלעכע צענדליק יינגלעך און מיידלעך, מיט ליכטיקע פּנימער, מיט שלאַנקע אויסגעגלייכטע און אויסמושטירטע גופים האָבן דאַן מאַרשירט איבער די לאָדזשער גאַסן אונטער די קלאַנגען פון אַן אָרקעסטער וואָס האָט געשפּרייזט פאָרויס און געשפּילט מאַרשן פון וועלכע די פיס האָבן זיך געהויבן אין טאַנצנדיקן ריטם. די יינגלעך זענען געווען אָנגעטאָן אין בלאַנקווייסע הויזן און אין פּונקט אַזעלכע ווייסע העמדער מיט אָפענע, אָפּגעלייגטע קעלנער. די מיידלעך האָבן געטראָגן בלויע רעקלעך, ווייסע בלוזעס און ספּאָרט-שיך און אַלע, סיי די יינגלעך, סיי די מיידלעך, האָבן געהאַט אויף זייערע אַרבל ווייס-בלויע בענדער מיט מגן דודס. איבער זייערע קעפּ האָבן ווייס-בלויע פּענער געפלאַטערט אין דער לופט און אַ מונטער געזאַנג האָט זיך געטראָגן פון זייערע מיילער. איך האָב געזען זייערע שיינענדיקע פּנימער און בין געווען ווי פאַרכישופט. ריבונו של עולם, האָב איך געטראַכט, אָט דאָס זענען עס אונדזערע יידישע יינגלעך און מיידלעך וואָס האָבן מורא פאַר אַ שגץ און פאַר אַ הונט? אין מיינע אויגן זענען זיי געווען ווי אַן אַנטפּלעקונג און איך האָב געוואָלט זיין איינער פון זיי. אין מיין פאַנטאַזיע האָב איך יעדן בחור אָנגענומען פאַר אַ בר-כוכבא, אָדער פאַר איינעם פון די אַמאָליקע לעגענדאַרע מכבייער.

איך האָב זיך איינגעשריבן אין ספּאָרט-פאַריין און גאָר גיך בין איך געוואָרן אַ גוטער ספּאָרטלער און שפּעטער נאָך אַ בעסערער פוטבאָליסט. מיין נייגונג מיט עפּעס זיך אַרויסצוהייבן איבער דעם אַרום האָט באַקומען דעם באָדן אויף וועלכן זי האָט געקענט וואַקסן און באַפרידיקט ווערן. פאַרשטייט זיך אַז דער קאָפּ איז מיר שוין

נישט געלעגן צו שניידעריי, נאָר פּאַרקערט, איך האָב שוין געמוזט זוכן פֿאַרשידענע עצות און תחבולות כדי צו קענען אויפהערן אַ שעה פֿריער די אַרבעט און לויפֿן אין פּאַריין. די דאָזיקע זאַך איז ביי מיר געוואָרן נאָך האַרבער ווען איך האָב אָנגעהויבן אָנטיילנעמען אין די זונטיקדיקע פוטבאָל-מאַטשן און בין געוואָרן ממש אַ זייל פֿון דער יידישער פוטבאָל-דרוזשינע וועלכע האָט מיר פֿאַרן באַטייליקן זיך אין אַ מאַטש באַצאָלט צוויי מאָל אַזויפֿיל וויפֿל איך האָב פֿאַרדינט אַ גאַנצע וואָך ביי מיין מייסטער. אין אַ געוויסן זין בין איך אפשר געווען דער ערשטער האַלב-פּראָפעסיאָנעלער פוטבאָל-שפּילער אין יידישן לאָדזש.

כדי איך זאָל זונטיק נישט דאַרפֿן אַרבעטן, נאָר קענען זיך באַטייליקן אין די פוטבאָל-פאַרמעסטן פלעג איך מוזן אויסטראַכטן כלערליי תירוצים פֿאַר מיין צווייטן מייסטער. אָנגעהויבן האָב איך דערמיט וואָס איך האָב אים דערציילט מיט אַ טרויעריק קול אַז מיין זיידע איז געשטאָרבן און איך מוז גיין אויף זיין לוויה. אַז מיין מייסטער האָט אָנגענומען דעם דאָזיקן תירוץ איז די צווייטע וואָך געקומען די ריי אויף מיין באָבע וואָס האָט נעבעך אָן דעם זיידן זיך נישט געוואָלט אַרומדרייען אויף דער וועלט. דערנאָך איז רחמנא לצלן געקומען אָן אויסכאַפּעניש אויף מיינע פעטערס און מומעס, אויף מיינע קוזינען און סתם קרובים. מיין מייסטער וואָס איז געווען אַ חריף אין פּאָליטיק האָט זיך דערביי נישט געכאַפּט אַז אַלע מיינע קרובים האָבן זיך ווי אָפּגערעדט צו שטאַרבן פרייטיק, כדי זייערע לוויות זאָלן פֿאָרקומען אַקוראַט אין זונטיק ווען עס קומען פֿאָר די פוטבאָל-מאַטשן.

די זאַך האָט אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג ביז מיין מייסטער האָט זיך איינמאָל באַגעגנט מיט מיין פֿאָטער און מיט דער פולער ערנסט-קייט אים אויסגעדריקט מיטגעפיל צוליב דעם וואָס דער מלאך המוות האָט זיך אַזוי אכזריותדיק אַריינגעכאַפּט אין זיין משפחה

און קאָסעט דאָרט יעדע וואָך אַן אַנדערן. אַז מיין טאַטע האָט זיך גענומען נאָכפֿרעגן וואָס ער מיינט, איז דער אמת אַרויס ווי בוימל אויפֿן וואַסער.

ווען כ׳בין אין אָוונט אַ היימגעקומען האָט מיר דער טאַטע דערלאַנגט אַ פֿייערדיקן פּאַטש און געזאָגט: דעם קומענדיקן זונטיק, אויב דו וועסט נישט גיין צו דער אַרבעט, וועסטו טאַקע גיין אויף אַ לוויה, נאָר אויף דיין אייגענער. מיט מיין טאַטן האָט מען קיין חכמות נישט געקענט מאַכן. וואָס-זשע טוט מען? זונטיק נאָכמיטאָג דאַרף זיין אַ מאַטש און אָן מיר קאָן דער מאַטש נישט פֿאָרקומען. הכלל, דעם קומענדיקן זונטיק איז קיין לוויה נישט געווען, אָבער ווען איך בין געזעסן און געאַרבעט האָבן זיך פּלוצים באַוויזן ביים שניידער אין שטוב דריי יונגעלייט וועלכע האָבן דערקלערט, אַז ס׳איז אַ שטרייק אין פֿאַך און כדי איך זאָל נישט זיין קיין שטרייק-ברעכער מוז איך תיכּף מיט זיי מיטגיין. האָבן עסקים מיט שטרייקערס האָט מיין מייסטער נישט געוואָלט און ער האָט מיך געהייסן גיין מיט די פּיקעטן און נאָך צוגעגעבן אַז וואָס שייך אים איז ער גרייט נאָכצוגעבן אַלע פֿאָדערונגען פֿון דעם שטרייק-קאָמיטעט.

אָפּנאַרן מיין טאַטן איז מיר שוין נישט אַנגעקומען אַזוי גרינג, ווייל ער האָט שוין דווקא גוט געוווּסט מיט וואָס איך פֿאַרנעם זיך אין די זונטיקן. ער האָט אָבער מיט דעם שלום געמאַכט ווייל דאָס געלט וואָס איך האָב באַקומען פֿאַר מיין אָנטיילנעמען אין די פֿוטבאָל-פֿאַרמעסטן האָט איבערגעשטיגן דעם בעסטן לוין וועלכן עס האָט געקריגן אַ שניידער-געזעלן. ער האָט מיך אָבער געהייסן זיך זוכן אַ נייעם מייסטער, ווייל ס׳איז אים אַ רחמנות געווען אויף דעם נאַאיוון ייד וואָס האָט זיך געלאָזט פֿירן פֿון מיר אין באָד אַריין. אַזוי אַרום בין איך אָנגעקומען צו מיין דריטן מייסטער, אויף דער קאָנסטאַנטינער גאַס. ס׳איז גראָד געווען אין ווינטער און די צרה מיט די פֿוטבאָל-מאַטשן איז דערווייל אָוועקגעפֿאַלן. ס׳האָט זיך

אָבער אָנגעהויבן אַ נייע צרה, אַ פּיל ערגערע: מיין נייער מייסטער איז געווען אַ טעאַטער-ליבהאָבער און האָט געחלומט וועגן ווערן אַן אַקטיאָר און דאָס האָט דעצידירט וועגן מיין ווייטערדיקן גורל.

***

איידער איך גיי ווייטער מוז איך מאַכן אַ שטיקל דיגרעסיע און דערציילן וועגן אַן ענין וואָס האָט אַ שייכות צו מיין דעמאָל-טיקער ספּאָרט-טעטיקייט, אָבער נאָך מער צו דעם יידישן לעבן אין דער שטאָט לאָדזש.

איך האָב פריער דערציילט וועגן מיין ערשטע באַגעגעניש מיט די יידישע ספּאָרטלער אויף די גאַסן פון לאָדזש. ווי האָבן עס די דאָזיקע ספּאָרטלער מאַרשירט אין יענעם פרימאָרגן, אונטער די קלאַנגען פון מוזיק? זיי זענען געגאַנגען צו אַ טורן-פעסט אין העלענאָוו, כדי זיך צו באַטייליקן אין אַן אונטערנעמונג וואָס אַ וויל-טעטיקע יידישע אינסטיטוציע האָט דאָרט איינגעאָרדנט. שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען איינער פון די ספּאָרטלער האָב איך אַ סך מאָל זיך באַטייליקט אין די דאָזיקע אונטערנעמונגען. אָבער דאָ וויל איך דערציילן נישט וועגן די דאָזיקע אונטערנעמונגען, נאָר וועגן העלענאָוו גופא און וועגן דעם וואָס פאַר אַ ראָל דער דאָזי-קער פּאַרק האָט געשפּילט אין דעם לעבן פון די לאָדזשער אָרימע יידן.

ובכן: לאָדזש איז געווען אַ גרויע און פאַררויכערטע שטאָט ווו מען האָט קיין בוים און קיין גראָז נישט אָנגעזען פאַר די אויגן. לאָדזש האָט נישט פאַרמאָגט קיין טייך און דאָס שמוציקע רינשטאָקל וואָס אויף איר נאָמען האָט זיך גערופן די שטאָט, האָט נאָר צוגע-האָלפן צום עיפוש וואָס האָט געלאָזט פון זיך הערן אַ מייל פון דער ווייטנס.

און איצט שטעלט זיך פאָר אַז דווקא אין דער דאָזיקער גרויער,

רוויקער שטאָט האָט זיך געפונען אַ ביר-ברויעריי וואָס איר באַלעבאָס, דער דייטש אַנשטאַט, האָט פאַרמאָגט אַ ריזיקן פּאַרק מיט אָן אַ שיער ביימער און גראָז-לאַנקעס און אפילו מיט אַ טייך אויף וועלכן מען האָט זיך געקענט שיפן מיט לאָדקעס. אָט דער ריזיקער פּאַרק איז מיט יאָרן צוריק אַריבער אין רשות פון דער מוניציפּאַליטעט און ביסלעכווייז, ביסלעכווייז איז ער אינוואַדירט געוואָרן דורך דער יידישער באַפעלקערונג וואָס איז געווען אויס-געהונגערט נאָך אַ ביסל גרינס און נאָך אַ ביסל ריינער לופט.

אַנשטאַטס גאָרטן וועלכן מען האָט שפּעטער גערופן העלענאָוו איז שוין אין מיין קינדהייט געווען אַ שם דבר און איז געווען אַ טייל פון לאָדזשער יידישן לעבנס-שטייגער. פּרייטיק אין דער פרי פלעגן שוין באַלוטער יידן אָנהייבן צו קוקן אין הימל אַריין און וועלן טרעפן צי עס וועט מאָרגן זיין אַ שיין וועטער. וואָרים אַ שיין וועטער האָבן געמיינט צו זאָגן אַז מען וועט קענען גיין אין העלענאָוו און מיט דעם פאַרגעניגן פון גיין שבת אין העלענאָוו האָט געלעבט אַ האַלבע שטאָט.

אַז גאָט האָט געהאָלפן און ס׳איז שבת געווען אַ שיין וועטער האָבן פון אַלע שטאָט-טיילן און באַזונדערס פון באַלוט געצויגן קיין העלענאָוו מאַסן יידן. עס זענען געגאַנגען אַלט און יונג, מענער, ווייבער און קינדער. עס זענען געגאַנגען גאַנצע משפּחות, גאַנצע הייף, גאַנצע גאַסן. אַ פאַרביקע מענטשן-מאַסע האָט זיך געצויגן און געאיילט צו דעם „צוגעזאָגטן לאַנד״ כדי דאָרט „אויף דער שויס פון דער נאַטור״ צו פאַרברענגען עטלעכע שעה, ווייט פון די ענגע געסלעך און דושנע שטובן ווו מען איז זומערצייט אָפּגעפּרעגלט געוואָרן פון דער חמימה.

ווי די יידן פאַרצייטנס פון מצרים אַזוי האָבן די לאָדזשער געוואַנדערט צו דעם העלענאָוו-פּאַרק באַלאָדן מיט פּעק און מיט זעק, מיט עמערס און מיט קויבערס אין וועלכע מען האָט געטראָגן

עסנוואַרג און טרינקוואַרג. טייל האָבן זיך געקליגט און געפירט דעם פּראָוויאַנט אין די וואָזקעס (קינדער-וועגעלער) וועלכע זענען פול געווען מיט האָניק-לעקעכער, מיט געבראָטענע קאַטשקעס, מיט יאַגדע-סטאַניקעס און מיט פולע טעפּ שלום-זכר-אַרבעס. דאָ און דאָרט האָט מען אויך געשלעפּט אויף די אַקסל פּעסלעך ביר און קאַנען היימיש-געמאַכטן לימאָנאַד אויף האַרץ-דערקוויקעניש. ס'געדרענג איז געווען גרויס און ס'איז געוואָרן נאָך גרעסער ווען מען האָט דערגרייכט צום אַריינגאַנג אין גאָרטן. דאָ האָט זיך ממש געטאָן חושך: ערד-טרעטעניש. יעדער האָט געוואָלט אַריבער-טרעטן די שוועל פון גן עדן וואָס פריער און אין דעם שטופּעניש און שטויסעניש האָט מען איבערגעדרייט די קינדער-וועגעלער, אויסגעשאָטן די אַרבעס אין זאַמד, אויסגעגאָסן די געטראַנקען אויף דער ערד און צעמאָל אויך מיטגעשלעפּט די שייטלען פון די ווייבערישע קעפּ, אָדער צעשמירט דאָס אָנפילעבץ פון די יאַגדע-סטאַניקעס אויף די מענערישע און ווייבערישע מלבושים.

אַז מען איז שוין בשלום אַריין אינעווייניק, אין גאָרטן, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַ געיעג צו פאַרכאַפּן בעסערע פּלעצער. יעדער האָט געוואָלט זיצן אויף דער באַנק קעגן איבער דעם אָרקעס-טער וואָס האָט געדאַרפט געבן קאָנצערט נאָכמיטיק. לרוב האָט מען דעם אָרקעסטער סיי ווי נישט געהערט, דערפאַר אָבער האָט מען זיך לוסטיק געמאַכט אויף זיין חשבון און געשאָטן מיט וויצן וועגן דעם דיריגענט, געטענהט אַז ער האָט „אַ בייזע גבורה" און אַז ער איז ווערט „אַ מענדאַל פון קילעריבן".

די יוגנט איז געגאַנגען אין דעם צווייטן גאָרטן, דאָרט ווו עס האָט זיך געפונען דאָס וואַסער אויף וועלכן מען איז געפאָרן מיט די לאָדקעס. אויפן וואַסער איז אַרומגעשווומען א שוואַן וואָס האָט, זעט אויס, שוין לאַנג רעזיגנירט פון רעאַגירן אויף דער שבתדיקער יידן-בהלה. דער אמת איז אַז ס'איז פאַקטיש געווען אַ גרויס

ווונדער ווי אַזוי דער דאָזיקער רעזיגנירטער שוואַן איז נישט דער-שטיקט געוואָרן פון די ריחות וואָס דאָס וואַסער האָט אַרויסגעגעבן אין די הייסע טעג.

מיטן צופאַלן פון אָוונט האָבן די עלטערע מענטשן ווי אויך די קינדער גענומען צוריק ציען אַ היים. זיי האָבן מיט גרויס בענקשאַפט פאַרלאָזט דעם גאָרטן, זייענדיק זיכער אַז זיי האָבן אָנגעשעפּט לופט אין די לונגען אויף אַ גאַנצער וואָך. די יוגנט איז אָבער נאָך גע-בליבן ביז מען האָט זיי גענומען טרייבן. מען איז געזעסן אויפן גראָז, מען האָט געשפּילט אין פאַנטן, אין לאָטעריקע און אין פלירט. מען האָט אויסגעטיילט צווישן זיך געדרוקטע קאַרטלעך מיט נומערן. יעדער נומער האָט אַנטהאַלטן עפּעס אַ דערקלערונג, אָדער אַן אינ-טימע פראַגע אויף וועלכער דער וואָס האָט דערהאַלטן דאָס קאַרטל מיטן נומער האָט געדאַרפט ענטפערן. ס'זענען אַרויסגעקומען קווי פראָ קוואָס וואָס האָבן דערפירט צו ברוגזן. אַ בחור האָט געשיקט צו אַ מיידל אַ פלירט-קאַרטל מיט דער דערקלערונג: „איך וויל זיך מיט אייך נענטער באַקענען". אָבער היות ער האָט געמאַכט אַ טעות ביים איבערגעבן דעם נומער האָט דאָס מיידל געלייענט די פראַגע: „צי ווילן זי האָבן אַ סך קינדער?" פאַרשטייט זיך אַז דאָס מיידל האָט זיך געפילט באַליידיקט און האָט דעם פלירטעווענדיקן בחור אָנגע-רופן „גראָביאַן". ס'איז געקומען צו אַ מחלוקה וואָס איז איינגע-שטילט געוואָרן ערשט מיט דער הילף פון די אַרומיקע וועלכע האָבן זיך אַריינגעמישט און געמאַכט שלום.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט אָט דאָס שבתדיקע פאַרברענ-גען אין העלענאָוו שוין באַקומען אַ מער אָרגאַניזירטן כאַראַקטער. יידישע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבן דאָרט איינגעאָרדנט פאַרווייַלונגען מיט אַ פּראָגראַם און די הכנסה איז געגאַנגען פאַר אַ געזעלשאַפטלעכן צוועק. עס האָט געשפּילט אַן אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון אַ באַקאַנטן

דיריגענט און כלערליי היימישע טאַלאַנטן האָבן דאָרט געוויזן זייער קונסט. ס׳איז געוואָרן אין דער מאָדע צו דעקלאַמירן פּאָעזיע. אַט האָט זיך באַוויזן אויף דער עסטראַדע אַזאַ היימישער טאַלאַנט און מאַכנדיק מיט די הענט ווי אַ טרינקנדיקער אין וואַסער אויסגערופן: „וואָס מיינט איר, אַ הונט בין איך? איך בין אַ לייב״. דער עולם האָט רעאַגירט אויפן אָרט, געשריגן: „קאַליקע, דראַנג, „פּאַזנאַנסקי האָט אַ קוימען און ער האָט אַ לייב״. דער טאַלאַנט האָט זיך נישט געלאָזט שפּייען אין קאַשע און צוריק געזידלט דעם עולם אויף וואָס די וועלט שטייט. און אַט אַזוי האָט מען פאַרברענגט און גע-האָט גרויס הנאה פון דער פאַרוויילעכץ.

מיט מער דרך ארץ האָט זיך דער עולם באַצויגן צו די אויפ-טריטן פון די ספּאָרטלער וואָס פלעגן דאָרט פון צייט צו צייט איינגעאָרדנט ווערן. דאָ איז פאַקטיש געווען עפּעס צו זען און דער עולם האָט הנאה געהאַט און זיך געלאָזט מיטרייסן מיט דער שטייגנדיקער כוואַליע פון באַגייסטערונג. איך פלעג אַ סך מאָל זיך באַטייליקן אין די אויפטריטן פון די ספּאָרטלער און מיט דער צייט אפילו זוכה געווען צו דער ספּעציעלער אויפמערקזאַמקייט פון דער מאַסע. כ׳האָב וואָס אַן אמת געהאַט גרויס הנאה פון די אויפטריטן און אויך מיינע נאָענטע האָבן געהאַט פון מיר הנאה. די צרה איז אָבער געווען וואָס איבער אונדז האָט געהויערט עפּעס אַ מין קללה: יעדעס מאָל ווען מיר זענען אויפגעטראָטן מיט אַ ספּאָרט-פאַרמעסטונג אין העלענאָוו, האָט דער הימל אין דער פרי געמעגט זיין ווי לויטער און ריין, האָט זיך צו אָוונט צו גענומען וואָלקענען און נאָך איידער מיר האָבן פאַרענדיקט אונדזער פּראָגראַם האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ מבול וואָס האָט פינצטער געמאַכט די וועלט. עס האָט זיך געמאַכט אַ בהלה, מען האָט גע-טרעטן איינער אויפן אַנדערן, מען איז געלאָפן ווי פון אַ פייער און כהרף עין איז דער גאָרטן ליידיק געוואָרן. אבל וחפוי ראש

האָבן מיר זיך אומגעקערט אין שטאָט אַריין אויסגעווייקטע, דורכ-גענעצטע ווי די קעץ. דער דערפאָלג איז געווען אַ געפּטערטער און די שיינע ספּאָרט-מלבושים זענען אויף אונדז געהאָנגען ווי שמוציקע זעק...

***

מיין דריטער מייסטער איז, ווי געזאָגט, געווען אַ יונגערמאַן וואָס האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צום טעאַטער. ער האָט געקענט די נעמען פון אַלע לאָדזשער אַקטיאָרן און אַליין געוואָלט ווערן אַן אַקטיאָר. אין מיטן בעסטן געניי האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט און אָפּגעשפּילט אַ סצענע פון „ישיבה-בחור", אָדער פון „געלט, ליבע און שאַנדע". זיין ווייב האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, געשריגן אַז זי וועט מיט דעם משוגענעם זיך גטן און דערציילט ווי אַזוי ער האָט זי איינמאָל ביינאַכט שיער נישט דערשטיקט. דאָס איז געווען נאָך דעם ווי ער איז אַ היים געקומען פון טעאַטער וווּ ער האָט געזען יוליוס אַדלער שפּילן „אָטעלאָ".

מיר איז דער דאָזיקער מייסטער גאָר שטאַרק געפעלן געוואָרן און כ׳האָב גיך געקריגן מיט אים אַ געמיינזאַם לשון. ווי וויל איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געטראַכט וועגן ווערן קיין אַקטיאָר, האָב איך מיט אַקטיאָרישקייט שוין געהאַט אַ היפּשן שייכות. די מעשה איז געווען אַזאַ: כ׳האָב שוין געהאַט חברים און חברטעס וועלכע האָבן געהערט צו אַ דראַמאַטישן קרייז ביים פאַריין פון די לינקע פּועלי ציון. מיט אַמאָל האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז איך פאַרמאָג פעאיקייטן צו אימיטירן און נאָכצומאַכן כלערליי טיפּן. ס׳איז דער-גאַנגען אַזוי ווייט אַז איך פלעג אימיטירן אַ טיפּ און דער עולם האָט געדאַרפט טרעפן ווער דאָס איז. די וואָס האָבן נישט געטראָפן האָבן געדאַרפט צאָלן שטראָף און ווען קיינער האָט נישט געטראָפן האָב איך געמוזט צאָלן אַ שטראָף.

אין דעם קרייז זענען געווען צוויי מענטשן וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע מאָנאָלאָגן. איינער האָט געזאָגט מאָנאָלאָגן אויף אַקטועלע טעמעס און דער צווייטער האָט געלייענט די מאָנאָלאָגן פון שלום עליכמען. די ביידע מאָנאָלאָגיסטן האָבן אויף מיר געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק, באַזונדערס דער שלום עליכם-פאָרלייענער. כ׳האָב גענומען לייענען שלום עליכמס ביכער און פלוצים דערזען די וועלט אַרום זיך אין אַ ניי ליכט. אַלץ וואָס האָט מיך אַרומגערינגלט האָט גענומען אַנטפּלעקן איר קאָמישע זייט און אין דעם דאָזיקן קאָמיזם האָב איך גענומען בעסער און ריכטיקער דערקענען די ווירקלעכקייט אַרום מיר. כ׳האָב איינמאָל ריזיקירט און פאָרגעלייענט אַ שלום עליכם-מאָנאָלאָג, אָבער ס׳איז דערפון גאָרנישט אַרויס געקומען און ערשט דעמאָלט האָב איך אינטואיטיוו פאַרשטאַנען אַז שלום עליכמען דאַרף מען נישט לייענען, נאָר זאָגן, און זאָגן דאַרף מען יעדן מאָנאָלאָג זיינעם דורך דעם מויל פון אַ קאָנקרעטן טיפּ, אָדער געשטאַלט. כ׳האָב ווידער ריזיקירט און געזאָגט שלום עליכמס אַ מאָנאָלאָג אַזוי ווי עס וואָלט אים געזאָגט מיין טאַטע און דער דערפאָלג איז געווען זייער גרויס. ווידער אַמאָל האָב איך מיט דער אינטואיציע געכאַפּט אַז ביים זאָגן אַ מאָנאָלאָג דאַרף מען שאַפן קאָנטאַקט מיטן עולם צוהערער, רעאַגירן אויף זיינע לאַך-רעאַקציעס און אפילו מיטלאַכן מיט אים. מיין דערפאָלג איז געווען נאָך גרעסער און איך האָב גענומען קריגן אַ נאָמען אין מיין קרייז ווו מען האָט מיך שוין גענומען באַטראַכטן ווי אַ צוקונפטיקן אַרטיסט.

אין אָט דער צייט בין איך אָנגעקומען צו מיין דריטן מייסטער, דעם פאַרליבטן אין טעאַטער. אונטער זיין ווירקונג האָב איך קודם כל, גענומען גיין אין טעאַטער אַריין. איך בין געוואָרן אַ מאַדים אויף אַריינקריגן זיך אין טעאַטער אויף „גאַפּע״, דורך די בלינדע טירן און האָב אויף דעם אופן געפירט אַהינצו אַלע מיינע חברים.

ס׳איז געוואָרן הימל און ערד און טעאַטער. דער סוף איז געווען אַז מיר האָבן געגרינדעט אַ נייעם דראַמאַטישן קרייז וואָס האָט זיך שוין אָפּגעגעבן מיט שפּילן ריכטיק טעאַטער און נישט בלויז מיט זאָגן מאָנאָלאָגן. מיין דריטן מייסטער האָב איך אויך אַריינגעצויגן אין דראַמאַטישן קרייז און זיין פרוי האָט מיר דערפאַר געוווּנטשן דאָס אייביקע גיהנום.

צוליב דער פּאַרקאָבטקייט אין טעאַטער האָב איך אָנגעהויבן פאַרנאַכלעסיקן דעם ספּאָרט, הגם מיט פוטבאָל האָב איך זיך נאָך אַלץ אָפּגעגעבן. מיינע 24 שעה אין מעת-לעת האָבן אָבער מיר שוין נישט געקלעקט, ווייל איך האָב געהאַט אויף מיין קאָפּ, אי ספּאָרט, אי דעם דראַמאַטישן קרייז און אי דאָס שניידעריי און צו דעם האָט מען נאָך געדאַרפט לייענען אַ ביכל אויך, ווייל אָן לייענען אַ בוך און אָן קענען די נעמען פון די באַרימטע שרייבער איז מען בכלל קיין מענטש נישט געווען.

דאָס לייענען ביכער און דאָס קענען די באַרימטע שרייבער איז אין יענער צייט פאַר אַ יוגנטלעכן געווען אַ מוז-זאַך. אַ יוגנט-לעכער האָט אין שמועס אומבאַדינגט געמוזט אַריינוואַרפן אַ וואָרט וועגן אַ בוך, אָדער דערמאָנען דעם נאָמען פון לעוו טאָלסטאָי, פון וויקטאָר הוגאָ, צי פון הענריך היינע. אָפט האָט איר געקענט הערן ווי אַ מיידל זאָגט אין שמועס צו איר פּאַרטנער: „דאָס דער-מאָנט מיך אַ געדאַנק וואָס איך האָב געלייענט ביי יוליוש סלאָ-וואַצקי, וועלכער זאָגט אַז דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון ביימעלע״. אויף דעם האָט איר דער בחור געענטפערט, ווייזנדיק אַז ער איז אויך נישט פון די צוויי פאַר אַ גראָשן: „ווי זאָגט וויקטאָר הוגאָ? אַלטע ליבע ראָסטעט נישט״. איינמאָל געדענק איך, האָט אַ בחור פון אונדזער סביבה אַלעמען פריטשמיעלעט מיטן נאָמען „ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע״ און פון דעמאָלט אָן איז אַוועק אַ סדרה מיט ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע. מען האָט זיך געבראָכן די ציין, מען

האָט זיך סקאָלעטשעט די צונג, מען האָט זיך פֿאַרקייכט און פֿאַר-הוסט, אָבער דעם נאָמען ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע האָט מען געמוזט כאָטש עטלעכע מאָל אַריינוואַרפֿן אין שמועס, הגם וואָס אַזוינס דער ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע האָט געזאָגט האָט זעלטן ווער געוווּסט אַקוראַט.

⁂

כ'בין אָנגעקומען צו אַ נייעם מייסטער. זיין נאָמען איז געווען מילנער און ער איז געווען אַ שם דבר אין לאָדזש. ער איז, קודם כל, געווען אַן אויסערגעוויינלעך שיינער מאַן און געקליידט האָט ער זיך ווי אַן ענגלישער לאָרד. ער איז געווען אַ מענער-שניידער און ביי אים האָבן זיך אַלע יידישע אַקטריסעס געניייט הויזן. מיר, די געזעלן, האָבן זיך מיט היץ דערציילט אויסטערלישע מעשות וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אָפּ אין זיין מעסט-שטוב בעת ער בלייבט מיט די אַקטריסעס אַליין כדי זיי צו נעמען אַ מאָס, אָדער אָנפּאַסן דאָס אויפגענייטע. דער אמת איז אַז ער איז טאַקע געווען אַ דאָן זשואַן און זיין דערפּאָלג ביים ווייבערישן מין איז געווען אין לשער.

איינמאָל געדענק איך, איז קלאַראַ יאָנג, וועלכע האָט דאַן גאַסטראָלירט אין לאָדזש, געקומען צו אים זיך אויפנייען אַ פּאָר הויזן. ער איז מיט איר אַריין אין מעסט-שטוב און מיר, די געזעלן, זענען געשטאַנען הינטער דער טיר און געזונגען איר פּאָפּולער לידל: „קוק נאָר ווי די פייגעלעך פליען". אונדזער שיינער, לאָר-דישער מייסטער האָט זיך בטבע געשאָלטן מיט פליישיקע, פּאָלקס-טימלעכע קללות ווי אַ בעל עגלה. איז ער טאַקע באַלד אַרויס צו אונדז און אונדז אָנגעשאָלטן דערפֿאַר וואָס מיר שטערן אים אין דער אַרבעט, מחמת אַז מיר זינגען הינטער דער טיר וויל זיך קלאַראַ יאָנג נישט לאָזן אויסטאָן ווי געהעריק כדי מען זאָל איר קענען אַ מאָס נעמען. אין יאָרן שפּעטער ווען איך בין אין סאָוויעט-רוס-

לאַנד, מלחמה-צייט, אויפגעטראָטן אויף איין אָוונט מיט קלאַראַ יונג, האָב איך איר דערמאָנט דעם עפּיזאָד. זי האָט מיר געזאָגט אַז דעם עפּיזאָד געדענקט זי נישט, אָבער מיין שיינעם מייסטער. מילנער געדענקט זי גאַנץ גוט.

אויך אין מילנערס וואַרשעאַט האָבן מיר געלעבט מיט טעאַטער. צווישן די געזעלן זענען געווען גוטע זינגערס און מיר פלעגן גאַנצע טעג זינגען אין כאָר לידער פון יידישן טעאַטער. אַנטקעגן איבער אונדזער פענצטער איז געווען אַ יידישער רעסטאָראַן און מענטשן פלעגן קומען דאָרט עסן כדי צו הערן דאָס שיינע געזאַנג פון די שניידער-געזעלן. אַז מיר האָבן זיך וועגן דעם דערוווּסט האָבן מיר אַרויסגעשטעלט צו דעם רעסטאָראַן-אייגנטימער פאָדע-רונגען און ער האָט די פאָדערונגען נאָכגעגעבן: יעדן טאָג פלעגט ער אונדז אַריינשיקן אַ היפּשן טעלער מיט פּופּיקלעך, לעבערלעך און אַנדערע מעדנים און דערפאַר פלעגן מיר פאַרזעצן אונדזערע כאָר-געזאַנגען צו דער הנאה פון זיינע געסט.

***

כ׳פאַרלויף זיך אַליין דעם וועג און טראַג זיך איבער צו אַ שפּעטערדיקער צייט. כ׳בין שוין געווען אַ באַקאַנטער און אפילו באַרימטער אַקטיאָר אין פּוילן און צווישן מיינע פריינד האָט זיך געפונען איינער אַ רייכער מענטש וואָס האָט זייער ליב געהאַט צו שפּילן אין קאַסינאָ אויף דער רולעטע. איינמאָל האָט מיך דער דאָזיקער פריינד, שמעלקע האָט ער געהייסן, מיטגענומען מיט זיך אין קאַסינאָ אין צאָפּאָט און דאָרט האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף מיר אַז איך זאָל פּרוּוון מיין מזל ביים שפּיל-רעדל. כ׳האָב זיך געוועדט און געטענהט אַז איך האָב קיינמאָל זיך נישט פאַרנומען מיט קיין שום האַזאַרד-שפּיל, אָבער ער האָט צו מיר צוריק גע-טענהט: דזשיגאַן, וואָס אַרט דיך? זעץ זיך שפּילן. טאָמער וועסטו

פּאַרשפּילן, וועט עס גיין אויף מיין חשבון און טאָמער וועסטו גע-
וינען וועסטו דערפון נהנה זיין. כאַפּ אַריין אַ שאַנס ווייל קיין סך
אַזעלכע וועסטו נישט האָבן.

כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט ביים שפּיל-טיש ווי אַ פּריץ און
מיין פריינד שמעלקע האָט פאַר מיר אַוועקגעלייגט אַ שטויס
געלט וואָס איך האָב וועגן אַזעלכן אפילו נישט געחלומט. איך
געדענק נישט צי איך האָב געהאַלטן ביים געווינען אָדער ביים
פּאַרשפּילן. כ׳געדענק נאָר אַז אַנטקעגן-איבער מיר איז געווען
אַ גרויסער וואַנט-שפּיגל און אָט הייב איך אויף די אויגן און דערזע
אינעם שפּיגל ווי אין זאַל קומט אַריין מיין מייסטער מילנער.
אָנגעטאָן איז ער געווען, ווי תמיד, מיט אויסערגעוויינלעכער עלע-
גאַנץ, דעם שאַפּאָקלאַק אין איין האַנט, די הענטשקעס — אין
דער צווייטער און אויף דער ברוסט אָנגעהאָנגען אַ פעלד-לאָרנעטע.
ער האָט אויסגעזען ווי אַן ענגלישער לאָרד וואָס גרייט זיך צו גיין
זען אַ פערד-געיעג און אויפן וועג צו דער דערבי האָט ער אויף
אַ ווייל אָפּגעטראָטן אין קאַסינאָ. איך האָב געקוקט אין שפּיגל, געזען
ווי מילנער דערנענטערט זיך צו מיין טיש און געוווּסט אַז דאָ וועט
באַלד פאָרגעקומען אַ טשעקאָווע עקספּלאָזיע. און כך הוה ווען
מילנער איז צוגעקומען צום טיש און מיך דערזען מיט דעם
שטויס געלט וואָס איז געלעגן פאַר מיר, האָט ער גאָרנישט מעשה
לאָרד אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און אויסגעשריגן: „שמאי,
(ער האָט מיך נישט גערופן שמעון נאָר שמאי) אַ בראָך איז צו מיר״
און ער האָט זיך ווי זיין שטייגער איז געווען צעשאַלטן מיט אַ סעריע
גראָבע פלײשיקע קללות. ס׳וואָלט אפשר געוואָרן אַ סקאַנדאַל,
אָבער ביים טיש זענען גראָד געזעסן עטלעכע באַקאַנטע לאָדזשער
פאַבריקאַנטן מיט זייערע פרויען און ווען זיי האָבן דערזען דעם
ענגלישן לאָרד וואָס שילט זיך ווי אַ בעל עגלה אויף אַ זאַפּטיקן
יידיש האָבן זיי זיך צעלאַכט. נאָך זיי האָט שוין דער גאַנצער עולם

געגומען לאַכן און צוזאַמען מיט זיי מיין מייסטער. ווען די לאַר־היסטעריע האָט זיך שוין געהאַט אַ ביסל איינגעשטילט האָב איך הויך אויפן קול אַ זאָג געטאָן צו מילנערן אַזוי אַז אַלע זאָלן הערן:

— מייסטער, אַ כפרה דאָס געלט מיטן געווינס, אַבי מיר האָבן זיך היינט דערוווּסט אַז אָט די אַלע אַריסטאָקראַטן פאַרשטייען יידיש און זענען מבינים אויף אַ גוטער יידישער קללה...

***

אין יאָר 1924 האָט דער לאָדזשער ספּאָרט און טורן־פאַריין „בר כוכבא" געפייערט זיין 10־יעריקן יובילוי. בייטאָג איז פאָרגעקומען אַן אויפמאַרש פון די ספּאָרטלער אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס און לכבוד דער דאָזיקער געשעעניש האָבן יידן געשלאָסן זייערע געשעפטן און זענען אַרויס באַוווּנדערן די יידישע יינגלעך און מיידלעך וואָס האָבן שטאָלץ און ריטמיש מאַרשירט איבער דער הויפּט־גאַס אונטער די קלאַנגען פון אַן אָרקעסטער. אויך גויים האָבן זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט מיט איבעראַשונג אויף די מאָדנע זשידקעס וואָס שפּאַנען אויסגעגלייכטע, שטאָלצע און מונטערע, גאַרנישט ענלעך צו די צעשראָקענע נערוועזע יידן וואָס זיי זענען געוווינט תמיד צו זען. דאָס התפּעלות פונעם יידישן עולם וואָס איז געשטאַנען אויף די טראָטואַרן און זיך צוגעקוקט צו דעם מאַרש איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט און די לויב־אויסרופן אויף אונדזער חשבון האָבן פאַרהילכט די לופט. שוין דער איינער פאַקט וואָס די גויים, צווישן זיי אויך די פּאָליציי־לייט, שטייען שטיל און קוקן זיך צו צו אונדזער מאַרש מיט בפירושער אָנערקענונג, האָט די יידישע צושויער געגעבן אַ גרויסע סאַטיספאַקציע און זייערע הערצער, צוזאַמען מיט זייער באַגייסטערונג, זענען געוואַקסן פון גרויס נחת.

איך בין געווען איינער פון די מאַרשירנדיקע און בין געווען ווי פאַרכישופט פון דער אַלגעמיינער יום-טוב-אַטמאָספער. אָבער מיין שטימונג האָט זיך נאָך מער געהויבן ווען איך האָב דערזען ווי מיין טאַטע, דער אַלטער רוסישער סאָלדאַט, שטייט אויפן טראָטואַר מיט אַ שטראַלנדיק פנים און זוכט מיך צווישן די שפּאַנענדיקע ספּאָרטלער. ווען ער האָט מיך דערזען און מיר האָבן זיך אויסגעגלייכט איז ער אַראָפּ פון טראָטואַר און ביי דער זייט פון דער גאַס גענומען מיטשפּאַנען מיט אונדז מיט אַ יונג-געוואַרענעם ריטמישן טראָט. כ׳האָב באַמערקט אַז עס גייט אים אין לעבן אַז איך זאָל זען ווי ער שפּאַנט מיט אונדז מיט און שטייט פון אונדז נישט אָפּ אויף קיין איין טראָט.

ביינאַכט, נאָכן ענדיקן די ספּאָרט-פּאַרמעסטונגען אין העלענאָוו, איז אין איינעם פון די שענסטע לאָדזשער רעסטאָראַנען פּאָרגעקומען אַ באַנקעט אויף וועלכן עס זענען אַנוועזנדיק געווען די וויכטיקסטע פּערזענלעכקייטן פון דער לאָדזשער יידישער געזעלשאַפט, ווי אויך דעלעגאַטן פון אַנדערע שטעט און הגם פאַרבעטן געוואָרן בין איך אויף דעם דאָזיקן באַנקעט, צוליב דעם ווייל איך בין געווען אַ ספּאָרטלער וואָס האָט געוווּנען אַן אויסצייכענונג, האָט די אָנפירונג פון „בר כוכבא״ פון מיר פאַרלאַנגט אַז איך זאָל פאַרוויילן דעם עולם מיט עטלעכע פון מיינע אימיטאַציע-נומערן מיט וועלכע איך בין שוין דעמאָלט היפּש באַקאַנט געווען אין שטאָט. כטוב לב המלך, נאָך דער וועטשערע און נאָך די רעדעס, האָב איך גענומען „דערלאַנגען מיין סחורה״ : איך האָב אויפן אָרט אימיטירט די רעדנער וועלכע האָבן באַגריסט די יובל-פייערונג, נאָכגעמאַכט זייערע שטימען, זייערע דיאַלעקטן און זייערע כאַראַקטעריסטישע באַוועגונגען. דער דערפאָלג איז געווען אין לשער. דער עולם האָט געלאַכט ביז טרערן פון מיינע אימיטאַציעס און פון מיינע אימפּראָוויזירטע טעקסטן וואָס זייער קאָמיזם איז אַ פּנים

באַשטאַנען דערין וואָס איין וואָרט האָט זיך אין זיי נישט געקלעפּט צום צווייטן.

נאָך מיין אימפּראָוויזירטן אויפטריט איז צו מיר צוגעקומען דער דיכטער משה בראָדערזאָן וועלכער האָט נאָך דעמאָלט גע-טראָגן זיין באַרימטן מאַנאַקל. ער האָט מיך מביניש-באַטראַכט און געזאָגט מיט אַ קול פון אַ ריכטער וואָס טראָגט אַרויס אַן אורטייל: יונגערמאַן, אייער אָרט איז אויף דער בינע!

ווער משה בראָדערזאָן איז האָב איך געוווּסט און ווער אין לאָדזש האָט עס נישט געוווּסט? בין איך דעריבער געבליבן ווי אַ געפּלעפּטער און האָב אין דער ערשטער רגע פאַרלוירן דאָס לשון. באַלד האָב איך זיך אָבער באַהערשט און געפרעגט:

— אַט אַזוי, גלייך פון ספּאָרט-פּלאַץ אויף דער בינע? און ווען איך האָב געזען אַז בראָדערזאָן פאַרשטייט נישט מיין פראַגע האָב איך פאַרגעזעצט: עס איז דען פאַראַן אַ טעאַטער-סטודיע וווּ אַ יונגער מענטש זאָל קענען לערנען די אַקטיאָרישע קונסט?

בראָדערזאָן האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך געזאָגט: קיין סטודיע איז נישט פאַראַן, נאָר אויב איר ווילט אַ שולע צו לערנען טעאַטער-קונסט דאַרפט איר זי שאַפן. יאָ, שאַפן. רעדט זיך צונויף מיט טאַלאַנטפולע יוגנטלעכע פון אייערס גלייכן, שאַפט אַ סטודיע און איך וועל אייך העלפן.

בעת אונדזערע שפּעטערדיקע באַגעגענישן האָט מיר בראָדער-זאָן מער פּרטימדיק אויפגעקלערט דעם ענין. יידיש טעאַטער, האָט ער געזאָגט, געפינט זיך אין אַן אַנדער לאַגע ווי דאָס טעאַטער ביי אַנדערע פעלקער. זיי האָבן אייגענע לענדער, זייערע מלוכות גיבן סובסידיעס, האַלטן אויס טעאַטער, האַלטן אויס קונסט-שולעס. מיר האָבן גאָרנישט אַ חוץ גוטן ווילן און טאַלענטירטע מענטשן. מיר מוזן אַלץ שאַפן אַליין, ווייל קיינער זאָרגט נישט וועגן אונדז. יונגע יידישע טאַלאַנטן דאַרפן געדענקען: אם אין אני לי — מי לי?

אין עטלעכע חדשים אַרום איז געשאַפן געוואָרן די טעאַטער-סטודיע פון וועלכער עס איז שפּעטער אַרויס דאָס עקספּערימענטאַלע טעאַטערל „ארט".

דאָס איז געווען אין דער צייט ווען די „הבימה"-אויפטריטן אין פּוילן, ווי אויך די גאַסטראָלן פון דעם רוסישן קליינקונסט-טעאַטער „דער בלויער פויגל" האָבן ממש עלעקטריזירט די יידישע קולטור-גאַס און באַזונדערס די יונגע יידישע מענטשן וועלכע האָבן געחלומט צו פאַרבינדן זייער צוקונפט מיטן טעאַטער. מיר האָבן געלייענט און צווישן זיך געשמועסט וועגן די באַנייערישע אויפטועז פון יידישן קאַמער-טעאַטער אין מאָסקווע אונטער דער אָנפירונג פון אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקי און ביסלעכוויַיז, ביסלעכוויַיז האָבן מיר גענומען גלויבן אַז אויף אונדז, יונגע טאַלאַנטן, ליגט די גרויסע אויפגאַבע צו רעוואָלוציאָניזירן דאָס שאַבלאָנע יידישע טעאַטער און אָנצוהייבן אַ ניי קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער יידישער טעאַטער-קונסט און דורך דעם אפשר אויך אַ ניי קאַפּיטל אין דער יונגער יידיש-וועלטלעכער קולטור.

איך האָב דעמאָלט שוין געהאַט געזען פיל פּויליש און דייטש טעאַטער און איך האָב נישט געקענט נישט באַמערקן דעם טיפן אונטערשיד, אָדער דעם טיפן תהום וואָס צווישן זייער בינע-שפּיל און דעם וואָס אויף אונדזער יידישער גאַס. ביי זיי האָבן די אַקטיאָרן גערעדט נאַטירלעך, מענטשלעך, האָבן זיך באַוויזן אויף דער בינע ווי מענטשן, האָבן אויסגעדריקט געפילן מיט זייער שוייגן פּונקט ווי מיט זייער רעדן. ביי אונדז דאַקעגן האָט מען אויף דער בינע געשריגן מיט באַנומענע קולות, מען האָט געוואָרפן מיט די הענט און פיס ווי חולה נופלס און אָנשטאָט רעדן האָט מען דעקלאַמירט. געשפּילט האָט מען ביי אונדז אידיאָטישע פּיעסן מיט „געזענגע און טענצע". די פּאַפּירענע דעקאָראַציעס וואָס האָבן פאָרגעשטעלט אַ סאַלאָן, אַ גאָרטן, אָדער אפילו די לבנה אין הימל האָבן

זיך ביי יעדער באַוועגונג געשאָקלט און געוואַקלט ווי זיי וואָלטן געדאַוונט שמונה עשרי. און כאָטש איך האָב גוט געזען אַז אויך אין די דאָזיקע אומגעלומפּערטע פּיעסן שפּילן אויסערגעוויינלעך טאַלאַנטירטע אַקטיאָרן, אויסגעצייכנטע זינגער און טענצער וואָס נישט איין וועלט-בינע וואָלט זיך מיט זיי געגרויסט, האָט דאָס אָבער נישט געענדערט מיין ווידערווילן צו דעם פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער פון יענער צייט און איך בין מיט אַ יוגנטלעכן רעוואָלוציאָנערן גלויבן געווען איבערצייגט אַז דאָס נייע יידישע טעאַטער דאַרף אָנהייבן פון סאַמע בראשית און בויען אַלץ פון דאָס ניי.

עס האָבן געדאַרפט דורכגיין גענוג יאָרן כדי איך זאָל אָנהייבן פאַרשטיין אַז דער פּראָפעסיאָנעלער יידישער אַקטיאָר איז נישט דער גאַנצער חייב אין דעם נעבעכדיקן מצב פון יידישן טעאַטער און אַז פאַרשידענע יידישע אַקטיאָרן האָבן כסדר געמאַכט פּרוּוון אַרויסצופירן דאָס דאָזיקע טעאַטער אויף אַ בעסערן וועג. ליידער איז דאָס יידישע טעאַטער קיינמאָל דורך קיינעם נישט אונטער-געשטיצט געוואָרן און ס׳איז געווען אויסגעשטעלט בלויז אויפן קאַסע-פּענצטערל און טאַקע דערפאַר האָט עס זיך געמוזט צופּאַסן צום געשמאַק פונעם עולם. דער געשמאַק פון דעם ברייטן יידישן טעאַטער-עולם איז אָבער קיינמאָל נישט עלול געווען צו סטימו-לירן דעם יידישן אַקטיאָר און אים צו העלפן רעאַליזירן זיין באַגער צו שפּילן בעסער מענטשלעך טעאַטער. דאָס איז געווען דעמאָלט און צום באַדויערן איז עס געבליבן אַזוי ביז היינט.

כ׳שרייב דאָ נישט די געשיכטע פון יידישן טעאַטער און ס׳איז נישט מיין אויפגאַבע צו דערציילן וועגן אַלע פּרוּוון וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אַרויסצופירן דאָס יידישע טעאַטער אויפן בעסערן וועג. די דאָזיקע פּרוּוון זענען, ווי מיר ווייסן, געווען זייער פיל און צווישן זיי איז אויך געווען דער פּרוּוו צו שאַפן דאָס קליינקונסט-

טעאַטער „אזאזעל״. דאָס דאַזיקע טעאַטער האָטווירקלעך גע־בראַכט אַ נייעם אָטעם אויף דער יידישער בינע אָבער דער פּרווו איז דורכגעפאַלן ווייל דאָס טעאַטער האָט זיך געשטיצט אויף דעם אַלטן יידישן פּראָפעסיאָנעלן אַקטיאָר וועלכער האָט אין דעם נייעם עקספּערימענט אַריינגעשלעפּט דעם גאַנצן שימל און די שאַבלאָנע רוטין פון אַלטן טעאַטער. „אזאזעל״ האָט פאַרמאָגט גוטע טעקסטן־שרייבער (איינער פון די וויכטיקסטע איז טאַקע געווען משה בראָ־דערזאָן), עס האָט פאַרמאָגט גוטע מוזיקער, דעקאָראַטאָרן און אפילו רעזשיסאָרן אָבער דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן, ווייל די צויטן פון אַלטן טעאַטער האָבן זיך נאָכגעשלעפּט אין דעם נייעם שפּיל און דער סוף איז געווען אַז דאָס טעאַטער האָט זיך געמוזט פאַרמאַכן ווייל עס האָט נישט באַפרידיקט נישט דעם אַלטן טע־אַטער־גייער און נישט די יוגנטלעכע טעאַטער־אַדעפּטן וואָס האָבן געחלומט וועגן „אַ רעוואָלוציע אויף דער גאַנצער ליניע״...

***

ווען מיינע חברים און קרובים האָבן געהערט אַז איך דאַרף גיין דינען אין דער אַרמיי האָבן זיי מיך זייער באַדויערט און מיך געפרעגט צי איך האָב נישט עפּעס אַ מעגלעכקייט זיך אַרויס־צודרייען פון דעם עסק. כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס זיי באַדויערן מיך און בין אפילו געווען אין כעס אויף זייערע אילוזיעס וועגן זיך אַרויסדרייען פון דינען. איך בין געווען אַ יונגער געזונטער בחור, פאַרהאַרטעוועט אין ספּאָרט; איך בין אַ בירגער פון פּוילישן לאַנד — פאַרוואָסזשע זאָל איך נישט דערפילן מיין בירגערלעכע פליכט? פאַרוואָס זאָל איך זיך פון איר אַרויסדרייען?

ליידער האָב איך באַלד אין די ערשטע וואָכן פון מיין זיין אין מיליטער דערפילט אַז מיינע פריינד און קרובים זענען געווען גערעכט. אין דער קאַזאַרמע האָט געהערשט אַן אומדערטרעגלעכע

אַטמאָספער. די נידעריקע מיליטערישע עלטסטע אין וועמענס הענט מיר האָבן זיך געפונען האָבן אונדז פאַרביטערט דאָס לעבן און אונדז סאַדיסטיש געפּייניקט, נאָר כדי אונדז צו דערנידעריקן. די דאָזיקע עלטסטע, פּראָסטע אַנאַלפאַבעטישע יונגען, כאַמעס און רשעים דערצו, האָבן זיך אָנגעזעצט אויף יעדן וואָס האָט געקענט האַלטן אַ פעדער אין האַנט און אים באַפוילן טאָן די סאַמע שמוציקסטע אַרבעטן. נאָך ביטערער איז געווען די לאַגע פון אַ יידישן זעלנער: מען האָט פון אים געחוזקט, געטענהט אַז יידן קענען נישט זיין קיין סאָלדאַטן, אים גערופן מיטן שפּאָט-נאָמען „יונה קאַראַבין״ און אים אָפּגעטאָן כלערליי באַלאַגאַנסטוועס כדי ער זאָל פאַרשילטן דעם טאָג פון זיין געבוירן ווערן אַ יינגל וואָס מוז דינען אין דער פוילישער אַרמיי.

אונטערן איינפלוס פון אָט דער ווילדער אַנטיסעמיטישער שנאה האָט זיך מיין פוילישער פּאַטריאָטיזם גיך אויסגעוועפּט און כ׳האָב פאַרלוירן דעם חשק צו זיין אַ פאַרטיידיקער פון דעם לאַנד וואָס אין איר מיליטער איז מיין מענטשלעכע און יידישע ווירדע אַזוי ברוטאַל אָנגעגריפן געוואָרן.

כ׳האָב פאַרגעסן צו דערציילן, אַז ווען איך בין אַלט געוואָרן 21 יאָר און זיך געמוזט שטעלן צו אַ מיליטערישער קאָמיסיע וועלכע זאָל פעסטשטעלן צי איך בין ראוי צו מיליטער-דינסט, האָט מען מיך אָנערקענט ווי מיליטער-פעאיק און מיר געגעבן די קאַטעגאָריע „א״, דאָס הייסט: מען האָט געפּסקנט אַז איך דאַרף דינען אין דער סאַמע שווערסטער אַרמיי-אָפּטיילונג: אין אַ סאַפּיאָרן-פּאָלק מיט פערד. טאָמער איז דאָס נאָך ווייניק האָב איך געדאַרפט דינען צוויי און אַ האַלב יאָר און נישט ווי די זעלנער פון די אַנדערע אָפּטיילונגען וואָס האָבן נאָר געדינט 18 חדשים.

איך האָב דעמאָלט נאָך אַלץ זיך געשלאָגן מיט דער דעה צי איך זאָל ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר. אָבער ווען איך האָב באַשלאָסן אַז איך מוז זיך פון מיליטער-דינסט באַפרייען האָב איך ביי מיר אָפּגעמאַכט אַז די דאָזיקע צוויי און אַ האַלב יאָר וואָס איך האָב געדאַרפט זיין אין מיליטער, זאָל איך ווידמען דער לערע פון דער בינע. מיין חשבון איז געווען אַ פּשוטער: די דאָזיקע צוויי און אַ האַלב יאָר זענען דאָך סיי ווי נישט מיינע, איז וועל איך זיי מקריב זיין פאַרן טעאַטער. וועט זיך אַרויסווייזן אַז איך האָב שאַנסן צו ווערן אַן אַקטיאָר איז הרי טוב. טאָמער נישט האָב איך אַ גוט פאַך אין האַנט און איך וועל גאָרנישט האָבן היזק געהאַט.

נאָך דריי חדשים זיין אין מיליטער האָט מען מיך נישט בלויז באַפרייט פון דינסט, נאָר מען האָט מיך פּשוט אַרויסגעוואָרפן. מען קאָן אפילו זאָגן, אַז מיין העכערע נאַטשאַלסטווע איז געווען גליקלעך וואָס זי איז פון מיר פּטור געוואָרן. דאָס באַפרייען זיך פון דינסט איז מיר, אגב, נישט שווער אָנגעקומען. איך האָב בלויז מיט מיין אויפפירונג באַוויזן צו איבערצייגן מיינע עלטסטע אַז איך בין משוגע. דערביי האָב איך מיט כלערליי לאָגישע אַרגומענטן געוואָלט דערווייזן מיינע אָפיצירן אַז נישט איך, נאָר זיי זענען משוגע. נאָר אַזוי ווי זיי זענען געווען אין דער מערהייט און איך אין דער מינדערהייט איז געבליבן אַזוי ווי זיי האָבן געוואָלט.

על פּי דרך הטבע וואָלט גענוג געווען מען זאָל מיך בלויז באַפרייען פון דינסט און נישט אַרויסוואַרפן. אָבער ווען איך האָב געהערט אַז מען וויל מיך באַפרייען ווי אַ משוגענעם בין איך געקומען צו מיינע אָפיצירן מיט אַ טענה און אַ גאַנץ גערעכטע איך האָב געזאָגט: צוגענומען אין מיליטער האָט מען מיך א גע-זונטן, מיט דער קאַטעגאָריע „א״. איצט אַז מען באַפרייט מיך ווי אַ משוגענעם הייסט עס דאָך אַז איך בין משוגע געוואָרן אין מילי-טער. נו, אויב אַזוי קומט דאָך מיר אַנטשעדיקונג, אָדער אַ רענטע

אויפן גאַנצן לעבן. דער דאָזיקער אַרגומענט האָט איבערפולט, ווי מען זאָגט, דאָס מעסטל און מען האָט מיך אַרויסגעוואָרפן פון דער קאַזאַרמע אָן שום צערעמאָניעס.

ווי עס זאָל נישט זיין האָב איך מיין ערשטן גרויסן אַקטיאָרישן עקזאַמען אויסגעהאַלטן דווקא נישט אויף דער בינע נאָר אין לעבן. נאָך דעם דאָזיקן געלונגענעם עקזאַמען בין איך צוריק געקומען קיין לאָדזש און זיך גענומען צו דער עבודה אין דער טעאַטער-סטודיע וועלכע איז אין אַ צייט אַרום פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם טעאַטער „אררט".

וואָס און ווי אַזוי מיר האָבן געלערנט און געאַרבעט אין דער טעאַטער-סטודיע איז אַן ענין וואָס קאָן פאַראינטערעסירן נאָר מענטשן פון פאַך. דער עיקר איז וואָס מיר האָבן געשטעלט דעם טראָפּ אויף עקספּערימענטאַלישקייט. אוודאי האָבן מיר גע-לערנט די אַלע לימודים וואָס זענען פאַרבונדן מיט שוישפּיל, אָבער דאָס וויכטיקסטע איז געווען דאָס וואָס מיר האָבן ביי זיך פעסט באַשלאָסן אַז מיר זאָלן אין אונדזער בינע-טעטיקייט קיינעם נישט נאָכמאַכן, נישט רעכענען זיך מיטן קאַסע-פענצטערל און בשום אופן ואופן נישט שפּילן מיט קיין אַקטיאָרן וועלכע האָבן שוין זיך אָנגעשמעקט מיט פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער. די דאָזיקע פּרינציפּן האָבן מיר גענומען פאַרווירקלעכן אין דעם ניי-געגרינ-דעטן אַוואַנגאַרדיש-עקספּערימענטאַלן „אררט" וואָס האָט נישט נאָר געשפּילט אַ גרויסע און דעצידירנדיקע ראָל אין מיין לעבן, נאָר איז אויך געוואָרן אַ ווינקלשטיין אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין פּוילן און האָט זיך אויסגעווירקט מיט זיין נייעם טאָן און נייע פאָרמען אפילו דעמאָלט ווען דאָס דאָזיקע טעאַטערל איז שוין לאַנג געהאַט אונטערגעגאַנגען...

***

די אור-פּרעמיערע מיט וועלכער מיר האָבן דערעפנט דאָס טעאַטער „אררט" האָט געהייסן „„גלאַט כשר". אין דעם נאָמען פון טעאַטער און אין דעם נאָמען פון דעם ערשטן קליינקונסט-פּראָגראַם איז געלעגן אַזויפיל נייקייט און אויסטערלישקייט פאַר די טעאַטער-פּאַרהעלטענישן פון יענער צייט אַז מען וואָלט וועגן דעם אַליין געקענט אָנשרייבן אַ גאַנצע דיסערטאַציע וואָס זאָל אויפקלערן דעם געוואַגטן נאָוואַטאָרישן שריט וואָס מיר האָבן געמאַכט אין דער דעמאָלטיקער יידישער טעאַטער-וועלט.

יידישע טעאַטער-גייער האָבן געוווסט אַז פּיעסן וואָס הייסן: „מיין ווייבס מאַן", אָדער „די כלה פון דריי חתנים" צי גאָר „כאַנטשע אין אַמעריקע", „דער אַמעריקאַנער ליטוואַק", וכדומה, זענען אָפּערעטן מיט „טענצע און געזענגע", ביי וועלכע מען לאַכט און מען וויינט און דער עיקר — מען „„אַמוזירט זיך" וויפל עס קאָן נאָר אַריין. אַז מען האָט געשפּילט „כאַסיע די יתומה", „מירעלע אפרת", „די שבועה", „די שחיטה" אא"וו אא"וו האָט מען געוווסט אַז דאָס זענען „לעבנס בילדער", דראַמעס פון וועלכע מען קאָן אַרויסנעמען אַ מוסר השׂכל, „אַ מאָראַל". פּיעסן פון דער סעריע „הערצער", ווי „צעבראָכענע הערצער", „אַ האַרץ וואָס בענקט", „ס'האַרץ פון אַ מאַמע" האָבן געהערט צו דער אַמעריקאַנער מעלאָדראַמע ביי וועלכע מען האָט זיך אָנגעוויינט ווי די ביבערס. „אוריאל אַקאָסטאַ", „די רויבער", „דער פאָטער" האָבן געהערט צום בעסערן רעפּערטואַר און זענען געשפּילט געוואָרן איין מאָל אַ וואָך, דערהויפּט אויף אַקטיאָרישע בענע-פיסן. אָבער אַז אַ פּיעסע זאָל הייסן „„גלאַט כשר" און זאָל גע-שפּילט ווערן דורך אַ טעאַטער וואָס רופט זיך „ארט", דאָס איז נאָך קיינמאָל נישט געהערט געוואָרן און ס'האָט אויסגעזען אַזוי ווי אָט דאָס נייע טעאַטער זאָל וועלן שפּילן נישט אויף יידיש, נאָר אויף טערקיש.

ס׳איז איבעריק צו זאָגן אַז מיר אַלע, די סטודיאַנטן, די מוזי-קער, דעקאָראַטאָרן, רעזשיסאָרן, די אָנפירער און די פריינד פון ניי-געגרינדעטן „אררט״ האָבן געפיבערט מיט די צוגרייטונגען צו דער פּרעמיערע. די פּרעמיערע גופא האָט ביי אונדז אָפּגערוקט אין אַ זייט אַלע וועלט-געשעענישן און מיר האָבן געלעבט איינציק און בלויז אין דער דערוואַרטונג פון דעם טאָג ווען די פּרעמיערע האָט געדאַרפט פאַרקומען. איך בין אין דעם פּרט נישט געווען קיין אויסנאַם פון אַלע אַנדערע, אָבער פון דעסטוועגן האָב איך נאָך געהאַט צייט און געמיט זיך אַרויסצולאָזן איבער די לאָדזשער גאַסן און זיך צוהערן צו דעם וואָס דער עולם טענהט צו די אַפישן וועלכע מען האָט, ווי דער שטייגער איז, אויסגעקלעפּט אויף די ווענט פון די מויערן. אויף איינער פון די באַלעבטסטע גאַסן אין דער יידישער געגנט האָב איך ביי אונדזערס אַן אַפיש געטראָפן עטלעכע יידן וועלכע האָבן זיך הייס מתווכח געווען וועגן דעם „רעטעניש״ פון אונדזער נייעם טעאַטער. איין ייד האָט געדרונגען פון דעם וואָס מיר שרייבן אַז דאָס איז אַ קליינקונסט-טעאַטער, אַז דאָס איז מסתם אַ טעאַטער פאַר קינדער. אַ צווייטער, אַ גרעסערער ידען, זעט אויס, האָט צונישט געמאַכט זיין סברא און געטענהט אַז „קליינע קונסט״ איז אויך פאַר גרויסע מענטשן, „והא ראיה: דער „אזאזעל״ האָט אויך געשפּילט „קליינע קונסט״ און ס׳איז געווען פאַר דערוואַקסענע. דאָ האָט זיך אַריינגעמישט אַ דריטער און געזאָגט אַז דער משל מיטן „אזאזעל״ איז דאָ קיין משל נישט, ווייל דאָרט האָבן געשפּילט אַרטיסטן און דאָ שפּילן סטודיאַנטן. אויף דעם האָט אַ פערטער אויסגעשריגן אַז ס׳ערשטע מאָל הערט ער אַז סטודענטן זאָלן שפּילן טעאַטער. דער אַלגע-מיינער אויספיר איז געווען אַז דאָס איז זיכער עפּעס אַן אָפּערע. דער בעסטער באַווייז איז אַז אָנשטאָט צו מעלדן אויפן אַפיש ווער ס׳איז דער סטאַר, מעלדעט מען וועגן עפּעס „מחברים״: בראָדער-

זאַן, לייוויק, נאַדיר, פּרץ. איר האָט שוין געהערט וועגן אַזעלכע אַקטיאָרן? און וואָס האָבן זיי מורא זיך צו רופן „אַקטיאָרן״, נאָר זיי רופן זיך מיט אַן אויסטערלישן נאָמען „מחברים״? ניין, ס'וועט נישט גיין. די לאָדזשער גאַלעריע איז אַ מבין אויף אַ טשאַד. נישטאָ קיין פּרייערס.

אויף אַן אַנדער גאַס האָב איך ביי אַן אַפּיש געזען אַ חסידישן ייד. ער האָט געלייענט דעם אַפּיש און געלאַכט. כ'האָב אים געפרעגט וואָס ער לאַכט האָט ער מיר געענטפערט: כ'זאָל אַזוי וויסן פון זייערע הענט און פיס, פון זייער לייב און לעבן. כ'האָב געזען „גלאַט כשר״ האָב איך געמיינט אַז עס האָט זיך געעפנט עפּעס אַ נייער כשרער רעסטאָראַן, אָדער ס'איז אַן אויפרוף פון ראַבינאַט וועגן כשר פלייש. לסוף ווייזט זיך גאָר אַרויס אַז ס'איז וועגן אַ טריאַטער. וואָס לצים, אפיקורסים קענען! ווילן אַריינציען אין דעם טריף-פּסול רעליגיעזע יידן, שרייבן זיי „גלאַט כשר״. דער ייד האָט געגעבן אַ שפּיי אויפן אַפּיש און איז אַנטלאָפן.

למען האמת: כ'האָב ביי די אַפּישן אויך געטראָפן יונגע יידישע אַרבעטער, אינטעליגענטן. יענע האָבן געלייענט די מודעות גאַנץ אַנדערש: מיט פרייד, מיט אַ געוויסן שטאָלץ. זיי האָבן אָנגערופן די אַקטיאָרן „אונדזערע יאַטן״. ביי יעדן נאָמען פון אַ שרייבער וואָס זיי האָבן געזען אויפן אַפּיש האָבן זיי זיך געפרייט ווי זיי וואָלטן געטראָפן אַ גוטן באַקאַנטן און מיט די ווערטער „אַוואַנ-גאַרדיש״, „עקספּערימענטאַל״, האָבן זיי זיך גאָר פּאָסמאַקעוועט און זיך געגעבן צו פאַרשטיין אַז דאָס מיינט מען נישט עפּעס אַנדערש ווי רעוואָלוציע וועגן וועלכער מען טאָר אָפן נישט רעדן...

***

די פּרעמיערע פון „גלאַט כשר״ איז פאָרגעקומען דעם 25טן נאָוועמבער 1927, אין „ווייסן זאַל״ פון האָטעל „מאַנטייפל״.

זאָגן אַז איך געדענק די דאָזיקע פּרעמיערע מיט יעדן קלענסטן פּרט אירן, איז איבעריק. כ׳געדענק אָפט נישט וואָס איך האָב געטאָן מיט צוויי טעג צוריק, אָבער דאָס וואָס עס איז געשען מיט מיר יענעם אָוונט, דאָס וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

נאָכן צווייטן גאָנג-קלונג איז אין זאַל געוואָרן פינצטער. דער דיכטער משה בראָדערזאָן גייט אַרויס פאַרן פאָרהאַנג און האַלט אַ קורצע רעדע אין אַ יום-טובדיקן טאָן, אָבער מיט אַ סך אויסטערלישע פּרעמד-ווערטער. ער ענדיקט. דער קאָנפעראַנסיער גיט דעם לעצטן נערוועזן צי פון דעם פּאַפּיראָס. עס דערהערט זיך דער דריטער קלונג און איך גיב אַ צייכן דעם גוי ער זאָל ציען די פאָרהאַנג. דער קריסטלעכער בינע-אַרבעטער צלמט זיך איבער, זאָגט „זלאַמטשע קאַרק״, ברעכט דעם קאַרק, הייסט עס, (אַן אַקטיאָרישע ברכה אַזאַ) און דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף. דער קאָנפּעראַנסיער הייבט אָן, מאַכט דעם אַריינפיר, זאָגט אַ וויץ, נאָר דער עולם זיצט שטייף און גיט אפילו נישט קיין שמייכל. ערשט נאָך די ערשטע נומערן הייבט דאָס אייז אָן רירן, אָבער עס גייט נאָך אַלץ שווער. מיר לעבן איבער די ערשטע אַנטוישונג: די נומערן וואָס מיר האָבן ביי די פּראָבן געמיינט אַז זיי וועלן מרעיש-עולם זיין ווערן אויפגענומען קאַלט און דווקא די קליינע אינסצעניזירטע פאָלקס-לידער דערגייען צום עולם און דער-וואַרעמען אים. ס׳איז די ערשטע לעקציע וועגן די סורפּריזן אין טעאַטער און וועגן דעם קאַפּריזן געשמאַק פון די צושויער; די ערשטע לעקציע אַז נישט תמיד געפעלט דעם עולם דאָס וואָס עס געפעלט די אַקטיאָרן; ס׳הייסט: דאָס אין וועלכן זיי האָבן אַריינ-געלייגט די „באָבע מיטן זיידן״ און געמיינט אַז עס וועט אַרויס-רופן אַן ערד-ציטערניש אין זאַל.

נאָך דעם ערשטן האַלב-פינאַל ברענען מיר פון נייגעריקייט זיך צו דערוויסן ווי אַזוי מיר האָבן אויסגענומען ביים עולם. אָבער

בראַדערזאָן האָט, זעט אויס, אָנגעזאָגט אַז מען זאָל קיינעם נישט אַרונטערלאָזן הינטער די קוליסן און מיר פּילן זיך אַזוי ווי מיר וואָלטן פון זאָל געוועז אָפּגעטיילט מיט אַ ים. בלית ברירה קאָנ-צענטרירן מיר זיך אויף דעם וואָס מיר דאַרפן טאָן אין צווייטן טייל און מאַכן השערות וועגן דעם וועלכע נומערן עס זענען בעסער, אָדער ערגער אויפגענומען געוואָרן דורכן עולם.

מיט מיר איז פאָרגעקומען אַ מאָדנע פאַרוואַנדלונג. ביי די פּראָבן האָב איך געברענט, מיטגעריסן אַלעמען מיט מיין טעמפּע-ראַמענט. דאָ, ביי דער פּרעמיערע, בין איך קאַלט ווי אייז. איך האָב פּשוט נישט קיין צייט צו טראַכטן וועגן זיך, וועגן מיין שפּיל, ווייל איך בין כולו אַריינגעטאָן אין אָבסערווירן דעם גאַנג פון דער פאָרשטעלונג. מיט א מערקווירדיקער ניכטערקייט און קילקייט זע איך אַלע חסרונות, אַלע דעפעקטן וואָס שטערן די גאַנצקייט פון ספּעקטאַקל און איך פאַרקריץ מיר אין זכרון אַלץ וואָס מען וועט דאַרפן אויסבעסערן, אָדער לחלוטין באַזייטיקן פון די ווייטער-דיקע פאָרשטעלונגען. אָט די טבע איז ביי מיר געבליבן ביזן היינטיקן טאָג, מחמת איך האָב זיך שוין אויסגעלערנט צו וויסן אַז דאָס וואָס מען דערזעט אויף דער ערשטער פאָרשטעלונג קאָן מען קיינמאָל נישט זען אויף קיין גענעראַל-פּראָבע.

אַקטיאָרן זענען געוווינט צו זאָגן אַז וואָס בעסער עס גייט דורך די גענעראַל-פּראָבע אַלץ ערגער ווערט געשפּילט די פּרע-מיערע. דאָס איז אמת. ביי דער פּרעמיערע פאַרלירן אַ סך אַקטיאָרן ווי מען זאָגט „דאָס לייב״, זיי פאַרגעסן די פּראָזע, דעם קאָנטראָל איבער זיך. זיי קומען און גייען אָפּ פון פאַרקערטע ריכ-טונגען, הייבן אָן רעדן נישט צו דער צייט, קריגן אַ שטייפע צונג, פאַרלירן ס׳קול. ביי די מענער ציטערן די קני, ביי די פרויען וואַרפן זיך די ברוסטן ווי אין קדחת. זינגערס נעמען אַ פאַלשן טאָן, אָדער צו הויך, אָדער צו נידעריק און דערצו קענען זיי בשום אופן

נישט אַריינפּאַלן אין דעם טאַקט פונעם אָרקעסטער. ביי אַ פּרע-מיערע האָבן די דעקאָראַציעס אַ טבע זיך צו וואַקלען, צו וועלן איינפאַלן. דער רעוואָלווער וויל נישט שיסן און דווקא דעמאָלט ווען מען האָלט שוין ווייט נאָך דער שיס-סצענע, טראַך! דער רעוואָלווער האָט אויסגעשאָסן. אַזעלכע קליינינקייטן קענען אַמאָל אַראָפּרייסן די גאַנצע פאָרשטעלונג, פּטרן אַלע סצענישע עפעקטן און ברענגען דערצו אַז מען זאָל לאַכן דאָרט ווו מען דאַרף וויינען... איך האָב, קאָן מען זאָגן, דעם ענין באַנומען באַלד אויף דער אור-פּרעמיערע פון „אררט" און פון דעמאָלט אָן בין איך אויף אַ פּרעמיערע וואַך און ניכטער און איך גיב אַכטונג אַז ביי די ווייטערדיקע פאָרשטעלונגען זאָלן זיך די דעפעקטן נישט איבער-חזרן און אויסגעמיטן ווערן.

ענדלעך זענען מיר שוין איבערגעקומען דעם צווייטן טייל פון דער פאָרשטעלונג. די פאָרהאַנג איז געפאַלן. די אַפּלאָדיס-מענטן זענען דאָס מאָל גאָר יום-טובדיקע. דער גאַנצער אַנסאַמבל גייט אַרויס אויף דער בינע און די אַפּלאָזן ווערן שטאַרקער, ענטוזיאַסטישער. כ'באַמערק אָבער אַז די הייסע „בראַוואָס" קומען פון די משפּחה-מיטגלידער און פון די חברים פון די אַקטיאָרן. די פיינשמעקער פון די ערשטע רייען אַפּלאָדירן אויך, אָבער פיל איינגעהאַלטענער.

דער עולם איז זיך צעגאַנגען, די אַקטיאָרן האָבן זיך אויס-גרימירט און בראָדערזאָן הייסט אַלעמען קומען אין קאַפע „אסטאָריע". מיר זעען אַז ער איז זייער עמאָציאָנירט, אָבער ווען מיר פרעגן אים אַ מיינונג ענטפערט ער איין וואָרט „ס'איז בימס". פון בראָדערזאָנס „בימס" (פּימס, פּימסנהאָלץ, ס'הייסט לעילה ולעילה) שטויסן מיר זיך אָן אַז ער איז צופרידן און דאָס דער-מוטיקט אונדז. מיר טוען זיך איבער און הערן ווי הענער קאָן, דער קאָמפּאָזיטאָר, גייט אַרום איבער די גאַרדעראָבן און זאָגט

אַן יעדן איינעם: חברה, מאָרגן פאַר מיטיק — אַ מוזיקאַלישע פּראָבע. דער האַלב-פינאַל האָט ביי איך געקלינגען ווי מען פּ... אין אַ מעשענעם בעקן...

⁂

מיר גייען אין אַסטאָריע.

דאָס וואָס דער קאַפע „דאָם״, אָדער „ראָטאָנד״ איז אַמאָל געווען פאַר דער קינסטלער-וועלט אין פּאַריז, דאָס איז קאַפע אַסטאָריע געווען פאַר דער מלחמה פאַר דער לאָדזשער יידישער באָהעמע. אמת, בייטאָג איז די דאָזיקע קאַפע, וואָס האָט זיך געפונען אויף עק פּיעטריקאָווער און שרודמיעסקע געווען פאַר-נומען מיט סוחרים, פאַבריקאַנטן און מעקלער און מען האָט דאָרט עוסק געווען אין ענינים פון מקח וממכר אויפן גרויסן שטייגער; אָבער אין אָוונט זענען די סוחרים און קונים אַוועק אין זייער רו אַריין און די קאַפע האָבן פאַרנומען גאַנץ אַנדערע פּאַרשוינען. די ווענט און די קעלנער וואָס האָבן אַ גאַנצן טאָג געהערט רעדן וועגן וואָל, צוקער, לעדער און דאָס גלייכן, האָבן איצט געהערט רעדן וועגן סאָנעטן, מעטאַפאָרן, עקספּרעסיאָניזם, אימפּרעסיאָ-ניזם, כאָרעאָגראַפיע, נאַטוראַליזם אא״וו אא״וו. ווי ס׳זאָל נישט זיין איז דער טומל אין קאַפע געשטאַנען כמעט דריי-פערטל מעת-לעת און ס׳האָט דאָרט געררוישט און געהודזשעט ווי אין אַ בינ-שטאָק.

געהערט האָט דער קאַפע אַסטאָריע צו איינעם אַ מענטשן וואָס האָט אין די פריערדיקע יאָרן זיך פאַרנומען מיט נישט גאָר קיין פיינע זאַכן, אָבער די לעצטע יאָרן האָט ער זיך שוין געהאַט געסטאַטקעוועט און זיך געהאַלטן זייער בכבוד. וועגן אים זענען אין לאָדזש אַרומגעגאַנגען אַ סך וויצן און ס׳איז כדאי צו דער-ציילן כאָטש איינעם פון זיי. אָט דער קאַפע-אייגנטימער האָט

געהאַלטן אין אַרענדע דאָס טעאַטער אויף שרודמיעסקע-גאַס און דאָרט געהאַט זיינס אַ שטענדיקע לאָזשע. מאַכט זיך אַ מעשה און שאַליאַפּין קומט קיין לאָדזש און גיט אַ קאָנצערט אין דעם טעאַטער אויף שרודמיעסקע. אַלע בילעטן זענען נאַטירלעך אויספאַרקויפט און אַז דער פּראָקוראָר פון דער שטאָט לאָדזש וויל גיין אויפן קאָנצערט קריגט ער בשום אופן נישט קיין בילעט. מען גיט אים אַן עצה אַז ער זאָל זיך ווענדן צום טעאַטער-אַרענדאַטאָר, אפשר וועט ער אים אָפּטרעטן צוויי פּלעצער אין זיין לאָזשע. דער פּראָקוראָר נעמט דאָס טרייבל אין האַנט, קלינגט אָן צום קאַפּע-אייגנטימער און זאָגט:

— האַלאָ, רעדט דאָ דער הער ב.?

— יאָ, ענטפערט אים דער הער ב.

— דאָ רעדט דער הויפּט-פּראָקוראָר פון דער שטאָט לאָדזש.

ער באַווייזט נישט צו ענדיקן און ב. פרעגט מיט אַ וויינענדיקער שטימע:

— דער הויפּט-פּראָקוראָר? פאַרוואָס?

נו יאָ, דער קאַפּע-אייגנטימער פירט זיך שוין אַזויפיל יאָרן לייטיש, טאָ וואָס פּלוצים האָט זיך אין אים דערמאָנט דער פּראָקוראָר?

דער דאָזיקער קאַפּע-אייגנטימער האָט אין די דרייסיקער יאָרן געמאַכט אַ רייזע קיין ארץ ישראל ווו מען האָט אים דווקא נישט שיין אויפגענומען און געגעבן צו פילן אַז מענטשן מיט זיין פאַרגאַנגענהייט זענען דאָ נישט שטאַרק געוווּנטשן. פון דעסטוועגן איז ער אַ היים געקומען קיין לאָדזש באַגייסטערט פון הייליקן לאַנד און ער האָט זיך נאָכדערציילט וועגן זיינע באַזוכן ביי דער מרת נאָכע ביילע (די מערת המכפלה) און ביי דער הייליקער מאַמע רחל. ס'איז בלויז ביי אים אַרויסגעקומען אַז דער קבר פון דער מאַמע רחל געפינט זיך אין מירון ווו עס געפינט זיך אויך,

לויט אים, דער קבר פון צדיק ר׳ מאיר בעל הנס. פון תל-אביב איז ער געווען מלא התפעלות, דאָקעגן האָט ער געהאַט טענות צו ירושלים ווו מען האָט אים געפירט זען ס׳חרוב געוואָרענע בית מיקדש און געוויזן האָט מען אים בלויז אַ וואַנט ווו מען דאַוונט מעריב.

כדאי צו צוגעבן אַז אַט דער קאַפּע-אייגנטימער איז געווען אַ כפול שמונהדיקער אַנאַלפאַבעט און דערפאַר אפשר האָט ער געהאַט אַ געוואַלטיקן דרך ארץ צו מענטשן וואָס קאָנען האַלטן אַ פען אין האַנט. ווען איינער פון זיינע מקורבים האָט אים געפּרווּט בונטעווען קעגן די שרייבער וועלכע קומען אין קאַפּע און גיבן ווייניק פדיון, האָט ער תמימותדיק געטענהט: וואָס רעדסטו? אַזעלכע מענטשן זאָל איך באַליידיקן? זאָלסט זען ווי זיי לייענען און שרייבן...

אַסטאָריע איז געווען באַרימט צוליב איר קאַפּע-אייגנטימער און צוליב איר גלעזל טיי. אַזאַ געשמאַק גלעזל טיי ווי אין אַס-טאָריע האָט מען אין ערגעץ נישט געקריגן.

ווי געזאָגט זענען אין אַסטאָריע בייטאָג געזעסן סוחרים, פאַבריקאַנטן און ביינאַכט — שרייבער און קינסטלער. צווישן די לאָדזשער סוחרים און פאַבריקאַנטן זענען אָבער געווען אַ סך אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט אַ גאָר נאָענטע שיכות צו ליטע-ראַטור און קונסט. אַ סך פון זיי זענען געווען קולטור-טוער, אייניקע האָבן אַליין געשריבן, אַנדערע זענען געווען מעצענאַטן פון די קינסטלער און צווישן זיי זענען אויך געווען אייניקע וועלכע האָבן געבילדעט דעם אַזוי גערופענעם געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט פון אונדזער טעאַטער „אררט".

פלעגט טאַקע אָפטמאָל טרעפן אַז אין אַ פרייטיק בייטאָג, ווען די סוחרים און פאַבריקאַנטן זענען געזעסן איבער דעם מילכיקן טשאָלנט (אויך אַ ספּעציאַליטעט פון דער קאַפּע אַסטאָריע) און

זיך געהיצט וועגן מסחרים, האָט איין סוחר פּלוצים אַריבערגעשריגן צו אַ צווייטן סוחר וואָס איז געזעסן ביי אַ שכנהשן טיש: האָסט שוין געלייענט אין „היינט" איציק מאַנגערס חומש-לידער? דערויף האָט זיך אַ פאַבריקאַנט ביי אַ דריטן טיש אָפּגערופן אַז ער האָט געהאַט גאָר אַ גרויסע הנאה פון רייזל זשיכלינסקיס ליד אין דער „פאָלקסצייטונג". האָט שוין אַ דריטער געפרעגט וועד ס'איז דאָס דער נייער פּאָעט סעמיאַטיצקי וואָס זעט אויס צו זיין גאָר אַ וואַזשנע כלי. און אָט אַזוי איז דער סוחרישער און פאַבריקאַנ-טישער עולם אין איין הרף עין אַריבער פון מסחר צו ליטעראַטור און די וואָס האָבן זיך ערשט געאַמפּערט וועגן וואָל, ווידזעווער לייוונט, ביינערנע קאַמען, אָדער קאַמגאַרן, האָבן זיך צעהיצט און הייס-צערעדט וועגן לידער, וועגן אַן אַרטיקל פון י. מ. ניימאַן, אָדער וועגן אַ פעליעטאָן פון ברוך שעפנער.

בייטאָג האָט מען אָבער וועגן ליטעראַטור און קונסט גערעדט אין אַסטאָריע נאָר איינמאָל אין אַ פרייטיק. דאַקעגן ביינאַכט האָט מען וועגן די זאַכן גערעדט אַ גאַנצע גייענדיקע וואָך. דאָרט איז ביי איין טיש געזעסן אַ גרופּע רעוואָלוציאָנערן וואָס האָבן געשאָטן מיט ציטאָטן פון מאַרקס, ענגעלס, לענין און קאַוטסקי וועגן דעם ווי אַזוי מען דאַרף איבעראַנדערשן די וועלט. ביי אַ צווייט טיש זענען געזעסן טוער פון די לעגאַלע און האַלב-לעגאַלע פּראָ-פעסיאָנעלע פאַריינען און געמאַכט זייער פּאַרטיי-פּאָליטיק. ביי אַ דריט טיש האָט מען געפּאַלמעסט דאָס יידישע טעאַטער, געשונדן די הויט פון די גאַסטראָלירנדיקע אַקטיאָרן און אויס-געטאָן נאַקעט די פון אַמעריקע געקומענע סוברעטינס. מען האָט אָפּגעזאָגט דאָס לעבן יוליוס אַדלערן וואָס האָט פאַרבעסערט שעקספּירן און מען האָט אפילו נישט געשווינט מאַרעווסקין וואָס האָט זיך אַקוראַט געהאַט צעקריגט מיט דער „ווילנער טרופּע" צוליב די אותיות אויפן אַפיש.

דער צענטער פון אַט דער חברותה איז געווען משה בראַדער־זאָן וועלכן מען האָט צוליב זיין עקזאָטישן הולך גערופן „דער פרינץ פון פוילישן מאַנטשעסטער״, אָדער ״דער יידישער מאַיאַ־קאָווסקי״. בראַדערזאָן מיט זיין מאַנאָקל, מיט זיינע באַקן־בערד, אַלאַ פושקין, מיט דעם גרויסן ביינערנעם קמעה־רינג אויפן פינגער האָט ווירקלעך צוגעצויגן צו זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט און ער איז צוליב דעם געווען אויסערגעוויינלעך פּאָפּולער. נעבן בראַדערזאָנס טישל פלעגט מען שטענדיק באַגעגענען דעם מאָלער וויצעק (יצחק) ברוינער וואָס איז קיינמאָל נישט מיד געוואָרן צו דערציילן זיינע פאַנטאַסטישע מעשיות, דער עיקר וועגן פוילישע גרעפינס וואָס האָבן זיך אין אים פאַרליבט און צוליב אים זיך גענומען דאָס לעבן. בראַדערזאָן האָט געטענהט אַז ס׳זענען אין פוילן גאָרנישט פאַראַן אַזויפיל גרעפינס וויפל ברוינער האָט אַרי־בערגעשיקט אויף יענער וועלט צוליב ראָמאַנטישע סיבות. אַן אַנדערש מאָל האָט בראַדערזאָן געזאָגט אַז ברוינער האָט אָפּגע־קויפט הינטער לענטשיץ אַ גרויס שטיק ערד, כדי ער זאָל האָבן וווּ מקבר צו זיין זיינע גרעפינס וואָס האָבן זיך צוליב אים געשאָסן מיט שווערדן, געהאָנגען אויף שפּינוועבס און געסמט מיט לאַקשן־יויך. ברוינער האָט מיטגעלאַכט מיט אַלעמען און באַלד דערציילט אַ נייע מעשה מיט א גרעפישער ליבע וואָס איז געווען אַ פּרעכטיקע מינכהאַוזן־געשיכטע, פול מיט פאַנטאַזיע און קינסטלערישער פאַרב.

גאַנץ אָפט פלעגט קיין לאָדזש קומען דער שוין דעמאָלט־באַרימטער מאָלער יאַנקל אַדלער און ער איז געווען אַ דריטער ביים טישל. צוליב דעם וואָס מען האָט זיי שטענדיק געזען צוזאַמען האָט מען זיי גערופן „די דריי מושקעטערן״. זען זיי אַלע דריי שפּאַצירן איבער די לאָדזשער גאַסן איז ווירקלעך געווען אַ בילד וואָס האָט פאַרכאַפּט. בראַדערזאָן, אַ הויכער, אין אַ פוטערן שטריימל, מיט לאַנגע גערדיכטע באַקן־בערד, האָט אויסגעזען ווי

דער יידישער האַמלעט. ער איז געגאַנגען אין דער מיט. ביי דער זייט, די אויערן רויט, אָנגעטאָן אין אַ גראַנאַטענעם גאַלאַ-אַנצוג, מיט ווייסע געטרעס אויף די שיך איז געגאַנגען יאַנקל אַדלער. אויף דער אַנדערער זייט איז געגאַנגען ברוינער אין אַ גרינעם פּרייסישן יעגער-ראָק, מיט פּאָמפּ-הויזן און געלע לעדערנע שטיבלעטן ביז דער קני. (דעם אַנצוג האָט ער געקריגן, זאָגט ער, פון גראַף זאַמאָיסקי פאַר אַ פּאָרטרעט וואָס ער האָט געמאָלן פון זיין פרוי). נישט אומזיסט האָט מען זיי נאָכגעקוקט און מיידלעך האָבן זיי געפּרעסן מיט די אויגן. זיי זענען געווען די פאַרביקע עקזאָטיק אויף די גרויע פאַררויכערטע גאַסן פון דער פאַבריק-שטאָט לאָדזש.

אין קאַפע אַסטאָריע איז ביי זייער טיש אָפט געזעסן דער קאָמפּאָזיטאָר הענעך קאָן — אַ טאַלאַנטפולער מוזיקער מיט אַן אוממוזיקאַליש קול. אָפּטמאָל פלעגט בראָדערזאָן זאָגן צו זיינע מאָלערישע פריינד: אַנו, וואַרפט אָן עפּעס אַ פּראָיעקט פון אַ דעקאָראַציע און איך וועל צושרייבן ווערטער און הענעך וועט צושרייבן מוזיק. די מאָלער האָבן אויף די סערוועטלעך אָנגעוואָרפן פּראָיעקטן, בראָדערזאָן האָט אויף אַנדערע סערוועטלעך געשריבן טעקסטן און הענעך קאָן האָט געשריבן נאָטן. אַ סך פערלדיקע קליינקונסט-נומערן, אַ סך שעדעווורן זענען אַזוי אַרום געשאַפן געוואָרן פאַרן „אררט" און זענען דערנאָך פּאָפּולער געוואָרן אין גאַנץ פּוילן. אַז די קאָלעקטיווע אימפּראָוויזאַציעס פלעגן געלונגען האָט בראָדערזאָן צוגערופן דעם קאַפע-אייגנטימער און פייערלעך געזאָגט: פּאַניע ב. הייסט דערלאַנגען אַ קופל בייעריש ביר פאַר דעם סטריקאָווער מאָלער וואָס איז פּראָפעסאָר אין דער דיסלדאָרפער קונסט-אַקאַדעמיע. הייסט אויך געבן אַ גלעזל טאָקייער וויין פאַר דעם אָזאָרקאָווער קאָמפּאָזיטאָר וואָס זיינע לידער זינגט מען אין גאַנץ פּוילן. פאַרגעסט אויך נישט אַ גלעזל

אַלט-פּוילישן מעד פֿאַר דעם האַרץ-ברעכער פֿון דער פּוילישער ווייבערישער שלאַכטע. דער קאַפֿע-אייגנטימער האָט געלאַכט: פֿון דעם אַלעם וואָס איר האָט געבעטן קאָן איך אייך געבן בלויז אַ גלעזל טיי. די איבעריקע זאַכן שרייבט אָן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, וועל איך שיקן אין אַפּטייק פֿרעגן צי זיי האָבן זיי.

נאָענט צו בראָדערזאָנס טיש זענען געזעסן יונגע פּאָעטן וועלכע האָבן געריידט שטיל, פֿאַרחלומט, געזאָגט געדאַנקען מיט פֿײַנטעלער. זיי האָבן געהאַט זייערע טענות און תרעומות צו בראָ־דערזאָנען, אָבער געווען גליקלעך וואָס ער וויַיזט זיי אַרויס אויפֿ־מערקזאַמקייט און ליבשאַפֿט. אפֿילו ישׂראל ראַבאָן וואָס איז געווען בראָדערזאָנס גרעסטער אָפּאָזיציאָנער איז אויך גרייט געווען צו פֿאַרפֿירן אַ געשלעג מיט אַ וואַרשעווער שרייבער וואָס איז געקומען צו גאַסט און האָט זיך וועגן בראָדערזאָנען אויסגעדריקט אויף עפּעס נישט קיין בכבודיקן אופֿן.

באַזונדערע טישלעך האָבן פֿאַרנומען די אַקטיאָרן. מערסטנ־טייל האָט מען דאָ געזען די אַמעריקאַנער סטאַרן וועלכע האָבן זיך געהאַלטן נאָענט פֿון די צייטונגס-שרייבער און געוואָלט ביי זיי אויספֿועלן אַ גוט וואָרט אין אַ רעצענזיע. די סטאַרן, מענער און פֿרויען — האָבן זיך געפֿירט ברייט, מכבד געווען די צייטונגס־לייט מיט טיי און קעז-קוכן און גערופֿן דעם קעלנער אויף אַזאַ אופֿן אַז אַלע זאָלן זען דעם בריליאַנטענעם רינג אויפֿן פֿינגער. ביי אַנדערע טישלעך זענען געזעסן יונגע אַקטיאָרן וואָס האָבן געחלומט צו שפּילן בעסער טעאַטער און בעסערן רעפּערטואַר. צוליב עפּעס וואָס האָבן זיי אַלע גערעדט מיט אַ סך רישון, אַזוי אַז מען האָט כסדר געהערט: „ררררעוואָלוציע, ררררפּערטואַר, ררררראָמען ררראַלאַן, פֿאַררברררעכן און שטררראָף...

נו, געווען, פֿאַרשטייט זיך, צווישן די אָפּטע שטאָם-געסט אין קאַפֿע יונגעלייט און מיידלעך וועלכע האָבן „געקוואָקעט" אויף

עפּעס וואָס זיי אַליין האָבן נאָך נישט געוווּסט וואָס... ליטע-ראַטור, טעאַטער, מאַלעריי... די דאַזיקע באַלעבאַטישע זינדלער און טעכטערלעך האָבן מיט דער צייט חתונה געהאַט און זיך אַרויס-געלאָזט פון די נאַרישקייטן. אָבער דערווייל האָבן זיי זיך געריבן אַרום דער באָהעמע, געצאָלט אַ קאַווע, אָדער אַ טיי די יונגע אויפגייענדיקע טאַלאַנטן ביי וועלכע דער גראָשן איז געווען אַ זעלטנהייט. נישט איינמאָל ווען קיין צאָלער זענען נישט געווען און די יונגע טאַלאַנטן זענען געזעסן און געדוכנט איבער ליידיקע טישלעך, איז צו זיי צוגעגאַנגען דער קעלנער זעליגער (דער מאַן פון אַ יידישער אַקטריסע) און געזאָגט: חברה, וויפל זענט איר? פיר מאַן? באַשטעלט צוויי גלעזער טיי. איך צאָל! נאָר איין באַדינג: טרינקען זאָלט איר בשותפות. זאָל דער באַלעבאָס זען אַז ער ברענט נישט קיין עלעקטרע אומזיסט...

⁂

אין אַט דער קאַפע אַסטאָריע האָט אונדז בראָדערזאָן גערופן נאָך דער אור-פּרעמיערע מיט וועלכער מיר האָבן געעפנט דאָס טעאַטער „אררט״. מיר זענען אַהין אַריין און ס'האָט זיך מיר אויס-געדאַכט אַז מיר זענען אַריין אין אַ חתונה-זאַל. ביי די טישלעך האָבן שוין געוואַרט פריינד און אונדז אָפּגעגעבן מזל-טוב. די שטימונג איז געווען גאָר אַ געהויבענע און זי איז געוואָרן דער-הויבענער, יום-טובדיקער פון מינוט צו מינוט. קלמן קאַבאַקער, אַ מעצענאַט און בראָדערזאָנס אַ געוואַלדיקער חסיד, וועלכער האָט גערעדט אַ לאָדזשער דייטש, האָט פאַרגעלייגט מען זאָל צוזאַמענרוקן אַלע טישלעך און מאַכן אַ לחיים. דערווייל האָבן די אררטניקעס פאַרצויגן אַ חסידישן ניגון און דער גאַנצער עולם האָט אים אונטערגעכאַפּט, נישט צו וויסן ווי אַזוי איז פון דעם געזאַנג געוואָרן אַ טאַנץ און געטאַנצט האָבן מיר מיט אַזאַ פייער

און אַזאַ ברען אַז מיר האָבן איבערגעקערט די טישלעך און זיי אַוועקגעשאַרט אין אַ זייט. דער קאַפּע-אייגנטימער האָט פאַר-שלאָסן די טירן, נישט אַריינגעלאָזט קיין מענטשן פון גאַס און איבער דער גאַנצער קאַפּע איז געגאַנגען אַן עקסטאַטישער ריקוד וואָס אין זיין ספּאָנטאַנישקייט איז געווען מער טעאַטער-קונסט ווי אין אַלע אויסרעזשיסירטע בינע-פּראָדוקציעס. אַזאַ התלהבות, אַזאַ עקסטאַז, אַזאַ פרייד האָב איך נאָר געזען ביי די „טויטע חסידים" וועלכע האָבן אין זייערע טענץ זיך אויסגעטאָן פון חומר און אַוועקגעשוועבט אין יענע הויכע הימלען פון דביקות אין וועלכער דער מענטש דערנענטערט זיך צו זיין באשעפער.

אַ צעטאַנצטער, אַ צעזונגענער, מיט פייער אין אַלע מיינע אברים האָב איך פון דעסטוועגן באַוויזן איינצורוימען משה בראָ-דערזאָנען וועמענס האַנט ס'איז געלעגן אויף מיין אַקסל.

— איר זעט בראָדערזאָן, אַזאַ טאַנץ, אַזאַ עכטע נישט געקינסטלטע פרייד האָט געפעלט אין דעם ערשטן פּראָגראַם פון אונדזער „אררט"...

***

ס'האָבן זיך געענדיקט די צוויי און אַ האַלב יאָר וואָס איך וואָלט געדאַרפט דינען אין מיליטער און וועלכע איך האָב, ווי דערמאָנט, געווידמעט דעם טעאַטער כדי זיך צו איבערצייגן צי איך האָב שאַנסן צו ווערן אַן אַקטיאָר. איצט איז די דאָזיקע דילעמע פאַר מיר מער נישט געשטאַנען. איך האָב שוין געוווּסט אַז עפעס אַנדערש ווי אַן אַקטיאָר וועל איך נישט זיין. איך האָב שוין, אגב, באַקומען אַ נאָמען, געוואָרן אַ ליבלינג ביים טעאַטער-עולם און פּאָפּולער צווישן גאָר ברייטע קרייזן. מיינע חברים פון ספּאָרט האָבן זיך צו מיר באַצויגן מיט דרך ארץ. איך האָב באַקומען נייע פריינד, שרייבער, מאָלער, אַקטיאָרן, אפילו די

געזעלשאַפטלעכע מנהיגים האָבן שוין געזוכט מיין געזעלשאַפט און צוזאַמען מיט די טעאַטער-רעצענזענטן אין די צייטונגען מיך געהאַלטן פאַר אַן אויפגייענדיקן שטערן.

אין מיין פריוואַטן לעבן איז פאָרגעקומען אַ גרויסער און דעצידירנדיקער שינוי. מיין טאַטע האָט בשום אופן נישט געוואָלט שלום מאַכן מיטן געדאַנק אַז איך זאָל ווערן אַן אַקטיאָר און ער האָט מיך ממש אַרויסגעטריבן פון שטוב. עס האָבן נישט געהאָלפן מיין מאַמעס געבעטן, אירע טרערן. דער טאַטע האָט זיך געהאַלטן פאַרעקשנט ביי זיינס: פאַר דער חרפה וואָס איך האָב אים אָנגעטאָן ביי דער משפחה איז נישטאָ קיין פאַרגעבונג, סיידן איך זאָל ווערן אויס אַקטיאָר און זיך צוריק נעמען צום שניידער-פאַך. דאָס האָט ער, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט ביי מיר פועלן.

ווען משה בראָדערזאָן האָט זיך דערוווּסט וועגן מיין סיטואַציע האָט ער אַן טענות און מענות געפסקנט אַז מהיום והלאה וועל איך וווינען ביי אים. אַזוי איז טאַקע געשען. כ'האָב זיך אַריינגעצויגן צו אים און דאָרט געוווינט אַ היפשע פאָר יאָר. די דאָזיקע יאָרן וואָס איך בין געווען אין בראָדערזאָנס נאָענטקייט האָבן געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף מיין לעבן. זיי האָבן מיך גייסטיק באַרייכערט און האָבן מיך אין די ענינים פון „קאָפּ-זאַכן" געשטעלט אויף די פיס.

בראָדערזאָן איז געווען אַן אינטערעסאַנטער שמועסער. זיינע וואָרט-שפּילן האָבן געהאַט אַ שם. ווען אין פוילן זענען געווען אין דער מאָדע די פאַרשידענע נייע „איזמען" האָט בראָדערזאָן געזאָגט: איז מען — איז מען, איז מען נישט, העלפן נישט קיין איזמען. ס'דערמאָנט זיך אַ פייערונג צום יובל פון אַ יידישן שרייבער. די פייערונג איז אויסגעפאַלן עפּעס נישט זייער געראָטן. האָט בראָדערזאָן שפּעטער געזאָגט אַז מען דאַרף דעם שרייבער „מנחם יובל זיין". בראָדערזאָן האָט געהאַט אַ געוואַלדיקן חוש

פּאַר ווערבאַליסטישן הומאָר. ווען עס איז געקומען צו סיטואַציע-הומאָר איז די זאַך שוין געווען אַ ביסל ערגער.

משה בראָדערזאָן איז געווען אַן עכטער באָהעם און דערצו אַ שטימונגס-מענטש. ער האָט געהאַט אין שטוב אַ הינטל און היות ער האָט דערפאַר נישט באַצאָלט די געפאָדערטע שטייערן, האָט מען אים געלייגט אַ סעקוועסטער אויף דער פּיאַנאָ. אַ יאָר צי צוויי פלעגט בראָדערזאָן זיך אויפהייבן יעדן אין דער פרי און דאָס סאַמע ערשטע אַוועקגיין אין שטייער-אַמט. דאָרט האָט ער דעם פּוילישן באַאַמטן דערציילט עפּעס אַ וויץ און יענער האָט אָפּגעלייגט די ליציטאַציע פון דער פּיאַנאָ אויף אַ טאָג שפּעטער. איין טאָג האָט בראָדערזאָן פאַרפעלט צו גיין צו דעם שטייער-באַאַמטן און דאַן האָט מען די פּיאַנאָ פאַרקויפט כדי צו דעקן די שטייערן פאַרן כלב.

ער פלעגט שרייבן, בראָדערזאָן, זייער גרינג, דער עיקר ביי-נאַכט ווען ער האָט זיך געלייגט אין בעט און אויסגעלאָשן דאָס ליכט. אויפן נאַכט-טישל פלעגן ליגן בייגעלעך ווייס פּאַפּיר וועלכע בראָדערזאָן האָט אין דער פינצטער פאַרשריבן מיט זיין גרויסער רויטער פולפעדער. ווען ער פלעגט אויפשטיין פלעגט ער פאַר מיר לייענען דאָס אָנגעשריבענע. איינמאָל, אין דער פרי, איך הער ווי בראָדערזאָן שילט זיך און דווקא אויף רוסיש. וואָס איז געשען? אין דער פולפעדער איז נישט געווען קיין טינט און ער האָט אַ גאַנצע נאַכט געשריבן מיט אַליידיקער פען. און גראָד האָט זיך מיר די נאַכט אַזוי גוט געשריבן — האָט ער זיך געקלאָגט.

ביי בראָדערזאָנען אין שטוב האָב איך זיך באַקענט מיט די גרעסטע יידישע שרייבער וואָס זענען געקומען קיין לאָדזש פון וואַרשע, ווילנע, צי פון אויסלאַנד. דאָרט האָב איך אויך געטראָפן יונגע שרייבער וועלכע ער האָט מקרב געווען און וועלכע זענען שפּעטער אויסגעוואַקסן. דאָרט האָב איך אויך באַקענט די גרעסטע

מיט מיין רויטער פּאַטשיילע (יאָר 1929)

יידישע אַקטיאָרן פון לאַנד און פון אויסלאַנד און בכלל אַ גאַנצע ריי פון אינטערעסאַנטע מענטשן וועלכע איך האָב אַזוי אַרום דערקענט פון דער נאָענט.

בראָדערזאָן האָט זיך זייער געחברט מיט מאָלער און וועגן זיי זעלטן ווען געלאָזט פאַלן אַ שלעכט וואָרט. וועגן שרייבער האָט ער אָפט געקענט בייטן די מיינונג, אָבער מיט אַ מאָס און אין באַשטימטע ראַמען. מיט אַקטיאָרן איז די זאַך געווען אַנדערש. זייער וואָגשאָל האָט זיך ביי אים געהוידעט אַרויף און אַראָפּ. אָט האָט ער געזען אַן אַקטיאָר אין אַ פּיעסע און געזאָגט אַז ער איז אַזוינס און אַזעלכעס און אין דריי טעג אַרום האָט ער אים געזען אין אַ צווייטער פּיעסע און געטענהט אַז ער איז אַ גאָרנישט שבענישט. אַז אַן אַקטיאָר איז אים נישט געפעלן האָט ער נישט געזאָגט אַז ער האָט נישט קיין טאַלאַנט, נאָר אַז ער האָט אַ סיפיליס. וויניקער ווי דאָס איז ביי אים נישט געווען. ער האָט אַמאָל געזאָלט אַנגאַזשירן אַ זינגערין פאַרן „אררט". פרעג איך אים: נו, איר האָט זי אַנגאַזשירט? ניין, זאָגט ער. פאַרוואָס? ערשטנס, ענטפערט ער, קען זי נישט זינגען און צווייטנס האָט זי אַ „סיפ"... פאַרוואָס ער האָט די מענטשן פון אַקטיאָרישן פאַך באַשענקט דווקא מיט אָט דער שרעקלעכער מחלה בין איך קיינמאָל נישט דערגאַנגען. דער אמת איז אַז ער האָט אויפן געביט פון טעאַטער אפשר געהאַט גרעסערע אַמביציעס ווי אויפן געביט פון דער דיכטונג...

ער איז געווען, בראָדערזאָן, אַ שטימונגס-מענטש און אָפט עקסטרעם אין זיינע מיינונגען, אָבער מען האָט אים גערן מוחל געווען אַלע זיינע שוואַכקייטן און אים ליב געהאַט פאַר זיין עספּרי, פאַר זיין הומאָר, פאַר זיין קענען זיך אָנצינדן און באַגייס-טערן אַנדערע. שליסלעך האָט מען געוווסט אַז ער איז אַ פּאָעט און צו פּאָעטן איז אַפילו זעאוס געווען לייטזעליק.

***

דאָס טעאַטער „אררט״ איז אַלט געוואָרן צוויי יאָר. דורך אָט די צוויי יאָר האָבן מיר געפּאָקט און געמאָזלט און דורכגעמאַכט אַלע קינדער־קרענק פון אַ יונג טעאַטער. מיר האָבן ווי ס'איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע, כסדר געהאַנדלט מיט „איזמען״, איין „איזם״ אַריין, אַ צווייטער „איזם״ אַרויס. פוטוריזם, עקס־פּרעסיאָניזם, נאַטוראַליזם, רעאַליזם. מיר האָבן געגעבן דעם צושויער גרינע בערד, בלויע הויזן, געלע קאַפּאָטעס. מיר זענען געקראָכן אויף לייטערס, געשפּרונגען איבער טישן, געמאַכט קאַרק־ברעכערישע קאָזשעליקעס, נישט גערעדט, נישט באַוועגט זיך נאָרמאַל, נאָר אַלץ עפּעס קאַפּויער. און אויף יעדן וואָרט — אַ פּוד מימיק, יעדן זאַץ באַגלייט מיט טויזנט משוגענע באַוועגונגען. דער רעזולטאַט? מיט די אַלע אויסגעטראַכטע בינע־עפעקטן איז אונ־דזער לאַגע געווען נישט עפּעקטפול. די פּרעסע האָט אונדז געלויבט, פּאָרזיכטיק, אָבער די קאַסע איז געווען שווינדזיכטיק...

מיר האָבן טאַקע זיך געהאַט פאַרשווירן, ביים גרינדן אונדזער טעאַטער, אַז מיר וועלן נישט לייגן קיין אַכט אויף דעם קאַסע־פענצטערל. דאָך האָט מיך גענומען עגבערן די פראַגע: וואָס געשעט דאָ? לאָדזש פאַרמאָגט אַ גוטן טעאַטער־עולם. פאַרוואָס קומט ער נישט צו אונדז? פאַרוואָס קומט איצט דער עולם צו אונדז ווייניקער ווי ביי די ערשטע פּראָגראַמען? זאָל דאָס אַמאָל נישט זיין קיין סימן אַז מיר האָבן דעם צושויער אַנטוישט? אַז מיר זענען אַראָפּ פון דעם וועג אויף וועלכן מיר האָבן געדאַרפט גיין?

די לעצטע צייט האָב איך זיך אַלץ געטראָפן מיט מענטשן פון אַ באַשטימטן קרייז, געווען פאַרנומען מיט פּראָבן, נאָך דער פאָרשטעלונג פאַרבראַכט מיט שרייבער, מיט אַקטיאָרן. מיט פּשוטע יידן, טעאַטער־גייערס האָב איך נישט געהאַט קיין קאָנטאַקט. האָב איך דעריבער באַשלאָסן זיך אַרויסלאָזן אין גאַס, כדי אויס־צוקלאָרן דאָס רעטעניש וואָס האָט מיך געמאַטערט.

אין אַ שיינעם העלן טאָג האָב איך זיך דערזען ביים טויער אויף פּיעטריקאָווער 38, דאָס הויז וווּ עס האָט זיך געפונען דער וואַרשטאַט פון מיין מייסטער מילנער. כ׳האָב זיך געשלאָגן מיט דער דעה און דאָך באַשלאָסן אַרויפצוגיין צו מיין מייסטער כדי זיך צו זען מיט מיין אַמאָליקער חברה, די שניידער־געזעלן.

די חברה האָט מיך אויפגענומען מיט אַ שמחה ווי איך וואָלט זיי געבראַכט דאָס גרויסע געווינס. זעסט, האָט איינער געשריגן צום אַנדערן, ער האָט אין אונדז נישט פאַרגעסן. באַלד האָבן אָנגעהויבן פליען ווערטלעך, חכמהלעך. איינער האָט מיר פאַר־געלייגט כ׳זאָל זיך אַוועקזעצן ביי דער מאַשין. גלייב מיר, האָט ער געזאָגט, וועסט ביי אונדז אַרבעטן לייכטער און וועסט פאַרדינען מער ווי אין טעאַטער. אַ צווייטער האָט זיך פאַר מיר אָנגענומען, געזאָגט אַז אויב כ׳האָב זיך אָפּגעריסן פון מיינע קינסטלער כדי צו באַזוכן אַלטע קאָלעגן איז... איז נישט קיין גוטער סימן, האָט אַ דריטער אונטערגעכאַפּט. ווען די חברה האָט שוין זיך געהאַט אַ ביסל אויסגעטומלט האָב איך זיי געפרעגט צי זיי זענען געווען אין „אררט" און געזען אונדזערע פאָרשטעלונגען? אַז איך האָב געקריגן אַ פּאָזיטיוון ענטפער האָב איך ערנסט געזאָגט: נו, אויב אַזוי וויל איך הערן אייער מיינונג, אָבער זאָגט דעם אמת, אָן חניפה, שניידט ווי אין קרויט.

חברה האָבן זיך איבערגעקוקט. דאַן האָט דער פּרעסער אַוועקגעשטעלט ס׳פּרעס־אייזן, די מאַשינערס האָבן אָפּגעשטעלט די מאַשינען און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן אייגנאַרטיקער טעאַטער־סימפּאָזיום אין שניידער־וואַרשטאַט.

ווי אין יעדן סימפּאָזיום האָט מען אויך דאָ אַרויסגעבראַכט פאַרשידענע מיינונגען. איין מיינונג איז געווען אַז אויב מיר ווילן עפּעס מתקן זיין מיט אונדזער טעאַטער דאַרפן מיר זיין אַ טעאַטער פאַרן אַרבעטער־קלאַס און וועקן צו סאָציאַלן קאַמף. אַ צווייטער

האָט געהאַלטן אַז דאָס איז אַ געפערלעכער וועג ווייל די פּאָליציי און די צענזור וועלן אונדז דערשטיקן. דעריבער דאַרפן מיר זיך האַלטן ווייט פון פּאָליטיק. אַ דריטער האָט געטענהט אַז מיר דאַרפן דערציען דעם עולם צו קונסט. אַלע האָבן אָבער מסכים געווען אַז מיר דאַרפן זיין אַ טעאַטער וואָס איז אַנדערש ווי די אַלע אַנדערע יידישע טעאַטערן און דער עיקר — מיר דאַרפן וויסן וואָס מיר ווילן, ווייל ווי עס זעט אויס ווייסן מיר אַליין אויך נישט וואָס מיר ווילן און פאַרוואָס מיר שפּילן אַזוי און נישט אַנדערש.

— שמאי, געשוואָלן זאָלסטו ווערן ווי אַן איבערבעט, האָט זיך פּלוצים דערהערט די שטימע פון מיין געוועזענעם מייסטער, מילנער, וואָס איז אַקוראַט אַנגעקומען און זיך אַ לענגערע ווייל צוגעהערט צו די אַלע רייד, אַן דעם אַז מיר זאָלן אים באַמערקן. נאָך דער קללה איז ער גלייך אַריבער צו עיקר: אויף אייערע זאַגראַניטשנע ווערטער „עקספּערימענטאַל", „אַוואַנגאַרד" בין איך נישט קיין מבין. אָבער זאָג מיר נאָר שמאי, דאָ ביי מיר אין דער ווערקשטעל ביסטו געווען אַ גאַנצער קאָמיקער, מען האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון דיינע ווערטלעך און פון דיינע נאָכמאַ-כעכצער. וואָסזשע ביסטו מיר עפּעס געוואָרן אין טעאַטער אַ טענ-צער, אַ זינגער מיט גימנאַסטיק? אַז אַ ייד קומט אין טעאַטער אַריין וויל ער פאַרגעסן די צרות. ער וויל אַ ביסל פרייד. זאָל זיין, ווי איר זאָגט, „קונץ", אָבער „קונץ" טאָר נישט זיין פריילעך? ביי קונץ מוזן די אַקטיאָרן אַרומגיין אויף דער בינע ווי אויף אַ לוויה? פאָלג מיך שמאי, שפּילט ווי מענטשן, רעדט ווי מענטשן, זינגט ווי מענטשן. גיט דעם עולם אַ ביסל פרייד. זאָל זיך דער ייד וואָס קומט צו אייך קענען אַ ביסל אויסלאַכן פון זיינע צרות. נו גוט, איר ווילט קונץ, זאָל זיין קונץ אויך, אָבער מיט יאַנדעס, מיט מענטשלעכקייט, גייט אַריין אין דער פּאָלאַזשעניע פון דעם פּשוטן

ייד און האָט אים נישט אין קאָפּ מיט דער „כערעגראַפיע" און מיט די אַלע אַנדערע קאַלימאַניעגראַפיעס אייערע.

ס'האָט מיר אָנגעהויבן עפּעס קלאָר ווערן און נאָך דעם ווי איך האָב אין משך פון אַ צייט אַזוי אַרום אויסגעפאָרשט ביי די לאָדזשער יידישע טעאַטער-גייער זייער מיינונג וועגן אונדזער טעאַטער האָב איך באַקומען אַ בילד וועגן דעם וואָס מיר דאַרפן אויף להבא טאָן כדי אַרויפצוגיין אויף דעם וועג אויף וועלכן אַזאַ טעאַטער ווי אונדזערס דאַרף גיין.

*****

אין דעם דריטן אררט-יאָר, אין דעם יאָר 1930, זענען אין אונדזער טעאַטער פאָרגעקומען וועזנטלעכע ענדערונגען. מיר האָבן פאַרוואָרפן די אַלע מאָדנע „איזמען" און אָנגעהויבן שטעלן דעם טראָפּ אויף דעם אַקטיאָרישן שפּיל און אַזוי אַרום געעפנט אַ וועג פאַר די טאַלאַנטירטע יחידים וועלכע פלעגן ביז איצט פאַרלוירן ווערן אין די קאָלעקטיווע מאַסן-סצענעס ווו אַלע יוונים האָבן געהאַט איין פּנים. בראָדערזאָן אַליין וואָס איז פריער געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון די מאַסן-סצענעס אין וועלכע מען האָט דעם שוישפּילער נישט אַרויסגעזען האָט איצט גענומען טענהן אַז טעאַטער — דאָס איז דער אַקטיאָר און אַז אַלץ אין טעאַטער דאַרף צילן צו דעם אַז דער אַקטיאָר — די נשמה פון דער בינע — זאָל זיך קענען אַנטפּלעקן. דער אַקצענט איז, בכן, געלייגט געוואָרן, שוין נישט ווי פריער אויף די אויסטערלישע דעקאָראַציעס, משונה-מאָדנע קאָסטיומען און כאָראַלע דעקלאַמאַציעס, נאָר אויף דעם שפּיל פון די אַקטיאָרן, אויף זייער אינדיווידואַליטעט און פּער-זענלעכקייט.

די גאַנצע צייט וואָס דער „אררט" האָט עקזיסטירט איז דער שוישפּילערישער עלעמענט געווען אַ פּליסיקער. אַ סך זענען אַוועק,

אַנדערע זענען צוגעקומען און געבליבן איז נאָר אַ קליינער קערן וואָס אויף אים האָט זיך געשטיצט די פּערמאַנענטקייט פון טעאַטער. מיט דער נייער ווענדונג אין „אררט״, אין יאָר 1930, האָט זיך אויך צווישן אָט דעם קערן באַוויזן אַ שפּאַלט. טייל האָבן געהאַלטן אַז דער נייער וועג איז דער ריכטיקער און טייל זענען געווען קעגן דעם דאָזיקן נייעם וועג. געזיגט האָבן די ערשטע און דאָס טעאַטער איז אַקטיאָריש רעאָרגאַניזירט געוואָרן. עס זענען אַוועק די דאָזיקע וואָס האָבן דערשפּירט אַז פּנים אל פּנים מיטן עולם האָבן זיי אַקטיאָריש נישט קיין שאַנסן אויסצונעמען און אויף זייער אָרט זענען צוגעקומען נייע אַקטיאָרן, מיט אייגענע פּנימער און מיט מיטלען און פעאיקייטן וועלכע זענען געווען אַ ברכה פאַר דער בינע.

צוזאַמען מיט דער שיטה פון שפּילן האָט זיך אויך געביטן דער צוגאַנג צום רעפּערטואַר. דאָס טעאַטער האָט גענומען שטעלן אויף הומאָר, אויף אַקטועלער סאַטירע, אויף סקעטשן און בילדער וועלכע זענען נאָענט געווען צו דער רעאַליטעט אין וועלכער די יידן אין פּוילן האָבן געלעבט. צוזאַמען מיט די פאָלקסטימלעכע לידער וועלכע מיר האָבן אינסצעניזירט און סטיליזירט, האָט בראָ-דערזאָן אויך געשאַפן פיל פערלדיקע מוזיקאַלישע נומערן פון יידישן שטייגער. מיר האָבן אויך אַריינגעבראַכט אין אונדזער פּראָגראַם אַ רעווי-עלעמענט און דאָס זענען געווען די יידישע טאַנגאָס וועלכע האָבן געהאַט אין זיך, אי ראָמאַנטיק, אי גראָטעסק. די דאָזיקע לידער געזונגען אין סאָלאָ, אָדער אין דועטן, טריאָס און קוואַרטעטן, זענען גיך געוואָרן שלאַגערס און מען האָט זיי געהערט נאָכזינגען אין אַלע וואַרשטאַטן, אויף אַלע היימישע שׂמחות און יידישע קלעזמערס האָבן זיי אפילו געשפּילט אויף חתונהס. דער „אררט״ האָט אויף אַן אמת גענומען ווערן פּאָפּולער. די וויצן און ווערטלעך פון די מאָנאָלאָגן און סקעטשן האָט מען איצט נאָכגעזאָגט אין פאַרשידענע קרייזן און פון אונדזערע חכמות

האָבן געלאַכט סיי די אינטעליגענטן, סיי די פּשוטע עמך-מענטשן פון לאָדזש.

נאָך אַ נייעס האָבן מיר דעמאָלט אַריינגעבראַכט אין אונדזער טעאַטער: מיר האָבן גענומען רעדן מיטן לאָדזשער דיאַלעקט און דאָס האָט גאָר שטאַרק דערנענטערט צו אונדז דעם עולם.

איך האָב מיין געהעריקע פּאָזיציע אין „אררט״ פאַרנומען פון ערשטן טאָג אָן זייט דאָס טעאַטער האָט עקזיסטירט, אָבער אויף אַן אמת פּאָפּולער און באַליבט ביים ברייטן עולם האָב איך אָנגע-הויבן ווערן נאָך אָט דער איבערגעשטאַלטיקונג פון אונדזער טעאַטער. ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט אַז געשעפטן האָבן זיך גענומען רייסן אַז איך זאָל אויף אַ וואָסער עס איז אופן דערמאָנען זייערע סחורות אין מיין מאָנאָלאָג. פאַר אָנרופן, אַזוי ווי צופעליק, דעם נאָמען פון אַ געוויסער שיך-פירמע האָב איך געטראָגן די שענסטע און די בעסטע שיך. איך האָב אויך נאָר גענדאַרפט אַ זאָג טאָן עפּעס וועגן אַ באַוווּסטער קראַוואַטן-פירמע כדי צו זיין באַזאָרגט מיט די שענסטע און טייערסטע שניפּסן.

דערמאָנט זיך מיר טאַקע אַ קוריאָז. צוויי היטן-פירמעס קאַפּע-לושניק און אַבראַמאָוויטש, האָבן ביי מיר געהאַט געפּועלט אַז איך זאָל מאַכן אומאָפּיציעלע רעקלאַמע זייערע היטן. איך האָב גענדאַרפט איינמאָל דערמאָנען אַז קאַפּעלושניק האָט היקעל-היטן און אַ צווייט מאָל אַז אַבראַמאָוויטש האָט היטן פון דער פירמע האַביג. דאָס איז געווען גענוג פאַר די היטן-געשעפטן און דערפאַר האָב איך באַקומען צו צוויי היטן פון יעדער פירמע. מסתמא האָבן די באַלעבאַטים געוווּסט אַז זיי פּטרן נישט קיין געלט אומזיסט און אַז דער ענין לוינט זיי.

איינמאָל ברענגט מען מיר הינטער די קוליסן אַרונטער צוויי היטן מיט אַ צעטעלע „איך געפין זיך אין זאַל. קאַפּעלושניק״. איך שטיי אויף דער בינע, זאָג מיין מאָנאָלאָג און זוך אַן אָרט ווו

אַריינצושטעלן אַ וויץ וועגן קאַפּעלושניקס היקעל-היטן. אָבער מעשה שׂטן רוף איך אויס: „איך האָב ביי אַבראַמאָוויטשן געקויפט אַ האַביג-היט און...״ באַלד האָב איך זיך געכאַפּט אויף מיין טעות, אָבער ס׳איז שוין געווען צו שפּעט. אַ וואָרט איז שווער צוריק-צוכאַפּן.

ביי דער פּויזע קומט קאַפּעלושניק הינטער די קוליסן און איידער ער הייבט אָן עפּעס רעדן, זאָג איך: זייט מוחל, מיין טעות — מיין היזק. נעמט אייך צוריק די היטן. אָבער קאַפּעלושניק וויל נישט הערן דערפון. פאַניע דזשיגאַן, זאָגט ער, כ׳בין אויף אייך נישט ברוגז. שאַט, ווייסט איר וואָס? כ׳מאַך מיט אייך אַן אַנדער געשעפט, איר קריגט די צוויי היטן מיט אַ צולייג פון היטן פאַר אַלע אַקטיאָרן, נאָר מאַכט דאָס זעלביקע מיט אַבראַמאָוויטשן. כך הווה: ווען אַבראַמאָוויטש איז דאָס נאָענטסטע מאָל געווען אין טעאַטער האָב איך ווי קיינמאָל גאָרנישט דערציילט אַז איך בין געווען אין דעם היטן-געשעפט פון קאַפּעלושניקן און דאָרט געקויפט אַ היקל-הוט. אָבער מיט אַבראַמאָוויטשן איז עס מיר שוין נישט אָפּגעגאַנגען אַזוי גלאַטיק, ווייל ווי ער האָט געהערט אַז איך רעקלאַמיר זיין קאָנקורענט אַנשטאָט אים, האָט ער נעבעך געמאַכט אַזאַ חלש אַז מען האָט געמוזט איבערייסן די פאָרשטעלונג און אַרויסרופן צו אים די גיכע הילף.

***

אַלץ איז געווען גוט און ווויל. אונדזער נייער און באַנייטער פּראָגראַם האָט געהאַט גרויס דערפאָלג און דאָס נישט בלויז, ווי מען זאָגט, מאָראַלישן, נאָר אויך מאַטעריעלן. ס׳ערשטע מאָל האָבן די אַקטיאָרן באַקומען אויסגעצאָלט ווי עס פּירט זיך ביי לייטן און אין קאַסע פון טעאַטער איז נאָך געבליבן אַ היפּשע סומע געלט ווי אַן אייזערנער פאָנד אויף ווייטערדיקע אויפפירונגען.

האָט אָבער דער שׂטן מקטרג געווען און אויף אונדז אָנגעשיקט

דעם באַרימטן רעזשיסאָר דוד הערמאַן וועלכער האָט איינגערעדט בראָדערזאָנען אַז ער זאָל אין „אררט" אויפפירן אָסיפּ דימאָווס פּיעסע „בראָנקס-עקספּרעס". בראָדערזאָן האָט צו דער פּיעסע צוגעשריבן אַ סך לידער און דוד הערמאַן האָט זיך געשטעלט רעזשיסירן. מיר, די אַקטיאָרן, זענען פון דעם עסק נישט געווען שטאַרק צופרידן, געזען אַז דאָ גרייט זיך אויף אַ גרויסער בראָך, אָבער דרך ארץ פאַר הערמאַנען און בראָדערזאָנען איז געווען, האָט מען געשוויגן און פּרובירט.

דוד הערמאַן האָט געהאַט „שיטערע פינגער". ער האָט באַשטעלט דעקאָראַציעס מיט אַזעלכע קאָנסטרוקציעס וואָס וואָלטן בדלת געשטעלט אַ מלוכהש טעאַטער. ער האָט אינסטאַלירט פּראָ-זשעקטאָרן און מיני-מאָדנע מאַשינען צו וואַרפן ליכט-עפעקטן וואָס האָבן קורחן געקענט מאַכן פאַר אַן אָרימאַן. אַליין האָט ער אויף אונדזער חשבון געוווינט אין דעם טייערסטן האָטעל, געגעסן אין די בעסטע רעסטאָראַנען, אַזוי אַז גאָר גיך איז פון אונדזער געלט-רעזערוו אפילו קיין צייכן נישט געבליבן און משה בראָדער-זאָן האָט נאָך געמוזט שרייבן וועקסעלעך פאַר קאָסטיומען און אַנדערע רעקוויזיט-שמאָכטעס, כדי די פּרעמיערע זאָל שוין ענדלעך קענען פאָרקומען.

דאָס וואָס ס'איז געשען מיט דער דאָזיקער פּרעמיערע איז נאָך נישט פאָרגעקומען אין דער גאַנצער געשיכטע פון יידישן טעאַטער. נאָכן ערשטן אַקט האָבן מיר געהערט ווי אויפן זאָל איז עפּעס זייער טומלדיק, אָבער מיר האָבן נישט געוווּסט וואָס דאָרט קומט פאָר. ערשט ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן צום צווייטן אַקט האָבן מיר דערזען פאַר זיך אַן אויפגעברויזטן עולם וואָס איז נישט געזעסן, נאָר געשטאַנען. באַלד האָבן זיך דערהערט די ערשטע געשרייען: „מיר ווילן אררט! מיר ווילן בראָדערזאָנען! זאָל הערמאַן גיין צו דער ווילנער טרופּע"! אָבער מיט דעם האָט

עס זיך נישט געענדיקט. דער עולם איז געוואָרן וואָס אַמאָל ווילדער און אָט האָבן זיך אַ צענדליק צושויער אַרויפגעדראַפּעט אויף דער נישט הויכער בינע און דאָרט געמאַכט דעם אמתן פּאָגראָם: צעהאַקט די דעקאָראַציעס, צעבראָכן די רעפלעקטאָרן און צעטריבן די אַקטיאָרן. פאַרשטייט זיך אַז פון שפּילן דעם צווייטן אַקט איז שוין קיין רייד נישט געווען. הערמאַנס „בראָנקס עקספּרעס" איז שוין ווייטער נישט געפאָרן.

דוד הערמאַן איז די זעלביקע נאַכט אַנטלאָפן פון לאָדזש. פון דער גאַנצער פאַרשטעלונג איז געבליבן איין טאַנגאָ וואָס ווערט ביזן היינטיקן טאָג געזונגען דורך יידישע אַקטיאָרן איבער דער גאָרער וועלט. קיינער ווייסט נישט פון וואַנען דאָס ליד שטאַמט און קיינער האָט נישט קיין אַנונג וויפל עס האָט נעבעך געקאָסט...

***

צומאָרגנס נאָך דער פאַגראָמירטער פאָרשטעלונג האָבן מיר צונויפגערופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון קאָלעקטיוו. בראָדערזאָן האָט זיך געשלאָגן על חטא, אויסגעגאָסן די גאַנצע באָד אויף דוד הערמאַנען וואָס קאָן „מיט זיינע סטערילע טעאַטער-קאָנצעפּציעס חרוב מאַכן אַ וועלט". ער האָט געמאַכט אַ סך הכל פון אונדזער לאַגע. אונדזער לאַגע, דאָס איז קלאָר, איז געווען זייער אַ ביטערע. כדי צו שטעלן אַ נייעם אררט-פּראָגראַם האָט מען געדאַרפט צייט און געלט. קיין געלט איז נישט געווען און חוץ דעם איז נישט געווען ביי קיינעם קיין געמיט צו צוטרעטן צו דער אַרבעט נאָך אַזאַ קנאַקנדיקן דורכפאַל.

גראָד אין אָט דער געדריקטער שטימונג, ווען קיינעם האָט זיך אפילו נישט געגלוסט צו רעדן, האָב איך גענומען אַ וואָרט און מיט עפּעס אַ מין אינערלעכער זיכערקייט גענומען טרייסטן דעם עולם. איך האָב גערופן מיינע חברים נישט צו פאַרלירן דעם מוט,

געטענהט אַז אין טעאַטער זענען דורכפֿאַלן אַ נאָרמאַלע זאַך, אַמאָל איז מען אויפֿן פֿערד און אַמאָל אונטערן פֿערד. אמת, זיך שטעלן שפּילן אין לאָדזש איז איצט נישט די צייט, אָבער מיר האָבן דאָך אַן אוצר פֿון בינע-רעפּערטואַר וואָס די יידישע וועלט, מחוץ לאָדזש, האָט אים נאָך נישט געזען. הייסט עס אַז מיר דאַרפֿן איצט נישט זוכן קיין נייעם רעפּערטואַר, קיין נייע פּראָגראַמען, נאָר מיר דאַרפֿן זוכן נייע צושויער. אונדזער אַמביציע דאַרף דעריבער זיין צו שפּילן אין וואַרשע. וואַרשע איז דאָס טויער און דאָס פֿענצטער צו דער יידישער וועלט. דאָ, אין לאָדזש, וויקן מיר זיך אין היימישן ראָסל, דאָ זענען מיר באַרימט, אָבער דרייסיק קילאָמעטער פֿון לאָדזש ווייסט מען נישט פֿון אונדז, ווייל די לאָדזשער פּרעסע לייענט מען בלויז אין לאָדזש. עפּעס אַנדערש איז וואַרשע. אויב מיר וועלן שפּילן אין וואַרשע וועלן מיר באַקאַנט ווערן אין גאַנץ פּוילן און עס וועט זיך פֿאַר אונדז ערשט עפֿענען אַ וועלט.

מיינע רייד האָבן אַלעמען אויפֿגעמונטערט. עס האָבן זיך צוריק באַוויזן פֿייערלעך אין די אויגן און די אָנגעצונדענע האָפֿענונג האָט ווידער אויפֿגעשיינט אויף אַלעמענס פּנימער.

אין צוויי טעג אַרום איז משה בראָדערזאָן אַרויסגעפֿאָרן קיין וואַרשע כּדי דאָרט צו אַראַנזשירן אונדזערע גאַסטשפּילן.

⁂

מיט אונדזער שפּילן אין וואַרשע איז אָבער די זאַך נישט געווען אַזוי פּשוט. בראָדערזאָן האָט אָנגעטראָפֿן אויף גרויסע שוועריקייטן מצד דעם יידישן אַקטיאָרן-פֿאַריין וועלכער איז געווען קעגן דעם אַז מיר זאָלן דאָרט אויפֿטרעטן דערפֿאַר וואָס מיר זענען נישט קיין פּראָפֿעסיאָנעלע אַקטיאָרן און געהערן נישט צום פֿאַריין.

מיר האָבן געוווּסט אַז דער אַקטיאָרן-פֿאַריין מאַכט אונדז

שוועריקייטן ווייל אין זיין פאַרוואַלטונג האָבן זיך געפונען עטלעכע יידישע אַקטיאָרן וואָס האָבן אין וואַרשע אַליין געשפּילט רעווי-פּראָגראַמען. אָבער פון דעם וויסן זענען מיר נישט געהאָלפן געוואָרן. דער אַקטיאָרן-פאַריין האָט זיך געהאַלטן פעסט ביי דאָס זייניקע אַז קודם כל זאָלן מיר אָפּגעבן עקזאַמענס כדי אָנגענומען צו ווערן אַלס מיטגלידער אין פאַריין און ערשט דאַן ווען מיר וועלן ווערן מיטגלידער וועלן מיר קענען שפּילן אין וואַרשע, פאַרשטייט זיך, אויב דער פאַריין וועט האַלטן אַז דאָס איז מעגלעך.

נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען ביי וועלכע בראָדערזאָן האָט אויף אונדזער צד אַנגאַזשירט אַ ריי באַוווּסטע שרייבער און קולטור-מענטשן, האָבן מיר ענדלעך אויסגעפועלט אַז מיר זאָלן מעגן שפּילן אין וואַרשע אַ קורצע צייט און אין משך פון דער צייט זאָלן מיר אָפּגעבן עקזאַמענס כדי צו ווערן פאַריינס-מיטגלידער.

מען האָט אונדז דערלויבט צו שפּילן אין חודש אויגוסט, דער ערגסטער חודש פאַרן יידישן טעאַטער, ווייל דער עולם צעפאָרט זיך דעמאָלט אויף דאַטשע. שפּילן האָבן מיר געדאַרפט אין טעאַטער „סקאַלאַ” וואָס האָט זיך געפונען אין אַ געגנט וווּ דער אינטעליגענטער עולם איז נישט געקומען. דאָך האָבן מיר אָנגענומען די אַלע באַדינגונגען און מיט גרויס חשק זיך געגרייט צו די ערשטע אויפטריטן אין דער פּוילישער הויפּט-שטאָט.

די פּרעמיערע איז געווען זייער פייערלעך. דער דירעקטאָר ריבאַ, צוזאַמען מיט זיינע שותפים, די אַקטיאָרן, משה ליפּמאַן און סאַנדלער זענען געווען אָנגעטאָן גאַלאַ-מעסיק און משה בראָ-דערזאָן האָט אויפגענומען די חשובע געסט אין אַ שוואַרצן סמאָ-קינג מיטן מאָנאָקל אין אויג. די עליטע פון יידישן וואַרשע איז געקומען ווי צו אַ יום-טוב -פּאַראַד, מחמת די וואַרשעווער יידישע פּרעסע האָט דורך אירע אָנגעזעענסטע שרייבער אונדז געווידמעט עטלעכע אַרטיקלען „אויף קרעדיט”. פון לאָדזש זענען געקומען

עטלעכע מיטגלידער פון אונדזער טעאַטער-קאָמיטעט און אויך אַ ריי חסידים פון „ארדט". זיי האָבן זיך געוויצלט: מיר זענען געקומען אויף דעם מאַטש: לאָדזש—וואַרשע.

אונדזערע אויפטריטן אין וואַרשע זענען געוואָרן אַ רעוואָ-לאַציע.

פאַר מיר פערזענלעך זענען די אויפטריטן אין וואַרשע געווען אַ ווענד-פונקט אין מיין קינסטלערישער קאַריערע. שוין ביי דער פרעמיערע האָבן זיך מיינע אַמביציעס אָנגעצונדן און איך האָב צו זיך געזאָגט: שמעון, ווייז וואָס דו קענסט. דו מוזט זיין בעסער ווי גוט, דו מוזט דערגיין צום שפיץ. איך האָב עס דערגרייכט באַלד מיט מיין ערשטן מאָנאָלאָג. זאָגנדיק מיין מאָנאָלאָג האָב איך דערפילט אַז איך הערש איבער דעם עולם און קאָנצענטריר אויף זיך זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. נאָך מער: איך האָב גענומען מאַכן אימפּראָוויזירטע דיגרעסיעס פונעם טעקסט און געשפּירט אַז איך האָב אָנגעבונדן מיטן צושויער אַן אוממיטלבאַרן קאָנ-טאַקט. זיי פאַרגעסן אַז זיי זענען אין טעאַטער און זיי וויסן נישט צי איך מאַך פון זיי חוזק צי איך מאַך חוזק פון מיר. ערשט אַז איך האָב פאַרענדיקט מיין מאָנאָלאָג און בין אַרונטער הינטער דער פאָרהאַנג, לאָזנדיק פאַר דער פאָרהאַנג נאָך אַ ווייל פאָבען מיין רויטע פאַטשיילע, האָט זיך דערהערט אַן אַפּלאָז וואָס האָט ממש צעטראָגן די ווענט פון טעאַטער-זאַל. די בראַוואָ-פאַטשערייען, די אויסרופן האָבן זיך גאַרנישט געוואָלט איינשטילן. כ'האָב געקענט פאַראַפראַזירן דאָס באַרימטע ווערטל „געקומען, געזען, געזיגט" אויף „געקומען, געשפּילט, געזיגט".

ביזן היינטיקן טאָג אַז איך טרעף וואַרשעווער זאָגן זיי: יאָך געדענק דזשיגאַן מיט דער רויטער פאַטשיילע. די רויטע פאַטשיילע דאָס קליינע יידישע היטעלע און די לאַנגע קאַפּאָטע זענען געוואָרן מיינע עמבלעמען, מיין „טרייד-מאַרקע" מיט וועלכע איך האָב

זיך געשיידט ערשט נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

וואַרשעווער פון יענע צייטן געדענקען נאָך ביז היינט מיין ערשטן מאָנאָלאָג „צרות פון יאָ-יאָ״. יאָ-יאָ איז געווען אַ יאַפּאַנישע שפּיל וואָס האָט אויף אַ צייט פאַרכאַפּט אַ האַלבע וועלט. ווו מען איז געקומען האָט מען געזען ווי יונג און אַלט וואַרפן דאָס באַלעמל, אָנגעצויגן אויף אַ גומי-פּאָדעם, אַרויף און אַראָפּ. אַז איך האָב זיך באַוויזן אויף דער בינע, אַ ייד מיט אַ בערדל, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, מיט אַ קליין קיילעכדיק היטל אויפן קאָפּ, די רויטע פּאַטשיילע פאַרשטעקט אין גאַרטל, און האָב גענומען וואַרפן דעם יאָ-יאָ-באַלעמל אַרויף און אַראָפּ האָב איך שוין גאָרנישט געדאַרפט זאָגן, ווייל דער עולם האָט באַלד געקייכט פון געלעכטער. דערנאָך האָב איך דערציילט דעם עולם אַז איך לייג תפילין מיט יאָ-יאָ און פאַר זיי אַנטבלויזט מיין לינקע האַנט ווו מיט שוואַרצער גומי, ווי אַ רצועה איז געווען צוגעבונדן אַ יאָ-יאָ-באַלעמל. כ׳האָב געוואָלט זען ווי שפּעט ס׳איז און האָב פון וועסטל-טאַש אַרויסגעצויגן אַ יאָ-יאָ וואָס איז געהאָנגען אויף אַ גאָלדן קייטעלע. מיין ווייב האָב איך געזאָגט, לייגט אַריין אין טשאָלנט, אָנשטאָט קאַרטאָפל, יאָ-יאָ. מיין טאָכטער האָט געבוירן אַ צווילינג: צוויי יאָ-יאָס און מיינער אַ שוואָגער קען נישט האָבן קיין קינדער ווייל דער יאָ-יאָ איז ביי אים לא עליכמדיק...

אונדזער דערפאָלג האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די רעצענזיעס וואָס האָבן זיך באַוויזן אין די וואַרשעווער יידישע בלעטער. מען האָט געשריבן וועגן אונדזער פאַרשטעלונג און וועגן אונדזער שפּילן מיט התפעלות, מיט סופּערלאַטיוון וואָס אַזעלכע האָבן מיר ביז דעמאָלט נאָך נישט געהערט. וואָס שייך מיר גופא האָב איך זיך אוודאי נישט געהאַט וואָס צו באַקלאָגן: מען האָט מיר

אַרויסגעהויבן ביז צום שפּיץ, אַזוי אַז אַלע פריינד האָבן צו מיר געטענהט: דזשיגאָן, ביסט אַ געמאַכטער מענטש.

***

בעתן שפּילן האָבן מיר אָפּגעגעבן אונדזערע עקזאַמענס אויף צו ווערן מיטגלידער פון אַקטיאָרן-פאַריין. דער ענין איז אונדז נישט שווער אָנגעקומען. מיר האָבן אַ ביסל צוגעהאָרעוועט ביי די טעאָ-רעטישע קעגנשטאַנדן און געענטפערט גענוג פּינקטלעך אויף די פראַגן וועגן ליטעראַטור, געשיכטע, געשיכטע פון יידישן טעאַטער וכדומה. די אַלע זאַכן האָבן מיר גענוג געלערנט אין דער סטודיע און געווען מיט זיי באַקאַנט אויך פון אַנדערע קוועלן. מיר האָבן די עקזאַמענס אויסגעהאַלטן.

עס געדענקט זיך איין קוריאָז. אין אונדזער טעאַטער איז געווען אַן אַקטיאָר מיטן נאָמען מאָטל קאָן. גערופן האָט מען אים „דער גראָבער קאָפּ״. קיין גרויסע פּאָזיציע אַלס אַקטיאָר האָט ער נישט פאַרנומען, אָבער ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט טעכנישער אַרבעט אויף דער בינע, מיט דער אַדמיניסטראַציע אאַ״וו. אָט דער מאָטל קאָן האָט זיך אויך געשטעלט צום עקזאַמען און די ערשטע פראַגע וואָס מען האָט אים געשטעלט אויפן טעאָרעטישן עקזאַמען איז געווען: ווער איז געווען ישראל אַקסענפעלד? אין דער עקזאַמינירן-קאָמיסיע זענען געזעסן אַקטיאָרן און שרייבער, צווישן זיי: שלמה מענדעלסאָן, ד״ר יצחק שיפּער, ד״ר ווייכערט און אַנדערע. ווען שלמה מענדעלסאָן האָט געפרעגט קאָנען די פראַגע ווער ס׳איז געווען אַקסענפעלד, דער מחבר פון דער משכּילישער אַנטי-חסידישער פּיעסע „דאָס שטערנטיכל״, זענען מיר זיכער געווען אַז קאָן וועט נישט וויסן וואָס צו ענטפערן. מאָטל קאָן האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן און מיט ברען גענומען רעדן: אָ, אַקסענפעלד, אַ גרויסע פיגור... אַ וויכטיקער זייל... ער האָט,

קאָן מען זאָגן, אויפגעטאָן וואָס אַ סך, אַ סך אַנדערע פּאַר אים און נאָך אים האָבן נישט באַוויזן אויפצוטאָן... כאָטש, כאָטש מען דאַרף אויך זאָגן, אַז אין איין פּרט איז אים מענדל וואַקסבערג שטאַרק איבערגעשטיגן...

דאָ האָט זיך ד״ר יצחק שיפּער אָפּגערופן צו מענדעלסאָנען וועלכער איז געווען דער פּאָרזיצער פון דער עקזאַמינירקאָמיסיע: חבר מענדעלסאָן, איר זעט דאָך אַז דער עקזאַמינירטער איז בקי אין דעם קעגנשטאַנד... איך האָב אין אַ האַלבע שעה אַרום אַ זיצונג... דעריבער לייג איך פאָר...

דער סוף איז געווען אַז מען האָט קאָנען מער נישט געפרעגט און ער איז אויך באַשטעטיקט געוואָרן ווי ראוי צו זיין אַ מיטגליד אין יידישן אַקטיאָרן-פאַריין.

אַז די עקזאַמינירער זענען זיך צעגאַנגען און מיר זענען געבליבן אַליין איז בראָדערזאָן צו צו מאָטל קאָנען און אים געפרעגט:

— גראָבער קאָפּ! וואָס האָסטו דאָ אָנגעפּלאָנטערט? ווער איז דאָס מענדל וואַקסבערג וואָס איז איבערגעשטיגן אַקסענ-פעלדן?

דערויף האָט אים מאָטל קאָן געענטפערט מיט אַ סטאָאישער רואיקייט:

— מענדל וואַקסבערג איז דער בלעכער וואָס וווינט אויף אונדזער הויף. ער האָט, קיין עין הרע, דרייצן קינדער און אין דעם פּרט איז ער זיכער איבערגעשטיגן אייער אַקסענפעלדן...

***

ווידער אַמאָל מוז איך טראַכטן וועגן דער דאָליע פון יידישן אַקטיאָר אין פאַרגלייך מיט דעם מצב פון זיין קאָלעגע אויף אַנדערע בינעס. ביי די אומות העולם אַז אַן אַקטיאָר האָט דער-

פאַלג, און ווער שמועסט נאָך גרויס דערפאָלג, איז ער מיט זיין בינע-אַרבעט פאַרזיכערט און קיין אַנגאַזשמענטן פעלן אים נישט. נישט אַזוי איז עס אָבער געווען ביי אונדז, אויף דער יידישער גאַס. מיר האָבן טאַקע געהאַט אין וואַרשע גרויס דערפאָלג, גענומען, קאָן מען זאָגן, די שטאָט מיט שטורעם און אַרויסגערופן באַגייס-טערונג, אָבער אַז מיר האָבן אָפּגעשפּילט די זעקס וואָכן אין „סקאַלאַ" האָט אונדז קיינער נישט אַנגאַזשירט ווייטער צו שפּילן. די יידישע טעאַטער-זאַלן אין וואַרשע זענען פאַרנומען געוואָרן דורך די שטענדיקע טרופּעס וועלכע האָבן געהאַט אַ חזקה אויף דער שטאָט און מיר פון „אררט", מיט אונדזער גאַנצן גרויסן דער-פאָלג, זענען געבליבן פון דרויסן, כאָטש שריי חי וקיים.

דער גורל פון אַן אַקטיאָר! כל זמן ער שפּילט לעבט ער. און אַז ער נעמט אויס איז אים דאָס פּובליקום גרייט צו טראָגן אויף די הענט. הערט ער אויף צו שפּילן, הערט ער אויף צו עקזיסטירן. עס גייט דורך אַ שטיקל צייט און די וואָס האָבן זיך ערשט נעבכן פאַר אים געבוקט דערקענען אים שוין היינט נישט.

נאָך אַ זאַך: אין טעאַטער איז דערפאָלג אַ צעמענטירנדיקער עלעמענט. כל זמן די פאַרשטעלונגען גייען גוט האַלט זיך די טרופּע צוזאַמען און די נישט דערפילטע אַמביציעס פון די „באַעוולטע" טרעטן אָפּ אין הינטערגרונט. הערט מען אָבער אויף שפּילן, אָדער די פאַרשטעלונגען הייבן אָן גיין שלעכט, דאַן צעשפּילן זיך אַלע געקרענקטע געפילן און די אינטריגעס הייבן אָן בושעווען. דעמאָלט הייבן זיך אָן די אומפאַרמיידלעכע שפּאַלטונגען פון די טרופּעס וואָס דערפירן צו דעם חורבן פון טעאַטער און צו אַלערליי טראַגי-קאָמישע קוריאָזן.

נאָך דעם ווי מיר זענען געבליבן אין וואַרשע אָן אַן עמוד צו דאַווענען האָט זיך אין אונדזער „אררט" אָנגעהויבן די זעלביקע צרה וואָס אין אַלע אַנדערע יידישע טעאַטער-טרופּעס.

דאָס טעאַטער אונדזערס האָט זיך געשפּאָלטן, אַ טייל זענען אַוועק שפּילן אין די פּראָפעסיאָנעלע טעאַטערס קליינע נישטיקע ראָלן און אַ טייל זענען אַוועק אויף אַ טור איבער דער פּראָווינץ.

אין די מאָגערע טעג וואָס זענען געקומען נאָך דעם גרויסן דערפּאָלג פון אונדזער ערשטן גאַסטשפּיל אין וואַרשע האָט זיך צו אונדז געווענדעט אַ טעאַטער-אימפּרעסאַריאָ, און אונדז פאַר-געלייגט צו פאָרן שפּילן איבער די שטעט און שטעטלעך פון צענטראַל-פּוילן. די באַדינגונגען זענען געווען זייער מאָגערע, דערצו האָט מען אונדז געוואָרנט אַז דער דאָזיקער אימפּרעסאַריאָ האָט „אַ לאַנגע האַנט״, אָבער בלית ברירה האָבן מיר זיין פאַר-שלאָג אָנגענומען. מיר האָבן טאַקע געשפּילט, ווי מען זאָגט, ביי „אויספאַרקויפטע הייזער״, אָבער מיר האָבן געמוזט פאַרענדיקן צוויי וואָכן פאַרן טערמין. די סיבה איז געווען וואָס מיר האָבן קיין גראָשן נישט אָנגעזען פאַר די אויגן און אַז מיר האָבן ביי דעם אימפּרעסאַריאָ געמאָנט אונדזער טייל פונעם ריווח האָט ער אונדז צוגעשטעלט אַזעלכע פאַלשע חשבונות, אַז ס׳איז אויסגעקומען דאָס מיר דאַרפן אים נאָך צוריקצאָלן מי יודע וויפל.

קוים געענדיקט מיטן טורנעע זענען מיר צוריק געפאָרן קיין לאָדזש און דאָן האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן אַ צייט פון וועגע-טאַציע וואָס האָט זיך געצויגן איבער צוויי יאָר. מיר האָבן געמאַכט פאַרשידענע פּרוּוון, זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן, זיך אויף דאָס ניי אָרגאַניזירט און ווידער זיך צעפאַלן. מיר זענען אַריין ווי אין אַ מדבר און פון אים נישט געקאָנט אַרויס. די דאָזיקע צוויי און אַ האַלב יאָר זענען געווען די ערגסטע אין מיין טעאַטער-קאַריערע און תמיד ווען איך דערמאָן זיך אין זיי וווּנדער איך זיך ווי אַזוי איך האָב זיי אויסגעהאַלטן, איבערגעהאַלטן און נישט אַוועק פון טעאַטער אויף אייביק.

פאַרשטייט זיך אַז אין גאַנצן ליידיק זענען מיר נישט אַרומ-

געגאַנגען. פון צייט צו צייט זענען מיר אַרויסגעפאָרן אויף „כאַפּ-פאַרשטעלונגען" אין דער פּראָווינץ. מיר האָבן אפילו געמאַכט לענגערע טורנעען אין די ווייטע מקומות. אָבער קיין גרויס נחת האָבן מיר פון אָט די טורנעען נישט געהאַט און אָפטמאָל געווען צופרידן און גליקלעך אַז מיר האָבן געהאַט אויף הוצאות צוריק צו פאָרן קיין לאָדזש.

אַזאַ טורנע האָבן מיר געמאַכט אין לעמבערג און אין אַנדערע מזרח-גאַליציש שטעט. דער נאָמען „אררט" איז דאָרט באַקאַנט געווען נאָר צו געציילטע אינטעליגענטן און שרייבער און כאָטש די פּרעסע האָט אונדז זייער געלויבט האָט דאָס אונדז קנאַפּ וואָס געהאָלפן: דער עולם איז נישט געקומען.

אין לעמבערג האָב איך דאָס ערשטע מאָל דערפילט דעם טעם פון הונגער. כ'בין דאָרט אויך געשלאָפן אַ נאַכט אונטער אַ בריק ווייל ס'איז נישט געווען מיט וואָס צו באַצאָלן דעם האָטעל. דער סוף איז געווען אַז כ'האָב אַוועקגעשיקט אַ טעלעגראַמע צו אַ פריינד אין לאָדזש ער זאָל קומען אונדז אויסלייזן און אַ היים פירן. דער פריינד איז געקומען, געווען מיט אונדז צוויי טעג און איז צוריק געפאָרן קיין לאָדזש. מיר האָבן דעם טורנע ווי ס'איז פאַרגע-זעצט און ער האָט זיך געצויגן ביי די 13 חדשים. ענדלעך זענען מיר צוריק געפאָרן קיין לאָדזש מיט אַ היפּש ביסל גוטע צייטונגס-רעצענזיעס, אָבער אָרעם ווי די קלויסטער-מייז. איין זאַך: יונג איז מען געווען, יוגנט האָט זיך אומעטום אַרום אונדז געקליבן, האָט מען פאַרבראַכט פריילעך, כאָטש אין קעשענע האָט געפייפט דער דלות.

פון די דאָזיקע טורנעען זענען געבליבן אַ שלל באַקאַנטע, פריינד און זכרונות, טייל אינטימע און אַנדערע וואָס האָבן אַ שייכות מיט טעאַטער. וועגן עטלעכע פון אָט די טעאַטער-קוריאָזן וואָס זענען פאַרבליבן אין זכרון וויל איך דאָ דערציילן. כ'וויל נאָר צוגעבן אַז

אין עטלעכע יאָר אַרום, נאָך דעם ווי מיר האָבן שוין סטאַביל געשפּילט אין וואַרשע, האָבן מיר נאָך צו עטלעכע מאָל באַזוכט לעמבערג, ווילנע, ביאַליסטאָק און אַנדערע שטעט אין לאַנד, אָבער דעמאָלט זענען שוין די בילעטן צו אונדזערע פאָרשטעלונגען געוואָרן אויספאַרקויפט מיט צוויי וואָכן פריער און מיר האָבן מיט אונדזערע פאַרדינסטן און דערפאָלגן נישט איין יידישע טעאַטער-טרופּע נישט געלאָזט שלאָפן ביינאַכט.

***

ובכן, לאָמיר אָנהייבן די סדרה קוריאָזן אויף דער פּראָווינץ.

באַלד ווי מיר האָבן געענדיקט די פאָרשטעלונגען אין וואַרשע בין איך און די שיינע מרים געפאָרן קיין גריצע אויף אַן אויפטריט. ווי קומען מיר קיין גריצע? איז די מעשה אַזאַ: אין אָרקעסטער פון „סקאַלאַ"-טעאַטער האָט געשפּילט אַ פידלער וואָס איז געוועזן אַ גריצער, האָט ער אונדז פאַרגעלייגט אַז מיר זאָלן אין צווייען פאָרן אויף אַ קאָנצערט אין זיין שטאָט און וויפל מיר וועלן פאַר-דינען וועלן מיר זיך טיילן אין דרייען.

געענדיקט אין וואַרשע האָבן מיר אין אַ זונטיק און צו מאָרגנס, מאָנטיק, האָט געדאַרפט פאָרקומען אונדזער קאָנצערט אין גריצע. געקומען קיין גריצע פרעגן מיר דעם פידלער צי עס זענען עפּעס פאַרקויפט בילעטן, ענטפערט ער אונדז מיט אַ האַלבן מויל. מיר זעען אַז עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק, אָבער וואָס עס געשעט ווייסן מיר נישט.

ביינאַכט, מיר קומען צו צום טעאַטער-זאַל וווּ מיר דאַרפן אויפטרעטן, זעען מיר ביי די טירן פון טעאַטער אַ גרויסן עולם. מיר גייען אַריין אין קאַסע וווּ עס זיצט אונדזער פידלער און זען אַז קיין איין בילעט איז נישט פאַרקויפט. וואָס קומט דאָ פאָר? — פרעגן מיר און דער פידלער נעמט עפּעס שטאַמלען און זיך קרעקן מיט

ווערטער. הכלל, מיר גייען אַרויס צום עולם וואָס שטייט ביים טעאַטער און דערוויסן זיך אָט וואָס: דער עולם גלויבט נישט אַז מיר זענען טאַקע מיר, דאָס הייסט, אַז איך בין דזשיגאַן און די שיינע מרים איז שיינע מרים.

פאַרוואָס גלויבט נישט דער עולם? איז דאָ אַ זאַך דערביי. די וואַרשעווער יידישע צייטונגען פלעגן אין דער פּראָווינץ אָנקו־מען מיט אַ טאָג שפּעטער. אָבער אַזוי ווי עס האָט נישט געטויגט צום געשעפט אַז דער פּראָווינצער ייד זאָל קויפן אַ צייטונג מיט אַ נעכ־טיקער דאַטע, האָט מען געדרוקט ספּעציעלע אויסגאַבעס אויף וועלכע די היינטיקע יידישע צייטונג אין וואַרשע האָט געהאַט אַ מאָרגנדיקע דאַטע, דאָס הייסט: אַ דאַטע מיט אַ טאָג שפּעטער. איצט שטעלט זיך פאַר דאָס ווייטערדיקע: די יידן פון גריצע האָבן באַקומען די וואַרשעווער זונטיקדיקע צייטונג מיט דער מאָנטיקדיקער דאַטע און אין אָט דער וואַרשעווער צייטונג האָבן זיי געלייענט אַז אַנאָנס אַז היינט שפּילט דער „אררט" דאָרט זיין לעצטע פאָרשטע־לונג און ס'איז דערביי אָנגעגעבן אַז דזשיגאַן און שיינע מרים נעמען אָנטייל אין דער דאָזיקער פאָרשטעלונג. קלאָר אַז פון דעם האָבן די גריצער יידן דייטלעך געזען אַז מען וויל זיי דאָ פירן אין באָד אַריין און אָנשטאָט די אמתע וואַרשעווער אַקטיאָרן אונטעררוקן עפּעס אַנדערע. נו, וועט זיך אָבער אַ שטאָט מיט יידן לאָזן אָפּנאַרן? אמת, מיר האָבן מיט אַלע כוחות געפּרוווט אויפקלערן די גריצער זייער טעות, אָבער כאָטש האַק און בראָק. „מיר זענען נישט קיין פּראָווינ־צער", האָבן זיי געטענהט, אונדז וועט איר „נישט נעמען אויפן זיכער". דזשיגאַן און די שיינע מרים זענען אין וואַרשע.

כ'בין צוגעגאַנגען צום פידלער און אים געזאָגט: פאַרפאַלן. מיר זענען שוין סיי ווי דאָ, די אויסגאַבן זענען שוין סיי ווי געמאַכט. לאָזט זיי אַלע אַריין אין טעאַטער און שפּעטער וועלן מיר זען. כ'בין געווען זיכער אַז ווי נאָר מיר וועלן אַרויס אויף דער בינע און

אָנהייבן דערלאַנגען די סחורה, וועלן זיי זיך איבערצייגן אַז מיר זענען...מיר. הכלל, כ׳בין אַרויס אויף דער בינע מיט מיין מאַנאָלאָג, געשאָסן איין וויץ נאָכן צווייטן און... גאָרנישט. ס׳זאָל דאָס עמיצער טאָן אַ שמייכל. קוים אָפּגעזאָגט דעם מאָנאָלאָג, בין איך אַראָפּ פון דער בינע ביי אַ טויט-שטילקייט פון עולם און דערזען ווי שיינע מרים לאַכט און וויינט. ניין, זי וויל אויף דער בינע נישט אַרויפגיין. גיי, זאָגט זי, זאָג אַז מיר איז נישט גוט געוואָרן און מען קאָן נישט פאָרזעצן.. כ׳האָב זי געצווונגען אַרויסצוגיין אויף דער בינע. זי האָט געטאַנצט איר באַרימטן חסידישן טאַנץ און ווידער גאָרנישט. קיינער גיט נישט קיין ריר מיט קיין האַנט. וואָס טוט מען דאָ ? מיט אַמאָל איז מיר עפּעס איינגעפאַלן... כ׳בין שנעל אַרויף אויף דער׳ בינע און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און אין אַ דראַמאַטישער פּאָזע זיך געווענדעט צום פּובליקום: חשובער עולם פון גריצע! אַזוי ווי איך זע אַז איר זייט נישט קיין פּראָווינצער און אייך קאָן מען נישט אָפּנאַרן, בין איך זיך מודה אַז איך בין נישט דזשיגאַן און מיין פּאַרטנערשע איז נישט שיינע מרים. זיי שפּילן טאַקע היינט אין וואַרשע.

דאָ האָט זיך דער עולם אַ שטעל געטאָן אויף די פיס און גענומען שרייען: אָט אַזוי זאָלט איר רעדן. דעם אמת, דעם אמת זאָלט איר זאָגן.

כ׳האָב געמאַכט אַ צייכן אַז דער עולם זאָל זיך באַרואיקן און דאָן ווייטער געזאָגט: יאָ, מיר זענען נישט די ריכטיקע דזשיגאַן און שיינע מרים, אָבער מיר זענען זייערע בעסטע נאָכמאַכערס. דזשיגאַן און שיינע מרים וועלן קיינמאָל אין זייער לעבן נישט קומען קיין גריצע און דעריבער ווילן מיר אייך ווייזן זייער קונסט. איצט איז ווי איר ווילט. מיר האָבן שוין געקריגן אונדזער לוין פאַר דער פאָר-שטעלונג, אָבער אויף אייער לאַנדסמאַן איז אונדז אַ רחמנות. מיר גלייבן אַז די גריצער וועלן נישט דערלאָזן אַז צוויי יידישע אַקטיאָרן

זאָלן פאַרשעמט ווערן און אַז אייער לאַנדסמאַן זאָל הזק האָבן זיין שווער פאַרהאָרעוועט געלט.

ס'האָט געדויערט אַ היפשע ווײַלע און דאַן האָבן זיך געהערט געשרייען: שפּילט ווייטער, מיר קויפן בילעטן! איך האָט דערקלערט אַ צען מינוטיקע פּויזע און די פּויזע האָט זיך פאַרצויגן אויף אַ גוטער האַלבער שעה בעת וועלכער דער פידלער האָט אַלעמען פאַרקויפט בילעטן. דער פידלער איז דערנאָך געקומען הינטער די קוליסן און געוויינט פון פרייד. טוט אַלץ, האָט ער געבעטן, אַז זיי זאָלן זיין צופרידן. איר וועט גריצע מער פאַר די אויגן נישט אָנזען, אָבער איך ווין דאָ...

מיר האָבן באַנייס אָנגעהויבן אונדזער פאָרשטעלונג פון אָנהייב אָן. ביי מיין מאָנאָלאָג האָט דער עולם געקייכט פון געלעכטער, ביי דעם חסידישן טאַנץ פון שיינע מרים זענען די גריצער אַריין אין אַזאַ התפּעלות אַז די בראַוואָ-פאַטשערייען האָבן נישט געוואָלט אויפהערן. די פאָרשטעלונג האָט אַזוי אויסגענומען אַז מען האָט אונדז צוגערעדט מיר זאָלן שפּילן נאָך איינע. די גריצער זענען געווען גוואַלדיק צופרידן פון דעם וואָס זיי האָבן זיך נישט געלאָזט אָפּנאַרן און זיי האָבן געטענהט: טאַקע נישט דזשיגאַן און די שיינע מרים, אָבער זיי מאַכן עס אַזוי גוט אַז די ריכטיקע דזשיגאַן און שיינע מרים וואָלטן עס נישט געמאַכט בעסער...

אין עטלעכע טעג אַרום איז די מעשה מיט אונדזער אויפטריט אין גריצע באַשריבן געוואָרן אין אַלע יידישע צייטונגען פון וואַרשע. האַלב פּוילן האָט געלאַכט און ס'איז נאָך דעם אַוועק אַ ווערטל: זיי נישט קיין גריצער...

***

און אָט איז נאָך אַ קוריאָז:

מיר האָבן אַמאָל געשפּילט אין אַ קליין שטעטל ווו דער רוב

פונעם עולם האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין גרויסער אינטע-ליגענץ, אָבער עס זענען דאָרט געווען האַרציקע און פשוטע יידישע יונגעלייט און מיידלעך, וועלכע האָבן, ווי מיר האָבן געזען, אַרויס-געוויזן אַ געוואַלדיקן דרך ארץ פאַר דעם פאָרזיצער פון דער אָרטי-קער ביבליאָטעק און אים געקוקט אין מויל אַריין ווי זייער גייסטיקן פירער.

בעת מיר האָבן געשפּילט אונדזערע פאָלקסטימלעכע געזאַנגס-נומערן איז אַלץ געווען אין אָרדענונג און מיר האָבן באַמערקט אַז דער עולם האָט הנאה. מיר האָבן אָבער געזען אַז קיינער אין זאַל דערוועגט זיך נישט צו אַפּלאָדירן איידער דער פאָרזיצער נעמט פּאַטשן בראַוואָ. ערשט אַז דער פאָרזיצער האָט געגעבן זיין הסכמה, אַפּלאָדירנדיק דער ערשטער, האָבן שוין אַלע איבעריקע אויך הייס אַפּלאָדירט.

און אָט האָבן מיר אָנגעהויבן שפּילן אַ הומאָריסטישן סקעטש און דער עולם האָט ספּאָנטאַן גענומען לאַכן. דעמאָלט האָט זיך דער פאָרזיצער אויפגעשטעלט, געוויזן מיט אַ האַנט צו דער בינע אַז מיר זאָלן אַ ווייל אָפּשטעלן דאָס שפּילן און זיך געווענדעט צו זיינע שטעטלדיקע גייסטיקע קינדער בזה הלשון:

— חברים און חברטעס! איך בעט צו גערענקען אַז דאָ שפּילט מען נישט קיין שונד, נאָר קונסט. פון קונסט לאַכט מען נישט.. דעריבער בעט איך נישט צו פאַרשעמען די קינסטלער און נישט צו ברענגען קיין חרפה אויף אונדזער שטעטל.

די ווייטערדיקע טייל פון דער פאָרשטעלונג איז שוין דורכ-געגאַנגען גלאַטיק. דער עולם האָט זיך געצווונגען נישט צו לאַכן און אין זאַל האָט געהערשט אַ שטימונג ווי אין תשעה באב.

נאָך דער פאָרשטעלונג האָב איך געהאַלטן אַ רעדע און גערדאַנקט דעם עולם וואָס ער האָט אונדז, די קינסטלער, און די קונסט בכלל, נישט פאַרשעמט...

**
*

איך האָב געהאַט אַ פריינד וואָס האָט שטענדיק צו מיר געטעהט אַז אויב איך וויל זיין אַ קאָמיקער, מוז איך צום ערשט שטודירן די טעאָריע פון הומאָר.

— אייערע וויצן וואָס איר זאָגט אויף דער בינע — האָט ער מיר תמיד געזאָגט — זענען אַבסאָלוט נישט אויסגעהאַלטן פון טעאָרעטישן שטאַנדפונקט.

— דער עולם לאַכט דאָך אָבער — האָב איך זיך געפּרוּווט פאַרטיידיקן.

מיין פריינד האָט זיך פאַרקרימט ווי איך וואָלט אים געגעבן אַראָפּצושלינגען אַ זשאַבע. וואָס רעדט איר מיר פון עולם? וואָס ברענגט איר מיר ראיות פון עולם — האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ פאַרניכטנדיקן ביטול — דער עולם לאַכט ווייל ער קען נישט קיין טעאָריע...

ווי לעבערלעך עס זענען נישט געווען די טענות פון מיין פריינד האָב איך אָבער מיט דער צייט איינגעזען אַז דער ענין פון הומאָר איז דווקא שוין גאָרנישט אַזוי פשוט. מיט דער צייט האָב איך געלייענט אַ סך ערנסטע ביכער וועגן הומאָר און זיך דערוווּסט אַז מיט דעם פּראָבלעם פאַרוואָס מענטשן לאַכן האָבן זיך פאַר־נומען גרויסע קעפּ, פילאָזאָפן, פּסיכאָלאָגן וכדומה.

אָבער דערביי האָב איך זיך אויך דערוווּסט אַז נאָך אַלע טעאָריעס וועגן הומאָר בלייבט דאָס מענטשלעכע געלעכטער נישט אויפגעקלערט.

מיין דערפאַרונג אַלס קאָמיקער האָט מיר דערוויזן אַז עס זענען נישט פאַראַן קיין הונדערט־פּראָצענטיקע וויצן, דאָס הייסט, וויצן ביי וועלכע אַלע מענטשן זאָלן לאַכן.

אַ וויץ איז ווי אַ קרומער שפּיגל וואָס ווייזט רעאַלע פאַר־

העלטענישן אין אַ גראָטעסקער פאָרם. אָבער דאָרט ווו מען קען נישט די רעאַלע פאַרהעלטענישן וועגן וועלכע עס רעדט דער וויץ, דאָרט זענען זייערע גראָטעסקע פאָרמען אַבסאָלוט נישט קאָמיש און מען לאַכט נישט.

מענטשן האָבן ליב צו לאַכן, אָבער זיי האָבן נישט ליב אַז מען זאָל זיי אויסלאַכן. טאָמער דאַכט זיך עמיצן אַז מען לאַכט פון אים, פאַרלירט ער באַלד דעם חוש פאַר הומאָר און דער בעסטער וויץ הערט אויף פאַר אים צו זיין קאָמיש.

אַ גליק איז וואָס דעם צושויער אין טעאַטער דאַכט זיך שטענ-דיק אויס אַז דער קאָמיקער אויף דער בינע זאָגט אַריין און מאַכט חוזק פון אַן אַנדערן און נישט פון אים. טאָמער כאַפּן זיך די צושויער אַז מען לאַכט פון זיי, הערן זיי אויף לאַכן.

אויך די אנשי ציבור וואָס ווילן שוין יאָ, צוליב פּאָפּולאַריטעט, אַז דער קאָמיקער זאָל זיי קיבעצן, ווילן אויך נישט אַז ער זאָל מיט זיין וויץ אָנרירן אַ וועזנטלעכן שטריך אין זייער כאַראַקטער, אָדער אויפפירונג. טוט דאָס דער קאָמיקער יאָ, קויפט ער זיך אַ שונא אויפן גאַנצן לעבן.

מיר איז אַ סך מאָל אויסגעקומען צו זאָגן אויף דער בינע מאָנאָלאָגן וועלכע האָבן געהאַט עכטע הומאָריסטישע פּערל, אָבער דער עולם האָט נישט געלאַכט. פּלוצים האָב איך געזאָגט עפּעס אַ וואָרט וואָס איז גאָרנישט געווען קאָמיש און דאָס דאָזיקע וואָרט האָט אַרויסגערופן ביים עולם לאַך-קאָנוווּלסיעס.

עס דערמאָנט זיך מיר אַן עפּיזאָד אין דער צייט וועגן וועל-כער איך דערצייל. מיר האָבן געשפּילט אין עפּעס אַ שטעטל פון דער פּוילישער פּראָווינץ. מיר האָבן געגעבן אַ הומאָריסטישן פּראָגראַם וואָס האָט אומעטום געהאַט דעם גרעסטן דערפאָלג און האָט אומעטום אַרויסגערופן אומאויפהערלעכע סאַלוועס פון געלעכטער.

אָבער אין יענעם שטעטל האָט מען נישט געלאַכט.

מיר, די אַקטיאָרן, זענען געקראָכן פון דער הויט, געטאָן אַלץ אַז דער עולם זאָל לאַכן, אָבער דער עולם, כאָטש שיס אין אים מיט האַרמאַטן, האָט זיך פאַרשוווירן נישט צו לאַכן און ער לאַכט נישט.

ריבונו של עולם, וואָס טוט זיך דאָ? אויב זיי זענען טויבע און הערן נישט וואָס מיר זאָגן, דאַרפן זיי דאָך לכל הפחות לאַכן פון אונדזערע באַוועגונגען, פון אונדזער מימיק, פון אונדזערע עקסצענטרישקייטן וואָס מיר האָבן געשאָטן מיט אַ ברייטער האַנט?

אַז ס'איז דערגאַנגען צו מיין מאָנאָלאָג איז מיר איינגעפאַלן אַ מאָדנער געדאַנק.

צו די ערבט-פּראָגראַמען פלעגט משה בראָדערזאָן צושרייבן הקדמות אין וועלכע ער פלעגט מיט אויסגעזוכטע, הויך-גאַרנדיקע ווערטער און מיט זשאָנגלירנדיקע וואָרט-שפּילן דערקלערן אונ-דזערע צילן און אונדזער דרך אין טעאַטער.

בראָדערזאָנס הקדמות זענען געווען אין אַ יום-טובדיקן טאָן, געשריבן, ווי ס'איז געווען אין דער מאָדע אין יענער צייט, מיט פיל פרעמדווערטער און דערצו אין אַזאַ פאַרוויקלטן סטיל און מיט אַזעלכע אילוזיעס אַז אפילו גענוג אינטעליגענטע מענטשן פלעגן טענהן אַז זיי ווייסן נישט און פאַרשטייען נישט וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך.

און אָט אַזאַ הקדמה האָב איך גענומען לייענען פאַרן עולם אין יענעם שטעטל, אָנשטאָט אים צו לאָזן הערן מיין מאָנאָלאָג.

איך האָב אָנגעהויבן: „וואַגונג, דרייסטקייט, אידעאַליזם, עקסטאַטישער צוגאַנג צו קיום — דאָס איז דער אייל אויף די רעדער פון דער קולטור, דאָס איז דער דם התמצית וואָס באַוועגט מיטן לעבן".

ווען כ׳האָב איבערגעלייענט אַט די כפול שמונהדיקע פראַזע האָט זיך אין זאַל דערהערט דאָס ערשטע כיכיקען פון עולם.

ווען כ׳האָב ווייטער גענומען לייענען: „קאָמעץ אלף — אָ, קמץ בית — באָ, קמץ גימל גאָ, גרינע בערד, רויטע בערד, בלויע בערד, אויסטערלישקייטן אין דער הלבשה, אַנדערשקייטן אין דער אומראַמונג״, האָט מען אין זאַל געהערט הויכע געלעכטערס און אפילו אַ ווייבעריש-היסטערישן לאַך-קוויטש.

כ׳בין אָבער גאָרנישט אימשטאַנד איבערצוגעבן וואָס פאַר אַ לאַך-פּאַסיע עס האָט באַהערשט דעם עולם ווען איך האָב געלייענט דעם ווייטערדיקן, פאָלגנדיקן פּאַסוס:

„אויסגעטאָן פון אינערלעכער רעליגיעזיטעט, און ממילא פון נשמה יתירהדיקער דערהויבנקייט, פאַרוואַכעדיקט אין דער מאָנאָ-טאָן-רודערדיקער אַטמאָספער פון טאָג-טעגלעכן אויסקום און איבערקום, ווען קירכלעכקייט (אגב די עלטסטע פאָרם פון טעאַטראַלן אויסדרוק) פאַרהילכט אין די פאַרעלנטע תפילה-טעמפּלען — שטייט דער קעגנוואַרט-מענטש פאַר דער גרויזאַמער געפאַר פון יום-טובלאָזיקייט, פאַר דער סכנה ביז איבער די אויערן — און וואָס ערגער, ביז איבער דער נשמה — איינגעזונקען צו ווערן אין די גרויקייטן פון מיטוואָך״.

דער טעאַטער-זאַל האָט גענומען גיין כאַדאַראַם. די געלעכטערס האָבן זיך געקייקלט ווי די דונערס. טרערן זענען גערונען פון די צושויערס אויגן און זיי האָבן זיך אַזוי פאַרקייכט אַז עס האָט זיי אַזש אויסגעפּעלט אָטעם.

איך בין אַראָפּ פון דער בינע מיט אַן אַפּלאָז וואָס האָט געקענט שפּאַלטן דעם הימל.

און ביזן היינטיקן טאָג ווייס איך נישט פאַרוואָס בראָדערזאָנס זייער ערנסטע ווערטער האָבן באַוויזן דאָס וואָס עס האָבן נישט

געקענט באַווייזן די טעקסטן פון די בעסטע הומאָריסטן וואָס מיר האָבן דעמאָלט פאַרמאָגט...

**
*

ענדלעך, צוויי יאָר נאָך אונדזער ערשטן שפּילן אין וואַרשע, האָבן זיך אין לאָדזש באַוויזן צוויי באַקאַנטע יידישע טעאַטער אונטערנעמער פון דער הויפּט-שטאָט. דאָס זענען געווען: דער פאַן דירעקטאָר ריבאַ, דער מענטש מיט די זיידענע הענטשקעס און מאירווינדער, דער מענטש וואָס האָט געקאָנט צוזאַמענפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט.

די וואַרשעווער דירעקטאָרן זענען געווען גוט אינפאָרמירט וועגן דעם מצב פון אונדזער טעאַטער. זיי האָבן געוווסט אַז כאָטש פאַרמעל האָט „אררט" נאָך עקזיסטירט האָט ער אָבער פּאַקטיש נישט געלעבט, נאָר וועגעטירט. מיר האָבן געשפּילט אין דער גרויסער פּוילישער פּראָווינץ, פון צייט צו צייט געגעבן עטלעכע פאָרשטעלונגען אין לאָדזש, אָבער קיין נייע פּרעמיערעס שוין נישט געמאַכט און זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון צעפאַלונג.

אין אָט דעם צושטאַנד האָבן די וואַרשעווער דירעקטאָרן זיך דערוועגט צו קומען צו אונדז מיט אַ פאָרשלאַג פאַר וועלכן מיר וואָלטן יעדן איינעם, מיט צוויי יאָר צוריק, אויסגעדראַפּעט די אויגן און אַרויסגעטריבן מיט בושה.

וואָס איז געווען זייער פאָרשלאַג? זייער פאָרשלאַג איז געווען מיר זאָלן זיך פאַראייניקן מיט דער „באַנדע" וואָס האָט געשפּילט אין וואַרשע רעווי-פּראָגראַמען, אָבער די דאָזיקע פאַרייניקונג (זיי האָבן עס גערופן: פוזיע) האָט דערמאָנט דעם אַנעקדאָט וועגן יענעם ווורשטן-מאַכער וואָס האָט געמאַכט ווורשט פון חצי פערדן-פלייש און חצי קאַנאַריק-פלייש, בעת אין דער אמתן האָט ער אין

יעדער וווּרשט-פּראָדוקציע אַריינגעלייגט אַ העלפט פון אַ פערד און אַ העלפט פון אַ קאַנאַריק.

קאָנקרעט האָבן זיי אונדז, בכן, פאָרגעלייגט אַז עטלעכע פון אונדזערע אַקטיאָרן, צוויי, צי דריי, זאָלן אַריינטרעטן אין דער „באַנדע״ און אָנהייבן שפּילן אין איינעם פון די שענסטע טעאַטערס אין צענטער פון וואַרשע.

ווי וויל דער „אררט״ האָט פּאַקטיש שוין נישט עקזיסטירט האָט אָבער די מערהייט מיטגלידער פון אונדזער אַנסאַמבל זיך אַרויסגעזאָגט אַנטשידן קעגן דער דאָזיקער פּראָפּאָזיציע. אמת, די וואַרשעווער דירעקטאָרן האָבן דערווייל נאָך נישט געזאָגט וועמען פון אונדז זיי ווילן פאַר דער דאָזיקער „פּוזיע״, אָבער די מערהייט מיטגלידער וועלכע האָבן דערפילט און פאַרשטאַנען אַז זיי זענען נישט קיין קאַנדידאַטן צו שפּילן אין וואַרשע האָבן געטענהט מיט היץ אַז מיר טאָרן דאָס נישט טאָן. זיי האָבן זיך געהאַלטן ביים פּרינציפּ פון „אַלע אָדער קיינער״ און הינטער דעם דאָזיקן פּרינציפּ האָט זיך באַהאַלטן דער אַלט-באַקאַנטער ווונטש פון יענער שטיפמאַמע וואָס שרייט: גם לי, גם לך לא תהיה. אויב דער „אררט״ דאַרף אומקומען, זאָל ער מיט זיך מיטשלעפּן אַלע אַקטיאָרן אָן אויסנאַם.

לפי שעה האָט זיך בראָדערזאָן געהאַלטן נייטראַל אין דעם ענין. ער האָט געטענהט אַז די פּאָרגעלייגטע פּוזיע איז אין דער אמתן „אַ גראַנדע פון דער באַנדע״ און האָט זיך נישט אַרויס-געזאָגט פאַר דעם פּאָרשלאַג, ווייל אַלע האָבן געוווּסט אַז זיין פּאָזיציע אַלס קינסטלערישער לייטער פון דער דאָזיקער פאַראייני-קונג איז געזיכערט. ער האָט זיך אָבער אויך נישט אַרויסגעזאָגט קעגן אים, ווייל ער האָט גוט געוווּסט אַז דאָס איז דערווייל דער איינציקער שאַנס צו ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך.

אין דער דאָזיקער סיטואַציע בין איך געווען דער וואָס האָב

חסידיש... נגידיש... יידיש...

זיך קלאָר און אָפן אַרויסגעזאָגט פאַרן פאָרשלאָג פון די וואַר-שעווער דירעקטאָרן. מיינע אַרגומענטן זענען געווען פאָלגנדיקע: אונדזער טעאַטער האָט פּאַקטיש שוין אויפגעהערט צו עקזיסטירן און היינט-מאָרגן וועלן זיך זיינע מיטגלידער סיי ווי צעלויפן אין אַלע זייטן. די וואַרשעווער טעאַטער-וועלט איז אַ פעסטונג וואָס מיר וועלן זי מיט אַ פראָנטאַלער אַטאַקע נישט קענען איינגעמען. אין אַזאַ לאַגע מוזן מיר איינציקווייז אַריינדרינגען אין דער וואַרשעווער טעאַטער-פעסטונג און זי איינגעמען פון אינעווייניק. און אַז מיר זענען בכוח דאָס צו טאָן, אין דעם בין איך געווען זיכער.

די שפּעטערדיקע געשעענישן האָבן באַוויזן ווי גערעכט איך' בין געווען. איין יאָר בלויז האָבן מיר געשפּילט אין וואַרשע אין פאַריינוקונג מיט דער „באַנדע". אויפן צווייטן יאָר האָבן מיר ביי די זעלביקע דירעקטאָרן אויפסניי עטאַבלירט דעם „אררט" און מיר האָבן אַריבערגעבראַכט קיין וואַרשע אַ צאָל חברים פון „אררט" וועלכע זענען געווען פריי און זענען מרוצה געווען צו שפּילן אין די ניי-געשאַפענע באַדינגונגען.

דאָס איז געווען שפּעטער. דערווייל אָבער האָבן מיר געהאַט אַ שווער לייענען מיט די וואַרשעווער דירעקטאָרן וועלכע האָבן אונדז דיקטירט זייערע באַדינגונגען. די דאָזיקע באַ-דינגונגען זענען געווען אַז צו דעם פאַראייניקטן וואַרשעווער רעווי און קליינקונסט-טעאַטער ווערן צו קאָאָפּטירט: משה בראָ-דערזאָן, ווי דער קינסטלערישער אָנפירער און די אַקטיאָרן: שמעון דזשיגאַן און שיינע מרים.

ביז דער לעצטער מינוט האָבן מיר זיך געדונגען מיט די דירעקטאָרן פון וואַרשע וועגן צו קאָאָפּטירן אין דער נייער טרופּע נאָך עטלעכע אַקטיאָרן פון „אררט". ביים סוף האָב איך געמאָלדן אַז איך וועל בשום אופן נישט פאָרן שפּילן קיין וואַרשע אויב מען

וועט מיר נישט געבן קיין מעגלעכקייט זיך צו באַווייזן אין אַ הומאָ-ריסטישן רעפּערטואַר. איך האָב גערעדט וועגן דעם אַז איך וויל זיך באַווייזן נישט נאָר מיט מאָנאָלאָגן, נאָר אויך אין סקעטשן און צו דעם דאַרף איך האָבן די צוויי אררט-אַקטיאָרן שמואל גאָלד-שטיין און ישראל שומאַכער. נאָך לאַנגע דינגענישן האָב איך געמוזט איינגיין אויף אַ פּשרה: די דירעקטאָרן האָבן מסכים געווען צו צו קאָאָפּטירן איין אַקטיאָר פון דעם אררט. דער גורל איז געפאַלן אויף ישראל שומאַכער און אַזוי אַרום איז ער געוואָרן און געבליבן מיין בינע-פּאַרטנער אויף לאַנגע יאָרן.

***

ס'איז, ווי געזאָגט, געווען ווי איך האָב פאָרויסגעזען. נאָך אַ יאָר שפּילן אין וואַרשע האָבן מיר, די קליינע גרופּע אררט-אַקטיאָרן, אַזוי זיך אַרויסגעהויבן און געוווּנען אַזויפיל אָנערקענונג ביי די מבינים און אַזויפיל פּאָפּולאַריטעט ביים עולם, אַז צום קומענדיקן סעזאָן האָבן די טעאַטער-דירעקטאָרן באַשלאָסן איבער-צוגעבן די בינע אין אונדזער רשות. מיר האָבן דאַן זיך באַפרייט פון די „באַנדע"-עלעמענטן און אריינגענומען אין אַנסאַמבל אַ ריי אַקטיאָרן פון אררט און אויך אַנגאַזשירט אַ ריי יונגע טאַלאַנטפולע אַקטיאָרן וועלכע האָבן פריער אין אררט נישט געשפּילט. אַזוי אַרום איז דאָס לעבן פון אררט פאַרלענגערט געוואָרן אויף נאָך צוויי יאָר, ביז צום יאָר 1934, ווען מיר זענען צוריק געקומען פון אונדזער רייזע אין אויסלאַנד און געשאַפן דאָס נייע סאַטי-רישע קליינקונסט טעאַטער, אָדער דאָס „דזשיגאַן-שומאַכער טעאַטער".

***

אין יאָר 1935 זענען מיר אַרויסגעפאָרן מיט אַ טורנע איבער מערב-אייראָפּע. די געשיכטע פון דעם דאָזיקן טורנע איז זייער

אַן אינטערעסאַנטע. אַ ברודער פון דעם אין לאָדזש באַקאַנטן אַדוואָקאַט יוסף ווייצמאַן, אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, האָט זיך איינגעשפּאַרט אַז מיר מוזן פאָרן ווייזן אונדזער קונסט דער גרויסער וועלט. ער איז געווען זיכער אַז מיר וועלן האָבן נישט בלויז גרויסע מאָראַלישע דערפאָלגן, נאָר אַז אויך מאַטעריעל וועלן מיר פון אַזאַ טור געהאָלפן ווערן. ווו נעמט מען אָבער געלט אויף די רייזע-הוצאות? האָט דער ברודער פונעם אַדוואָקאַט ווייצמאַן פאַרקויפט אַ הויז וואָס ער האָט געהאַט אין לאָדזש און מיט דעם געלט זענען מיר געפאָרן.

מאָראַלישע דערפאָלגן האָבן מיר טאַקע געהאַט גאָר גרויסע. עס האָט וועגן אונדז געשריבן מיט באַגייסטערונג: גראַף באָל-קאָנסקי, טריסטאַן בערנאַרד און אַנדערע גדולים פון דער טעאַטראַ-לער קריטיק. אויף אונדזערע פּרעמיערעס זענען געווען מאַרק שאַגאַל, נחום אַראָנסאָן און נאָך פיל פּערזענלעכקייטן פון דער סלתא ושמנתא פון קינסטלערישן און אינטעלעקטועלן פּאַריז. דעם זעלביקן דערפאָלג האָבן מיר געהאַט אין לאָנדאָן, אין בעלגיע און אומעטום ווו מיר האָבן געשפּילט. דער אמת איז אָבער אַז צוריק געקומען קיין פּוילן זענען מיר פון דעם דאָזיקן טור מיט אַ היפּשן באַגאַזש פון רעצענזיעס, אָבער אָן איין גראָשן געלט פון דעם פאַרקויפטן הויז. אונדזער מעצענאַט האָט דערפאַר צו אונדז קיין טענות נישט געהאַט און ווען אפילו יאָ, וואָלט ער נישט געהאַט וועמען איבערצוגעבן די טענות, ווייל דווקא דער דאָזיקער דערפאָלגרייכער טורנע האָט דערפירט צו דעם אַז דער אררט זאָל זיך ענדלער צעפאַלן און פאַרוואָס דאָס איז געשען איז אַ לאַנגע געשיכטע וואָס איז זייער טיפּיש פאַר דעם אַקטיאָרן-באַרוף, אָבער נישט זייער אינטערעסאַנט פאַר דעם לייענער.

אגב, אַז מען רעדט שוין וועגן רעצענזיעס איז כדאי צו דער-מאָנען פאָלגנדיקן פאַקט: אין יאָר 1929 איז קיין פּוילן געקומען

דער גאָט פון דער דייטשער טעאַטער-קריטיק, אַלפרעד קער. נאָכן צוריק קומען קיין בערלין האָט ער געשריבן אַ בוך וועגן דעם טעאַטער אין פוילן. געשריבן האָט ער אין דעם בוך אַז אין פוילן האָט ער געפונען דריי טעאַטערן וואָס עס איז כּדאַי זיי אַרויס-צוהויבן. דאָס ערשטע איז געווען דער „טעאַטער פּאָלסקי”, מיט יאַראַטשן, דאָס צווייטע — דאָס טעאַטער „רעדוטאַ” מיט אָס-טערוואַ און דאָס דריטע — דאָס טעאַטער „אררט” מיט שמעון דזשיגאַן.

זאָגן אַז איך בין מיט אָט דער אויסטיילונג נישט שטאָלץ, וואָלט געווען אַ ליגן. עס וואָלט געווען אַ פאַלשע באַשיידנקייט וואָס איז אָפּטמאָל נאָך ערגער ווי באַרימעריי.

***

ווען מיר האָבן, נאָכן צוריק קומען פון אונדזער אויסלאַנד-טור געשאַפן דאָס דזשיגאַן—שומאַכער-טעאַטער, איז שוין היט-לער, ימח שמו, צוויי יאָר געזעסן ביי דער מאַכט און ער האָט שוין אָנגעהויבן באַווייזן אַז ער מיינט גאַנץ ערנסט דאָס וואָס ער האָט געשריבן אין זיין טריפהנעם בוך „מיין קאַמף” וועגן יידן, כאָטש יידן גופא האָבן נאָך דעמאָלט נישט געוואָלט גלייבן אַז דער דאָזיקער מטורף וועט טאַקע פעאיק זיין צו פאַרוואַנדלען זיינע מאָרד-משוגעתן אין אַווירקלעכקייט.

די מידה פון בטחון האָט יידן געהאָלפן לעבן, אָבער די דאָזיקע אייגנשאַפט האָט זיי נישט איינמאָל פאַרפירט... מען דאַרף אָבער צוגעבן אַז ווען די יידן אין פוילן וואָלטן יאָ גענומען ערנסט די דראָענדיקע צייכנס פון דער היטלעריסטישער געפאַר וואָלט עס זיי אויך קנאַפּ וואָס געהאָלפן, ווייל ווו צו אַנטלויפן איז נישט געווען: די גרויסע וועלט האָט פאַרשלאָסן טיר און טויער פאַר די יידישע אימיגראַנטן און אפילו איבער די טויערן פון ארץ ישראל

איז געהאַנגען דאָס שלאָס פון סערטיפיקאַטן. פון קיין מאַסן־עמיגראַציע האָט מען אין פּוילן סיי ווי נישט געקענט טראַכטן.

היטלער האָט אין יענער צייט ערשט געמאַכט זיינע ערשטע שריט צו באַהערשן און פאַרקנעכטן די וועלט און ער האָט זיך דערווייל נאָר באַוועגט אין די שטחים וואָס זענען אַמאָל געווען דייטשיש. אָבער אין איין פּרט איז זיין גיפט שוין אַריבער די גרענעצן פון דייטשלאַנד און האָט זיך אַריבערגעטראָגן קיין פּוילן: דאָס געשפּענסט פון אַנטיסעמיטיזם האָט גענומען היטלעריזירן דאָס פּוילישע לאַנד מיט פיר־פינף יאָר פריער איידער ער האָט עס געקענט טאָן מיליטעריש.

אַנטיסעמיטיזם האָט מען אין פּוילן קיינמאָל נישט געדאַרפט לאַנג זוכן, אָבער ווען היטלער האָט זיך באַפעסטיקט אין דייטשלאַנד און די דעמאָלטיקע פּוילישע רעגירער האָבן, אין אַ געוויסער מאָס בעל כרחם, גענומען מיט אים פירן אַ פריינטשאַפט־פּאָליטיק, האָט דער שנאת ישראל אין פּוילן באַקומען נייע פאָרמען און אַ נייעם געפערלעכן אינהאַלט. פון איין זייט האָט די רעגירונג גופא אָנגעהויבן פּראַקטיצירן אַ מין אַנטיסעמיטישע טאַקטיק אויפן עקאָנאָמישן געביט און פון דער צווייטער זייט האָט זיך גאָר גיך צעבליט און צעוואַקסן אַ כוליגאַניש־באַנדיטישער אַנטיסעמיטיזם אויף די אוניווערסיטעטן; איבערפאַלן אויף יידן אין די גאַסן זענען געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג און מען האָט לאַנג נישט געדאַרפט וואַרטן ביז צום אויסברוך פון פּאָגראָמען אויף יידן אין כלערליי שטעט און שטעטלעך וועלכע די רעגירונג האָט געוואָלט איינשטילן דורך מאַכן פּראָצעסן קעגן יידישע בירגער וואָס האָבן כלומרשט באַליידיקט דאָס פּוילישע פאָלק.

יידן האָבן געלעבט מיט בטחון. געהאַט צוטרוי צו דער וועלט וואָס וועט, פריער, צי שפּעטער זיך אַ נעם טאָן צו דעם דייטשן מטורף און אים אָפּהאַקן זיינע חיהשע לאַפּעס. דערווייל האָט

יעדער געגלויבט אַז ווען היטלער וועט פאַלן, וועט אויך דער אַנטיסעמיטיזם אין פוילן קריגן אַ טויט-קלאַפּ און ס׳וועט זיך ווידער איינשטעלן אַ מער-ווייניק מענטשלעך לעבן.

די גרויסע יידישע מאַסע, אַט די וואָס האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן צו עמיגרירן אין די מעבר לים-לענדער, האָט דעריי־בער געלעבט מיט אַט דער האָפענונג און די מערהייט פון אַט דער יידישער אינטעליגענץ האָט אונטערגעהאַלטן די האָפענונג. די אַלגעמיינע לאָזונג איז געווען: שטאַרקן דעם יידישן מוט, פאַר־פעסטיקן דעם יידישן אויסדויער נישט דערלאָזן דערצו אַז יידן זאָלן זיך פסיכיש איינברעכן און אויפגעבן זייער קאַמף פאַר די רעכט וועלכע זיי דאַרפן האָבן ווי איינוווינער פון לאַנד.

ווי פאַלש דער דאָזיקער געדאַנקענגאַנג זאָל היינט נישט אויסזען אין אונדזערע אויגן אין אָבער אַ פאַקט אַז דעמאָלט, ווען קיינער האָט נאָך קיין טרעבלינקע און קיין אוישוויץ נישט געקאָנט פאָרויסזען, האָבן אפילו ציוניסטן זיך געהאַלטן ביי דעם דאָזיקן שטאַנדפונקט און בלויז איינצלנע און געציילטע האָבן זיך דערוועגט צו זאָגן הויך אויפן קול אַז דער דאָזיקער קאַמף איז אַ פאַרשפּילטער און אַז מען דאַרף אַנטלויפן פון פוילן ווי פון אַ פייער.

***

אויב עס האַנדלט זיך וועגן אונטערהאַלטן דעם יידישן מוט, וועגן נישט לאָזן דעם ייד פסיכיש זיך איינברעכן; אויב עס גייט וועגן פירן אַ פסיכאָלאָגישן אָפּוועהר-קאַמף האָבן יידן תמיד געהאַט איין אויסגעפּרוּווט מיטל: דאָס געלעכטער, דאָס באַקאַנטע יידישע געלעכטער וואָס חוזקט אויס די שונאים און דערלאָזט נישט אַז זיי זאָלן באַהערשן די יידישע נשמה מיט זייער קראַפט און מיט זייער רשעות.

צו אָט דער עובדה האָבן מיר זיך גענומען אין דעם ניי-געשאַפענעם דזשיגאַן—שומאַכער-טעאַטער וואָס מיר האָבן עטאַבלירט אין וואַרשע אין יאָר 1935. אין דעם דאָזיקן טעאַטער האָבן מיר געשטעלט דעם טראָפּ אויף אַקטועלער פּאָליטישער סאַטירע, אויף אָפּצולאַכן און אויסלאַכן די אַנטיסעמיטן מכל המינים, דערביי אויך אויף אויסלאַכן און אָפּלאַכן פון די כלערליי יידישע אַסימילאַטאָרן וואָס קריכן נאָך אַלץ אויף אַלע פיר דאָרט ווו מען וויל זיי נישט און ווו מען וואַרפט זיי אַרויס נישט בלויז דורך דער טיר, נאָר אויך דורך די פענצטער.

שוין ביי אונדזער ערשטן פּראָגראַם האָט זיך דאָס יידישע וואַרשע אָ וויג געטאָן: אונדזערע אַנטי-נאַצישע וויצן, אונדזער חוזק איבער די היימישע אַנטיסעמיטן האָבן באַקומען פליגל און זענען געפלויגן איבער גאַנץ פּוילן. יידן האָבן זיך מיט אונדזער סאַטירישן געלעכטער געקילט די פאַרביטערטע הערצער און זיך געשטאַרקט אין זייער גלויבן אַז מען וועט טאַקע די דאָזיקע ביטערע צייטן אויך איבערקומען.

ס׳האָט אונדז צוגעשפּילט און מיר האָבן באַקומען אַלס אונדזערע שטענדיקע מיטאַרבעטער די צוויי הומאָריסטן יוסף שמעון גאָלדשטיין און להבדיל בין החיים והמתים, ש. נודעלמאַן וועלכע האָבן פאַר אונדז געשריבן הומאָר-זאַכן פון דער הייסער אַקטואַליטעט. ס׳איז אָפּטמאָל דערגאַנגען אַזוי ווייט אַז מיר פלעגן יעדן אָוונט זאָגן פון דער בינע נייע וויצן אין שייכות מיט די אַקטועלסטע געשעענישן. דאָס וואָס דער ייד האָט אין דער פרי געלייענט אין צייטונג, מיט זאָרג און טרויער, האָט ער אין אָוונט געהערט אין אונדזער טעאַטער דורך דער פּריזמע פון סאַטירע און חוזק. די צענזור האָט זיך מיט אונדז נישט געקאָנט קיין עצה געבן, ווייל אויפן אָרט פון איין וויץ וואָס די צענזאָרן האָבן געפּסלט האָבן מיר שפּעטער געזאָגט צען אַנדערע, נייע. אגב, יידישע טעאַטער-

גייער אין וואַרשע האָבן געוווּסט אַז עטלעכע טעג נאָך אַ פּרע-מיערע קומט דער צענזאָר מיט דער שער און שניידט אויס פון פּראָגראַם די שאַרפסטע וויצן. זענען טאַקע יידן געלאָפן אויף אונדזערע פּרעמיערעס און אויף די ערשטע פאָרשטעלונגען נאָך זיי. מען האָט געצאָלט פאַר אַ בילעט די טייערסטע פּרייזן און די בילעטן-איבערקויפער האָבן געמאַכט ביי אונדז דאָס אמתע לעבן. זיי האָבן אָפטמאָל מער פאַרדינט ביי די ערשטע פאָרשטעלונגען ווי מיר ביים שפּילן אַ גאַנצן חודש.

פון יענע פּראָגראַמען דערמאָנט זיך דער סקעטש וואָס האָט געהייסן „דער לעצטער ייד אין פּוילן״. עס איז מקוים געוואָרן דער ווּנטש פון די אַנטיסעמיטן און פּוילן איז געוואָרן יידן-ריין. אָבער דעמאָלט זעען זיך די פּאָליאַקן אַרום אַז ס׳איז שלעכט. דער האַנדל האָט זיך אָפּגעשטעלט, די עקאָנאָמיק איז רואינירט. דאָס קולטור- און פאַרוויילונגס-לעבן איז טויט. די אַנטיסעמיטישע סטודענטן-באַנדעס גייען אַרום און האָבן נישט וועמען צו שלאָגן. דאָרט ווו ס׳איז געווען די קאָפּע „זשעמיאַנסקאַ״ געפינט זיך איצט אַ לוויה-אַנשטאַלט. וואָס טוט מען ?

אָבער אָט געפינט מען אַ ייד וואָס האָט זיך פאַרשפּעטיקט מיטן פאַרלאָזן פּוילן און האַלט איצט ביים אַרויספאָרן פון לאַנד. עס קומען צו אים רעגירונגס-דעלעגאַציעס בעטן אַז ער זאָל נישט אַוועקפאָרן. די סטודענטן אָרגאַניזירן אַן אַקציע מען זאָל דעם לעצטן ייד נישט לאָזן עמיגרירן. מען מאַכט אים אַ באַנקעט, מען שפּילט אים יידישע שטיקלעך. דער ייד שטעלט אַ באַדינג אַז ער וויל אַ שטיקל געפילטע פיש און אַ פאָרציע טשאָלנט. דער פּוילישער ראַדיאָ ווענדט זיך צו די איינוווינער אין לאַנד און בעט אַז ווער עס קאָן קאָכן די מאכלים זאָל זיך צושטעלן, מען זאָגט צו דעם יידן גאָלדענע גליקן און דער סוף איז אַז דער ייד קריגט פון דער פּוילישער רעגירונג דעם מעדאַל „פּאָלאָניאַ רעסטיטוטאַ״. דער ייד

נעמט דעם מעדאַל און שפּיליעט אים צו צו דעם אָרט נידעריקער פון רוקן און ווען ער דרייט זיך אויס מיט דער פּלייצע צום עולם זעט מען אַז דאָרט הענגט שוין פון פריער דער „קזשיזש זאַסלוגי״ (קרייץ פאַר פאַרדינסטן לטובת פּוילן). דער רעפלעקטאָר פאַלט אויףביידע מעדאַלן און אַלע אויף דער בינע זינגען צום ייד דאָס באַקאַנטע פּוילישע ליד „סטאָ לאַט״, דאָס הייסט: הונדערט יאָר זאָלסטו אונדז לעבן.

צוליב דעם דאָזיקן סקעטש האָבן מיר טאַקע געהאַט גענוג צרות פון דער צענזור און פון דער מאַכט און ממש מיט ניסים האָבן מיר אויסגעמיטן דעם קאָנצענטראַציע-לאַגער קאַרטוז בערעזע און אָפּגעקומען אָן אַ פּראָצעס פאַר באַליידיקן דאָס פּוילישע פאָלק און די פּוילישע מלוכה.

***

אַ שטורמישן דערפאָלג האָט געהאַט דער מאָנאָלאָג וועגן גלח טשעטשאַק. דער דאָזיקער אַנטיסעמיטישער גלח האָט זיך געמאַכט פאַר אַ קענער פון תלמוד און געוואָלט אויפן סמך פון זיין כלו-מרשטער תלמוד-קענטעניש באַווייזן אַז יידן זענען שווינדלער, פאָטערלאַנד-פאַררעטער און אַזוי ווייטער און ווייטער. מיר האָבן דעם גלח אַרויסגעבראַכט אויף דער בינע ווי ער האָט געשאָטן מיט פּסוקים און זיי געטייטשט אויף אַזאַ אופן אַז יידן האָבן זיך גע-האַלטן ביי די זייטן פאַר געלעכטער. דער גלח טשעטשאַק איז צופרידן פון זיין גרויסער תורה און פון די סודות וואָס ער האָט דאָ אויפגעדעקט און ער גייט אַראָפּ פון דער בינע ווי אַ זיגער, אָבער איידער ער גייט אַראָפּ, שטעלט ער זיך אַוועק אין אַ נאַפּאָ-לעאָן-פּאָזע, קלאַפּט זיך מיט אַ פינגער אין שטערן און זאָגט: מען דאַרף האָבן אַ יידישע קעפּעלע, ווי הייסט עס אין תלמוד? אַהאַ! תחת, אַ תחת דאַרף מען האָבן.

מיר האָבן געהאַט אַ סצענע ווי דער דייטשער פעלדמאַרשאַל גערינג און דער אויסערן-מיניסטער בעק גייען אויף יאַגד אין וואַלד. ס׳ווערט פינצטער. עס הערן זיך שאָסן און ווען עס ווערט ליכטיק קומט צו לויפן אַ יעגער און שרייט צו בעקן: הער מיניס-טער, הער מיניסטער, גערינג איז דערשאָסן. בעק איז צעטומלט און שרייט אויס: כ׳האָב געהאַט אַ טעות און געמיינט אַז דאָס איז אַ ווילדער חזיר.

די פּאָליטישע סאַטירע איז, ווי געזאָגט, געוואָרן דער הויפּט זייל פון דעם דזשיגאַן-שומאַכער-טעאַטער און איר האָט דאָס טעאַטער געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין אומגעהייערן דערפאָלג. מיר האָבן אָבער אויך נישט פאַרזען די אַנדערע זייטן פון יידישן הומאָר ווי למשל דעם דיאַלאָג „איינשטיין-וויינשטיין" — אַ דיאַלאָג צווישן מיר און שומאַכערן. חוץ די טעקסטן פון גאָלדשטיין און נודעלמאַן האָבן מיר אויך געגעבן הומאָרעסקעס פון נאַדירן, פון שלום עליכמען. מיר האָבן זיך אויך באַמיט אין יעדן פּראָגראַם אַריינצוברענגען די פּערל פון דער יידישער ליריק. מיר זענען געווען די ערשטע וואָס האָבן אינסצעניזירט פראַגמענטן פון איציק מאַנגערס „חומש לידער". אַ סך דיכטער, ווי משה בראָדערזאָן, משה שימעל, יצחק פּערלאָוו, ז. סעגאַלאָוויטש, יצחק קאַצענעלסאָן, חיים סעמיאַטיצקי און אַנדערע האָבן ספּעציעל געשריבן פאַר אונדזערע פאָרשטעלונגען לידער צו וועלכע קאָמפּאָזיטאָרן ווי דוד בייגעלמאַן, שאַיעוויטש און אַנדערע האָבן געשריבן מוזיק. די לידער זענען דערנאָך געזונגען געוואָרן אין גאַנץ פּוילן; שפּעטער האָבן מיר זיי געהערט זינגען אין רוסלאַנד און עד היום ווערן זיי געזונגען אין דער גאַנצער וועלט. איין ליד וואָס איז געשריבן געוואָרן פאַר אונדז צו דער מוזיק פון דוד בייגעלמאַן און איז געזונגען געוואָרן דורך מינאַ בערן איז שפּעטער מגולגל געוואָרן אין ווילנער געטאָ און איז נאָך שפּעטער אַריין אין אַ זאַמלונג פון

ווילנער געטאָ-לידער ווי אַ דאָרטיקע פאָלקלאָר-שאַפונג (דאָס ליד „צי דאַרף עס אַזוי זיין״? פון יצחק יאַנאַסאָוויטש).

אויך אין לאָדזשער געטאָ האָבן זיך געפונען מאַנאַלאָגיסטן אַלאַ דזשיגאַן, וועלכע האָבן געזאָגט מיינע מאָנאָלאָגן פון דער פאָרשעווער עפּאָכע, אימיטירנדיק מיין נוסח, מיין שטים און אפילו מיין יידישן הולך אויף דער בינע — די רויטע פּאַטשיילע, די לאַנגע קאַפּאָטע און דאָס יידישע קיילעכיקע היטעלע.

די צייט און דער יידישער גורל האָבן, וואָס אַן אמת, אין עטלעכע יאָר אַרום זיך אויסגעלאַכט פון אונדזער געלעכטער, אָבער דערוויל האָבן מיר געטאָן וואָס מיר האָבן געקאָנט און געהאַלטן פּאַר ריכטיק. מיר האָבן געלעבט און געלאַכט, כאָטש איצט ווייסן מיר אַז ס׳איז אויף אונדז מקוים געוואָרן דער פאָלקס-זאָג: טאַטע, דו לאַכסט? אַז אַך און וויי צו דיין געלעכטער!״

***

מען זאָגט אַז דאָס געשעענע קאָן גאָט אַליין אויך נישט אויס-מעקן. אַ מענטש איז אוודאי נישט קיין האַר איבער זיינע זכרונות און קאָן זיי נישט באַפעלן אַז זיי זאָלן אים דערמאָנען עפּעס אַנדערש ווי דאָס וואָס ער האָט איבערגעלעבט. דעריבער מוז איך דערציילן דאָס וואָס איך געדענק, כאָטש דאָס געדענקטע זעט מיר היינט צו טאָג אויס אומפאַרשטענדלעך און כ׳מוז אָפט עקזאַמינירן מיין זכרון און אים פרעגן: איז דאָס טאַקע אַזוי געווען?

יאָ, ס׳איז געווען די טרויעריקע צייט ווען היטלער איז געגאַנגען פון איין זיג צום צווייטן איבער דעם אייראָפּע פון טשעמבערלען און דאַלאַדיע און די פעטלע אַרום יידישן האַלדז האָט זיך פאַר-צויגן ענגער און ענגער. ס׳איז געווען די צייט ווען דער אַנטיסע-מיטיזם אין פּוילן האָט געבושעוועט מיט עקסצעסן און פּאָגראָמען און אין דער פּוילישער עפנטלעכקייט האָט מען וואָס אַמאָל אָפּענער גענומען רעדן וועגן דעם אַז מען דאַרף די דריי מיליאָן

יידן פּטור ווערן דורך אַרויסשיקן קיין מאַדאַגאַסקאַר... און דאָך, דאָך האָט עס עפּעס נישט געהאַט קיין השפּעה אויף דעם טאָג-טעגלעכן לעבן פון די יידן אין פּוילן וועלכע האָבן, ווי קיינמאָל גאָרנישט, געאַרבעט, געהאַנדלט, חתונה געמאַכט קינדער, געבויט נייע פאַמיליע-נעסטן, געפאָרן אויף דאַטשע און אויסגעפּילט די טעאַטערן און פאַרוויילונגס-הייזער. מען האָט, נאַטירלעך, געזען די געפאַרן, פאַרשטאַנען די ערנסטקייט פון מצב, אָבער דאָס לעבן איז געגאַנגען מיט זיין נאָרמאַלן גאַנג און דער דראַנג צו פרייד, דער ווילן צו געניסן איז אויף אַ האָר נישט קלענער געוואָרן און האָט אָנגענומען אפשר נאָך גרעסערע דימענסיעס ווי אין די פריערדיקע יאָרן.

ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך געווען? זענען מיר געווען בלינד, טויב און טעמפּ צו די דראָענדיקע צייכנס פון דער צייט? איך האָב אויף דעם נישט קיין ענטפער. איך קאָן בלויז זאָגן אַז אפשר טאָקע דערפאַר ווייל אין אונדזער אונטערבאַוווסטזיין האָבן מיר געפילט אַז דער פּסק-דין איז שוין געחתמעט און אַז מיר וועלן אונדזער גורל שוין נישט אויסמיידן, האָבן מיר באַוווסטזיניק דעם דאָזיקן פּסק-דין געוואָלט פאַרשרייען, פאַרטומלען, פאַרטויבן. מיר האָבן מיט אַ שוימיקער, ברויזנדיקער פרייד געוואָלט פאַרטרייבן דעם נאָגנדיקן טרויער, די אימה און דעם פּחד וואָס האָבן טיף אין אונדז געזעסטיקט און אונדז געמאַטערט. מיר זענען געווען ווי אַ שיף וואָס זינקט צום אָפּגרונט און וואָס טיפער זי זינקט אין די וואַסערן פון אומקום, אַלץ העכער און לוסטיקער שפּילט איר אָרקעסטער...

אין מיין פּערזענלעכן לעבן זענען די דאָזיקע יאָרן, למראת עין, געווען די פריילעכסטע. איך בין געווען יונג, מיין נאָמען איז געווען באַקאַנט אין גאַנץ פּוילן, איך האָב גוט פאַרדינט, בין געווען אַרומגערינגלט מיט פריינד און פאַרערער פוןביידע געשלעכטער.

וואָסזשע האָט מיר געפעלט? יאָ, איך האָב ווי יעדער ייד, געוווּסט אַז די צייט איז אַ ביטערע, אַז די צוקונפט איז דראַמאַטיש, אָבער ווי יעדער ייד אין פוילן האָב איך פון דעם וויסן נישט געמאַכט קיין אויספירן. בטבע אַן אָפּטימיסט, האָב איך די שוואַרצע געדאַנקען געטריבן פון זיך, נישט געלאָזט זיי זאָלן מיך באַהערשן. דאָס בעסטע מיטל צו פאַרטרייבן די דאָזיקע געדאַנקען איז טאַקע געווען דאָס פאַרטומלען זיך, דאָס אונטערהאַלטן מיט אַלע מיטלען די פריילעכקייט. איך בין געווען יונג און האָב געוואָלט געניסן פון לעבן און געניסן פון די אַלע מעגלעכקייטן וואָס דאָס לעבן האָט מיר געגעבן.

מיר, שומאַכער און איך, האָבן געהאַט אַרום זיך אַ חברותא מיט וועלכער מיר פלעגן, ווי מען זאָגט, קערן וועלטן. פאַרמיטיק פלעגן מיר זיך טרעפן אין די עלעגאַנטסטע וואַרשעווער קאַפּעען און ביינאַכט, נאָך דער פאַרשטעלונג, אין די טייערסטע וואַרשעווער רעסטאָראַנען, צום מערסטן טאַקע אין דעם רעסטאָראַן „מעטראָ-פּאָל" וואָס האָט זיך געפונען אונטערן יידישן ליטעראַטן-פאַריין אויף טלאָמאַצקע 13. דאָרט אין די קאַפּעען און רעסטאָראַנען, האָט עס ביי אונדזערע טישלעך געברויזט מיט שטורמישן געלעכ-טער און עפּעס ווי נאָך מער צו הייבן אונדזער פריילעכקייט האָבן מיר זיך אַריינגעלאָזט אינעם שפּיל פון אָפּטאָן זיך שפּיצלעך, פון פּראָווען כל המינים קונדייסישע שטיק אין וועלכע מיר האָבן אריינ-געלייגט אונדזער גאַנצן טעמפּעראַמענט און... אונדזער גאַנצן דראַנג זיך צו פאַרגעסן.

ביי אונדזערע טישלעך זענען געזעסן די בעסטע און גרעסטע יידישע שרייבער, זשורנאַליסטן און געזעלשאַפטלעכע טוער פון וואַרשע אָבער צו דער שטענדיקער חברותא אונדזערער האָבן געהערט די באַקאַנטע זשורנאַליסטן: משה עלבוים (געווען אַמאָל קאָנפעראַנסיער פון „אררט"), אליהו לערמאַן און דער דיכטער

און צייכענער חגי, אַן אייגנטימער פון אַ צינקאָגראַפיע אין וועל-
כער אַלע יידישע צייטונגען אין וואַרשע האָבן באַשטעלט זייערע
קלישעען. אָט דער חגי (ח. גאָלדבערג) איז עס געווען דער גרעס-
טער מאַדים אויף אָפּצוטאָן שפּיצלער. זיינע איינפאַלן אויף דעם
געביט זענען ממש געווען אומדערשעפּלעך און מען דאַרף צוגעבן
אַז ווען עס איז אים געגאַנגען אין רעאַליזירן זיינס „אַן אידעע”
האָט ער זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום זאַך און קיין שום
זאַך איז אים דערויף נישט געווען צו טייער.

חגי האָט געהאַט אַ מעלה: זיינע שפּיצלעך האָט ער פּראַק-
טיצירט אויך אויף די מיטגלידער פון דער חברותתה גופא. נישט
איינמאָל בין איך געפאַלן אַ קרבן פון די דאָזיקע קונדייסישע שטיק
און וועגן איין פאַל אַזעלכן וויל איך טאַקע דאָ דערציילן.

זונטיק פלעגט די פּויליש-יידישע צייטונג „נאַש פּזשעגלאָנד”
דערשיינען מיט אַן אילוסטרירטע ביילאַגע. איינמאָל אין אַ זונטיק
איך זיץ אין רעסטאָראַן „פּיקאַדילי” נעבן טעאַטער „נאָוואָשטשי”
ווו מיר האָבן געשפּילט און עס מיטיק, קומט אַריין דער צייטונגס-
פאַרקויפער און ער דערלאַנגט מיר, ווי תמיד, די יידישע צייטונגען
ווי אויך דעם „נאַש פּזשעגלאָנד”. איך קוק איבער די יידישע צייטונ-
גען דערנאָך די פּוילישע און כאַפּט אַ בליק אויף דער אילוסטריר-
טער ביילאַגע פון „נאַש פּזשעגלאָנד”. מיט אַמאָל פאַלט מיין בליק
אויף אַ בילד און עס ווערט מיר בפועל ממש פינצטער אין די אויגן
און אין די אויערן הייבט מיר אָן רוישן ווי אין אַ וואַסער-מיל.

איידער איך דערזע נאָך וואָס דאָס בילד שטעלט פאָר, לייען
איך די אויפשריפט איבערן בילד. די דאָזיקע אויפשריפט זאָגט,
נישט מער און נישט ווייניקער, ווי: „דזשיגאַן און שומאַכער פּראַ-
ווען אָרגיעס” און הינטער דער דאָזיקער אויפשריפט גייט אַ צוויי-
טער: „פּאָליציי פירט אַן אויספאָרשונג”.

אַ מבולבלער פון די דאָזיקע אויפשריפטן קוק איך אויפן

בילד און דערזע מיך און שומאַכערן זיצן ביי עפּעס אַ טיש וואָס איז אָנגעשטעלט מיט פלעשער און גלעזער. אויף אונדזערעביידנס קני, זע איך, זיצן נאַקעטע פרויען אין גאָר פרעכע פּאָזעס און ביי דער זייט שטייט אַ ציגיינער מיט אַ פידל און פידלט צו.

ס׳ווערט מיר הייס און דערנאָך קאַלט. איך רוק אָוועק דעם טעלער זופּ און בעט דעם קעלנער אַ גלאָז קאַלט וואַסער. ווען איך טרינק האַסטיק אויס דאָס גלאָז וואַסער נעם איך טראַכטן וועגן דעם וואָס מיינע אויגן האָבן דאָ געזען.

יאָ, עס איז פאַר מיר קלאָר אַז די פאָטאָגראַפיע איז אַ מאָנ־טאַזש וואָס עמיצער האָט קונציק צונויפגעשטעלט. איך באַגרייף אויך ווער דאָס האָט געטאָן: די חברותא מיטן גאָלדבערגן בראש. אָבער צו אַלדי טייוול! דאָס מאָל זענען זיי צו ווייט פאַרגאַנגען. דאָס איז שוין גאָר אַ קנאַפּע חכמה און דווקא אַ גרויסע שווייניריי. וואָרים איר שטעלט זיך פאָר וואָס פאַר אַן איינדרוק אַזאַ פאָטאָ־גראַפיע וועט מאַכן אויף די יידן אין וואַרשע? וואָס וועט זאָגן דער עולם? וואָס וועט זאָגן די יידישע גאַס? און וואָס וועט צו דעם טענהן מיין מיידל? זי קאָן זיך דאָך נאָך אַ מעשה אָנטאָן. וויי־געשריגן, איך וועל דאָך איצט נישט קענען ווייזן דאָס פּנים פאַר קיינעם, וואָרים גיי, דערציייל אַלעמען אַז די גאַנצע מעשה איז לא היה ולא נברא און ס׳איז נאָר אַ שפּיצל פון דער חברותא. ווער וועט מיר דאָס גלויבן? און ווי אַזוי וועל איך זיך קענען פאַר אַלעמען פאַרענטפערן און אויפקלערן אַז דאָס איז נישט קיין אמת נאָר אַ שקר?

ער, ווי איך פּאַק איצט דעם גאָלדבערגן! ער וואָלט קיין גאַנצער נישט אַרויס פון מיינע הענט. ווי אַזוי האָט ער דאָס געמאַכט? און פון וואַנען האָט ער גענומען דעם ציגיינער צו אַלדי פינצטערע יאָרן?

איך פּרוּוו מיט אַ מעסער אָפּקראַצן די פאָטאָגראַפיע פון

בלאַט. אָבער עס גייט נישט. איך הייס דעם צייטונגס-פאַרקויפער מיר געבן נאָך אַ „נאַש פזשעגלאָנד״ און זע די זעלביקע פאָטאָ-גראַפיע אויך אין דער אַנדערער אילוסטרירטער ביילאַגע. גאָט מיינער, וואָס טוט מען דאָ? דער קעלנער ברענגט מיר צו דאָס פלייש, אָבער איך הייס עס צוריק נעמען און זאָג אַ תירוץ אַז דער מאָגן איז מיר עפּעס נישט אין אָרדענונג. דער קאָפּ דרייט זיך ביי מיר ווי אַ קאַרוסעליע און אין מיין אויפרעגונג טראַכט איך: שוין, אַ סוף צו מיין טעאַטער-קאַריערע. דער יידישער עולם וועט דאָך מיך לייגן אין חרם אַריין, און צוליב וואָס? צוליב אַן אומגעלומ-פּערטן וויץ, צוליב אַן אומגעלומפּערט שפּיצל?

מיין ערשטער באַשלוס איז: מען דאַרף אַנטלויפן פון וואַרשע. מען דאַרף זיך אויסבאַהאַלטן פון מענטשן... עד יעבור זעם, ביז דער ענין וועט זיך אַליין אויפקלערן.

כ׳רוף צו דעם קעלנער, גיב אים אַ גרויסן באַנקנאָט און פאַר-געס צו נעמען אַ רעשט. איך לויף אַ היים פּאַקן די וואַליזע. ס׳פאַלט מיר אויפן מאָמענט אפילו נישט איין אַז איך דאַרף זיך מיישב זיין מיט שומאַכערן וואָס איז דאָך פונקט אַזאַ קרבן ווי איך.

איך לויף מיט אימפּעט. אָבער אויף לעשנאָ 2 שטעל איך זיך אָפּ און קויף נאָך אַ „נאַש פזשעגלאָנד״ כ׳גיי אַריין אין אַ טויער, צעעפן די אילוסטרירטע ביילאַגע און כ׳גלויב ווידער נישט מיינע אויגן. די פאָטאָגראַפיע איז דאָרט נישטאָ... מיט איינמאָל פאַרשטיי איך שוין אַלץ און עס פאַלט מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ. עס ווערט מיר אַזוי גרינג און גוט אויף דער נשמה און איך צעלאַך זיך הויך אויף אַ קול. אין טויער שטייט אַ מאַמע מיט אַ ייִנגעלע. איך הער ווי דאָס קינד רופט זיך אָפּ צו דער מוטער: מאַמע, לאָמיר אַנטלויפן, דאָס איז אַ משוגענער.

כ׳גיי צוריק אין „פּיקאַדילי״ און ווען איך קום אַריין טרעף איך שוין דאָרט די גאַנצע חברותא. וויייזט זיך אַרויס, זיי זענען דאָ

געווען די גאַנצע צייט און זיך צוגעקוקט ווי אַזוי איך רעאַגיר אויף דער פאָטאָגראַפיע אין צייטונג. די חברה נעמט מיך אויף מיט אַ הוראַ. דאָס געלעכטער איז גרויס. זיי האָבן געזען ווי איך האָב געקויפט די צייטונג. ווי אַזוי איך האָב דערזעענדיק די פאָטאָ-גראַפיע זיך גענומען ווישן דעם שווייס פון שטערן. ווי אַזוי איך האָב אָנגעקוועטשט, ווי איך האָב אויסגעטרונקען אַ גלאָז וואַסער... זיי האָבן געזען ווי איך האָב געקויפט אַ צווייטע צייטונג און געפּרוּווט מיט אַ מעסער אָפּקראַצן דאָס בילד. זיי האָבן אויך געזען ווי איך האָב דעם קעלנער געגעבן אַ באַנקנאָט און נישט גענומען קיין רעשט. זיי האָבן דאָ געהאַט די אמתע פאַרשטעלונג. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט לייענען מיינע געדאַנקען, אָבער זיי האָבן גוט געזען וואָס מיט מיר קומט פאָר.

עס קומט צו דער קעלנער. ער פרעגט מיך לאַכנדיק צי דער מאָגן-ווייטיק איז מיר שוין איבערגעגאַנגען. אויך ער איז, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, געווען אַ שותף צו דער פאַרשווערונג. און די פאַרשווערונג איז געווען אַ גאַנץ פשוטע: גאָלדבערג, ווי אַ צינ-קאָגראַף, האָט צונויפמאָנטירט אַ קלישע פון אונדזערע בילדער מיט די בילדער פון די נאַקעטע פרויען, מיט די פלעשער שאַמ-פּאַניער אויפן טיש און מיט דעם פידלדיקן ציגיינער. דערנאָך איז ער אַוועק אין דער דרוקעריי פון „נאַש פּזשעגלאָנד" און היות ער האָט אין אַלע יידישע צייטונגס-דרוקערייען געהאַט גוטע באַ-קאַנטע, האָט ער געפּועלט אַז זיי זאָלן די דאָזיקע קלישע אַריינ-שטעלן אין דער ביילאַגע אויפן אָרט פון אַן אַנדערער און אָפּדרוקן נישט מער ווי 5 עקזעמפּלאַרן. די דאָזיקע פינף עקזעמפּלאַרן האָט ער געגעבן דעם צייטונגס-פאַרקויפער ביי „פּיקאַדילי" ביי וועלכן איך קויף אַלעמאָל צייטונגען און האָט אים אָנגעזאָגט אַז ער זאָל זיי געבן נאָר מיר, אָבער נישט קיין אַנדערן. פאַרשטייט זיך אַז

דער צייטונגס-פאַרקויפער האָט אויסגעפירט זיין אויפגאַבע און דאָס וואָס עס איז דערנאָך געשען איז שוין באַקאַנט.

כ׳בין, ווי מען זאָגט, אָפּגעקומען מיט שרעק און מיט נישט קיין קליינער אויפרעגונג, אָבער כ׳האָב געמוזט מאַכן אַ גוטע מינע צום שפּיל און נאָך מיטלאַכן מיט דער חברה.. מיטיק האָבן מיר שוין געגעסן צוזאַמען און איך האָב אַלס אָנערקענונג פאַר דעם גוטן שפּיצל געמוזט צאָלן פאַר אַלע. גאָלדבערג איז געווען גאָר צופרידן און ער האָט געוואָרנט אַז עס גרייט זיך אַ נײַ שפּיצל וואָס אַזוינס איז נאָך נישט געווען זייט וואַרשע איז וואַרשע און זייט דזשיגאַן-שומאַכער זענען דזשיגאַן-שומאַכער.

פאַרנאַכט זענען מיר זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען און איך בין אַוועק אין טעאַטער אַריין שפּילן. קומענדיק הינטער די קוליסן האָט מיר איינער פון די בינע-אַרבעטער איבערגעגעבן אַז אין די וואַרשעווער יידישע נאָכמיטיק-בלעטער איז פאַראַן אַ ידיעה וועגן אַ פּאָגראָם וואָס איז פאָרגעקומען ערגעץ ווו אין אַ שטעטל וואָס איך געדענק שוין היינט נישט דעם נאָמען. מיט אַמאָל איז מיר באַפאַלן אַ שווערער אומעט און איך האָב דערפילט אַז עפּעס שטימט דאָ נישט. אונדזער זאָגלאַז געלעכטער, אונדזער שוימענ-דיקע פרייד פון אַ גאַנצן טאָג האָט זיך בשום אופן נישט אַריינ-געפּאַסט אין דער רעאַליטעט וואָס האָט אונדז אַרומגערינגלט...

***

עטוואָס פריער און גאַנץ באַזונדערס אין יענער צייט וועגן וועלכער איך דערצייל, האָט זיך פאַר מיר געעפנט אַ נייער טויער צו שוישפּילערישער באַרימטקייט און קינסטלערישער אַקטיוויטעט. דאָס איז געווען: דער פילם. מיר, איך און שומאַכער, האָבן שוין דאַן געהאַט אָנטייל גענומען אין עטלעכע פילמען ווו מיר האָבן געשפּילט די הויפּט-ראָלן און מיר האָבן געהאַט אָנבאָטן צו שפּילן די הויפּט-ראָלן אין אַ ריי נייע פילמען. די פילם-מענטשן און די

רעזשיסאָרן האָבן אונדז אויף דעם געביט צוגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט.

מיר האָבן דעמאָלט אָנטייל גענומען אין אַ פילם וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין די פילם-סטודיעס נישט ווייט פון טעאַטער-פּלאַץ און נישט ווייט פון דעם קאַפע „איפּס״. דאָס איז געווען אַ קאַפע ווו עס האָט זיך געטראָפן די קינסטלער-עליטע פון וואַרשע, די באַרימטע פּוילישע שרייבער, די באַרימטע פּוילישע אַקטיאָרן און אויך הויכע מיליטער-לייט.

ווייל מיר האָבן געאַרבעט אין די נאָענטע פילם-סטודיעס פלעגן מיר אָפט אַריינקומען אין דער קאַפע „איפּס״ און מיר זענען דאָרט באַהאַנדלט געוואָרן זייער בכבוד (מסתמא צוליב אונדזער טרינק-געלט וואָס מיר האָבן איבערגעלאָזט די קעלנער). סיי די באַלעבאַטים פון קאַפע, סיי די קעלנער פלעגן זיין צו אונדז אויסערגעוויינלעך העפלעך און אונדז גערופן „נאַשע זשידאָווסקע גוויאַזדי פילמאָווע״ — אונדזערע יידישע פילם-שטערן.

איינמאָל אין אַ זונטיק, מיר קומען אַריין אין קאַפע און טרעפן דאָרט משה בראָדערזאָנען און יאַנקל אַדלער.ביידע זענען מיר, זענען עפּעס דענערווירט. איידער מיר דערפרעגן זיך נאָך וועגן דער סיבה פון זייער דענערווירטקייט רופט זיך אָפּ יאַנקל אַדלער: דזשיגאַן און שומאַכער, איך שטעל אַ פלאַש שאַמפּאַניער, אָבער מיט איין באַדינג: איר מוזט אַריינקומען אין קאַפע אָנגעטאָן ווי טראַדיציאָנעלע יידן, ס׳הייסט: מיט לאַנגע קאַפּאָטעס, מיט קיילעכיקע היטלען און מיט בערד.

מיר ווילן וויסן וואָס עס שטעקט הינטער דעם דאָזיקן פאַרלאַנג און בראָדערזאָן ווייזט אונדז דעם לעצטן נומער פון דער פּוילישער וואָכנשריפט „וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקיע״. דאָרט, אין דער צייטונג איז פאַראַן אַ מאמר פון דעם באַוווּסטן פּוילישן שרייבער אַנטאָני סלאָנימסקי אין וועלכן ער שרייבט אַז די

פּוילישע יידן מיט זייער אויסטערלישן הילוך דאַרפֿן זיך נישט שטופּן אין די פּוילישע קאַפּעען און בכלל אין די ערטער ווו עס קומען פּאָליאַקן. דערביי חוזקט ער שוין אָפּ פֿון דער יידישער הלבשה, פֿון דער יידישער האַלטונג און אַזוי ווייטער און ווייטער.

אַנטאָני סלאָנימסקי איז געווען אַן אָנגעזעענע פּערזענלעכקייט אויף דער פּוילישער גאַס און ער האָט גאַנץ אָפּט שאַרף און בייסיק אַריינגעזאָגט די פּוילישע רעאַקציאָנערן און אַנטיסעמיטן. די פּוילישע רעאַקציאָנערן און אַנטיסעמיטן האָבן אָבער נישט פֿאַרגעסן אַז ער איז חיים זעליק סלאָנימסקיס אַן אייניקל און כדי אונטערצושטרייכן פֿאַר זיי זיין פּוילישקייט פּלעגט ער פֿון צייט צו צייט אַריינזאָגן אויך די יידן און זיי געבן עצות ווי אַזוי זיי זאָלן זיך „אייראָפּעאיזירן".

דער אַרטיקל פֿון סלאָנימסקין האָט אונדז זייער אויפֿגערעגט, כאָטש צווישן זיך געדעדט האָבן מיר אויך געהאַלטן אַז דאָס יידישע בירגערטום דאַרף זיך נישט שטופּן צוליב סנאָביזם דאָרט ווו מען קוקט אויף זיי מיט שפּאָט און פֿאַראַכטונג. אָבער אַן אַנדערע זאַך איז ווען יידן מוסרן יידן צווישן זיך און אַן אַנדערע זאַך איז ווען מען ברענגט אַזאַ מין מוסר אַרויס אין אַ פּוילישער צייטונג צו דער פֿרייד און הנאה פֿון די אַנטיסעמיטן.

— מיר אַליין, האָט בראָדערזאָן געטענהט, קענען צווישן זיך באַשליסן ווו עס איז יאָ רעכט צו גיין און ווו נישט. אָבער אַרויסקומען צו יידן מיט אַזאַ עפֿנטלעכער פֿאָדערונג, דאָס שמעקט שוין מיט דיסקרימינאַציע, מיטן וועלן אָפּשליסן די יידישע באַפֿעלקערונג אין אַ געטאָ.

מיר האָבן אָנגענומען יאַנקל אַדלערס פֿאָרשלאָג. מיר זענען אַוועק אין פֿילם־סטודיע, זיך גרימירט און קאָסטיומירט לויט אונדזערע ראָלן ווי צוויי שדכנים. כדאי צו באַמערקן: מיר זענען געווען אָנגעטאָן זויבער, ציכטיק, אַפֿילו מיט אַ געוויסער עלעגאַנץ.

מער נישט, מיר האָבן געטראָגן די יידישע קאַפּאָטע, דאָס יידישע היטעלע, געהאַט צוויי פּיין-פּאַרקעמטע בערדלעך און אין האַנט געהאַלטן שירעמס.

איך בין אין אָט דעם אָנטאָן אַוועק אין קאַפּע דער ערשטער. דאָס קאַפּע איז געווען אַזוי געבויט אַז דער קאָרידאָר איז געווען אָפּגעטיילט פון זאַל מיט אַ וואַנט פון שויבן דורך וועלכע די וואָס זענען געזעסן אינעווייניק האָבן געקאָנט אָבסערווירן אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין דרויסן. איך בין צו צו דער גאַרדעראָבע, אַוועק-געגעבן מיין שירעם און געבעטן אַ נומער. אָבער דער גוי וואָס איז געזעסן ביי דער גאַרדעראָבע האָט זיך פאַרלוירן, נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט אָט דעם מאָדנעם גאַסט. באַלד האָט דער זאַל-דירעקטאָר באַמערקט דורך די שויבן אַז אַ ייד אין אַ קאַפּאָטע וויל אַריין אין קאַפּע איז ער צו מיר אַרויס אין קאָרידאָר. אַנט-שולדיקט, האָט ער מיר געזאָגט, דאָס קאַפּע איז נישט פאַר אייערט-וועגן. גייט בעסער אין דער יידישער געגנט, דאָרט וועט איר זיך פילן בעסער.

איך האָב אים געענטפערט נישט מיט קיין קלענערער העפ-לעכקייט: איך בעט אייך זייער איבער, אָבער אַז איך בין שוין דאָ, צו וואָס דאַרף איך גיין דאָרט? דער זאַל-דירעקטאָר האָט עפּעס אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט: ווייל דאָ, ביי אונדז, איז אַלץ טרעפנע (טריפה). מאַכט נישט אויס, האָב איך געענטפערט, איך וויל בלויז טרינקען אַ גלאָז טיי און טיי מעג מען טרינקען אומעטום.

אין דעם מאָמענט איז אָנגעקומען שומאַכער, אויך אָנגעטאָן און גרימירט ווי אַ שדכן. יעזוס מאַריאַ, האָט אויסגעשריגן דער דירעקטאָר, אינוואַזיאַ זשידאָווסקאַ (אַ יידישע אינוואַזיע) און ער האָט באַפוילן צו פאַרשליסן די טיר און שומאַכערן נישט אַריינ-צולאָזן. איך האָב אויסגענוצט די קליינע סומאַטאָכע און בין אַריין אין זאַל. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט ביי דעם ערשטן בעסטן טישל

און געזען אַז משה בראָדערזאָן און יאַנקל אַדלער אָבסערווירן געשפּאַנט די גאַנצע סצענע. אין קאַפּע איז אַנטשטאַנען אַ קאָנ-סטערנאַציע. טייל האָבן אויף מיר געקוקט מיט אַ קרומען שמייכל ווי זיי וואָלטן כלומרשט געפרעגט: ווי אַזוי האָט דאָ דער דאָזיקער זשידעק פאַרבלאָנדזשעט? אַנדערע האָבן אָנגעכמורעט די פּנימער און געברומט צווישן די ציין: מען וועט זיך פון זיי שוין נישט קענען אויסבאַהאַלטן. די דאַמען האָבן געכיכיקעט און געשאָקלט מיט די בלאָנדע קעפּעלער, שטורכענדיק איינע דער אַנדערער זי זאָל זען אָט דאָס מאָדנע באַשעפעניש. קיין קעלנער איז צו מיר נישט צוגעקומען.

נישט ווייט פון מיר זענען געזעסן צוויי מאָנאַכן אין ברוינע סוטאַנעס, אַרומגעגאַרטלט מיט געפלאָכטענע גאַרטלען וואָס אויף זייערע עקן האָבן זיך געבאָמבלט טראָלדן. אויף זייערע אויס-ראַזירטע קעפּ זענען געזעסן אַזעלכע מיני קליינע קאָמישע קאַפּע-לער. דערצו האָבן זיי ביידע געהאַט גאַנץ היפּשע בערד. אָט די צוויי מאָנאַכן האָבן קיינעם נישט שאַקירט, קיינעם האָט נישט געאַרט וואָס זיי זיצן דאָ און קיינער האָט זיך דערויף נישט געוווּנ-דערט. נאָר איך, אין מיין ריינער קאַפּאָטע, מיט מיין ווייסן קאָלנער און שוואַרצן שניפּסל האָב אַרויסגערופן דאָ אַזאַ צעמישעניש, אַזאַ פאַרוווּנדערונג ווי זיי וואָלטן געזען עפּעס אַן אויסטערלישע חיה פון דזשונגל.

לאַנג זיצן האָב איך נישט געקאָנט, ווייל אין מיר האָט געקאָכט און געזאָטן. כ׳בין אַרויס פון קאַפּע און אין דרויסן געטראָפן שומאַכערן. נו, האָט ער געפרעגט, מיר האָבן זיך פאַרדינט שאַמ-פּאַניער? ניין, האָב איך געזאָגט, כ׳האָב דאָס געפיל ווי איך וואָלט געדאַרפט טרינקען ריצין-אייל כדי זיך אָפּצורייניקן פון דער דאָזי-קער איבערלעבונג.

דעם אמת געזאָגט האָט מיך אין דער גאַנצער זאַך שטאַרק

פאַרדראָסן נישט אַזוי די באַנעמונג פון די גויים, ווי די האַלטונג פון די עטלעכע יידן וואָס האָבן זיך געפונען אין קאַפע. איך האָב געזען ווי זיי האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און געקוקט צו דער פּאָדלאָגע און איך וואָלט געשווירן אַז זיי זענען פאַר מיין דרייסט־קייט בייז געווען אויף מיר מער ווי אַ טייל פון די גוישע געסט.

מיר זענען שנעל אַוועק אין סטודיע, זיך אויסגרימירט, אָפּגע־וואַשן, אָנגעטאָן זיך אין אונדזערע געוויינלעכע מלבושים און צוריק אַריין אין קאַפע. דער גאַרדעראָביער האָט אונדז באַגעגנט מיט אַ הויכן „אושאַנאָוואַניע". מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש פון בראָדערזאָן און יאַנקל אַדלער און באַלד איז נעבן אונדז אויסגעוואַקסן דער זאַל־דירעקטאָר. אָך, אַ שאָד, אַ שאָד, זאָגט ער, וואָס איר האָט פאַרשפּעטיקט. איר וואָלט געוויס געלאַכט. שטעלט זיך פאָר: צוויי יידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס האָבן דווקא געוואָלט אַריין אין קאַפע. איך בין חושד אַז דאָס איז געווען אַ יידישע דעמאָנסטראַציע אַלס ענטפער אויפן אַרטיקל פון פאַן סלאָנימסקי.

כ'האָב אים קאַלט און באַהערשט געענטפערט: פּאַניע דירעק־טאָזשע, ס'איז אַ גרעסערע שאָד וואָס איר האָט אונדז נישט דער־קענט. די צוויי יידן וואָס איר האָט נישט געוואָלט אַריינלאָזן זענען מיר געווען, מיר ביידע, גרימירט און אָנגעטאָן לויט אונדזערע ראָלן. ס'איז נישט געווען קיין שום יידישע דעמאָנסטראַציע. די יידן מיט די קאַפּאָטעס און מיט די בערד רייסן זיך גאָרנישט צו קומען אין אייער קאַפע. דאָס האָבן מיר ביידע בלויז געוואָלט אויספּרוּוון אייער פּוילישע העפלעכקייט און אייער פּוילישע טאָלעראַנץ.

דער דירעקטאָר האָט זיך פאַרלוירן, גענומען עפּעס שטאַמלען און איז גיך אַוועק. איך האָב אים נאָכגעשריגן:

— פּאַניע דירעקטאָזשע, דערציילט וועגן דער דאָזיקער פּאָסי־רונג דעם פאַן סלאָנימסקי און אין איין וועג גיט אים אָפּ אַ גרוס פון

זיין זיידן וועלכן מען וואָלט צוליב זיין אַרטיקל אויך נישט אַריינ-געלאָזט אין דער דאָזיקער קאָפּע...

***

אין די ערשטע חדשים פון יאָר 1939 האָט מען אָנגעהויבן מורמלען אַז צווישן פּוילן און דייטשלאַנד איז די בוזעם-פריינד-שאַפט קאַליע געוואָרן. מען האָט דערוועגן נישט גערעדט הויך, אין קיין שום צייטונג האָט מען דערוועגן נישט געשריבן און דאָך האָבן די דאָזיקע קלאַנגען זיך פאַרשפּרייט מיט אַן עקשנות קעגן וועלכער די צענזור פון דער פּוילישער רעגירונג איז געווען אומרמעכטיק.

די כלומרשטע פריינדשאַפט צווישן פּוילן און היטלער-דייטש-לאַנד האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע יאָר און די פּוילישע רעגירער האָבן זיך ממש געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, כדי נושא חן צו זיין ביי דעם דייטשן מטורף, זייענדיק זיכער אַז אַזוי אַרום וועלן זיי אָפּווענדן זיין בליק פון די טעריטאָריעס וועלכע האָבן אַמאָל געהערט צו דייטשלאַנד און זענען נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה פאַרייניקט געוואָרן מיט פּוילן.

אין אָנהייב פון יאָר 1939, ווען היטלער האָט שוין געהאַט פאַרדייעט די טשעכישע אָקופּאַציע מיט דער הילף פון מינכענער טשעמבערלען אַפּמאַך, וואָס זיין אַרכיטעקטאָר איז געווען טשעמ-בערלען, האָבן זיך גענומען טראָגן שמועות אַז דער דייטשער מושל האָט זיך דערמאָנט זיינע אַמאָליקע פאָדערונגען צו פּוילן וועגן וועלכע ער האָט געשריבן אין זיין בוך: „מיין קאַמף".

וואָס מער מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דעם פרילינג אין יענעם יאָר, אַלץ מער האָט מען גענומען רעדן וועגן דעם אַז עס גרייט זיך אַ מלחמה צווישן דייטשלאַנד און פּוילן. אין אַפּריל-מאַי פון דעם דאָזיקן יאָר האָט מען שוין געקאָנט באַמערקן אַז דאָס

פוילישע מיליטער געפינט זיך אין אַ פּיבערדיקן צושטאַנד. עס זענען פאָרגעקומען די ערשטע טיילווייזע מאָביליזאַציעס פון די רעזערוון און די ערשטע אַלאַרם-פּרוּוון פון לופט-פאַרטיידיקונג און פאַרטונקלונגען אין די שטעט.

פוילן האָט גענומען לעבן מיט דעם פיבער פון מלחמה-סכנה, אָבער מער נאָך ווי די פּאָליאַקן האָבן יידן געפיבערט מיט דער דאָזיקער געפאַר, זייענדיק שוין צו גוט באַקאַנט מיט היטלערס אַנטיסעמיטישער רשעות. די יידישע באַפעלקערונג אין פוילן האָט נישט געהאַט צו דערוואַרטן קיין גוטס פון קיין שום מלחמה, אָבער פון דער דאָזיקער מלחמה האָט זי געקענט זיך ריכטן אויף דאָס סאַמע ערגסטע.

ווי דער שטייגער איז האָבן אויך אין דעם דאָזיקן מצב זיך געפונען געננוג אָפּטימיסטן וועלכע האָבן געטענהט אַז קיין מלחמה וועט נישט זיין. איינעקע האָבן געהאַלטן אַז פוילן וועט אין דער לעצטער מינוט אָפּגעבן צו דייטשלאַנד די פרייַשטאָט דאַנציק און דעם „קאָרידאָר" און די מלחמה וועט אויסגעמיטן ווערן. אַנדערע זענען געגאַנגען נאָך ווייטער און פאַרזיכערט אַז די מלחמה וועט אויסגעמיטן ווערן דווקא דורך דעם וואָס פוילן וועט זיך האַלטן פעסט און וועט נישט נאָכגעבן די דייטשע פאָדערונגען. היטלער וועט דאַן זען אַז זיין שאַנטאַזש האָט זיך נישט איינגעגעבן און ער וועט פון דער מלחמה רעזיגנירן.

דער יידישער אָפּטימיזם בנוגע דעם אויסמיידן די מלחמה האָט זיך בעיקר געשטיצט אויף סאָוויעט-רוסלאַנד. דאָס קאָמו-ניסטישע רוסלאַנד און דאָס נאַצישע דייטשלאַנד זענען זיך דאָך די ערגסטע שונאים. נו, וועט מאָסקווע דערלויבן אַז היטלער זאָל נאָך שטאַרקער ווערן מיט איינשלינגען פוילן און זיך אַזוי ממשות-דיק צורוקן צו אירע מערבדיקע גרענעצן? עס איז קלאָר, אַז זי וועט דאָס נישט קאָנען דערלויבן. וויבאַלד אַזוי, הייסט עס, אַז

היטלער וועט מוזן אָנהייבן אַ מלחמה נישט נאָר קעגן פּוילן, נאָר אויך קעגן רוסלאַנד און דאָס וועט ער זיך נישט דערוועגן צו טאָן; אויף דעם וועט אים די אָנפירערשאַפט פון דער אַרמיי נישט דער־לויבן.

דער טאָג אין וועלכן עס איז פּלוצים געמאָלדן געוואָרן אַז מאָלאָטאָוו און ריבענטראָפּ האָבן געשלאָסן זייער טרויעריק־באַרימטן פריינטשאַפט־אָפּמאַך איז דעריבער געווען פאַר די יידן אין פּוילן אַן אמתער תשעה באב. נאָך יענער אויפטרייסלענדיקער ידיעה האָט מען שוין גענומען גלייבן אַז די מלחמה איז אומפאַר־מיידלעך.

די פּוילישע רעגירונג האָט אין יענער צייט ווייטער געפירט איר אַנטי־יידישע עקאָנאָמישע פּאָליטיק, אָבער דער ווילדער גאַסן־אַנטיסעמיטיזם איז דורך איר אַ ביסל געהאַמעוועט געוואָרן. מען האָט איצט געדאַרפט זיך פאַרזיכערן פריינד אין מערב־אייראָפּע און צו דעם זענען פּאָגראָמען און אַנטי־יידישע עקסצעסן נישט געווען קיין סגולה.

נאָך אַ זאַך: די צענזור איז אַ ביסל מילדער געוואָרן. מען האָט שוין געמעגט רעדן און שרייבן קעגן היטלער־דייטשלאַנד — אַ זאַך וואָס פריער האָט מען עס געהיטן מיט טויזנט אויגן.

מיר האָבן אין אונדזער טעאַטער אויסגענוצט אָט די לינדערע צענזור־ווינטן און מיר האָבן געגעבן אַ פּראָגראַם וואָס איז געווען מלא וגדוש מיט בייסיקער סאַטירע קעגן היטלעריזם. יידן האָבן דעמאָלט שוין נישט געהאַט דעם קאָפּ און דאָס געמיט צו גיין אין טעאַטער, אָבער אין אונדזער טעאַטער איז דער עולם נאָך געשמאַק געקומען. ער איז געקומען אויסלאַכן דעם שונא און דערמיט אפשר, אויף אַן אונטערבאַוווּסטזיניקן אופן, קריגן די אילוזיע אַז זיין פּאַטענץ איז נישט אַזוי שרעקלעך. ס'איז געשען ווי אַלעמאָל

אין אַזעלכע פאַלן: בלית ברירה האָבן מיר זיך געשאַפן אילוזיעס און געלעבט מיט זיי.

וואָס טיפער אין זומער אַלץ נענטער און רעאַלער איז געוואָרן די מלחמה-געפאַר. מען האָט שוין וועגן איר אָפן געשריבן און גערעדט, מען האָט אויך שוין גענומען מאַכן געוויסע צוגרייטונגען צו איר. אין חודש אויגוסט פון יענעם יאָר האָט די מאַכט אַפּעלירט צו דער באַפעלקערונג אַז זי זאָל גראָבן לופט-שוץ-גריבער אין די פּאַרקן און אויף די שטאָטישע סקווערן. די דאָזיקע גריבער האָבן געזאָלט זיין אַן אָפּוואַר קעגן די דייטשע טאַנקען און זיי האָבן אויך געזאָלט דינען ווי שוץ-באַהעלטענישן קעגן די דייטשע לופט-אַנגריפן. נישט קיין וווּנדער וואָס דווקא יידן האָבן אין דער דאָזיקער אַרבעט אַריינגעלייגט אַ סך אייפער און זי אויסגעפירט מיט געטריישאַפט.

מיר האָבן דעמאָלט אַקוראַט געשפּילט אין קראָקע. ס׳איז געווען דער 25סטער אויגוסט און ביים אָנהייבן די פאָרשטעלונג האָבן מיר באַקומען אַ ווענדונג פון דער פּוילישער מאַכט אַז מיר זאָלן רופן אונדזער עולם צו גראָבן לופט-שוץ-גריבער אין דער געגנט פון טעאַטער. בעת דער פּויזע האָבן מיר זיך געווענדעט צום עולם אַז ער זאָל צוזאַמען מיט אונדז, די אַקטיאָרן, אַרויסגיין צו דער דאָזיקער אַרבעט. מיר האָבן טאַקע צוזאַמען מיט אונדזערע באַזוכער געטריי געגראָבן אַ שעה צייט און נאָך דער שעה זענען מיר מיטן עולם צוריק אַריין אין טעאַטער און מיר האָבן פאַר-ענדיקט דאָס פּראָגראַם.

שטייענדיק אויפן סקווער ביים טעאַטער מיט אַ רידל אין האַנט און גראָבנדיק די לופט-שוץ-גריבער זענען מיר מאָדנע מחשבות געקומען אין קאָפּ אַריין. גראָבן מיר דאָ נישט קיין קברים פאַר דעם אומאָפּהענגיקן פּוילן; פאַר דעם יידישן לעבן אין דעם דאָזיקן לאַנד? — האָב איך זיך געפרעגט אין די מחשבות. יאָ. איך האָב

גוט געוווּסט אַז מיר האָבן דאָ, אין דעם דאָזיקן אומאָפּהענגיקן פּוילן, נישט געלעקט קיין האָניק, נאָר זיך כסדר און כסדר אָנגע-געסן מיט ביטערניש און גאַל. אָבער ווי עס זאָל נישט זיין האָבן מיר דאָ געלעבט, געאַרבעט, געשאַפן און געהאַט אונדזערע פער-זענלעכע און ציבורדיקע פריידן. קומט איצט נישט קיין סוף צו דעם אַלעם? ביי היטלערן, דאָס האָב איך גוט געוווּסט, וועלן מיר זיין אויסגעשטעלט אויף פּיל, פּיל ערגערע צרות, ביי אים וועט אונדזער נאַקעטע מענטשלעכע עקזיסטענץ זיין אין געפאַר.

איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט, נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג אַז מיטן גראָבן די גריבער אויף די גאַסן פון די פּוילישע שטעט, האָבן מיר אָנגעהויבן אַ קאַפּיטל וואָס איז שפּעטער, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין פּוילן, דערגאַנגען צו די גרעסטע גרוילן אין אונדזער געשיכטע. ליידער האָט זיך דאָס גראָבן גריבער פאַר אונדז, יידן אין פּוילן, נישט פאַרענדיקט אין יענעם מאָמענט, ערב דער מלחמה. ליידער האָט עס זיך ערשט אָנגעהויבן. וואָרים באַלד ווי די נאַציס זענען אַריין קיין פּוילן, האָט זיך אָנגעהויבן די סעריע פון אַרויספירן הונדערטער און הונ-דערטער יידן פון די שטעט און שטעטלעך אויף די פעלדער און אויף די בית עלמינס, וווּ מען האָט זיי געצווּנגען צו גראָבן קברים אין וועלכע זיי זענען טאַקע פאַרשאַטן געוואָרן נאָך דעם ווי מען האָט זיי מאַסנווייז אויסגעשאָסן. דעם דאָזיקן מאָרד-סיסטעם האָבן די נאַציס פּראַקטיצירט די גאַנצע אָקופּאַציע-צייט. אפילו דעמאָלט ווען זיי האָבן שוין אין זייער באַזיץ געהאַט די טויט-פאַבריקן אין טרעבלינקע, מאַידאַנעק און אוישוויץ.

אויף צו מאָרגנס נאָכן פאַרענדיקן די פאַרשטעלונג אין קראָקע האָבן מיר געזאָלט שפּילן אין דעם קוראָרט קריניצע. די שטימונג איז שוין אָבער געווען אַזאַ אַז מיר האָבן די פאַרשטעלונג אָפּגערופן. מיר זענען הענדום פּענדום צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע.

וואַרשע איז שוין געווען פֿאַרטונקלט. אַלע האָבן שוין קלאָר געוווּסט: די מלחמה איז נישט אויסצומיידן. דער גורל איז גע-חתמעט.

כדי די מלחמה זאָל אויסגעמיטן ווערן וואָלט געדאַרפֿט געשען אַ נס. דער נס איז נישט געשען. אין דער נאַכט פֿון דאָנערשטיק אויף פֿרייטיק, דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939, איז אָנגעקומען אַ ידיעה אַז דער אויבערשטער סאָוויעט פֿון קאָמוניסטישן רוסלאַנד האָט באַשטעטיקט דעם סטאַלין-היטלער-פּאַקט און אין די פֿרי-מאָרגן-שעהן האָב די דייטשע אַעראָפּלאַנען שוין באָמבאַרדירט וואַרשע. היטלער האָט אָנגעהויבן די מלחמה אָן אַ קריגס-דער-קלערונג.

דער לעצטער פֿאָרהאַנג פֿון דעם דזשיגאַן-שומאַכער-טעאַטער אינעם פֿאַרמלחמהדיקן פּוילן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דעם 25סטן אויגוסט אין קראָקע. אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך אויפֿגעהויבן דער פֿאָרהאַנג איבער דער טראַגעדיע וואָס איר נאָמען איז: די צווייטע וועלט-מלחמה — אַ טראַגעדיע וואָס פֿון אירע בלוטיקע און גרויליקע קאָנסעקווענצן קאָנען מיר, יידן, נאָך נישט קומען צו זיך ביזן היינטיקן טאָג...

ראטן־פארבאנד

ראטן־פארבאנד

אין יאָר 1939 האָט פוילן געהאַט אַ הייסן האַרבסט. אַזוי ווי די נאַטור וואָלט געוואָלט צעברענען די ערד, אפשר וועלן איר די דייטשע שונאים ניט קאָנען באַטרעטן. דער חודש סעפּ־טעמבער, וואָס האָט געוויינלאַך געאָטעמט מיט קילע שאָטנס פון די באַבלעטערטע קאַשטאַן־בוימער, האָט דאָסמאָל געבלאָזן מיט הייסן אָטעם.

ערב יום־כיפור האָט וואַרשע איבערגעלעבט איינע פון די שווערסטע באָמבאַרדירונגען. די דייטשע פאַרניכטער האָבן צע־שאָטן גאַנצע קוואַרטאַלן אין שטויב. די הייזער זענען געפאַלן ווי מידע פון דער גרויזאַמער מלחמה. יעדער לופט־אַנגריף פון דעם שונאס אַעראָפּלאַנען האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך בערג מיט ציגל.

כ'האָב אין יענע גהינומדיקע טעג געוווינט אין אַ צימער ביי מיין פריינד, דעם אימפּרעסאַריאָ מאיר ווינדער מיט זיין משפּחה. פּאַקטיש האָבן מיר מער געלעבט אינעם קעלער פון הויז, ווי אין דער דירה. די אַלאַרמען זענען געווען אַזוי אָפט, אַז ס'האָט זיך שוין באַלד נישט געלוינט אַרויסצוגיין פון קעלער, וואָס האָט געדינט ווי אַ מקלט פון די באָמבאַרדירונגען פאַר אַלע שכנים; אָבער די אמונה האָט גובר געווען דעם פּחד און ערב יום־כיפור האָבן זיך אַלע אויפגעזאַמלט אין דער וווינונג פון הויז־ווירט, כדי זיך צו שטעלן פאַר גאָט מיט דעם דורותדיקן כל־נדרי. באָמ־בעס זענען געפאַלן פון הימל, און מיר, קינדער פון אַן אַלט געפּרוּווט פאָלק, זענען געשטאַנען פאַראייניקט אין דער אייביקער

תפילה. דער דאָך פונעם הויז איז שוין געווען האַלב-אָפּגעריסן. דאָס גאַנצע הויז האָט זיך געטרייסלט פון די דעטאָנאַציעס, און מיר האָבן געדאַוונט.

כ'בין געשטאַנען אין אַ ווינקל און מיין בליק איז געפאַלן אויף אַ בילד, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט, קעגנאיבער. דאָס איז געווען אַ געמאָלטער פּאָרטרעט פון דעם הויזווירטס פאָטער. אויף די ליפּן פון דעם אַלטן מאַן האָט געשוועבט אַ דין-דינער שמייכל, וואָס איז פאַרלאָרן געוואָרן אין זיין גרויער, לאַנגער באָרד. דער זקן פון פּאָרטרעט האָט מער געקוקט אויף מיר, ווי איך אויף אים. אין זיינע מילדע, קלוגע אויגן האָב איך גע-לייענט — דזשיגאַן, וועסט דאָס אַלץ איבערקומען. וועסט נאָך דערלעבן בעסערע טעג. ווי שווער ס'איז ניט געווען דאַן מיין געמיט, האָב איך אויף אַ רגע זיך דערפילט האָפערדיקער. ס'האָט זיך צו מיר אומגעקערט אין יענעם יום-כיפּור דער בטחון, אַז דער שונא וועט נאָך אַמאָל ליגן ווי אַ צעטראָטענער וואָרעם.

בכלל האָב איך זינט יענעם טאָג אָנגעהויבן האַלטן פון סימבאָלן און צופעליקע סמנים, וואָס דאַרפן אויף עפּעס אָנדייטן. כ'געדענק, למשל, ווי איך בין געגאַנגען נאָך אַ לופט-אָנגריף איבער דער ביעלאַנסקי-גאַס, פאַרביי דעם טעאַטער „נאָוואָשטשי", ווו איך מיט שומאַכערן האָבן פיל יאָרן געשפּילט. אין פראָנט פון דער חרוב-געוואָרענער געביידע האָט זיך געוויגט אויף אַן איינזאַמער שטריק דער שילד פון אונדזער לעצטער פּראָגראַם, וואָס האָט געהייסן „נאַדיר און וויין ניט". כ'האָב אין דעם געזען אַ צייכן פון דער השגחה עליונה, ווי צו זאָגן — נאַדיר טאַקע צרות מיט פּיין, אָבער וויין ניט... זיי שטאַרק צו די צרות, וואָס וועלן נאָך קומען.

און זיי זענען געקומען, שפּעטער. דערווייל האָב איך מיט נאָך טויזנטער וואַרשעווער יידן צוגעזען, ווי דער דייטשער אָקופּאַנט

פאַרנעמט די שטאָט. אין די ערשטע טעג האָט נאָך קיינער ניט געוווסט וואָס די אָקופּאַציע וועט באַדייטן פאַר אונדז, יידן. די באָמבאַרדירונגען האָבן אויפגעהערט, איז מען געווען זיכער, אַז דאָס לעבן גייט אַריין צוריק אין זיין טאָג-טעגלעכן גאַנג, און מען דאַרף זיך נעמען ווידער איינאָרדנען דאָס אייגענע ווינקל. אין גאַנץ וואַרשע איז ניט געבליבן אויף אַ רפואה איין גאַנצע שויב. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ זוכעניש נאָך שויבן. דאָס איז געווען דער ערשטער שריט אויפצוריכטן אַ פּלאַץ, ווו דעם קאָפּ אַנידערלייגן.

די גאַנצע שטאָט האָט געזוכט שויבן. מיר אויך. ביי אַ הורט-סקלאַד פון שויבן איז געשטאַנען אַ קילאָמעטער-לאַנגע ריי. טאָמער האָט ווער געוואַגט זיך אַרויסברעכן פון איר, איז מען גרייט געווען אים דורס צו זיין. וואָס טוט מען? כ׳זאָל אפילו פאַרנעמען אַ פּלאַץ אין אָט דעם האַרמידער, קאָן איך אָנקומען צום טויער אפשר אין דריי טעג אַרום. האָבן מיר באַשלאָסן מיט מיין אימפּרעסאַריאָ ווינדער אָפּשפּילן אַ סצענע, וואָס זאָל אונדז דערמעגלעכן זיך אַריינבאַקומען אין דעם גן-עדן פון גלאָז. איך האָב געהייסן ווינדערן ער זאָל מיט קלעפּ און זידלערייען מיך אַריינשלעפּן אין טויער. ביז די פאַרבליפטע מענטשן אין דער ריי האָבן זיך אָריענטירט וואָס און ווען, זענען מיר שוין געווען אינע-ווייניק. דער יידישער אייגנטימער פונעם סקלאַד האָט געטיילט זיין האָב און גוטס אויפן באַפעל פון די דייטשן פאַר אַ סימבאָלישן פרייז, און געשאָלטן דערביי מיט טויטע קללות. ער האָט געזען ווי פון זיין גאַנץ פאַרמעגן בלייבט אים באַלד איבער ניט מער ווי עטלעכע שפּליטערס, און ס׳האַרץ האָט אים זיכער וויי געטאָן. האָט ער זיין גאַנצע פאַרביטערונג אַריינגעלייגט אין די קללות מיט די חרמות. ווען ס׳איז געקומען צו מיר, איז ביי אים געבליבן דאָס מויל ברייט אָפן איבער אַ ניט דערזאָגטער קללה. ווער האָט

מיך דאָ אין וואַרשע ניט געקאָנט? כיבע אַ שטיין. דער ייד האָט מיר דערזען, האָט ער מיר אָנגעכאַפּט פאַר ביידע הענט, אַריינגעקוקט מיר אין די אויגן, און געפרעגט מער זיך, ווי מיר:

— דזשיגאַן?!... איך.... געשאָלטן?... אוי, ווי איז מיר... דזשיגאַן! פאַר יעדע קללה באַקומט איר אַ קאַסטן גלאָז, איר הערט? אַ קאַסטן גלאָז!

די קללות האָב איך ניט געציילט; דער ייד האָט מיר געגעבן צוועלף קאַסטנס גלאָז. דאָס איז דאַן אין וואַרשע געווען אַ פאַרמעגן. ווינדער איז אַרויסגעלאָפן זוכן אַ פורל אָפּצופירן די סחורה, און אין אַ פאַר שעה אַרום איז דאָס גלאָז געלעגן אינעם קעלער פון אונדזער הויז.

איצט בין איך געוואָרן דער גלאָז-סוחר. אַלעם ערשט האָב איך פאַרזאָרגט מיט גלאָז שומאַכערן, מיין שותף צו דער בינע-טעטיקייט. דערנאָך האָט ווינדער פאַרקויפט דעם אַרטיקל צו כל דיכפין. מען האָט אונדז אָנגעשאָטן אַ קעלער מיט געלט און נאָך דערביי געבענטשט פאַר דער איניציאַטיוו. ביי מאיר ווינדערן האָט זיך צעשפּילט דאָס אימפּרעסאַרישע בלוט, און ער האָט פאַרגעשלאָגן מיר זאָלן גיין אין די פירמעס וווּ מען קאָן מיך נעמען סחורה. אַזוי האָט מיר א געשוואָרענער באַזוכער פון אונדזערע פאָרשטעלונגען, אַן אינהאַבער פון אַ גרויסן לעדער-לאַגער, אָפּגעגעבן אַ גאַנצן וואָגן ווייכע לעדער, איידער די דייטשן וועלן עס קאָנפיסקירן. ווידער איז דער קעלער געווען פול מיט קונדן. די באַוווסטע שאָקאָלאַד-פאַבריק „פלוטאָס" האָט אונדז באַזאָרגט מיט קאַסטנס צוקערוואַרג און שאָקאָלאַד. די אַלע האָבן גוט געוווּסט, אַז נאָך אַ טאָג, און דער שונא וועט עס אַלץ צונעמען, האָבן זיי עס בעסער אַוועקגעגעבן אַ יידישן אַקטיאָר ער זאָל הנאה האָבן.

כ׳האָב אָנגעהויבן האַנדלען גאָר גרויס. כ׳בין געוואָרן אַ צו-שטעלער פון אַלע מינים אַרטיקלען. די הויפּט-אָפּנעמעריין פון דעם אַלעם איז געווען אַ פרוי פון אַ טעאַטער-טוער, וואָס האָט יאָרן געהאָלפן יעדע קינסטלערישע אונטערנעמונג. אָט די פרוי האָט אַרויסגעוויזן נאָך אַ גרעסערן טאַלאַנט אין מסחר, ווי איך. אַלץ האָט זי באַדאַרפט. ביז איינמאָל האָט זי זיך אַזוי פאַרגעסן אין איר שכרות פון האַנדל, אַז דער קאָפּ האָט זיך איר פאַרדרייט, און זי האָט זיך אָפּגערופן צו מיר:

— דזשיגאַן, אפשר טראָגט איר מיר אַרויף אַ פּאָר עמער וואַסער ? !...

ווי זי וואָלט מיר געהאַט אָפּגעגאָסן מיט דעם וואַסער, וואָס איך האָב איר געדאַרפט אַרויפטראָגן, אַזוי בין איך געבליבן שטיין. ווען דאָס וואָלט מיר געבעטן אַ קראַנקע, אָרעמע שכנטע, רייד איך נישט איבער קיין וואָרט, און טו עס; אָבער דאָס האָט מיר פאַרגעלייגט אַ פרוי, וואָס איז געווען זיכער, אַז זי האָט מיך געקויפט, דעם ליפעראַנט אירן.

כ׳בין אַוועק אין מיין וווינונג און זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד בעט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ס׳איז מיר געקומען אויפן זין ש. אַנסקיס וווּנדערבאַרע רעפליק, וואָס ער האָט אַריינ-געלייגט אינעם מויל פונעם משולח, אַ געשטאַלט אין זיין פּיעסע „דער דיבוק״: אין פענסטער איז גלאָז און אין שפּיגל איז גלאָז, נאָר דאָס גלאָז פון דעם שפּיגל איז אַביסעלע באַזילבערט. און ווי נאָר באַזילבערט הערט מען אויף צו זען מענטשן, און מען הויבט אָן זען זיך אַליין. כאָטש דער ייד פון די קללות האָט מיר געגעבן פשוטן פענסטער-גלאָז, האָב איך עס באַזילבערט. כ׳האָב אָנגעהויבן זען זיך אַליין, און אָט איז געקומען דערצו, אַז מען בעט דזשיגאַנען דעם שוישפּילער טראָגן וואַסער...

כ׳האָב אַרונטערגערוקט דעם קאָפּ אונטער די עמערס, וואָס

כ׳האָב געזען אין מיין דמיון, זיך אָפּגעשאָקלט ווי אַרויס פון אַ קאַלטער באָד, און אויסגערופן אויפן קול:

— דזשיגאַן, אַ סוף מיטן מסחר... צוריק צו דער בינע!

***

כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז מיין טעטיקייט אין דער חרוב-געוואָרענער וואַרשע ווי אַן אַקטיאָר איז אַ פאַרלוירענע. נישט בלויז זענען צו דעם געווען קיינע באַדינגונגען, נאָר די דייטשע אָקופּאַנטן האָבן פון טאָג צו טאָג אָנגעהויבן פאַרציען דעם שטריק אַרום אונדז, יידן. די ידיעות פון די פּוילישע געביטן, פאַרנומענע דורך דער סאָוויעטן-מאַכט, זענען געווען גאַנץ פאַרנעפּלטע; אָבער איינס האָט מען געוווּסט — אין ביאַליסטאָק זענען זיך אויפגעלאָפן טויזנטער פּליטים פון דער גאַנצער מדינה, און ס׳גייט אָן אַ פיבערהאַפטער לעבן, ווו טעאַטער קאָן אויך האָבן אַ פּלאַץ. בין איך אַוועק צו מיין חבר, דעם שוישפּילער בערגמאַן, און אים פאַרגעלייגט אויף מיינע הוצאות פאָרן איבער דער גרענעץ קיין ביאַליסטאָק צוגרייטן אַ ווינקל ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, און דאָס איבעריקע וועט מען זען אויפן אָרט. בערגמאַן איז אַוועקגעפאָרן, און איך האָב זיך אויך אָנגעהויבן קלייבן אין וועג. ס׳איז געווען ווי גאָט אַליין האָט מיר אַריינגעגעבן די מחשבה צו פאַרלאָזן וואַרשע. כ׳האָב זיך געהאַלטן אין פּאַקן און באַשטימט אַ טאָג ווען צו פאָרן, איז געקומען צו מיר דער רעזשיסער און טעאַטער-פאַרשער יאָנאַס טורקאָוו, און מיר מודיע געווען, אַז איך מוז שוין אַנטלויפן, ווייל מיין נאָמען פיגורירט אויף דער ליסטע פון די ערוּבניקעס, וואָס די דייטשן ווילן אַרעסטירן, כדי צו קאָנען זיי דערשיסן אין פאַל פון אומרוען מצד דער באַפעלקערונג. דאָס האָט ער זיך דערוווּסט אינעם יידישן קאָמיטעט, וואָס האָט זיך געשאַפן.

כ׳האָב זיך אינגאַנצן נישט געוווּנדערט, וואָס די דייטשן האָבן זיך דערמאָנט וועגן מיר. פאַרן קריג האָט מיר היטלער געדינט ווי אַ טרייע ציל־ברעט אויף חוזק און וויצן. כ׳האָב געהאַט אויסצו־שטיין גענוג צרות צוליב דעם פון דער פּוילישער צענזור, וואָס האָט געשניטן די טעקסטן צוליב פּאָליטישע מאָטיוון. כ׳האָב וואָס שנעלער אויפגעפּאַקט אַ רוקזאַק און אַרויס פון מיין וווינונג אויף זיך ניט אומצוקערן.

צו דער גרעניץ בין איך געפאָרן אין אַ פור מיט בלויז ווייבער. כ׳האָב זיך געפילט ווי אַן אַנטרייבער פון געננדז. דעם גאַנצן וועג האָבן זיי געפּילדערט, געשריען, זיך געקריגט איבער אַ שטרוי; אָבער איין נוצן האָט מען פון זיי יאָ געהאַט. ווען זיי האָבן דער־זען פונדערווייטנס אַ דייטש, האָבן זיי אַזוי געשריען, אַז יענער איז אַנטלאָפן ווי אַן אונטערגעשאָסענער.

אַזוי זענען מיר דערפאָרן ביזן טייך בוג, דער נאַטירלעכער גרעניץ, וואָס די צוויי שותפים, דייטשלאַנד און דער ראַטן־פאַר־באַנד האָבן איינגעשטעלט אויף דער צעריסענער פּוילישער ערד. אַריבער דעם בוג, בין איך געווען זיכער, אַז שוין, איך בין אויס־געלייזט פון מיינע צרות. ווייזט זיך אַרויס, אַז ערשט דאָ האָבן זיי זיך אָנגעהויבן. סאָוויעטישע פּאַטרולן האָבן ניט געלאָזט גיין ווייטער. און דאָ טאַקע האָב איך זיך צוזאַמענגעשטויסן דאָס ערשטע מאָל מיט דער נייער ווירקלעכקייט, מיט דער סאָוויע־טישער. אַ רויטאַרמייער, אַ טאַטער, איז געשטאַנען און געהיט די גרעניץ, אויב מען האָט עס געקאָנט אַזוי אָנרופן. יידן, רוסיש־קענער, זענען צוגעגאַנגען צו אים און אים אָנגעהויבן דערקלערן פון וואַנעט זיי קומען, און אויך מיר האָבן זיי גענומען אין נדן. אָט געפינט זיך צווישן זיי אַ באַרימטער יידישער אַקטיאָר, און... און מער האָט דער טאָטער ניט געלאָזט ריידן. ער האָט אַראָפּגע־כאַפּט דעם ביקס פונעם אַקסל, און אויסגעשריען צו מיר:

Уходи отсюда, жидовская морда, стрелять буду! („אַוועק פון דאַנעט, דו יידישע מאָרדע, כ׳וועל שיסן״). דאָס איז געווען דער קבלת פנים; אָבער מען איז דאָך יידן, האָט מען זיך אַן עצה געגעבן. אַ דערבייאיקער פויער האָט אונדז אַריינ־גענומען אין זיין כאַטע, און דערנאָך אָנגעוויזן אַ וועג דורך די פעלדער, אויסצומיידן די פּאַטרולן. דעם ערשטן האָט ער מיר באַוויזן דעם וועג, און איך האָב געפירט די איבעריקע יידן. אַנדערע האָבן זיך געקליבן צוריק קיין וואַרשע ברענגען די משפחות. האָב איך איבערגעלאָזט דעם פויער געלט, און געבעטן די צוריק־פאָרער אָנזאָגן אַלע, וואָס קלייבן זיך אַריבערגיין די גרעניץ, זיי זאָלן זיך פאַרבינדן מיט אָט דעם פויער, און ער וועט זיי שוין פירן.

אַזוי בין איך אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק. כ׳האָב אויפגעזוכט מיין חבר בערגמאַן, און זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן. און ס׳איז געווען וואָס צו זען. ניט אירע אַלטערטימלעכקייטן, נאָר די נייע באַדינגונגען אונטער דער ראַטן־הערשאַפט. דעם ערשטן וויזיט האָב איך אָפּגעשטאַט אין אַ יידישן רעסטאָראַן. ביי אַ שכנותדיקן טישל איז געזעסן אַ סאָוויעטישער מיליטערמאַן און געדרייט אויף אַלע זייטן דעם גאָפּל מיטן מעסער. כ׳האָב געלייענט אויף זיין פנים, אַז ער וויל עפּעס זאָגן. האָב איך זיך אויסגעדרייט צו אים, מיט אַ מינע — אדרבא, זאָג, און געזאָגט האָט ער אָט וואָס:

— איצט פאַרשטיי איך פאַרוואָס פוילן האָט פאַרלוירן דעם קריג. אַז מען קאָן פטרן אַזויפיל אַרבעט און גוטן מאַטעריאַל אויף גאָפּלען מיט מעסערס, קאָן שוין נישט בלייבן צו בויען אַעראָ־פּלאַנען...

איבער ביאַליסטאָק פלעגן גאַנצע טעג פליען סאָוויעטישע אַעראָפּלאַנען. נאָך די ערשטע מפּלות מיט די דייטשן, האָט מען זיך דערוווּסט, אַז איבער ביאַליסטאָק זענען דאַן געפלויגן אַ פּינף,

זעקס אַעראָפּלאַנען אין אַ קרייז, כדי צו איבערראַשן דער באַפעל-קערונג מיט דעם מיליטערישן כוח. נאָך די ווייטערדיקע מפּלות האָבן מיר זיך אַלע דערוווּסט, אַז דער ראַטן-פאַרבאַנד פאַרמאָגט ניט אויסער אַעראָפּלאַנען, אויך קיינע מעסערס און גאָפּלען. דעם כוח פון ראַטן-פאַרבאַנד האָט מען ניט געקאָנט מעסטן מיט זיין וואָפן, וואָס ער האָט ניט פאַרמאָגט, נאָר מיט די באַגריפן, מיט די לאָזונגען, מיט דעם נייעם לעקסיקאָן, וואָס ער האָט געבראַכט. ס׳איז געווען אינטערעסאַנט צו זען ווי מענטשן, וואָס ערשט נעכטן האָבן זיי גערעדט אַ פאַרשטענדלעכן לשון, האָבן אָנגעהויבן באַנוצן ווערטער פון טוכלע בראַשורן. אויך דאָס אָנטועכץ האָט זיך געהאַט געענדערט. די ערשטע וועלכע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער נייער רעזשים פאָדערט אַ נייעם הילוך, זענען געווען די פּליטים. זיי האָבן גלייך באַמערקט, אַז ס׳איז ניט געזונט צו גיין אָנגעטאָן מענטשלעך, ווייל פאַר די סאָוויעטן שמעקט עס מיט עשירות. האָט מען זיך אָנגעהויבן קליידן וואָס גרעבער, וואָס מער אָפּגעלאָזן. מענער און פרויען האָבן זיך באַזאָרגט מיט שטיוול, מען האָט זיך געפּוצט אין רובאַשקעס, אין זעלנערישע הויזן. ס׳זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן קאַפּעליושן, דאַמען-היט, קראַוואַטן, ווי דאָס וואָלט געווען סחורה פּסול-טריף. פרויען האָבן זיך אויסגעפּוצט אין מענערישע רעקלאַך. זיי האָבן אויף געוואָלד געוואָלט זיך אויפמישן מיט די אָנגעקומענע רוסישע פרויען, וואָס האָבן ניט פאַרמאָגט קיין שפּור פון סעקס, ווי מען רופט עס היינט. די פרויען פון ראַטן-פאַרבאַנד האָבן אויס-געזען פירקאַנטיק, מיט קוואַדראַט-פיגורן, דיק, פעט. ס׳איז שווער געווען צו דערקענען ווו איז דער פראָנט און ווו דער הינטן... ווינטער האָט מען בכלל ניט אַרויסגעזען קיין שטיקל פרוי. די סאָוויעטישע מענער זענען געגאַנגען אין היטלען מיט דאַשקעס, ווי ביי אונדז די טרעגער. העברעע באַאַמטע האָבן זוכה געווען

צו טונקל-גראַנאַט אַנצוגן, אויפגעניייט ווי זעק, אָן אַ ברעקל געשמאַק.

אויך האָט זיך געענדערט דאָס שטייגער-לעבן. די אָנגעקומענע פון ראַטן-פאַרבאַנד האָבן אַרויפגעוואָרפן אַ גרויען אומעט. אַ שמייכל איז געווען ביי זיי גאָלד צוגלייך. אַ צייט האָבן מיר ניט פאַרשטאַנען די סיבות דערפון, אָבער דערנאָך האָבן מיר אַנטדעקט טויזנט און איין סיבה. פאַר אונדז איז דער נייער שטייגער געווען נישט אַזוי ניי, ווי פשוט ווילד. מיר האָבן געזען ווי אַ סאָוויעטישער בירגער באַשטעלט אין אַ רעסטאָראַן דריי זופּן, פיר פּאָרציעס ברויט, זעקס פלעשער ביר; אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט זיך אָנעסן אויף זאַפּאַס. אויך דאָס משוגעת נאָך זייגער-לאַך האָט אונדז געמאַכט אויפרייסן ברייט די אויגן. ווי נאָר אַ פּאָר שרייפעלעך מיט ווייזערס, האָבן עס די סאָוויעטישע ביר-גער אויסגעכאַפּט. גאַנץ ביאַליסטאָק האָט געהאַנדלט מיט זייגערס. יידן זענען געשטאַנען אויף די ראָגן מיט כל מיני כלאָם, גע-קלאַפּט מיט די ציין, כדי צו דעמאָנסטרירן דאָס געזונטע גיין פון מעכאַניזם, און אָפּגעזעצט די סחורה צו די לייטענאַנטן פון דער רויטער אַרמיי... איך אַליין האָב נישט איינמאָל געטראַכט וועגן דעם, און געקומען צום אויספיר, אַז די באַפעלקערונג אין ראַטן-פאַרבאַנד ליידט אויף פּסיכאָלאָגישן הונגער. ניט בלויז אין באַצוג צו עסנוואַרג, נאָר צו אַלץ, וואָס הויבט זיך אָן מיט אַן אלף — אַ זייגער, אַן אַנצוג, אַ פּאָר שיך, אַ מיטאָג א. א. וו. א. א. וו. ווער האָט זיך דען געקאָנט פאָרשטעלן, אַז די גרויסע סאָציאַ-ליסטישע מדינה איז אַזוי אָרעם, אָפּגעריסן-אָפּגעשליסן. זעלנער האָבן געטראָגן דעם ביקס אויפן אַקסל מיט דער הילף פון אַ פּשוט שטריקל. די שינעלן זענען אונטן נישט געווען פאַרזוימט, נאָר ס׳זענען געהאַנגען פון ראַנד לאַנגע צוויטן. ווען מען פלעגט זיי פרעגן וועגן עפּעס, האָבן זיי געהאַט אַן אויסגעלערנטן ענט-

פער — ביי אונדז איז אַלץ פאַראַן... און דערביי האָבן זיי געהאַט אַזאַ הונגעריקן בליק, ווי הינט נעבן אַ פליייש-יאַטקע.

די אומגאַנג-שפּראַך איז באַרייכערט געוואָרן מיט נייע ווערטער. אויף יעדן שריט האָט מען גענוצט דאָס וואָרט „קולטורעל". בכלל האָבן די סאָוויעטישע מענטשן די שוואַכקייט צו אָט דעם וואָרט. ס'איז געווען פאַראָרדנט, למשל, אַז די בופעטן אין די טעאַטערן זאָלן זיין בעסער באַזאָרגט, ווייל ס'איז „קולטורעל"; אָבער אויף דעם בופעט זאָלן ליגן פּאַפּיר-סערוועטלעך אָפּצווישן די הענט — וועגן דעם האָט מען ניט געטראַכט. אין דער אוביקאַציע זאָל זיין פליסיק וואַסער, אָדער ס'זאָל דאָרט ליגן אַ שטיקל זייף — וועגן דעם האָט קיינער ניט געזאָרגט. מען האָט בלויז געזאָרגט וועגן דער „קולטור", וואָס קיינער האָט ניט געוווסט מיט וואָס מען עסט דאָס. דער טאָג-טעגלעכער לעקסיקאָן איז אויך אויסגעברייטערט געוואָרן אין אַזעלכע ריכטונגען, וואָס מיר האָבן גאָר קיינמאָל נישט געוווסט, אַז אַזעלכעס עקזיסטירט ערגעץ ווו. „איך וועל פאַר דיר נישט גיין זיצן", „איך וועל פאַר דיר ניט געבן דעם קאָפּ". „ער זיצט". „ער איז אַרויס". „ער איז צוריק אַריין". ווו האָבן מיר אין פוילן געוווסט פון אַזעלכע זאַכן? אין יעדער משפחה איז געווען איינער, וואָס מען האָט אים גע-דאַרפט שיקן פּעקלאַך. ס'זענען געווען משפחות, וועלכע האָבן געהאַט צו שיקן צוויי פּעקלאַך; יעדער שמועס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אונטערפירן אַ שטילן סך-הכל ווער עס זיצט און ווער עס דאַרף אַרויס.

מען האָט זיך געמוזט אַ סך זאַכן אויסלערנען, כדי אָנצוגיין מיט אָט דער נייער עקזיסטענץ. די ערשטע לעקציע, וואָס מען האָט זיך געדאַרפט אַריינשלאָגן אין קאָפּ איז געווען וועגן דעם ענין פּאַטשן בראַוואָ בעתן דערמאָנען דעם פירער פון די פעלקער, יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין. דאָס איז געווען אַ באַזונ-

דערע קונסט. מען האָט זיך געמוזט אויסלערנען קיינמאָל ניט צו זיין דער ערשטער איבערצורייסן דאָס בראַוואָ-פּאַטשעריי. די אָוואַציע האָט טאַקע קיינמאָל ניט אויפגעהערט, נאָר זי פלעגט זיך אויסלעשן, ווי פון אַ שטרענגן ווינט.

די צווייטע לעקציע, וואָס מען האָט זיך געמוזט אויסלערנען, איז צו זיין תמיד דער ערשטער אָנצופאַלן אויף דעם קעגנער מיט זידלערייען „קאָנטררעוואָלוציאָנער", „טראָצקיסט", „שפּיאָן", „שונא פון פאָלק" א. ד. ג. טאָמער האָט דיין קעגנער דיך איבער-געיאָגט מיט אָט די זידלערייען, ביסטו שוין געווען אַ פאַרפאַלענער, אַ קאַנדידאַט אויף תפיסה און פאַרשיקונג.

אויפן פאָן פון אָט די אַלע פאַרקריפּלונגען האָט זיך געשאַפן אַ ספּעציעלער הומאָר מיט באַזונדערע וויצן, אויף וועלכע יידן זענען אַלע מאָל געווען גרויסע מומחים. למשל — אין אַ רוסישן סופּערמאַרקעט אַרבעטן בלויז צוויי אָנגעשטעלטע, וואָס באַדינען טויזנטער קונדן. איינער פרעגט — וואָס דאַרפט איר? און דער צווייטער ענטפערט — ס׳איז ניטאָ...

צוויי יידן זיצן אין ביאַליסטאָק — רעדן זיי. צוויי יידן רעדן אין מאָסקווע — זיצן זיי..

אָבער וואָס ווייטער האָט זיך די ווירקלעכקייט אַרויסגעוויזן אַזוי האַרב, אַז אפילו יידן האָבן פאַרלאָרן דעם אַפּעטיט זיך צו וויצלען. אויסער דעם האָט מען זיך אָנגעהויבן אַלץ מער און מער דערוויסן מיט וואָס אַ וויץ שמעקט אין ראַטן-פאַרבאַנד. כ׳האָב זיך שפּעטער געטראָפן מיט גרויסע וויצלער, וואָס האָבן באַצאָלט פאַר זייער שאַרפזין מיט יאָרן שווערער קאַטאָרגע.

***

שומאַכער מיט זיין משפחה האָבן זיך דערקליבן קיין ביאַליס-טאָק, טאַקע דורך דעם זעלבן וועג, וואָס איך האָב אויסגעטראָטן,

און מען האָט צוזאַמען אָנגעהויבן פּלאַנירן צוריק דאָס שטיקל טעאַטער-ברויט. ס׳זענען געשטאַנען די לעצטע טעג האַרבסט — גאָלדיקע און וואַרעמע. זיי האָבן געטראָגן מיט זיך דאָס לעצט ביסל האָפענונג, וואָס איז אונדז געבליבן. עס קאָן דאָך נישט זיין, אַז מיר האָבן פאַרלאָרן אונדזערע היימען, וואָס מען האָט אויפגעבויט מיט אַזויפיל האָרעוואַניע און מי. עס קאָן דאָך נישט זיין, אַז די נאַצישע האָרדעס האָבן צעטראָטן און צעשאָסן אונ-דזער קיום? דאָס איז זיכער בלויז אַן איבערגאַנג. מען וועט זיי פאַרניכטן, די ווילדע חיות, און וועלט וועט ווידער זיין וועלט. איך מיט שומאַכערן זענען געגאַנגען איבער די ביאַליסטאָקער גאַסן און געטרייסט איינער דעם אַנדערן, זיך צוגעגעבן מוט. אויך די לידער, וואָס דער סאָוויעטישער ראַדיאָ האָט אָנגעגעבן דורך די גרויסע הילכערס, פאַרפעסטיקט אויף יעדן ראָג גאַס, האָבן צוגעגעבן מוט. איך בין נישט זיכער, צי ס׳איז בנמצא נאָך איין פאָלק אין דער וועלט, וואָס זאָל שאַפן אין אַ מיאוסער צייט אַזעלכע שיינע לידער, ווי דאָס האָבן געשאַפן די סאָוויעטן. דער-נאָך האָבן מיר זיך באַקאַנט מיט די מוזיקער און טעקסטן-שריי-בער. דאָס זענען אַלץ געווען ווירדיקע טאַלאַנטן, ערנסטע קאָמ-פּאָניסטן און דיכטער, ווי בלאַנטער, סימאַנאָוו און אַנדערע. ווען מען קאָן געווינען אַ קריג מיט לידער, וואָלט דער סאָוויעטישער נצחון געווען א געזיכערטער... דער עיקרשט מיט דעם ליד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער שורה — אויב איז מאָרגן אַ קריג... (Если завтра война) ווי אַ פּרומער ייד איז אָפּגעהיט אין דאַווענען, אַזוי איז דער סאָוויעטישער ראַדיאָ געווען אָפּגעהיט אין געבן דאָס ליד אַלע טאָג. מען זאָל, חלילה, ניט פאַרגעסן ווער ס׳איז דער שטאַרקער. (דאָס ליד האָט באַזונגען דעם סאָוויע-טישן כוח).

מיט אַלע מיינע באַוואָרענישן וואָס שייך דעם רעזשים און די

איינשטעלונגען אין דער ווילד-פרעמדער ווירקלעכקייט, האָב איך אַ רגע ניט פאַרגעסן צו דאַנקען גאָט דערפאַר. איז דאָך אויף די געביטן, פאַרנומענע דורך דער רויטער אַרמיי נישט גע-שטאַנען די טויט-סכנה פאַר די אויגן. ווי עס זאָל ניט זיין, האָבן די נייע מאַכט-פאַרשטייער זיך געמיט דאָס לעבן צו נאָרמאַליזירן, נישט ווי די דייטשן, וואָס זענען געווען איינגעשטעלט בלויז אויף חורבן. אָט זענען מיר, איך און שומאַכער, געגאַנגען צו דער אַנפירערין מיט דעם קולטור-אָפּטייל רעדן וועגן באַנייען אונ-דזערע אויפטריטן אין ביאַליסטאָק. מען האָט אונדז דערציילט, אַז זי איז זייער אַן אינטעליגענטע פרוי מיט אַ סך פאַרשטענדעניש פאַר קולטור-ענינים, דער עיקרשט טעאַטער. און מיר זענען טאַקע ניט געבליבן אַנטוישט. זי האָט אונדז זייער שיין אויפגענומען און וואַרעם באַגריסט אונדזער איניציאַטיוו. זי האָט בלויז באַמערקט, אַז אין ראַטן-פאַרבאַנד טראָגט דער הומאָר אַן אַנדער כאַראַק-טער, און מיר זאָלן וועגן דעם נישט פאַרגעסן. זי האָט זיך ניט אַריינגעלאָזט מיט אונדז אין באַזונדערע פּרטים וועגן דעם כאַראַק-טער פון סאָוויעטישן הומאָר, נאָר געלאָזט אַ בלויז אין אונדזער שמועס, מיר אַליין זאָלן זיך דערטראַכטן וועגן וואָס דאָ גייט. איידער מיר זענען אַריין צו איר אין צימער, זענען מיר שוין געווען גוט דערטראַכט.. מיר האָבן שוין פאַרשטאַנען, אַז אין ראַטן-פאַרבאַנד דעצידירט מען פון אויבן וועמען אויסצולאַכן און וואָס פאַר אַ הומאָר צו פאַרקויפן. אַלעם ערשט לאַכט מען ניט פון דער פאַרטיינער נאַטשאַלסטווע. דאָס האָבן מיר זיך דערוווּסט אין פאָדער-צימער פונעם ביוראָ פאַר קולטור-ענינים. דאָרט איז געזעסן ביי אַ טיש זייער אַ קענטלעכער יונגערמאַן. ער פלעגט תמיד זיך צוזעצן צו אונדז אין רעסטאָראַן, ביים מיטאָג-עסן מיט באַקאַנטע פריינד פון וואַרשע. קיינער האָט געגוי נישט געוווּסט ווער ער איז. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ער האָט אַ וועשעריי

אין ביאַליסטאָק, און איז אַ טעאַטער-ליבהאָבער. אין פּוילן זענען געווען אַזעלכע יידן, וואָס זענען געווען קראַנק אויף טעאַטער. אויב ניט שפּילן, איז זיך כאַטש רייבן אַרום אַקטיאָרן. איז אָט דער וועשעריי-אייגנטימער גאָר געזעסן ביי אַ טיש אין ביוראָ פון די קולטור-ענינים. איך, ווי מיין טבע איז, האָב אויסגערופן אויפן קול — זע נאָר, דאָס ביסטו, דער גאַנצער קניאַקער דאָ? יענער האָט מיר אָפּגעמאָסטן מיט אַ בליק, אַז ס׳איז מיר קאַלט געוואָרן. כ׳האָב גלייך פאַרשטאַנען מיין פעלער. פון יענעם טאָג האָב איך אויסעמיטן זיך חכמען מיט נאַטשאַלסטווע. דער וועשעריי-אייגנ-טימער האָט זיך אָפּגערופן מיט זייער אַ סאָליד קול —חבר דזשיגאַן, איר רעדט מיט אַ באַאַמטן פון דער סאָוויעטן-רעגירונג, און כ׳לייג אייַך פאָר צו ענדערן דעם סטיל פון אייערע רייד... פונדעסטוועגן האָב איך נאָך געפונען מוט אים צו ענטפערן, — ווי עס זאָל נישט זיין, האָבן מיר נאָך פאַרדינט ביי דער סאָוויעטן-רעגירונג, אַז איר זאָלט אונדז פאַרלייגן זיך זעצן.

אויפן צונג איז מיר געלעגן צוצוגעבן — ווייל מיר האָבן ניט איינמאָל באַצאָלט פאַר אייער מיטאָג. אָבער אָנשטאָט דעם בין איך אַריבער אויף אַן אָפיציעלן טאָן און געפרעגט, וועלכע הילף קאָנען דערוואַרטן קינסטלער-פּליטים, וואָס ווילן אָנגיין ווייטער מיט זייער טעטיקייט. ער האָט אונדז פאַרגעלייגט רעדן וועגן דעם דאָזיקן ענין, מיט דער אָנפירערין פונעם קולטור-אָפּטייל דיאָמאָוואַ. דאָן טאַקע האָבן מיר מיט איר גערעדט דעם אויבנ-דערמאָנטן שמועס. זי האָט אונדז פאַרגעשלאָגן צוגרייטן אַן איבערזיכט פון דער געפּלאַנטער פּראָגראַם פאַר די דירעקטאָרן פון דער קולטור-אָפּטיילונג, כדי זיי זאָלן קאָנען אורטיילן צי קאָן עס גיין אין ראַטן-פאַרבאַנד, אָדער ניט. מיר האָבן אַזוי גע-טאָן. פאַרשטענדלאַך, אַז די ערשטע אָנווייזונג וואָס מיר האָבן באַקומען איז געווען ענדיקן די פאָרשטעלונגען מיט אַ ספּאָנ-

טאַנעם — זאָל לעבן סטאַלין, און וועגן דעם לאָזונג אויפן פּאַר-האַנג — זאָל לעבן דער ראַטן-פאַרבאַנד. שומאַכער האָט געפּרוּווט מאַכן אַ הלצהלע — אפשר זאָל מען זינגען — גאָט, היט דעם צאַר?.. נאָר איצט האָב איך אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ בליק, אַז ער האָט דערפילט אַ פראָסט אין די ביינער. די לעקציע מיטן וועשעריי-אייגנטימער איז מיר גוט אַריין אין קאָפּ.

דירעקטאָרן זענען געקומען אויף די פראָבן, זען וואָס מיר טוען, און געזאָגט, אַז דעם מיניסטער טאָר מען עס ניט באַווייזן. איך מיט שומאַכערן זענען געקראָבן פון הויט אויפצושטוקעווען אַ פּראָ-גראַם, וואָס זאָל ניט אונטערגראָבן דעם רעזשים און ניט חרוב-מאַכן דעם ראַטן-פאַרבאַנד. מיר האָבן באַשטעלט פּאַטריאָטישע לידער, רעציטאַציעס סאָציאַלע. די הומאָריסטן נודעלמאַן און גאָלדשטיין האָבן אָנגעשריבן עטלעכע סקעטשן וועגן די פּליטים פון קאַפּיטאַליסטישן פּוילן. פון די דייטשן האָט מען ניט געטאָרט לאַכן, ווייל זיי זענען דאָך געווען פאַרבינדעטע. האָט מען געלאַכט פון די ענגלענדער, פון די פראַנצויזן, די לא יצלחס אַן די ביקסן. אויך פון אַמעריקע האָבן מיר געמאַכט חוזק. בלויז דעם סאָוויעטן-פאָלק האָבן מיר גענומען זייער ערנסט, ביז לאַנגווייל; אָבער מיט דעם אַלעם זענען די טעקסטן און די לידער געווען ריין און געשריבן מיט אַ פּאַכמענישער פעדער.

אַרום די הכנות צו אונדזערע פאָרשטעלונגען האָט זיך שטאַרק געפּאָרעט דער יידישער אַקטיאָר וו., וואָס האָט זיך אויסגערופן פאַר דעם דירעקטאָר פון דער טרופּע. ער איז געוואָרן אַ יוצא ונכנס אין דעם קאָמיטעט פאַר קונסט-ענינים, און אפילו אָנגע-הויבן רעדן מיט זייער לשון — דזשיגאַן, מען דאַרף זיך האַלטן לויט די באַשלוסן... דזשיגאַן, די ליניע פון דער פּאַרטיי פאָדערט... דזשיגאַן, מען דאַרף אויספירן דעם הומאָריסטישן פּלאַן... אַלץ אַזעלכע בלעכענע פראָזע פון דעם קאַזיאָנעם לעקסיקאָן. פון

גאַנץ פרי איז ער שוין אומגעלאָפן מיט אַ מינע פון אַ שטאַרק-באַשעפטיקטן מענטשן, מיט אַ געבויגענער פּלייצע פון טראָגן די אחריות פאַר דער סאָוויעטישער קולטור און געפּריידיקט — דזשיגאַן, ביי אונדז („ביי אונדז״...) מוז מען טאָן. ווייניקער רעדן און מער טאָן... מען מוז אָרגאַניזירן... אגב, איז עס זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם סאָוויעטן-רעזשים אין יענע יאָרן, אַז מענטשן, וואָס האָבן נישט געקאָנט פריער אָרגאַניזירן דאָס אייגענע, בידנע שטיקל לעבן, וואָס זענען ניט מסוגל געווען אין נאָרמאַלע באַדינגונגען פאַרבינדן אַ קאַץ דעם וויידל — זיי זענען געוואָרן די טוער און די אָרגאַניזירער... דער וו. האָט מיט אונדז גערעדט מעשה דירעקטאָר, און געגעבן אָנצוהערעניש, אַז די אינסטרוקציעס קומען פון אויבן... דאָרט, אין מאָסקווע, ווייס מען אַלץ, און ער איז אינעווייניק. ער האָט זיך געמיט מיט אַלע כוחות צו זיין ענלאַך אינעם גאַנג און אין דעם אַרט רעדן צו דער נייער עליטע אין די גראַנאַטענע אָנצוגן. אויך האָט זיך דאַן געהאַט געענדערט דער אופן פון קאָמוניקאַציע צווישן מענטשן. די, וואָס האָבן זיך אָנגעטשעפּעט אָן דער נייער מאַכט, ווי די לעצטע האָפענונג אַרויסצושווימען אויף דער אויבערפלאַך און ווערן עפּעס אָן בילדונג און אָן טאַלאַנט, האָבן גערעדט בלויז מיט רמזים, מיט האַלבע ווערטער; אַלץ איז געוואָרן געהיים, מען האָט זיך געמוזט פאַרשטיין אויפן ווונק, כאילו מען איז מיטגלידער פון אַן אָרדן, פאַרבונדענע דורך סודות און שבועות און נישט קיין בירגער פון אַ מדינה. דער אַקטיאָר וו. האָט זיך אַזוי איינגעלעבט אין דער נייער ראָל, אַז ס׳איז אים שווער געווען צו דערקאָנען. ניט בלויז אים. נאָך הונדערטער אַזעלכע, ווערמען ס׳לוינט ניט צו דערמאָנען.

פון מינסק איז געקומען דער לייטער פאַר די ענינים פון קונסט אין ווייס-רוסלאַנד, אַ ייד. אַלע ביאַליסטאָקער אַנסאַמבלען האָבן אים אָפּגעוואַרט אויפן וואָקזאַל. איך מיט שומאַכערן בראָש

פון אונדזער טעאַטער. וועגגיערקאַ, דער באַרימטער פוילישער שוישפּילער, האָט רעפּרעזענטירט דעם פוילישן טעאַטער. פון וואַגאַן איז אַרויס אַ טיפּישער סאָוויעטישער באַאַמטער, מיט דעם אונטערשייד בלויז, וואָס יענע האָבן, בדרך כלל, געטראָגן שטיוול, און דער האָט געהאַט אויף די פיס אַ פּאָר אָפּגעטראָגענע פּאַנ-טאָפּל מיט צעריסענע שקאַרפּעטן, אָן די פּיענטעס. מיר אַלע האָבן זיך געהאַט צוגעגרייט צו אַ שעפערישער באַראַטונג וועגן רע-פּערטואַר און טעאַטער ריכטליניען מיט דעם מינסקער דעלעגאַט; אָבער ער האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג מיט א פראַגע: זיינען דאָ אַלע אחינו בני ישראל? אויף דעם פּאָזיטיוון ענטפער האָט ער פרייער אָפּגעאָטעמט — מען קאָן רעדן...

— אַלזאָ, מיינע טייערע חברים-קינסטלער, באַפרייטע פון קאַפּיטאַליסטישן יאָך, איר זאָלט מיר צוגרייטן צען קופּאָנען שטאָף, די בעסטע שיך, זאָקן, אונטערוועש. אַלץ וואָס איר וועט זען זאָלט איר קויפן, און מיר ברענגען. געלט איז נישט קיין אָפּהאַלט. לעדער, דאַמען-וועש, נאַכט-העמדער. אַלץ וואָס איר וועט זען, זאָלט איר קויפן.

דערנאָך האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דער לייטער פאַר קונסט-ענינים האָט עס איבערגעחזרט די איבעריקע אַנסאַמבלען — אַלץ קויפן און אים ברענגען. געלט איז פאַראַן מער וויפל מען באַדאַרף. און אַז מען וועט עס ברענגען, וועלן אַלע זיין צופרידן, און די קונסט וועט קלאַפּן ווי אַ זייגער...

פונדעסטוועגן האָבן מיר געשפּילט. דערזעלבער האָט דער-נאָך מיט אונדז אַנדערש גערעדט. ער האָט אונדז געזאָגט — מיינט נישט, אַז איך פאַרנעם זיך בלויז מיט האַנדל. אונדזער ווירק-לעכקייט צווינגט צו אַ סך זאַכן. איר וועט לעבן מיט אונדז לענגער, וועט איר דאָס פאַרשטיין. איך זע, אַז איר זענט פּראָ-פעסיאָנאַלן, איר ווייסט וואָס איר ווילט. כ׳שרייב שוין אַ פּאַר-

אָרדענונג, אַז איר זענט די אָנפירער פונעם סאַטירע-טעאַטער אין ווייס-רוסלאַנד, און איך אָרגאַניזיר פאַר אייך אַ טורניי איבערן גאַנצן לאַנד.

אַזוי איז טאַקע געווען. אמת, אַז דער ליטעראַרישער לייטער פון אונדזער אַנסאַמבל זאָל זיין דער דיכטער משה בראָדערזאָן, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט אונדזערע ערשטע שריט אויף דער בינע, נאָך פון די צייטן ווען ס׳האָט זיך געגרינדעט דער „ארט-טעאַטער" — וועגן דעם האָבן מיר געמוזט שטאַרק קעמפן. מען האָט אויף אים געמסרט, אַז ער האָט נאַציאָנאַלע נייגונגען. יעדער רעזשים האָט זיין איינשטעלונג. דער סאָוויעטישער רעזשים איז איינגעשטעלט אויף מסירה. ס׳האָט געקאָסט אַ סך מי און רייד, ביז מען האָט בראָדערזאָנען אַרויסגעשלעפּט פונעם שרעקלעכן נאַציאָנאַלן תהום, און אים געכשרט... ווער ס׳האָט געמסרט, איז נישט וויכ־טיק. פונקט ווי ס׳איז נישט וויכטיק אַ סך אַנדערע פּרטים פון יענער קאָרומפּטירטער צייט; קליינע מענטשעלאַך האָבן פונאַנדער־גענומען די הענט. זיי האָבן די ערשטע אָנגעטאַפּט דעם דופק פונעם רעזשים. מיך האָט מען אויך שאַנטאַזשירט פאַר אַריינגעמען אַ פרוי אין אונדזער טרופּע, כדי איר צו ראַטעווען פון פאַרשיקונג. די מעשה איז געשען שפּעטער. אין יענער צייט האָט מען פאַר־שיקט קיין סיביר אָדער אוראַל אַלע פּליטים, וואָס זענען אָנגע־קומען פון די געביטן, פאַרנומענע דורך די דייטשן. סיבות זענען געווען פאַרשידענע. אַ סך האָט מען פאַרשיקט, ווייל זיי האָבן זיך רעגיסטרירט צו פאָרן צוריק פונוואַנען זיי האָבן געשטאַמט. אַנדערע — ווייל זיי האָבן זיך אַנטזאָגט אָנצונעמען סאָוויעטישע בירגערשאַפט. דערנאָך האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז די עיקרדיקע סיבה איז געווען אַ גאַנץ פּשוטע. די סאָוויעטן-מאַכט האָט אַנט־דעקט אַ מקור פון אומזיסטע אַרבעטס-הענט פאַר די ווייטע געגנטן, ווו פרייוויליק פאָרט דאָרט נישט קיינער. דער גורל פון

אַט דער פּרוי איז מיר נישט געווען גלייכגילטיק, און כ'האָב איר אָנגעשלאָסן צו אונדזער אַנסאַמבל, כלומר אַ טעכנישע הילף. אַזוי אַרום האָט זי געקאָנט אויסמיידן דאָס פאַרשלעפּן איר הינטער די הרי חושך. האָט מיר אַ טעאַטער־פאַרשוין געדראָט, אַז אויב איך וועל נישט דערמעגלעכן זינגען זיין געליבטע סאָלאָ־לידער, וועט ער מיר מסרן, אַז איך באַהאַלט אויס אַ פּרוי, וואָס די מאַכט־אָרגאַנען זוכן איר. אויף מיין טענה, אַז זיין געליבטע קאָן נישט זינגען האָט יענער געענטפערט, אַז דאָס איז איר באַדינג, אַ נישט גייט זי אַרויס פון בעט, האָט ער נישט קיין ברירה, ווי מיך שאַנטאַזשירן, ווייל זינגען קאָן זי טאַקע נישט, אָבער דערפאַר קאָן זי אַנדערע זאַכן... כ'בין אַוועקגעלאָפן צו מיין דירעקטאָר (דאָן איז שוין דער אַקטיאָר וו. געווען אויס דירעקטאָר) פרעגן אַן עצה. האָט ער מיר גלייך געזאָגט, אַז מיט מסירה זאָל איך זיך נישט אָנהויבן. מסירה איז ביטער. דאָס איינציקע וואָס איך קאָן טאָן, איז אַוועקגיין מיט דער פרוי אין ציוויל־אַמט און זיך פאַררעגיסטרירן ווי אַ פאַרהייראַטע פּאָר, וועט דער מסור בלייבן מיט א נאָז. איך האָב אַזוי געטאָן. דערמיט האָב איך דעם סאָוויעטישן טעאַטער־באַזוכער געראַטעוועט פון אַ סךליידן. די בעט־זינגערין איז טאַקע געווען אַ שטיק האָלץ. די מלחמה האָט פאַרשלונגען דעם נישט דערגאַנגענעם מסור, ביז ער איז אויפגעשוווּמען אין יאָרן אַרום, אין אַנדערע באַדינגונגען. ער האָט מיר געוואָלט אַמאָל זאָגן גוט־מאָרגן, אָבער איך בין אַריבער אויף דער אַנדערער זייט גאַס. אויך מיין וועג מיט אָט דער פרוי האָט זיך געקרייציקט. דאָס לעבן האָט זיינע אייגענע דרכים.

דער לייטער פאַר די קולטור־ענינים האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט אָרגאַניזירט פאַר אונדז אַ טורנײ איבערן ראַטנפאַרבאַנד. איידער מיר האָבן זיך געזעגנט, האָט ער פאַרמאַכט אין זיין

האָטעל-צימער טיר און פענסטער, פאַרצויגן די פאָרהאַנגען, און אין האַלב-חושך געפּליסטערט צו מיר מיט שומאַכערן:

— טייערע יידן, איר פאָרט אַוועק. ווער ווייס צי מען וועט זיך נאָך זען, די צייט איז אַן אומרויקע. האָב איך צו אייך איין גרויסע בקשה — איר וועט דאָך זיכער ווען עס איז פונדאַנעט אַרויס. ווען איר וועט זיין אין אַרגענטינע, זאָלט איר זאָגן דאָרט מיין ברודער, וואָס איז אַ פאַרברענטער קאָמוניסט און גייט אויס נאָך דער וועלט פון מאָרגן — ער זאָל נישט וואַגן צו קומען אַהער, ער זאָל זיצן אין אַרגענטינע, ער זאָל נישט צעברעכן זיין לעבן.

מיר זענען געווען דערנאָך אין אַרגענטינע און זיך געטראָפן מיטן דירעקטאָרס ברודער. ער האָט מבטל געמאַכט אונדזערע רייד; אַז מען זאָגט אַ ייד, אַ ש.. זאָלט איר גלויבן. דאָס איז ער טאַקע געווען.

**
*

אַזוי האָבן מיר אָנגעהויבן פאָרן איבערן ראַטנפאַרבאַנד שפּילן טעאַטער. די באַגעגעניש מיט דעם יידיש-סאָוויעטישן צושויער איז געווען אַ רירנדיקע. יאָרן זענען זיי געווען אָפּגעריסן פון אַ לעבעדיק, יידיש וואָרט. ס'האָט טאַקע עקזיסטירט אַ יידיש טעאַטער אין ראַטנפאַרבאַנד, אָבער דער רעפּערטואַר דאָרט איז געווען צוגעשניטן צו די סאָוויעטישע באַדערפענישן. און דאָ זענען גע-שטאַנען יידישע אַקטיאָרן אויף דער בינע און זיי אונטערגעטראָגן אַ זאַפטיק יידיש וואָרט, אַ וויץ אַ באַטעמטן, צי אַ ליד, וואָס באַזינגט נישט קיין טראַקטאָרן אָדער מעלקנדיקע קי. דער עולם איז געווען פאַרגאַפט. נישט בלויז פון דעם אויפטריט. אויך פון דעם אָנטועכץ. מיר האָבן זיך זייער געוווּנדערט, וואָס די צו-

שויער פלעגן ביים סוף פאַרשטעלונג פּאַטשן אַזוי אייפערדיק בראַוואָ, מען זאָל הויבן נאָך און נאָך דעם פאָרהאַנג. דער בינע-אַרבעטער האָט אונדז געזאָגט, אַז דאָס פּאַטשן בראַוואָ די פרויען, כדי צו קאָנען בעסער אָנקוקן די קליידער, די היטן, פון די אַק-טריסעס. פאַר זיי, די סאָוויעטישע ווייבער, איז אַ ליאַדע שמאַכטע געווען אַ חידוש. זיי זענען, נעבאַך, געווען אַזוי אויסגעהונגערט צו אַלץ, וואָס גיט אַ פרוי אַ ביסעלע פרייד. זיי האָבן, צומאָל, נישט פאַרמאָגט קיין אָנשטענדיק ביסל פּודער. דער מינדסטער ווינטל האָט דאָס פּודער אַראָפּגעבלאָזן פון געזיכט, ווי פרישן קאַלך. אויך האָבן זיי באַוואונדערט די זאָקן, וואָס זענען געווען אָנ-געצויגן אויף די פיס ווי אַ צווייטע הויט. זיי האָבן נאָך דאַן פון אַזאַ נייעס אין דער דאַמען-גאַרדעראָבע נישט געוווּסט.

אין מינסק האָבן מיר געשפּילט אין אַ געוועזענער שול. דאָס האַרץ האָט ווי געטאָן. איך בין קיינמאָל נישט געווען שטאַרק פרום, אָבער דאָס יידישקייט איז תמיד געלעגן פאַרטייעט אין מיר. אויף דעם אויפטריט אין מינסק וואָלט זיכער מיין טאַטע געהאַט וואָס צו זאָגן; אָבער די צייט איז געווען אַן אַנדערע — נישט די לאָדזשער טעג פון מיין יוגנט. מען האָט געמוזט מיט אַ סך זאַכן מסכים זיין.

די שטאָט האָט געטראָטן אין קערלאַך. גאַנץ מינסק האָט געגעסן קערלאַך. נישט דערפאַר וואָס אין ווייסרוסלאַנד איז גע-ווען אַ געוועטעניש, נאָר דערפאַר, ווייל כאַרקאָוו האָט געדאַרפט שיסלען. אַזוי ווי אין מינסק איז געווען אַ גרויסע פאַבריק פון שיסלען, האָבן זיך ביידע שטעט געביטן מיט דער סחורה. אַזאַ מין אופן פון האַנדל איז פאַר אונדז געווען אַ חידוש, פּונקט ווי פאַר זיי אונדזערע היט און מאַנטלען.

אין באָברויסק האָט זיך דער טעאַטער-פייערלעשער אָנגע-טשעפּעט מיר זאָלן גיין צו אים נאָך דער פאַרשטעלונג אויף

אָוונטברויט. מיר קומען צו אים אין שטוב, ערגעץ אין דר׳ערד אויפן דעק, פאַרשליסט ער הינטער זיך די טיר, שלעפט אַראָפּ דאָס גרויסע פייערלעשער-היטל פון קאָפּ, און וואַרפט אַרויס פון דאָרט גלייך אויפן טיש, אַ געבראָטענע הון. ער האָט געזען אַז מיר זענען נישט גליקלעך פון דעם פּלאַץ, ווו די הון איז געלעגן, האָט ער אונדז באַרואיקט:

— האָט נישט קיין זאָרג, כ׳האָב געצוואָגן דעם קאָפּ... די הון האָב איך באַקומען „פּאָ בלאַטו״ (דורך פּראָטעקציע), כ׳האָב איר אַנדערש נישט געקאָנט ברענגען אַ היים...

די „פּאָ בלאַטו״-סיסטעם פירט דעם ראַטן-פאַרבאַנד. איך בין זיכער, אַז ביז צום היינטיקן טאָג טוט נישט דער סאָוויעטישער בירגער קיין איין שריט אָן דעם, אָדער ער דאַרף זיך אַנטזאָגן פון אַ סך זאַכן אין לעבן. דער האַנדל און די פאַרזאָרגונג איז אַזוי פאַרקריפּלט, נישט אַרויסצוקריכן. כּללים פּשוטע, וואָס אַ לאָדזשער פאַרקויפער פון בייגל האָט געוווּסט, כּדי אָנצוגיין מיט זיין מסחר, איז פאַר די סאָוויעטישע עקאָנאָמיסטן געווען אַ תּורה נישט צו באַגרייפן. צוליב דעם האָט דער יידישער פייערלעשער געמוזט שלעפּן די הון אויפן קאָפּ, און נישט פּאַרפאַקט אין לעגאַלן פּאַפּיר, ווי עס פירט זיך אויף אַ וועלט.

בעת דער פאַרשטעלונג אין דער אַרמענישער הויפּט-שטאָט יערעוואַן, איז אַריין הינטער די קוליסן אַ ייד, און זיך אָנגעהויבן בעטן ביי אונדז:

— איך האָב אַ בילעט אין דער ערשטער ריי, אָבער לאָזט מיר זיצן דאָ.

מיר האָבן אים דערקלערט, אַז הינטער די קוליסן וועט ער גאָרנישט זען.

— ווער איז דען געקומען עפּעס זען? איך בין געקומען בלויז זיצן מיט יידן. לאָזט מיר זיצן דאָ מיט אייך.

און דער צושויער מיטן בילעט אין דער ערשטער ריי זיצט ביי אַ ברעג קאַטאַרע און ווישט זיך די אויגן.

מיר האָבן זיך דערנאָך אָנגעטראָפן אויף אַ סך יידישער בענקשאַפט.

**
*

מיר זענען געקומען צו פאָרן קיין כאַרקאָוו אויף גאַסט-שפילן, האָבן מיר דאָרט געטראָפן אַ הונגער, שווער זיך פאָר-צושטעלן. ס׳איז נישט געווען צו באַקומען אַ ציבעלע. די אָפיציעלע אָרגאַנען האָבן דערקלערט די שווערע לאַגע מיט דער מלחמה אין פינלאַנד. מיר, פוילישע יידן, האָבן קוים אַראָפּגעשלונגען אָט די דערקלערונג. קאָן אַזאַ קליינע מדינה ווי פינלאַנד דערברענגען דעם ראַטן-פאַרבאַנד צו אַזאַ לאַגע? די כאַרקאָווער איינוווינער זענען אומגעלאָפן זוכן אַ ברויטל און נישט געוואַגט צו רעדן אַ שלעכט וואָרט. נישט אויס פּאַטריאָטיזם, נאָר אויס פּחד. אונדז האָט מען איינקוואַרטירט אין זייער אַ שיינעם האָטעל, און מיר האָבן באַ-קומען צו עסן. דער יאַנטעוו האָט געדויערט בלויז צוויי טעג. אויפן דריטן טאָג האָבן מיר אויך נישט געהאַט וואָס צו עסן. דער האָטעל-פאַרוואַלטער איז אַוועקגעלאָפן אין גאָרקאָם, ד. ה. אין דער שטאָט-פאַרוואַלטונג, און זיי דערציילט וועגן דער בושה. וואָס וועלן זאָגן די פּוילישע געסט? מ׳וועט זיך דערוויסן אין דער פּאַרטיי וועגן אַזאַ קאָמפּראָמיטאַציע, וועלן אַלע גיין זיצן. דער זיץ-אַרגומענט איבערצייגט אין ראַטן-פאַרבאַנד די גרעסטע עקשנים. מען האָט אונדז גלייך אַריבערגעפירט צו עסן אין דעם פאַרמאַכטן רעסטאָראַן פון די זיכערהייטס-אָרגאַנען. איך בין פאָרן קריג געווען אין די גרעסטע אייראָפּעאישע צענטערס. כ׳האָב געגעסן אין די באַרימטסטע רעסטאָראַנען פון פּאַריז און לאָנדאָן; אָבער אַזאַ לוקסוס, אַזאַ איבערפלוס פון עסן, ווי איך האָב געזען אין

אָט דעם פאַרמאַכטן רעסטאָראַן — האָט פאַררוקט אַלע עלעגאַנטע לאָקאָלן אין אַ ווינקל. די בעסטע מינים פלייש, פיש געבראָטן און געקאָכט, לאַקס, קאַוויאַר, שוואַרצע און רויטע. קעזן, געבעקסן פאַרשידענע. וואָס אַ הונגעריקער מוח קאָן אַלץ אויסחלומען איז געווען אין דער אכסניה פאַר די היטער פון דער מאַכט. און אין גאַס זענען אומגעגאַנגען הונגעריקע קינדער און געבענקט נאָך אַ טרוקענעם ריפטל ברויט.

איך געדענק, ווען מיר האָבן געגעסן דעם ערשטן מאָל אין דעם האָטעל-רעסטאָראַן, זענען ביי אַ דערבייאיקן טישל געזעסן געסט שטאַרק שיכור, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו פאַרבייסן דעם בראָנפן. זיי האָבן דערזען ווי מען טראָגט אונדז דעם עסן, זענען זיי צוגעפאַלן צום פאַרוואַלטער מיט אַ געבעט — גיט אונדז אויך. דער פאַרוואַלטער האָט זיי דערקלערט, אַז מיר זענען דעלעגאַטן און פאַר אונדז האָט מען ספּעציעל אויסגעטיילט פּראָדוקטן. איז איינער פון די שיכורים, וואַקלענדיק זיך אויף אַלע זייטן, צוגעגאַנגען צו אונדז און אויסגערופן:

— חברים דעלעגאַטן, אפשר קאָנט איר שוין איינמאָל מאַכן, אַז מיר זאָלן אויך באַקומען צו עסן ?...

כאַרקאָווער מיידלאַך האָבן זיך געכאַפּט, אַז מען קאָן דורך אונדזער אַנסאַמבל אָפּעסן ווי געהעריק, זענען זיי געגאַנגען זוכן חתנים צווישן אונדז. און ס'זענען טאַקע געשלאָסן געוואָרן שידו-כים. פיר מוזיקער פון אונדזער אָרקעסטער האָבן חתונה געהאַט אין כאַרקאָוו מיט האַרציקע, סימפּאַטישע מיידלאַך. נישט אומזיסט זאָגט די וועלט, אַז ליבע קומט דורכן מאָגן.

דניעפּראָפּעטראָווסק (געוועזענע יעקאַטערינאָסלאַוו) איז גע-ווען זייער אַ יידישע שטאָט. מען האָט אונדז דאָרט געטראָגן אויף די הענט. מיר האָבן דאָרט געגעבן צוויי פאָרשטעלונגען. נאָך

דער ערשטער פאַרשטעלונג זענען מיר געווען איינגעלאַדן אויף אַ חתונה פון אַ הויכן דיגניטאַר אין דער נ. ק. וו. ד. אַ ייד. אַ העלפט פאָליציי-פונקציאָנאַרן זענען דאָרט געווען יידן. די חתונה איז דורכגעפירט געוואָרן מיט אַלע פּיטשעווקעס — מיט אַ חופּה, אַ רב, מיט ברכות. אפילו אַ גלאָז האָט דער חתן צעבראָכן אונטער דער חופּה, ווי עס פּירט זיך. דערנאָך איז אַוועק אַ סעריע יידישע טענץ — אַ שערעלע, אַ קאָזאַק. מען האָט זיך משמח געווען ביז טיף אין דער נאַכט. אויף אַ פּאָר שעה האָט מען געהאַט פאַרגעסן ווו מען געפינט זיך. ווען דאָס מאַכט אַ פּשוטער ייד און די זיכערהייטס-אָרגאַנען אַנדעקן אַזאַ חתונה — פאַרשיקט מען אַלע געסט, מיטן חתן-כלה בראש, קיין סיביר; צו מיר איז צוגעגאַנגען אַן אָפיציר מיט אַ גלעזל אין האַנט און געבעטן צוזאַמען מאַכן אַ לחיים. ער האָט דערביי צוגעגעבן — האָט נישט מורא, מיר זענען די באַלעבאַטים אין שטאַט, מיר האָבן אַלעמען אין דר׳ערד; קיצור, ס׳איז געווען אַ געהיימע, יידישע חתונה אָרגאַניזירט דורך דער נ. ק. וו. ד.

נאָך דער צווייטער פאַרשטעלונג זענען מיר געווען די געסט פון דעם אינזשיניערן-קלוב. דער קלוב-פּאַרזיצער, אַ מענטש וואָס וואָלט די נשמה אַוועקגעגעבן פאַר אַ מינדסטער דערמאָנונג, אַז עם ישראל חי, האָט זיך קוים דערוואָרט דער עולם זאָל גיין אַ היים און ס׳זאָלן איבערבלייבן בלויז אייגענע. ס׳איז אַוועק אַ געזאַנג פון יידישע לידער, פון וויצן, מעשיות, עפּיזאָדן, און דער געקלי-בענער עולם איז זיך צעגאַנגען פון נחת. אייניקע זענען געזעסן פאַרזונקען אין זייער אומעט, אין זייערע מחשבות, וואָס האָבן זיי אינערגעץ נישט געקאָנט דערפירן.

אַלע האָבן זיך געטובלט אין דער בענקשאַפט צו יידישקייט.

***

מאָסקווע 1940.
פון לינקס: י. שומאַכער, ש. מיכאָעלס, מ. בראָדערזאָן — און איך.

אגב, האָב איך זיך אין אַ צייט אַרום געטראָפן מיט דעם קלוב-פּאָרזיצער. בכלל איז דאָס גרויסע רוסלאַנד אַן אויסגעצייכנטער טרעפפונקט פאַר מענטשן. אַט זאַגסטו עמיצן אַ זיי-געזונט, אויף נישט צו זען מער פאַר די אויגן, און באַגעגנסט אים ערגעץ אין אַ תפיסה-צעל, אָדער אין אַ טראַנזיט-לאַגער, אָדער ער פאַלט דיר סתם אַראָפּ ווי פון הימל. דעם וואַרשעווער יידן פון די גלאָז, למשל, האָב איך געטראָפן אויף מיינער אַ פאָרשטעלונג. מיר האָבן זיך צעקושט ווי די בעסטע גוטע פריינד. איך האָב אים אָנגעהויבן גלייך שילטן מיט זיינע דעמאָלסטיקע קללות. כ׳האָב אים גע-פרעגט וואָס ער וויל פאַר יעדער קללה, ווייל קיין גלאָז האָב איך נישט, אפשר בילעטן אין טעאַטער; אָבער דער ייד האָט גע-ענטפערט, אַז ס׳איז אים נישט דער קאָפּ צו טעאַטער. האָב איך אים געגעבן אַ גמילת חסד ביז מ׳וועט קומען צוריק אַ היים. מען איז דאָרט מער נישט געקומען, ווייל ס׳איז נישט געווען ווו.

קיין מאָסקווע זענען מיר אַריינגעפאָרן מיט ציטערדיקע הער-צער — איין קלייניקייט, די מעטראָפּאָליע פון דער גרויס-מאַכט. אויסער דעם האָבן מיר געוווסט וועגן דעם הויכן ניוואָ פונעם רוסישן טעאַטער, וואָס האָט זיך, בעיקר, קאָנצענטרירט אין דער הויפּטשטאָט. אונדז זענען נישט פרעמד געווען די נעמען פון די באַרימטע רעזשיסערן און באַנייער פון דער בינע ווי מייערכאָלד, סטאַניסלאַווסקי. אויך מיכאָעלסן, דעם דירעקטאָר פונעם יידישן מלוכה-טעאַטער. אין מאָסקווע האָט מען באַדאַרפט, ווי מען זאָגט אויף טעאַטער-זשאַרגאָן, געבן סחורה.

אַלע האָבן געפיבערט מיט בינע-פּחד. נאָך אַלעם זענען מיר נישט געווען קיין צוזאַמענגעשפּילטער אַנסאַמבל, וואָס אין משך פון יאָרן באַקומט ער זיין טאָן, זיין וועג. מיר זענען געווען אַ גרופּע אַקטיאָרן-פּליטים, וואָס דער מלחמה-גורל האָט אונדז צוזאַמענ-געשלאָסן ביז בעסערע טעג. אויך אונדזער רעפּערטואַר איז גע-

ווען צוגעשניטן צו די נייע באַדינגונגען, און נישט תמיד האָט מען זיך אין דעם געקאָנט אַרויסווייזן, אָבער מיר האָבן זיך גע-נומען מוט און אָנגעהויבן שפּילן. פריער האָבן מיר געדאַרפט דורכגיין די סאָוויעטישע כשרות-פּראָצעדור. פּאַרשידענע פּאַרטיי-טוער מיט זויערע פּנימער, ווי זיי וואָלטן יאָרן געליטן פון עצירות, האָבן געדאַרפט זען צי אונדזערע פּראָגראַמען זענען גוט פאַר סטאַלינען, אָדער נישט.

מען איז דאָס אויך איבערגעקומען. אין מאָסקווע האָבן מיר דווקא געהאַט גרויס דערפאָלג. די פּרעמיערע איז פאַרגעקומען אין „ערמיטאַזש"-טעאַטער. די ערשטע אַכט פאָרשטעלונגען זענען גלייך פאַרקויפט געוואָרן. די יוגנט האָט צעריסן דאָס טעאַטער. עס האָט זיך געטאָן מעשים וועגן אונדזערע קאָסטיומען, וועגן די דאַמען-היט, פּונקט אַזוי ווי אין די אַנדערע שטעט, אָבער מיט מער אייפער.

נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג האָט מען אונדז איינגע-אָרדנט אין קאָלאָנען-זאַל פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אַ באַנקעט. ס'זענען געקומען די גרעסטע פּערזענלעכקייטן — מי-ניסטאָרן, פּאַרטיי-טוער, קינסטלער, אָרדן-טרעגער. די שטימונג איז געווען אַזאַ געהויבענע, אַז מען האָט אַ רגע פאַרגעסן די צרות. דער סאָוויעטישער דיכטער לעבעדיעוו-קומאַטש האָט אויפ-געהויבן אַ גלאָז בראָנפן און אויסגערופן — איך טרינק פאַר דעם גרויסן פּאָעט חיים-נחמן ביאַליק. כנראה, אַז אויף צו האַלטן אַזאַ טאָסט האָט ער זיך געמוזט פילן גאָר פעסט אין זאָטל. ער איז טאַקע דאַן געווען דער הויף-פּאָעט, אָבער ווען ער זאָגט עס אין אַ שלעכטער מינוט, גייט ער קיין סיביר ווי אַלע.

אין מאָסקווע האָבן מיר סאָוויעטישע בירגער געבעטן איבער-געבן גרוסן זייערע קרובים אין אויסלאַנד. זיי זענען געווען זיכער, אַז מיר וועלן נאָכן קריג פונדאַנעט אַרויס. זיי נישט. כ'בין געזעסן

פאַרן שפּיגל אין דער טעאַטער-גאַרדעראָב און זיך גרימירט, איז אַריין אַ יונגע, שיינע מיידל מיט אַ בחור אין איר עלטער. זי האָט געזאָגט ווער זי איז. אַ טאָכטער פון אַ באַקאַנטן יידישן אַקטיאָר. דער פאָטער האָט איר פאַרן קריג געלאָזט אין רוסלאַנד. ער האָט געמאַכט גרויסע באַמיאונגען צו באַקומען אַן אַריינפאַר-וויזע און זיך זען מיט איר. ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. דער אַקטיאָר ב. איז געווען באַקאַנט מיט זיין קאָמוניסטישער טעטיקייט אין די לענדער, ווו ער האָט געלעבט, אויך אין פּוילן. ער האָט אָנגעווענדעט כל מיני פּראָטעקציעס מען זאָל אים דערלויבן פאַרן קיין ראַטן-פאַר-באַנד, זיך געווענדעט צו אַלע קאָמוניסטישע גדולים, און זיך נישט געקאָנט דערשלאָגן אַ וויזע צו זען זיין קינד. זי האָט געוווּסט דערפון. איז זי געקומען מיר בעטן איך זאָל איבערגעבן איר פאָ-טער, ער זאָל נישט קומען צופאָרן — „ווייל איך וויל ליבערשט אַ לעבעדיקן טאַטן פונדערווייטנס, איידער אַן אַרעסטירטן טאַטן פונדערנאָענט"... כ'האָב נאָך געמוזט איר געבן אַ תקיעת כף, אַז כ'וועל עס טאָן. דאָס מיידל האָט איבערגעלעבט די שווידער-לעכע יאָרן פון מאָרדן, אַרעסטן און פאַרשיקונגען, האָט זי געוווּסט מיט וואָס דער באַזוך פון איר פאָטער קאָן זיך ענדיקן. זיכער וואָלט מען אים גלייך געמאַכט אַ פּראָצעס ווי אַן אויסלענדישן שפּיאָן. זי איז שוין געווען גוט אָנגעלערנט.

נאָך אַ באַזוך האָב איך געהאַט פון אַלטע טאַטע-מאַמע, וואָס דער זון, אַ באַקאַנטער יידישער רעזשיסער, האָט אַרויסגע-פּראָוועט קיין ראַטנפאַרבאַנד, אויך פאַר דעם קריג, זיי זאָלן רואיק אויסלעבן די יאָרן נעבן דער שוועסטער, וואָס איז געווען אַ שוי-שפּילערין אין יידישן מלוכה-טעאַטער אין מאָסקווע. דער רע-זשיסער האָט געשמט מיט זיין צוגעבונדנקייט צו דער משפּחה. ער האָט אויך איבערגעדרייט וועלטן צו קומען קיין ראַטנפאַר-באַנד. זיי האָבן געוווינט אויפן פאַרטער. איך בין געשטאַנען אין

דרויסן ביים פענסטער און זיי האָבן אַרויסגערעדט זייער בקשה. זיי האָבן מורא געהאַט די טאָכטער זאָל הערן. האָבן זיי געבעטן דאָס זעלבע וואָס דעם אַקטיאָרס ב. טאָכטער. כ'האָב זיי צוגעזאָגט איבערצוגעבן יעדעס וואָרט.

אַזוי איז טאַקע געווען. אין 1949 זענען מיר געשטאַנען אויפן וואָקזאַל אין וואַרשע, כדי צו פאָרן קיין פּאַריז אויף נישט צוריק-צוקומען. און אָט איז אין דערזעלבער שעה אָנגעקומען דער אַקטיאָר ב. פון אַרגענטינע אויף צו בלייבן. איך האָב נישט גע-קאָנט רעדן מיט אים, האָב איך געבעטן אַ באַקאַנטן בינע-אַר-בעטער ער זאָל אים איבערגעבן דער טאָכטערס ביטע. וואָס שייך דעם צווייטן פאַל, האָב איך דעם גרוס אָפּגעגעבן פּערזענלעך. ס'איז געווען אַזוי. דער רעזשיסער ר. איז געקומען פון אַמעריקע קיין פּוילן און האָט דעמאָנסטרירט זיין טריישאַפט צו דער נייער אָרדנונג מיט דעם צערייסן אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג זיין אַמעריקאַנער פּאַספּאָרט. איך מיט שומאַכערן זענען געבליבן אַן זייטן פון געלעכטער. אויף מאָרגן זענען מיר ביידע אַוועק צו אים און דערציילט וועגן דעם שמועס מיט זיינע עלטערן. זיין רונדער פּנים האָט זיך אויסגעצויגן ווי אַן איי. בטבע בין איך נישט קיין מענטש, וואָס זוכט שאָדנפרייד, אָבער דאָס מאָל בין איך אָפּגעטראָטן פון מיין טבע, צוליב דעם צעריסענעם פּאַספּאָרט.

***

די מאָסקווער איינוווינער זענען געווען בעסער געקליידט. די פּנימער נישט אַזוי פאַרפינצטערט. פון די אויגן האָט נישט אַרויסגע-קוקט דער אומעט. זיי האָבן אויך געהאַט די זעלבע פּראָבלעמען, ווי די איבעריקע בירגער אין ראַטנפאַרבאַנד. זיי איז אויך אָנגעקומען

מיט קריעת ים-סוף אַ קנעפּל צו די הויזן, אָבער די שטאָט האָט פאַרמאָגט מער קינאָען, מער טעאַטערן, מער פאַרווייַלונגס-פּלע-צער, ווו מען קאָן פאַרגעסן אויף אַ פּאָר שעה די צרות. נישט אַזוי די צרות, ווי די טאָג-טעגלעכע זאָרגן. דער רעזשים האָט אַלץ געטאָן דער בירגער זאָל האָבן זאָרגן, כדי ער זאָל נישט האָבן קיין צייט צו זאָרגן וועגן אַן אַנדער רעזשים. די דאגות זענען פאַרבונדן מיט ברויט, מיט קאַרטאָפל, מיט אַ פּאָר שיך, מיט אַ קלעצעלע באָוול. ס'האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַז די מאַכט טוט אַלץ דער מענטש זאָל זיין הונגעריק און טראַכטן בלויז וועגן ברויט.

כ'האָב אָבסערווירט מענטשן אין גאַס, דערנאָך אין די תפי-סות און לאַגערן, און כ'בין געקומען צום אויספיר, אַז קיינע דערדריקונגען, קיינע פּייניקונגען קאָנען אים נישט באַצווינגען. דער מענטש איז געבוירן געוואָרן צו זיין פריי; און מעג זיך פאַר-אייניקן אַלע רעוואָלוציאָנערע באַצווינגערס, כדי אים צו פאַר-שקלאַפן אין נאָמען פון פאַלשע אידייען — וועט זיי גאָרנישט העלפן. עס איז נישט בנמצא אַזאַ כוח, וואָס זאָל דערדריקן דעם מענטש, ער זאָל אויפהערן טראַכטן וועגן פרייהייט, אפילו אין באַדינגונגען ווען אַ ברעקל ברויט דעצידירט. דעריבער איז די סאָוויעטישע סיסטעם אַ באַנקראָטירטע, ווייל זי מיינט דורך באַשווערן דאָס לעבן אַנטווייִנען דעם מענטש פון זעלבסטשטענ-דיקע מחשבות.

ס'וועט די רויטע מנהיגים גאָרנישט העלפן. דאָס האָב איך געלערנט ביי זיי אין לאַנד. ס'וועלן נישט העלפן די ליגנס. ס'וועלן נישט העלפן די שיינע לידער. אויך די פּראָפּאַגאַנדע פאַר טפשים וועט נישט העלפן. דער מענטש וועט געווינען, ווייל ער אונטער-ליגט העכערע געזעצן, ווי די געזעצן פון „ווערכאָוונעם סאָוויעט"

(דער „אויבער-ראַט", די העכסטע אינסטאַנץ אין ראַטנפאַר-באַנד). איינער פון אַט די געזעצן איז — פרייהייט.

***

עטלעכע פאָלקס-ווייצן, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם סאָוויעטישן שטייגער: דאָרט ווו דער סאָוויעטישער מענטש שטעלט אַריין אַ פוס, הערט אויף צו וואַקסן קאָרן, די קי הערן אויף צו געבן מילך, און די הינער-אייער.

דער אונטערשייד צווישן אַ קאָלכאָז און כל-נדרי: ווען מען זאָגט כל-נדרי עסט מען נישט אַ טאָג, ווען מען זאָגט קאָלכאָז, עסט מען נישט אַ יאָר...

אין מאָסקווע האָב איך קענען געלערנט דעם מאָטאָר, וואָס טרייבט דאָס סאָוויעטישע לעבן. דאָס איז די פּראָטעקציע. ביי זיי הייסט עס „בלאַט". ס'איז אַ ווערטל, גענומען פון גנבים-לעקסי-קאָן. אַ „בלאַטער" הייסט אין דער בראַנזשע אַ מענטש, וואָס מען קאָן מאַכן מיט אים געשעפט. דאָס פעלן פון דעם נויטיקסטן האָט געבראַכט דערצו, אַז בכבודיקע בירגער זאָלן זיך דאַרפן ווענדן צו אַט דעם אונטערוועלטישן מיטל. אין ראַטן-פאַרבאַנד זוכט איינער ביים אַנדערן פּראָטעקציע. מען טוישט זיך מיט דעם, מען בייט זיך מיט אַנדערע, מען קויפט עס און מען פאַרקויפט עס. מיט איין וואָרט, מען האַנדלט מיט דעם ווי מיט בערזשע-אַקציעס אין דער פרייער וועלט.

פּראַקטיש גענומען זעט עס אויס, מער וויניקער, אַזוי: איינער דאַרף בראָנפן, אַ צווייטער דאַרף הויזן, דער דריטער דאַרף ציגל, הויבן זיך אָן אונטערהאַנדלונגען. די ערשטע פראַגע איז, וואָס וועל איך באַקומען דערפאַר? הויבט מען זיך אָן טוישן מיט דער סחורה, ביז אַלע צדדים זענען צופרידן. דאָס אַלץ ווערט גע-מאַכט אין גרויסן מאַסשטאַב דורך די האַנדל און אינדוסטריע-

דירעקטאָרן. אַזוי האַלטן זיי אויף זייערע אונטערנעמונגען, זייערע פאַבריקן. ווען נישט אַט די „בלאַט״-סיסטעם, וואָלט דאָס לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד געבליבן פאַרגליווערט און פאַרפראָרן. ווער עס האָט נישט געהאַט קיין צוטריט צו דער ראָד, איז געווען פאַ-אורטיילט אויף הונגער און נויט. אַממערסטן האָט געליטן דער פשוטער פאָלקס-מענטש, דער ערלאַכער אַרבעטער, וואָס האָט נישט געהאַט וואָס פאַרצולייגן אויסער זיין פראַצע. אפילו בעתן שטאַרבן האָט מען געמוזט האָבן „בלאַט״, מ׳זאָל דיך וועלן באַ-גראָבן. שוין אַלס טויטער האָסטו געדאַרפט „שמירן״ דעם וועג צום בית-עולם. האָסט נאָך געמוזט עמיצן געבן אין יד אַריין, מען זאָל זען, אַז דו לעבסט נישט...

אין מאָסקווע האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד זענען פאַראַן דריי קאַטעגאָריעס בירגער. די וואָס זיצן, די גע-זעסענע, און די, וואָס וועלן זיצן. (מען רעדט דאָ נישט וועגן זיצן אין פאָטעלן, נאָר וועגן זיצן אין תפיסה). דאָס האָבן מיר דער-ציילט זייער דערפאַרענע לייט. זיי האָבן מיר אויך געוואָרנט, איך זאָל זיין פאָרזיכטיק מיט אַ וואָרט, און נישט אַזוי מיט אַ וואָרט, ווי מיט אַ וויץ, ווייל די לענגסטע באַן-ליניעס און די מעבטיקסטע עלעקטראָ-סטאַציעס האָבן געבויט די וויצלער...

פון זיי האָב איך זיך אויך דערוווּסט (דערנאָך האָב איך עס אַליין פאַרשטאַנען), אַז כאָטש די אַלטע אַריסטאָקראַטיע איז געוואָרן אומגעבראַכט, איז אויף איר פּלאַץ געקומען אַ נייע. דאָס איז די שיכט פאַרטיי-פונקציאָנאַרן, פאַבריקס-דירעקטאָרן און דיגניטאַרן פון דער געהיים-פּאָליציי. זיי פאַרבייטן די אַמאָליקע צאַרסקע גראַפן, באַראָנען, מיט דעם אונטערשייד בלויז, וואָס יענע זענען געווען אַריסטאָקראַטן געבאָרענע און די זענען געווען אַריסטאָקראַטן געוואָרענע. בעת מיין זיצן אין לאַגער האָב איך באַ-קאָנט נאָך אַן אַריסטאָקראַטיע — די לאַגער-אַריסטאָקראַטיע. דאָס

זענען באַנדיטן, רוצחים, גנבים און סתם בייטל-שניידער. זיי גייען נישט אויף שווערע אַרבעט. צו דעם נעמט מען פּאָליטישע פאַר-ברעכער. די פּליטים-אַרעסטאַנטן פון פוילן האָבן זיך גלייך אָר-יענטירט אין דעם קלאַסן-אונטערשייד, און געזוכט מיט אַלע מיט-לען ווי זיך צו געבן אַן עצה אין אָט דער שווערער צייט. דאָס ערשטע האָט מען גערדאַרפט כשרן דעם אָפּשטאַם, פאַרלייקענען טאַטע-מאַמע, וואָס מער זיך דערווייטערן פון פּאָליטישע אָדער בורזשואַזע דעטאַלן אין דער ביאָגראַפיע. ווייל אַ קרימינעלער פאַרברעכער האָט תמיד געהאַט בעסערע אויסזיכטן צו ווערן באַפרייט ווי אַ פּאָליטישער. אויך זיין קיום אין לאַגער איז געווען נישט אַזוי הארב.

דאָס ערשטע וואָס אַ סאָוויעטישער בירגער דאַרף טאָן צו דערליידיקן זיינעם אַן ענין, איז אויספילן אַן אַנקעטע מיט פער-זענלעכע פּרטים. דאָס איז דער וויכטיקסטער דאָקומענט אין רוסלאַנד. פון וויגעלע ביז צום קבר דאַרף מען שרייבן אויטאָ-ביאָגראַפיעס. הונדערטער. און אַלע דאַרפן שטימען. ווייז איז צו דעם בירגער, וואָס האָט געמאַכט אַ מינדסטן טעות. האָסטו אין איין אַנקעטע געשריבן, אַז דיין טאַטע איז געווען אַ וואַסער-טרעגער און די מאַמע אַ דינסט ביים שטעטלשן גביר — זאָל דיר גאָט אָפּהיטן זיי צוטשעפּען ביי אַ צווייטער געלעגנהייט אַן אַנדער ייחוס. ווילסטו לעבן רואיק, מוזסטו פאַרלייקענען זיך אַליין. דו קאָנסט נישט. דו ווייסט נישט. דו האָסט נישט געהערט. אַזוי איז אַמבעסטן. די אויסגעפילטע אַנקעטע ליגט אין די אַרכיוון פון דער געהיים-פּאָליציי, ווי אַ שווערד גרייט דיר צו שטעכן ביי דער ערשטער געלעגנהייט.

אין לאַגער האָט מען דערציילט אַ וויץ, אַז אַ יידישער אַרעסטאַנט האָט אויסגעפילט זיין אַנקעטע מיט פאָלגנדיקע פּרטים:

דער טאַטע — אַ גנב. די מאַמע — געדינט אין אַ שענק. די שוועסטער — אַ זונה.

האָט דער אויספאָרשער זיך געוווּנדערט — אַזויפיל פּראָלע-טאַריער אין איין משפּחה, ס׳איז גאָרנישט געווען כאָטש איין בורזשוי?

אַ דאַנק אַזאַ ביאָגראַפיע איז מען נישט ארונטערגעפאַלן אונטערן שטראָף-קאָדעקס פאַר פּאָליטישע פאַרברעכער, און מען האָט געקאָנט אָפּשניידן בלויז מיט פינף יאָר, ווי אַ קרימינעלער.

ס׳איז אומגעגאַנגען אַ ווערטל — גאָט זאָל געבן געזונט, קיין יאָרן וועלן נישט פעלן. מען האָט זיך אויך אַ ביסל אָפּגעמינטערט מיט אַ הלצה, אַז רוסלאַנד איז געגליכן צו אַ טראַמוויי — מענטשן שטייען, מענטשן זיצן, און די איבעריקע טרייסלען זיך...

***

ווען איך דערמאָן זיך מיין זיין אין מאָסקווע, קאָן איך נישט פאַרבייגיין די באַגעגעניש מיט יידישע שרייבער. דאָס ערשטע מאָל האָב איך געטראָפן שרייבער אין ביאַליסטאָק. כ׳האָב דאַן נישט געקאָנט אורטיילן וועגן זיי, ווייל זיי זענען געווען אויף פרעמדן באָדן; אָבער אין מאָסקווע איז מיר געווען מעגלעך זיי צו דערקענען נאָענטער. קיינער פון די סאָוויעטישע שרייבער האָבן נישט דערמאָנט מיט איין וואָרט די אומגעבראַכטע פען-מענטשן און קולטור-טוער, וואָס האָבן זיך אַזוי אָנטציקט מיט דער ראַטנ-מאַכט און פאַרלאָזן פוילן אין די דרייסיקער יאָרן, ווי דער דיכטער משה קולבאַק, דער ליטעראַטור-פאָרשער מאַקס עריק א. א. זיי האָט סטאַלין דערמאָרדעט בעת די גרויסע רייניקונגען אין זיין אימפּעריע, נאָך פאַר אוישוויץ און טרעבלינקע, אין יאָר 1937.

איך האָב מיר געהאַט אויסגעאַרבעט אַ סיסטעם ווי צו דער-

קאָנען אַ שרייבער מיט אַ שטיקל געוויסן, אָדער אַזאַ, וואָס האָט שוין לאַנג פאַרגעסן וועגן אַזאַ זאַך.

כ'האָב שוין געהאַט דערביי מיינע אייגענע סימנים. ס'זענען געווען צווישן זיי אָפנהערציקע. די זענען די געפערלעכסטע. זיי האָבן געוווּנען אייער צוטרוי, פּראָוואָצירט אייך צו רעדן און דערנאָך איבערגעגעבן אַלץ ווו מען באַדאַרף.

אַנדערע זענען געקראָכן פון דער הויט צו דעמאָנסטרירן זייער פּאַטריאָטיזם. ס'איז ממש געווען צווישן זיי אַ ליציטאַציע אויף טריישאַפט צום ראַטנפאַרבאַנד. דאָס האָט מען זיך אַזוי אַסעקורירט איינער קעגן אַנדערן.

אויך ביי די אַנדערע סאָוויעטישע שרייבער איז נישט געווען בעסער. אַרום און אַרום איז אין דער ליטעראַרישער לופט גע-האַנגען אַ געדיכטער וואָלקן פון שקר, זעלבסטפאַרלייקענונג, פון אַ קעגנזייטיקן שפייען זיך אין פּנים אַריין.

כ'האָב אָבער געטראָפן צווישן יידישע שרייבער זעלטענע מענטשן, מיט קרישטאָל-ריינע נשמות. זיי האָבן געוויטיקט מיט יידישקייט, מיט צוגעבונדנקייט צו אונדזערע טראַדיציעס און צו אונדזער אמונה. זיי האָבן זיך ביי מיר געבעטן — דזשיגאַן, האָב רחמנות, רייד נישט. רייד נישט מיט דעם און רייד נישט מיט יענעם. אַפילו מיט זיך אַליין רייד נישט... גאָט פאַרלאָזט נישט דעם שווייגער... מילא, מיר זענען פאַרמשפּטע, אונדזערע לעבנס זענען צובראָכן: אָבער דו, אַז וועסט היטן די צונג, וועסטו נאָך דערלעבן זיין מיט יידן אין די פרייע מדינות. הלואי וואָלט איך זיי געפאָלגט.

כ'געדענק ביז היינט די ווערטער פון דעם דיכטער, דעם קדוש פּרץ מאַרקיש, וועמען די רויטע רוצחים, מיט סטאַלין בראש, האָבן דערמאָרדעט צוזאַמען מיט דער פלעיאַדע יידישע שרייבער אין יאָר 1952:

— דזשיגאַן, פאַרגעסט נישט, אַז איר זענט אַנטלאָפן פון דייטש. דערווייל האָט איר גערונעט די הויט, ווייטער דאַרף מען ראַטעווען דאָס לעבן...

האָב איך אים דערציילט אַ וויץ:

סטאַלין האָט גערופן אַן אוקראַאינער, אַ רוס און אַ ייד, אויסצופרווון זייער טריישאַפט צו אים און צו דער פּאַרטיי. ער האָט יעדן באַזונדער געפרעגט צי וועט ער זיין גרייט אַרויסצו- שפּרינגען דורכן פענסטער פאַר אים. דער אוקראַאינער האָט זיך אָנגעהויבן בעטן. ער האָט אַ ווייב מיט קינדער. האָט סטאַלין אים געהייסן שיסן. דער רוס איז אים געפאַלן צו די פיס. ער האָט אַ כלה, ער וויל חתונה האָבן. האָט סטאַלין אים געהייסן שיסן. ס׳איז געקומען צום יידן, פרעגט אים סטאַלין. וואָס איז מיט דיר? ענטפערט ער — חבר סטאַלין, איך גיי שפּרינגען, ווייל איי- דער אַזאַ לעבן...

מאַרקיש איז געוואָרן בלאַס. ער האָט מיר פאַרשוואָרן מיט אַלעם הייליקן איך זאָל מער אַזעלכע וויצן נישט דערציילן אפילו מיין אייגן ווייב, אויב איך האָב אַזוינס. גאָט האָט מיר געשטראָפט. כ׳האָב מיין שבועה נישט געהאַלטן.

מיט יידישע אַקטיאָרן האָב איך זיך וויניקער באַגעגנט. די יידישע אַקטיאָרן האָבן אויסגעזען ווי מיטגלידער פון אַרבעטער- בריגאַדעס. פאַרצאָגטע, צעשראָקענע באַשעפענישן. אַלע האָבן זיי זיך באַמיט אויסצוזען ווי זייער דירעקטאָר, דער שוישפּילער מיכאָעלס (דערמאָרדעט געוואָרן דורך סטאַלינס שליחים אין מינסק, אין 1948). אַלע האָבן זיי פאַרלאָזן האָר, ווי ער, ביז איבערן קאַרק, און זיך געסטאַרעט אַרויסרוקן די אונטערשטע ליפּ, טאַקע ווי ביי אים. בעתן שמועס האָבן זיי זיך תמיד פאַררופן אויף מיכאָעלסן, ווייל זיין פּאָזיציע אין יענע יאָרן איז געווען פעלזנפעסט. ער האָט געהאַט אַ צוטריט צו סטאַלינען אַליין. מיכאָעלס איז

געווען אַ פאַרביקע פערזענלעכקייט, אַ מנהיג פונעם יידישן סעקטאָר אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַ שוישפילער מיט אַ פאַרנעם. כ׳שטעל מיר פאָר פאַר וויפל נסיונות איז אַזאַ מענטש געשטאַנען, וויפל שטרויכלונגען האָט ער געדאַרפט אַריבערשפּאַנען, כדי נישט אַריינצופאַלן אין די רוצחישע הענט; אָבער לסוף האָט אים נישט געהאָלפן זיין חכמה, זיין פּאָזיציע, זיין טאַלאַנט. אויך זיין בלוט האָט דער טאַטע פון די פעלקער געפאָדערט.

כ׳האָב מיכאָעלסן געזען אין עטלעכע פאַרשטעלונגען, צווישן זיי אין „טביה דער מילכיקער" פון שלום עליכם. ער האָט געשפּילט טביה׳ן אָן הומאָר, אָן יידישן חן. כעמיש אויסגעוואַשן. אַ קרבן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. אַ פּראָלעטאַרישער מילכיקער. שלום עליכם׳ס העלדן זענען אומגעגאַנגען אויף דער בינע ווי פליגן אין האַרבסט, פאַרוועלקטע, מיט אויסגעטריקנטע הערצער. אַלץ האָט געקלונגען אַזוי פאַרמעל, ווי פּסוקים פונעם קורצן קורס וועגן דער קאָמפּאַרטיי אין ראַטנפאַרבאַנד. קיין ברעקל פאָלקסטימלעכקייט.

אָבער ווען זיין אַנסאַמבל איז אויפגעטראָטן אין דעם ספּעקטאַקל „אַ פריילעכס", איז אַזוי ווי מען וואָלט אין די אַקטיאָרן אַ נייע נשמה אַריינגעזעצט. דאָרט האָט מען געהערט אַ יידיש פאָלקס-ליד, אַ לעבעדיק וואָרט, אָן אייגענעם ניגון. יידישן פאָלקלאָר קאָן מען נישט שמדן, מען קאָן אים נישט פאַרבן אויף רויט. דער יידישער קרעכץ איז אַ גאַנצע אינסטיטוציע. ווען זיי זענען אַרויס מיט אונדזערע היימישע אוצרות, האָט די גאַנצע בינע אויפגעלויכטן, און כ׳האָב דערזען אין זיי טאַלאַנטפולע, אויפריכטיקע שוישפּילער.

דער סאַמע נאָענטסטער בינע-מענטש צו מיין געמיט, ווען מען איך האָב באַגעגנט אין ראַטנפאַרבאַנד, איז געווען דער עסטראַדע-אַקטיאָר אַרקאַדי רייקין. כאָטש ער איז אויפגעטראָטן

אויף רוסיש, איז ער מיר געווען נאָענט אי אַלס קינסטלער, אי אַלס ייד. כ׳האָב זיך באַקאַנט מיט אים אין יאָר 1940, און גלייך האָט זיך פאַרבינדן צווישן אונדז אַ חברשאַפט, ווי מיר וואָלטן זיך געקאַנט אַ סך יאָרן. נאָך דעם זעקס-טאָגיקן קריג אין 1967, האָבן אים די סאָוויעטן אויסגענוצט פאַר אומגליקלעכע אַנטי-ישראלדיקע אַרויסטריטן; אָבער איך ווייס וואָס פאַר אַ קרישטאָל-ריינער מענטש ער איז, מיט אַ האַרץ פול מיט ליבע צו זיין פאָלק. ווער עס ווייסט וועגן דאָס לעבן פון אַ קינסטלער אין ראַטנפאַר-באַנד, וואָס דאַרף דינען דער מאַכט, אָדער אַראָפּ פון דער בינע, קאָן רויִקינען נישט באַשולדיקן.

וואָס איז אייגנטלעך אַ הומאָריסט ביי די סאָוויעטן? ער איז אַן עפנטלעכער מסור. אַנשטאָט צו שמייסן מיט דער סאַטירע-בייטש די פאַרקריפּלטע אָרדנונג, וואָס האַלט נישט אויס די מינדסטע קריטיק פון שכל הישר, דאַרף ער מיט זיין גאַנצן טאַ-לאַנט זיך דרייען אין דרייען צו דערוויזן, אַז אין אַלע צרות זענען שולדיק די שעדיקער פון אַרום. שלעכטע פאַרזאָרגונג, פּלאַנ-לאָזיקייט, דאָס פעלן פון דעם נוויטיקסטן — אין דעם האָבן שולד בלויז די שונאים פון פאָלק, די קעגנער פון רעזשים, די אינטער-נאַציאָנאַלע קאָנטררעוואָלוציע. מיט איין וואָרט — אין אַלץ איז שולדיק די רוסישע באַפעלקערונג, וואָס פון איר ווערן ווערבירט די שלעכטע דירעקטאָרן, די טעמפּע פאַרוואַלטער און די אויס-ברענגער. בלויז די פירער, זיי האָבן קיין מאָל נישט קיין טעות. זיי זענען איבערמענטשן, זיי זענען גאָט די נשמה שולדיק. און די לייט פון נ. ק. וו. ד., די וואָס היטן אָפּ די דערגרייכונגען פון דער רעוואָלוציע — די זענען מלאכים אין מונדירן. די טאָר מען נישט אָנרירן מיט א קריטישן וואָרט, ווייל מיט אַזאַ קריטיק קאָן מען שנעל ווערן אויך אַ מלאך, אָבער אָן אַ מונדיר.

די באַלעבאַטים פונעם ראַטנפאַרבאַנד האָבן אַ סך צייט.

עס גייט זיי דען שלעכט? זיי האָבן דאָך אַלץ. זיי האַלטן אין איין צוזאָגן — נאָך אַ דור און מ׳וועט דעריאָגן אַמעריקע מיט אירע זיידענע העמדער און אונטערוועש פון ניילאָן. דערווייל, ווער עס האָט „בלאַט״ באַקומט עס פריער.

דעריבער איז זייער שווער דער וועג פון אַ הומאָריסט אין רוסלאַנד. ער דאַרף שיסן מיט גומענע פיילן און אין אַ פאַלשן ציל. אַט, למשל, נעמט דעם רוסישן סאַטירע-זשורנאַל „קראָ-קאָדיל״. איר געפינט דאָרט תמיד שטעכווערטער וועגן אַ שלעכטן אַרבעטער, אַ פוילן באַאַמטן, אַ פאַרדאַרבענעם דירעקטאָר; אָבער כאָטש איין וואָרט קעגן אַ רעגירונגס-מיטגליד וועט מען דאָרט נישט געפינען. זיי, די מאַכט-האָבער, שטייען אויסער יעדע קריטיק. דער „קראָקאָדיל״ לאַכט פון אַלע לענדער, בלויז דעם ראַטנפאַרבאַנד נעמט ער טויט-ערנסט, ביז לאַנגווייל.

בכלל איז דער מאַרקסיזם-לעניניזם אַ לאַנגווייליקע תורה.

**
*

אין מאי 1941 האָבן מיר געשפּילט אין לעמבערג. די גאַנצע שטאָט איז געווען צערודערט. מען האָט אַרעסטירט פּוילישע ביר-גער, וועלכע האָבן זיך אַנטזאָגט צו נעמען רוסישע פּאַספּאָרטן, און זיי פאַרשיקט קיין סיביר. די נ. ק. וו. ד.-סאָלדאַטן זענען גע-גאַנגען פון שטוב צו שטוב און פאַרנומען יעדן פּאַספּאָרטלאָזן פּליט. די אַקציע פלעגט דורכגעפירט ווערן ביינאַכט. ווען איך טראַכט אַמאָל וועגן יענע טעג, קום איך צום טרויעריקן אויספיר, אַז די רוסן האָבן דורכגעפירט דעם מענטשן-געיעג נישט ערגער ווי די דייטשן נאָכדעם. ס׳האָט בלויז געפעלט דער לעצטער שריט צו טרעבלינקע. אויך זענען די רוסישע סאָלדאַטן געווען מילדער, ווי די דייטשע, צוליב זייער אָרעמקייט. זיי האָבן שרעקלעך ליב געהאַט זייגערלעך. פאַר אַ זייגערל האָבן זיי געקאָנט אַוועקגעבן

דעם טאַטן מיט דער מאַמען. אין שייכות מיט אַט דער ליבע צו אַ שטיקל מעכאַניזם מיט אַ ציפערבלאַט, האָב איך איבערגעלעבט אַ טראַגי-קאָמישע נאַכט. צו מיר אין האָטעל-צימער איז אַריינ-געפאַלן אַ צעטומלטער יונגערמאַן מיט תחנונים — באַהאַלט מיך, איך בין דער זון פון וואַרשעווער דאָזאַר אליהו מ. זיין פאָטער איז געווען אַ באַקאַנטע יידישע פערזענלעכקייט. כ'האָב אים תיכּף געהייסן אַרונטערקריכן אונטערן בעט. אין אַ רגע אַרום איז אַריין אין צימער אַ נ. ק. וו. ד.-זעלנער און געבעטן מיר באַווייזן מיין פּאַספּאָרט. כ'האָב אים באַוויזן. האַלטנדיק דעם פּאַספּאָרט, גיט ער מיר פּלוצים אַ פרעג — אַט די שטיוול, וואָס ביי אייך אונ-טערן בעט, קאָן איך קויפן? כ'האָב זיך נישט פאַרלאָרן, און מיט אַ ווונק האָב איך אים געענטפערט — די שטיוול נישט, נאָר דעם זייגער יאָ. און באַצאָלן וועט איר נאָך דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה... כ'בין צוגעגאַנגען נאָענטער צום בעט און אויסגערופן אויף יידיש צום באַהאַלטענעם — אַז איר האָט אים שוין געוויזן די פּיס, ווייזט שוין אויך אַ האַנט... יענער האָט אַרויסגערוקט די לינקע האַנט מיט אַ טייערן לאָנזשין. דער זעלנער איז אַוועק מיט זיין געפינס, און גלייך נאָך אים איז אַריין אין צימער אַ צווייטער זעלנער מיט א געשריי — אַט דאָ איז ער אַריינגעלאָפן. כ'האָב אַליין געזען; אָבער כ'האָב געהערט ווי דער זעלנער מיטן זייגער האָט אים באַרואיקט — ס'איז נישט דאָ. דאָ ווינט אַן אַקטיאָר, אַן אונדזעריקער, מיט א פּאַספּאָרט...

צומאָרגנס שפּעט אין דער נאַכט, האָט עמיץ געקלאַפּט אין טיר. אַ פאַרשלאָפענער בין איך קוים צוגעגאַנגען עפענען. כ'בין געווען זיכער, אַז ס'איז אַ חלום. פאַר מיר איז געשטאַנען זייער אַ גוטע חברטע פון קאַטאָוויץ. אַ שיינע פרוי, וועמענס געטאָקטער גוף איז נישט פאַרווישט געוואָרן פון דעם מענערישן אַנטועכץ, וואָס האָט געדאַרפט דינען צו אַ וויטן, אומבאַוווסטן וועג. זי

האָט אָפּגעלייגט איר רוק-זאַק, און קוים דערגאַנגען אין אירע שווערע ספּאָרט-שיך די פּאָר טריט צום טיש. דאָס לעצטע מאָל האָב איך איר געזען מיט אַ יאָר צוריק אין וואַרשע. דאַן האָט זי נישט געשמייכלט אַזוי טרויעריק; דאַן האָט זי געשטראַלט פון אינערלעכער פרייד. דאָס איז געווען אין אַ פּאָפּולערן נאַכט-לאָקאַל. מיר זענען געווען צוזאַמען מיט אַ קאָפּטע יונגע לייט, וואָס די גאַנצע וועלט איז געווען פאַר זיי אָפן. מען האָט געגעסן און געטרונקען. געלאַכט און געפלירטעוועט. זיך איבערגעוואָרפן מיט קאַלאַמבורן, מיט וויצן צווייַדייטיקע. זי איז געזעסן נעבן מיר און האַלב-בגילופין געשעפּטשעט — אין אַ וואָך אַרום גיי איך חתונה האָבן... כ׳האָב איר אויטאָמאַטיש צוגעווונטשן מזל-טוב, און געוואָלט ענדיקן טרינקען מיין ביסל קאָניאַק, האָט זי מיר אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט, פאַראַנקערט איר גרויע מאַנדל-אויגן אויף מיין פּנים און פייערלעך אויסגעפּליסטערט:

— איך וויל דו זאָלסט זיין ביי מיר דער ערשטער.

פאַרשטענדלאַך, אין יאָר 1973 קלינגט עס נאַאיוו, קינדעריש. ווייל וואָס איז דען אין אונדזער דור ביליקער ווי מיידלשע צניעות? ווען די גאַנצע וועלט איז פאַרזונקען אין סעקס, ווי די לעצטע באַהעלטעניש פון דער אַטאָם-באָמבע, וועלן מיינע לייענער מן הסתם לאַכן אין באָרד אַריין. אַ גרויסע מציאה... אָבער אין יענער צייט האָט נאָך די יוגנט געהאַט פּרינציפּן, געגלויבט אין אידעאַלן, געחלומט וועגן אויסגלייכן אַלע סאָציאַלע הויקערס. און ווונדער איבער ווונדער — ס׳זענען אויך געווען מיידלעך, וואָס האָבן געקאָנט אַנגעבן אין נדן זייער אומשולד. דאָס איז געווען אַ גאַנץ געוויינלאַכע דערשיינונג.

אויך וועלן מיינע פריינד שטוינען, לייענענדיק אָט דעם עפּיזאָד. מיין אויסזען זאָגט נישט עדות אויף דערפּאָלג ביי פרויען; כ׳האָב דאַן אויך נישט אויסגעזען ווי אַ מאָדעל פאַר אַ ווונטש-קאַרטע

צו ראש-השנה; אָבער כ'האָב פאַרמאָגט דעם גרעסטן אוצר, וואָס דאָס לעבן קאָן שענקען. כ'האָב פאַרמאָגט מיינע בעסטע מענערישע יאָרן. כ'בין שוין דאָן געווען אַרומגערינגלט מיט אַ סך פאַרערער פוןביידע מינים, ווי אַ דערפאָלגרייכער שוישפילער און אַ באַ-רעכטיקטער מיטגליד אין דער פאַרצווייגטער קינסטלער-משפחה.

יענע יאָרן האָב איך געהאַט געוווינט אין אַ צימער מיט אַ באַ-זונדערן אַריינגאַנג ביי אַ משפחה. געקומען אַ מידער פונעם נאַכט-לאָקאַל, האָב איך מיך אינדערגיך אויסגעטאָן, אַרומגעוואַשן און אַריין אין בעט, אָנטשלאָפן צו ווערן ווי אַ שטיין. כ'האָב בלויז באַוויזן אַ שמייכל צו טאָן צו מיין חברטעס פאַרשלאַג, און שוין האָבן זיך ביי מיר צוגעקלעבט די אויגן.. כ'האָב נישט באַוויזן גוט אָנצוואַרעמען דאָס געלעגער, הער איך אַ קלונג אין דער טיר. ס'איז שוין געווען אַ זייגער צוויי ביינאַכט. כ'האָב זיך צוגעשאַרט אין דער פידזשאַמע צום טיר, איר געעפנט. די שוועל האָט אַרי-בערגעטראָטן מיין פריינדין. כ'האָב איר אַריינגעכאַפּט אין מיינע אָרעמס. כוואַליעס בלוט האָבן געשווענקט מיין האַרץ. ווי איך וואָלט דאָס גאַנצע גליק פון דער וועלט געהאַט אין מיינע הענט. אין איינע פּאָר מינוט איז זי שוין געלעגן נעבן מיר אויף מיין ברייטן טאַפּטשאַן.

און אַזוי ווי מיר זוכן זיך צו פאַרלירן איינער אין אַנדערן, עפנט זיך אויף די טיר פון מיין צימער, עס בליצט אויף ליכט, און מיין באַלעבאָסטע פון דער דירה גייט אַרויס מיט אַ מענה-לשון — בעסער, אַז קיין זייטיקע האָבן עס נישט געהערט:

— וואָס מיינט איר זיך, מיידלאַך וועט איר ברענגען אין מיין הויז? איר.... איך שטעל אייך שוין אַרויס אויפן גאַס צוזאַמען מיט אייער... כ'וויל נישט אויסריידן פון מיין מויל...

די באַלעבאָסטע איז אַוועק צו זיך, האָט זיך מיין חברטע צוריק אָנגעטאָן און געשעפּטשעט דערביי:

— נישט באַשערט... אָבער מיר וועלן זיך נאָך זען... אַלץ איינס, מיר וועלן זיך נאָך טרעפן... ווייל... ווייל איך האָב דיך ליב... איך...

אַזוי האָט זי פאַרלאָזט מיין צימער.

און אָט איז זי איצט געזעסן פאַר מיר אין מיין לעמבערגער האָטעל, און נישט געמאַכט קיין מינדסטן פרוּוו זיך צו דער־נענטערן. מיד און פאַרלאָשן. כ׳האָב איר אָנגעהויבן פאַרוואַרפן מיט פראַגן, האָט זי מיר דערציילט, אַז איר מאַן איז אַוועקגעפאָרן קיין ראָוונע ברענגען זיין שוועסטער, מען זאָל זיין צוזאַמען בעת דער פאַרשיקונג. אַ ליאַדע טאָג ווערט מען זיי אַרעסטירן, ווייל זיי האָבן נישט קיין פּאַספּאָרטן.

— דאָס איז די לעצטע סטאַציע מיינע, ביי דיר אין צימער. די זעלנער האָבן מיר געיאָגט, און זיי וועלן באַלד זיכער דאָ קומען מיר זוכן...

כ׳האָב איר באַרואיקט, אַז ס׳איז שוין צו שפּעט, זיי וועלן שוין היינט נישט קומען; אָבער זי האָט בעסער געוווּסט.

כ׳האָב איר פאַרגעלייגט זיך אויסציען אויפן בעט, דרימלען אַ ביסל, כ׳בין געלעגן נעבן איר מיט אַ פאַרדריקט האַרץ און שטילע הענט. ביידע האָבן מיר נישט געקאָנט שלאָפן, און ביידע זענען מיר נישט געווען מסוגל מחדש צו זיין אונדזער נאָענטקייט. ווי צוויי שוואַלבן אונטער אַן עק דאַך, וואָס דער ווינט און דער רעגן האָט צעוואָרפן זייער נעסט — אַזוי האָבן מיר זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן, וויסנדיק, אַז אפילו דאָס פאַרגינט אונדז נישט דער גורל.

אַ ברוטאַלע טיר־קלאַפּעריי האָט אונדז דערמאָנט ווו מיר זענען. צוויי זעלנער זענען אַריין איר זוכן. מיר האָבן זיך געזעגנט. כ׳געדענק אירע רייד.

— זיי געזונט, צום ווידערזען. דערווייל רודפט מען דיר נישט.

איז האַלט זיך. טו אַלץ איבערצוקומען די שווערע צייט. כ׳זאָג דערוויַיל, ווײַל בײַ זײַ קאָן מען קיינמאָל נישט וויסן, וואָס מאָרגן...

דערנאָך האָט זי פאַררויכערט אַ רוסישן סיגאַרעט, זיך טיף פאַרצויגן און באַפוילן די זעלנער:

— דאַוואַי, פּײַדיאָם! (קומט, לאָמיר גיין).

אַזוי איז זי דאָס צווייטע מאָל אַרויס פון מײַן צימער.

כ׳האָב איר געטראָפן נאָכן קריג. די צייט האָט געהאָט איבער־געלאָזט אין האַרץ טיפע קאַרבן. איבערגעלעבטע צרות פֿרירן איין אַ סך בלויע חלומות.

***

אַ שווערע צייט האָט זיך אָנגערוקט אויף די לעמבערגער יידן. נישט בלויז אויף די לעמבערגער, אויף אַלע יידן, ווו נאָר זיי האָבן געזוכט אַנטרינען צו ווערן פון דער מלחמה. די מלחמה איז זיי נאָכגעלאָפן. אומלעגאַלע אייראָפּעאישע ראַדיאָ־סטאַציעס האָבן געוואָרנט, אַז די דייטשן גרייטן אַ קריג קעגן זייערע סאָוויעטישע פאַרבינדעטע. אַ ליאַדע טאָג זאָל מען זיך ריכטן אויף באָמבאַר־דירונגען. אין טעאַטער האָבן מיר געגרינדעט אַ פריוואַטן שטאַב, וואָס זאָל נאָכפאָלגן די געשעענישן, כדי מען זאָל זיין גרייט אין ריכטיקן מאָמענט. אין שטאַב זענען געווײַלט געוואָרן די הומאָריסטן נודעלמאַן, דער לוסטיקער פעסימיסט און ישראל שומאַכער. די גאַנצע טרופּע האָט זיך פאַרטרויט אויף זייער פּאָליטישער בקיאות. מיר האָבן געוואָלט צוקאָאָפּטירן צום שטאַב אויך משה בראָדער־זאָנען איז יענער געבליבן אין ביאַליסטאָק, ווו מיר האָבן זיך גע־דאַרפט אומקערן נאָך די גאַסט־שפּילן אין לעמבערג; אָבער און־דזער דירעקטאָר, אַן אָדעסער ייד מיט אַ סך סאָוויעטישער דער־פאַרונג, האָבן מיר יאָ אָנגעשלאָסן אין אונדזער שטאַב. ער איז אונדז זייער צוניץ געקומען.

אַ געוויסן טאָג, נאָך לאַנגע באַראַטונגען, איז באַשלאָסן גע-וואָרן דורכן שטאַב, אַז מיר דאַרפֿן זיך אַוועקלאָזן אין טיף-רוסלאַנד. דאָרט וועלן מיר זיין זיכערער; נאָר מען דאַרף זיך דער-קלייבן צו אַ געגנט וואָס גרעניצט מיט אויסלאַנד. דער אָדעסער דירעקטאָר האָט אויסגעשפּרייט אַ מאַפּע פון ראַטנפאַרבאַנד און אַוועקגעלייגט אַ פינגער אויף אַ שוואַרצן פינטל נעבן אַ דיקער, גרינלעכער ליניע, וואָס האָט באַצייכנט אויף דער מאַפּע די פּער-סישע גרעניץ. — פון דאָרט — האָט דער שטאַב-מיטגליד נודעל-מאַן געפּסקנט — וועט גאָט געבן, און מ׳וועט זיך קאָנען אַריבער-כאַפּן ווייטער...

אונטערן אויסרייד, אַז מיר לאָזן זיך אין אַן אַלפאַרבאַנדישן טורנייִ, האָט דער דירעקטאָר אונדז דערליידיקט אַ וואַגאָן פאַר אונדז מיט די דעקאָראַציעס. אַליין איז ער געפאָרן פאַרויס באַ-שטעלן זאַלן און צוגרייטן די פאָרשטעלונגען אין יעדער שטאָט. אַלע האָבן מיר איינגעקויפט אין לעמבערג, וואָס די אויגן האָבן געזען. דער ייד פון אָדעס האָט אָנגעזאָגט מען זאָל נישט מזלזל זיין אפילו אין אַ ציין-שטעכער. אין רוסלאַנד איז אַלץ סחורה.

מען מוז מודה זיין, אַז די מאַכט האָט זיך באַצויגן צו אונדזער טורנייִ מיט גרויס פאַרשטענדעניש. מיר זענען געווען גרייט זיך צו באַנוגענען מיט איין וואַגאָן צוזאַמען מיטן באַגאַזש און די דע-קאָראַציעס. מען האָט אונדז אָבער צוגעטיילט אַ גאַנצן שלאָף-וואַגאָן, און באַזונדער אַ לאַסט-וואַגאָן פאַר דער פּראַכט.

דעם 21-טן יוני 1941 איז פאָרגעקומען אונדזער פּרעמיערע אין אָדעס. כ׳בין זיכער, אַז יעדער פון אונדז, וואָס איז דאַן געווען אויף יענע געביטן, וועט געדענקען אָט דעם טאָג ביזן סוף פון זיין לעבן. דאָס איז דער טאָג ווען ס׳איז געחתמעט געוואָרן דער יידישער גורל. דער טאָג פון אָנהויב מלחמה צווישן דייטשלאַנד און דעם ראַטנפאַרבאַנד. אַ זייגער עלף אינדערפרי האָט דער סאָ-

וויעטישער אויסערן-מיניסטער מאָלאָטאָוו, געמאָלדן דורכן ראַדיאָ, אַז היטלער-דייטשלאַנד איז באַפאַלן דעם ראַטנפאַרבאַנד. לויט די פּאַטריאָטישע לידער און די מיליטערישע פּאַראַדן האָט אַדעס גע- דאַרפט זיין הינטערלאַנד. אָבער צען מינוט פאַרן אָנהויבן אונדזער פאָרשטעלונג אין שטאָטישן פּאַרק האָבן די סירענעס אָנגעזאָגט אַ לופט-אַלאַרם. מיר, די פּוילישע פּליטים, האָבן גוט פאַרשטאַנען אָט די מוזיק. אַזוי איז אויך געווען אין וואַרשע; די פאָרשטעלונג איז געגאַנגען אינדערפינסטער. מיר האָבן שנעל אימפּראָוויזירט אַ קאָנצערט פון יידישע לידער. דער דירעקטאָר האָט געהאַלטן אַ הייסע רעדע און דער עולם האָט אַפּלאָדירט. די לעצטע פּאָר לידער זענען באַגלייט געוואָרן פון די אַרטילעריע-שיסערייען. טויזנטער פאַספאָריזירטע קוילן פון די זעניט-האַרמאַטן האָבן געגעבן ליכט-עפעקטן צו אָט דעם אויסטערלישן יידישן קאָנצערט.

קוים געענדיקט די פאָרשטעלונג, זענען מיר געלאָפן דורכן חושך צום האָטעל. אונדזער „שטאַב" האָט באַשלאָסן מען זאָל זיך שוין רירן ווייטער, טיפער אין לאַנד. אויף צומאָרגנס זענען מיר געזעסן אין אונדזער וואַגאָן, וואָס האָט זיך געריסן קיין כאַר- קאָוו. מיר זענען מער געשטאַנען, ווי געפאָרן. אויפן וועג האָבן מיר געזען דאָס פעלן פון אַן אייראָפּעאישן סטאַנדאַרט אין דער קאָמוניקאַציע. די סטאַציעס — אָפּגעריסן, פאַרוואָרפן מיט כל מיני בלאָם. די לאָקאָמאָטיוו-מאַנעווּרירונגען, ווי אין טשאַפּלינס אַ פילם. איינער ווייס נישט פון אַנדערן. בלויז איין גוטע זאַך איז געווען אויף יעדער סטאַציע — הייס וואַסער צו מאַכן טיי, „קיפּיאַטאָק" האָט עס געהייסן. אָט דער „קיפּיאַטאָק" האָט נישט איין יידן געשטאַרקט דאָס האַרץ, געגעבן אים כוח צו פאָרן וואָכן און חדשים. מיר האָבן אויך נישט געקאָנט באַגרייפן, וואָס אַזאַ מלוכה ווי סאָוויעטן-רוסלאַנד איז איין טאָג נאָכן דער- קלערן קריג אַריינגעפאַלן אין אַזאַ פּאַניק און צעטומלעניש. מען

איז געלאָפן האַלדז און נאַקן פון די באַדראָטע געביטן, אומאָר-גאַניזירט. נישט צוליב מאַנגל אין צייט, נאָר פּשוט צוליב דער אומאָרדנונג, וואָס איז יאָרן פאַרטראָטן געוואָרן אונטערן שטח דורך די שווערע שטיוול פון רעזשים. אויך דער פּחד איז געווען אַן אומנאַטירלעכער. כּנראה, אַז מען האַלט אַ גאַנץ פאָלק אַזויפיל יאָרן אין שרעק, הויבט עס אָן ציטערן פאַרן אייגענעם שאָטן. אָבער די גרעסטע פּאַניק האָבן געמאַכט די לייט פון דער נ. ק. וו. ד. (פונעם פּאָליציי-דינסט). זיי האָבן אינגאַנצן פאַרלאָרן די מאָס פון אַרעסטן און נגישות. מען האָט אַריינגעזעצט מענטשן אויף רעכטס און אויף לינקס, אַזוי ווי פון דעם וואָלט געווען אָפּהענגיק דער נצחון איבער דער נאַצי-אַרמיי. די פּאַניק-מאַכער אין די גרינע מונדירן האָבן פאַרשפּאַרט אין תּפיסה מענטשן פאַר מאַכן אַ פּאַניק... אויך פאַר קויפן נאָך אַ פונט צוקער, פאַר זאָגן אַן איבע-ריק וואָרט. איך האָב אַליין געזען ווי מען האָט אַרעסטירט אַ טויב-שטומען, ווייל ער האָט געוויזן מיט אַ פינגער אויפן הימל און גע-בילט ווי אַ הונט. מען האָט אים באַשולדיקט אין פאַרשפּרייטן פאַלשע ידיעות...

פון די ראַדיאָ-מעלדונגען האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ווייס-רוסלאַנד איז שוין ביי די דייטשן אין די הענט. כ'האָב געטראַכט וועגן די גראָדנער, די ביאַליסטאָקער יידן, וואָס האָבן זיכער נישט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס אייגן בעט, און אַריינגעפאַלן אין דער נאַצישער קלעם. אַ סך יידן האָבן זיך געקאָנט ראַטעווען ווען נישט די צוגעבונדנקייט צום בעטגעוואַנט, צום לאָקשנברעט. צופיל זענען מיר געווען צוגעבונדן צו דער היימישקייט. דאָס האָט גע-קאָסט נישט איין יידיש לעבן.

די דייטשע מלחמה-מאַשין האָט געפרעסן דעם שטח אויף אַלע ציינער. די רוסן זענען געלאָפן ווי שדים, ווו זענען דאַן געווען די באַזונגענע טאַנקן? די העלדישע פליער? האָט עס אַלץ עקזיסטירט

בלויז אין די לידער, וואָס זענען מסוגל געווען אויפצולעבן אַ טויטן ?.. מיר, די פוילישע פּליטים, האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז דער פרידנס-אָפּמאַך צווישן ראַטנפאַרבאַנד און היטלער-דייטשלאַנד איז בלויז אויפן פּאַפּיר. ס׳וועט קומען די פּאַסיקע רגע און זיי וועלן זיך איינ-בייסן איינער אין אַנדערן ; אָבער קיינער פון אונדז האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד איז אַזוי שוואַך. מיר האָבן אָבסערווירט דאָס סאָוויעטישע לעבן, זייער שווידערלעכע אַד-מיניסטראַציע, די דחקות, די נויט.

אַ שטיקל פּאַפּיר איז געווען אַ פּראָבלעם. מען האָט געשריבן בריוו אויף צייטונגס-פּאַפּיר מיט היימיש-געמאַכטן טינט פון אַ שטיקל בעמישן בלייער. הויזן האָט מען פאַרקויפט אַן קנעפּלאַך. איין שוך האָט קיינמאָל נישט געפּאַסט צום אַנדערן. האָסטו געהאַט אַ נאָדל, איז נישט געווען קיין פאָדעם. אין איין שטאָט האָט מען געקאָנט בויען פּיראַמידן פון טעפּ, אין דער צווייטער שטאָט איז עס נישט געווען בנמצא. קיין זייף איז אין ערגעץ נישט געווען.

זענען מיר, די פּליטים, געווען זיכער, אַז די גאַנצע מזל-ברכה איז אַריין אין דער אַרמיי. אירע באַדערפעניש שלינגען אַלץ איין, ווייל זי דאַרף זיין שטאַרק, אייזן — מויער. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָרט האָט אויך געפּייפט דער סאָוויעטישער דלות. ערשט דאַן האָבן אַ סך רויטע חסידים אין אונדזערע רייען אָנגעהויבן פאַר-שטיין, אַז דער אומגליק ליגט אין דער דורכגעפאַלענער סיסטעם, און עס וועלן נישט העלפן קיינע שיינע רייד און קיינע שיינע לידער. די רויטע אַרמיי האָט געזונגען און מיר האָבן געשמייכלט דערביי : לויט זייער זינגען, וואָלטן זיי געקאָנט זיין דער שטאַרק-סטער כאָר אין דער וועלט...

מיט צרות, מיט קלאָגן זענען מיר אָנגעקומען קיין כאַרקאָוו. די באַריכטן פון פראָנט האָבן אַלעמען דערשיטערט. ס׳האָט אויס-

געזען ווי באַלד פאַרפלייצן די היטלער־באַנדעס דאָס גאַנצע לאַנד, העט ווייט איבערן אוראַל. אין כאַרקאָוו האָבן מיר זיך גע־טראָפן מיט אַנדערע אַנסאַמבלען, וואָס זענען געלאָפן פון פייער, ווי מיר. זיי האָבן אונדז מקנא געווען, ווייל מיר האָבן נאָך געהאַט אַ העמד אויפן לייב, אינדערצייט ווען זיי זענען אַנטלאָפן נאַקעט, הויל, ממש אָן אַן איבעריק שטיקל אונטערוועש.

אונדזער „שטאַב" האָט זיך אָנגעהויבן אָריענטירן אין סטראַ־טעגישע פּראָבלעמען, נישט ערגער ווי די אַרמיי־מומחים. ס'איז געוואָרן באַשלאָסן גלייך צו פאַרלאָזן כאַרקאָוו, ווייל די דייטשן וועלן, ראשית כל, באָמבאַרדירן די גרויסע קנופּ־סטאַציעס, כדי צו צעשטערן דעם טראַנספּאָרט. ס'איז טאַקע אַזוי געווען. אַ דאַנק דעם שכל הישר פון די „שטאַב"־מיטגלידער האָבן מיר זיך גע־ראַטעוועט פון די דייטשע אַעראָפּלאַנען.

פון כאַרקאָוו איז געווען זייער שווער אַרויסצופאָרן. ס'האָבן זיך עוואַקואירט גרויסע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען צוזאַמען מיט די אַרבעטער און טעכנישן פּערסאָנאַל. פאַרשטענדלעך אַז די ערשטע האָבן זיך פאַרזאָרגט אַוועקצופאָרן די הויכע פּאַרטיי־באַאַמטע מיט זייערע משפּחות; אונדז האָט מען אַריבערגעפירט אויף אַ זייטיקן טאָר און געהייסן וואַרטן ביז משיח וועט קומען; אָבער אַזוי ווי גאָט האָט געבענטשט דאָס רוסישע פאָלק מיט צוויי ליבעס — צו זייגערלעך און צו בראָנפן, האָבן מיר עס צוגעשטעלט וווּהין מען באַדאַרף, און מען האָט אונדזערע צוויי וואַגאָנעס צו־געטשעפּעט צו אַ טראַנספּאָרט־צוג. אויב ס'לעבן נאָך די באַן־אַרבעטער, וואָס האָבן אונדז אין דעם געהאָלפן, זאָלן זיי טראָגן די דריי זייגערלעך און ס'זאָל זיי זיך גוט דערמאָנען דאָס קעסטל בראָנפן. אויף זייערע פאַרסאַדזשעטע פּנימער האָט מען קיין סך פרייד פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור נישט אָנגעזען.

עטלעכע אַקטיאָרן פון אַנדערע אַנסאַמבלען האָבן זיך אָנגע־

שלאָסן צו אונדז. צווישן זיי דער שווישפּילער רייִנגלאַס. מיר זענען געקומען צו דער בינע כמעט אין איין צייט. ווען איך האָב אים באַגעגנט אין כּאַרקאָוו, איז ער געווען טויט-הונגעריק און איך דאָסזעלבע. דער הונגער, אָבער, האָט נישט קאַליע געמאַכט די פריַיד פון זען איינער דעם צווייטן. דאָס ערשטע וואָרט, וואָס כ׳האָב פון אים אַרויסבאַקומען, איז געווען — עסן... כ׳האָב אים גע-טרייסט — טיפּש: וואָס עסן, ווער עסן, אַבי מען זעט זיך... מ׳וועט זיך האַלטן צוזאַמען. ווו איך וועל שלאָפן, וועסטו שלאָפן. וואָס איך וועל עסן, וועסטו עסן. און אויב דו האָסט נישט מיטגעבראַכט עפּעס אין מויל צו נעמען, וועלן מיר ביידע אויסגיין פאַר הונגער אין כּאַרקאָוו, ווייל איך וויל אויך עסן.

דאָס מזל האָט אונדז אויפגעשיינט דורך עטלעכע יידישע מיידלעך פון כּאַרקאָוו, וואָס האָבן זיך פאַרליבט אין אונדזערע בחורים פון אָרקעסטער. זיי האָבן אונדז אַלע געראַטעוועט. די האַרציקע קינדער פון סאָלידע משפּחות, וואָס דער רעזשים האָט זיי נישט געקאָנט פאַרדאַרבן, האָבן אויפגעשלעפּט דאָס לעצטע ביסל שיריים פון די שטוביקע זאַפּאַסן און אָנגעקאָרמעט די טרופּע אייניקע פון זיי לעבן גליקלעך מיט זייערע מענער און קינדער ביז היינטיקן טאָג אין מדינת ישראל.

ווען די וועגן, אומוועגן, וואָס האָבן געפירט צו די ווייטערע געביטן פון ראַטן-פאַרבאַנד בעתן קריג, איז געשאַפן געוואָרן אַ גאַנצע ליטעראַטור. כ׳וועל גאָרנישט צוגעבן ביים דערמאָנען ווי-דער די שרעק און די לופט-אָנגריפן. ווען כ׳פלעג לויפן פון וואַגאָן צו אַ ברעג פעלד זיך אויסבאַהאַלטן פון די פאַלנדיקע באָמבעס, האָב איך נאָר באַדויערט, וואָס דער לייטענאַנט פון ביאַליסטאָקער רעסטאָראַן איז נישט מיט מיר. יענער האָט דאַן געפּסקנט, אַז פּוילן האָט פאַרלוירן די מלחמה צוליבן גאָפּל-מעסער. כ׳האָב ביים פאַרגראָבן דאָס פּנים טיפער אין גראָז, געחלשט אים פרעגן — איר

עסט דאָך אַן גאָפּל-מעסער, איז ווו זענען אייערע טאַנקן מיט די אַעראָפּלאַנען ?...

ביים אַריינגיין צוריק אין וואַגאָן נאָך דעם לופט-אַנגריף, האָט זיך איינער פון אונדז געוואָלט מאַכן קוראַזש און פאַרצויגן דאָס שוין דערמאָנטע ליד — אויב איז מאָרגן אַ קריג... דאָס ליד, וואָס רעכנט אויס אין שיינע פערזן אויף וועלכן כוח דער שונא וועט זיך דאַן אָנשטויסן. כ׳האָב יענעם געהייסן אויפהערן זינגען, ווייל ער מאַכט אַנטי-סאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדע...

ס׳איז אונדז געווען ביטער און פינסטער אויף דער נשמה. די מלחמה האָט זיך צעשפּרייט ווי אַ כמאַרע פאַר אַ שטורעם און גע-דראָט אונדז איבערצויאָגן. וווּהין פאָרן מיר ? אפשר גאָר אויף אומקום ? אפשר יאָגן מיר זיך גאָר צום מלאך המוות גלייך אין מויל אַריין ? די ידיעות האָבן אונדז געשלאָגן אין קאָפּ ווי שווערע באַלקנס. אָט איז געפאַלן פראַנקרייך, ענגלאַנד איז באַדראָט. וואָס וועט זיין ווייטער ?

איין אַקטיאָר צווישן אונדז איז געווען פול מיט האָפענונג. ער איינער איז געווען איבערצייגט, אַז דייטשלאַנד וועט פאַרשפּילן די מלחמה. עס קומען מיר טרערן אין די אויגן ווען איך דערמאָן זיך איצט דעם באַשיידענעם טעאַטער-מענטש, וואָס האָט אונדז אין די שווערע רגעס אָנגעצונדן מיט זיין בטחון. דאָס איז געווען דער שוישפּילער יואל בערגמאַן. ער האָט באַוויזן מיט אותות און מופתים, מיט היסטאָרישע ביישפּילן, אַז דאָס וואָס עס וועט נישט אויפטאָן די רויטע אַרמיי, וועט אויפטאָן דער רוסישער ווינטער. און אויב נישט דער ווינטער, וועט קומען אַ צווייטער ווינטער, וואָס וועט איינפרירן די דייטשע מלחמה-מאַשין און זי וועט בלייבן שטיין ווי אַ ליאַלקע פון פאַרצעליי, אַ פאַרשמידטע אין פראָסט.

ער האָט דעם נצחון, זיין נצחון, נישט דערלעבט. זיינע ביינער ליגן ערגעץ אויף אַ פרעמדן פעלד אין ווייטן מיטל-אַזיע.

***

אין דער צייט פון אונדזער רייזע איז פאָרגעקומען אַ וויכטיקע פּאָליטישע געשעעניש. די סאָוויעטישע רעגירונג האָט אויפן סמך פון אַן אָפּמאַך מיט דעם פּוילישן גענעראַל שיקאָרסקי אַמנעסטירט די פּוילישע בירגער, וואָס זענען פאַרשלעפּט געוואָרן אויף פאַר־שיקונג און אין די לאַגערן. די סאָוויעטישע פירער האָבן אויס־געדרייט דעם דישל און איבער נאַכט פאַרוואַנדלט די פּוילישע אַרעסטאַנטן אין אַ ברידערלעך פאָלק. גענעראַל שיקאָרסקי האָט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ פּוילישע אַרמיי אויף דער רוסישער ערד, וואָס וועט קעמפן קעגן די דייטשע אָקופּאַנטן.

אַלץ וואָס שמעקט מיט פּוילן איז אַריין אין דער מאָדע. דער רוסישער בירגער האָט אין זיי געזען פאַרבינדעטע, וואָס וועלן צולייגן אַ האַנט צום שווערן קריג. אונדזער אָדעסער דירעקטאָר האָט אַלעמען געלערנט, אַז מ׳וועט אָנקומען קיין טאַשקענט, זאָל מען רעדן בלויז פּויליש.

אין טאַשקענט האָבן נישט בלויז מיר גערעדט פּויליש. טויזנטער באַפרייטע פון די לאַגערן זענען געלעגן אַרום וואָקזאַל און געזוכט אויף פּויליש ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. זיי זענען אָנגעקומען, דער עיקרשט, פון אוראַל און סיביר, כדי צו דערוואַרעמען דעם הויפן ביינער וואָס האָט געסטאַרטשעט מיט שאַרפע קאַנטן פון אונטער דער הויט. אָט דאָס פּלאָנלאָזע לויפן צו דער זון האָט דערפירט טויזנטער צום טויט. דער מלאך המוות האָט געהאַט אַ לייכטע מלאכה. הונגער, דאַבלאָזיקייט, דיזענטעריע, אַנדערע אַזיאַטישע מחלות האָבן אים געהאָלפן טאָג און נאַכט. דער עיקרשט האָט עס געטראָגן די יידישע אַמנעסטירטע. די פּאָליאַקן האָבן געהאַט לייכטער. זיי האָט מען אַריינגענומען אין צוגרייטונג־לאַגערן פאַר דער צוקונפטיקער אַרמיי, ווו דאָרט איז דאָס געלעגער און עסן געווען פאַרזיכערט.

אויב די ערשטע צייט האָבן יידישע קאָמבאַטאַנטן געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך מאָביליזירן, האָט זיך נאָך דעם טראַגישן טויט פון גענעראַל שיקאָרסקי, וואָס איז אומגעקומען אין אַ לופט-קאַטאַס-טראָפע, די לאַגע געענדערט צו ערגער. די אָרגאַניזירונג פון דער אַרמיי האָט איבערגענומען גענעראַל אַנדערס און דער אַנטי-סעמיטיזם איז אַרויסגעקראָכן פון דער נאָרע. געזונטע יידישע זעל-נער האָט מען אויסבראַקירט צוליב שלעכטן פיזישן צושטאַנד. געוויינלעך זענען געווען אויסנאַמען. מען האָט געדאַרפט דערביי האָבן פּראָטעקציע, אָדער סתם אָנווענדן שוחד. מען האָט אויך אַריינגענומען אין דער אַרמיי ספּעציאַליסטן און געוויסע אָפי-צירן, וואָס צווישן יידן זענען זיי געווען גאָר ווייניק, צוליב דער פאַרמלחמהדיקער דיסקרימינאַציע. גענעראַל אַנדערס האָט אויס-געפּועלט ביי דער סאָוויעטן-רעגירונג, מען זאָל אויך דערלויבן אַרויספאָרן עטלעכע דיוויזיעס, צוזאַמען מיט די משפּחות, כדי צו קעמפן אויף די פראָנטן פון די אַלירטע.

אַרויספאָרן פון סאָוויעטן-פאַרבאַנד איז געווען דער חלום פון יעדן פוילישן בירגער. ס'איז נישט געווען דער פּרייז, וואָס מענטשן וואָלטן באַצאָלט פאַר פאַרווירקלעכן אָט דעם חלום; אָבער בלויז אַ קליינער טייל יידן האָט זוכה געווען צו דעם. די איבעריקע, וועמען מען האָט נישט אַריינגענומען אין דער אַרמיי, זענען געבליבן ווי אויפן וואַסער, אָן אַ שטיקל ברויט, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ; ביז זיי האָבן זיך צו עפּעס דערשלאָגן, זענען צענ-דליקער פון זיי אויסגעפאַלן ווי די פליגן.

אָנגעקומען קיין טאַשקענט, האָט מען אונדזער טעאַטער-קאָ-לעקטיוו צוגעטיילט אַ געוועזענעם אָפּרו-הויז פאַר באַן-אַרבעטער. דאָס הויז איז געשטאַנען אין אַ גרויסן גאָרטן הינטערן שטאָט. אין נאָרמאַלע באַדינגונגען האָט מען זיך קיין שענערן פּלאַץ נישט גע-קאָנט ווינטשן. דער גאַנצער שטח איז געווען פאַרפּלאַנצט מיט

פּרוכט-ביימער. אויך אַ ווײנגאָרטן האָט זיך געצויגן אין דער לענג און אין דער ברייט. אַקטיאָרן האָבן צענומען די הענט, זיך מחייה געווען מיטן אויבסט.

דערוויייל האָט דאָס טעאַטער נישט געשפּילט. דער קאָמיטעט פאַר קונסט-ענינים אין אוזבעקיסטאַן האָט נישט געוואָלט איינשליסן אונדזער טעאַטער אין דער אַלגעמיינער טעטיקייט. זיי האָבן אָנגעגעבן אַ תירוץ — אין טאַשקענט איז נישטאָ ווו צו שפּילן. האָט מען נישט געשפּילט און מען האָט נישט פאַרדינט. און עסן וויל מען. האָט מען זיך גענומען צום אָפּרו-הויז. צוערשט האָבן מיר אויפגעגעסן אַלץ, וואָס מען האָט געפונען אין די מאַגאַזינען. דערנאָך האָבן מיר געשאָכטןביידע קי. זיי האָבן זיך סתם דאָרט אומגעדרייט אָן שום נוצן. נאָכדעם האָבן מיר אַרויסגעשיקט צוויי אַקטיאָרן פאַרקויפן די ציג אויפן מאַרק. ווייטער האָט מען זיך גענומען צו די פּרוכט-בוימער.

דער שומר פון אָפּרו-הויז, אַן אַלטער אוזבעק מיט אַ צעוויקט פּנים ווי אַ קאָפּעליוש אין אַ רעגן, האָט זיך געבעטן מען זאָל אים אויך אויפעסן, ווייל ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן גאַנצן האָב און גוטס, וואָס איז אַריין אין אונדזערע בייכער... קיין באַלעבאָס אין הויז איז נישט געווען. דער גאַנצער פּערסאָנאַל איז געווען מאָביליזירט. מען האָט אַלץ איבערגעלאָזט אויפן שומר. ער האָט בלויז באַוויזן צו באַהאַלטן ערגעץ די פּאָר הינער, וואָס האָבן זיך געריסן גאַנצע טעג איבער אַ וואָרעם.

מען האָט אויפגעגעסן דאָס גאַנצע אָפּרו-הויז. אַזוי ווייט, אַז דער הונט אויפן קייט פלעגט זיך פאַררוקן טיף אין זיין ביידל יעדעס מאָל, ווען עמעץ פון די אַקטיאָרן איז אַדורך דעם הויף; דאָס בידנע באַשעפעניש האָט געפילט, אַז עס איז אין אַ סכנה.

דער הונט האָט אויסגעמיטן זיין גורל. מיר האָבן זיך גענומען צום בעטגעוואַנט. ווו נאָר אַ ליילעך, אַ ציכל, אַ האַנטוך, האָבן מיר

עס אַלץ פּאַרקויפט פאַר עסן. איין שוישפּילערין איז געווען אַ בריה אויף קאָכן אַ סך זופּ מיט ווייניק פלייש. האָט מען צו דעם געדאַרפט אַ פייער. איז געגאַנגען דאָס מעבל... ווען ס'איז שוין נישט געווען אויף וואָס צו זיצן, איז געוואָרן ווינטער. איצט האָט מען געדאַרפט הייצן כאָטש איין אויוון, נישט פאַרפרוירן צו ווערן. בעתן אַריינשלעפן אין צימער דעם ערשטן פּרוכט-בוים, האָב איך געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן. כ'האָב זיך געשעמט צו טרעפן מיט זיין צעצווייגטן בליק.

דער שומר האָט אין אַ שיינעם טאָג געכאַפּט דעם הונט און אַנטלאָפן. מיר האָבן אַרויסגעשיקט אויפן מאַרק אַן אַקטיאָר מיטן לעצטן האַנטוך. דאָס טעאַטער איז נאָך אַלץ נישט געווען טעטיק. וואָס טוט מען ווייטער? דער דירעקטאָר האָט באַשלאָסן צו פאָרן אין אַ שכנותדיקער רעפּובליק, קיין טורקמעניע, אפשר וועט פון דאָרט קומען די גאולה. ער האָט זיך טאַקע דערשלאָגן מען זאָל אונדז דערלויבן שפּילן אין דער טורקמענישער הויפּט-שטאָט אַשכאַבאַד. דאָס טעאַטער האָט מען באַזעצט אין אַ צירק. פריער איז אין דעם צירק אויפגעטראָטן אַ גרופּע רינג-קעמפער; אָבער אַזוי ווי זיי זענען געווען אָפּגעשוואַכט פון הונגער, האָט מען זיי אַוועקגעשיקט אין אַן אַנדער שטאָט זיך אָפּכאַפּן מיט אַ מענאַזשעריע, וואָס איז געבליבן אויף הפקר. דערנאָך האָב איך געטראָפן אַן אַטלעט פון יענער גרופּע. ער האָט מיר דערציילט, אַז צוויי לייבן מיט אַ פערד האָבן זיי געשטעלט אויף די פיס...

דאָס ביאַליסטאָקער מיניאַטור-טעאַטער האָט געירשנט די אַרענע אין אַשכאַבאַד. שפּילן אָבער, אויף יידיש איז נישט געווען פאַר וועמען. אין אַשכאַבאַד האָבן געלעבט ביי אַ צוויי הונדערט יידן, פון זיי זענען געווען אַרעסטירט ביי אַ הונדערט פופציק... וואָס טוט מען ווייטער? ווידער איז אונדזער דירעקטאָר, דער אָדעסער קאָמבינאַטאָר, געפאַלן אויף אַ פּלאַן. אַזוי ווי ס'איז מלחמה, און

ס׳איז נויטיק שטימונג, זאָל מען שאַפן פאַרווייּלונג-בריגאַדעס. ער האָט צעטיילט דעם אַנסאַמבל אויף צוויי גרופּעס. די מוזיקער האָט ער געלאָזט אין צירק זיי זאָלן שפּילן צום טאַנץ און זינגען רוסישע לידלעך. די אַרענע האָט מען באַשטימט פאַר די יונגע פאַרלעך צו טאַנצן. די איבעריקע, מער ערנסטע אַקטיאָרן האָט ער באַשטימט אויף אויפצוטרעטן אין די שפּיטעלער פאַר די מלחמה-אינוואַלידן.

אַ האַלבע טרופּע, די וואָס האָט געזונגען און צוגעשפּילט צום טאַנץ, האָט שוין געהאַט פּרנסה. מיר און שומאַכערן האָט מען צעוואָרפן אין צוויי אַנדערע בריגאַדעס אויף פאַרווייּלונג אין די שפּיטעלער. זיי, אין צירק, איז געגאַנגען וואָס אַ טאָג בעסער. אונדז, די שפּיטאָל-בריגאַדעס, איז געגאַנגען וואָס אַ טאָג ערגער. אויב בעת די ערשטע אויפטריטן צווישן די שפּיטאָל-בעטלעך האָט מען אונדז ווי עס באַגריסט, איז ביי די ווייטערדיקע אויפטריטן אַרויס-געקראָכן, אַזוי ווי פון אונטער די בעטלעך, דער פינסטערער פּויערי-שער אַנטיסעמיטיזם. מיר האָבן צוגעגרייט אַ גאַנצן רעפּערטואַר אויף רוסיש צו צעשטרייען דעם פאַרוווּנדעטן זעלנער, אָפּצורייסן אים אויף אַ רגע פון זיינע ביטערע מחשבות, און דאָ האָט מען אונדז אָנגעהויבן פאַרוואַרפן מיט די קוליעס, מיט די בלעכענע טעלער. דערצו נאָך האָט מען אונדז געזידלט מיט די שמוציקסטע ווערטער:

— יידן, פּחדנים, גייט בעסער אויפן פראָנט; קעמפט ווי מיר האָבן עס געטאָן! קומט נישט צו אונדז זינגען אונדזערע לידער, פאַרשאָלטענע, אין דער מאַמען אַריין...

מיר זענען געקומען צו אונדזער אַדעסער דירעקטאָר זיך באַ-קלאָגן, האָט ער אונדז באַרואיקט:

— לאַכט זיך אויס פון זיי. די רעגירונג האָט געגעבן אַ באַפעל צו פאַרווייּלן, ווילן זיי פּלאַצן און אויפעסן אַלע לידער. מען האָט אויסגעאַרבעט אַ פאַרווייּלונגס-פּלאַן און מען דאַרף אים אויספירן...

דעם דירעקטאָרס טרייסט-ווערטער האָבן זיך פון מיר אַראָפּ־געגליטשט ווי וואַסער פון אַ גאַנדז. אַנדערע אַקטיאָרן פון מיין גרופּע האָבן אויך געזאָגט דאָס זעלבע — דזשיגאַן, אַ דאגה האָסטו, זאָלן זיי זיך וואַרפן און שליידערן, אַבי מיר באַקומען אונדזער גאַזשע; אָבער מיר איז שווער געווען אַריבערצוגיין נאָך אַזעלכע סצענעס אין שפּיטאָל צום סדר היום. ערגעץ ווו האָט עס מיר גע־עגבערט. איך רעד שוין נישט וועגן די אָפּענע אַנטיסעמיטישע אַרויסרייסן, אינדערצייט ווען אפילו די סאָוויעטישע פּרעסע האָט געשריבן וועגן דער גבורה פון יידישע שלאַכט-לייט. מיר האָט מער פון אַלץ געמאַטערט די פראַגע, אפשר? אפשר זענען זיי טאַקע גערעכט, אַט די צעקריפּלטע מענער, וואָס האָבן איבערגעלאָזט אויפן פראָנט — ווער אַ פוס, ווער אַ האַנט, אָדער גאָר אַלץ צוזאַמען. אפשר איז טאַקע איצט נישט די צייט פאַר זינגען לידער, נאָר פאַר אויסשרייען דעם צאָרן מיט אַ ביקס אין האַנט? כ׳האָב נישט גע־האָט פאַר וועמען זיך אויסצורעדן, אויסקלאָרן מיינע ספיקות. כ׳האָב זיך אויך געשעמט צו טיילן מיט זיי. ס׳איז רעכט, מען וואָלט מיר אָנגעקוקט ווי משוגע. אַלע סטאַרען זיך דורכצושטופּן די מלחמה, יאָ זינגען, נישט זינגען — אַבי ווייטער. און איך קום צוריק אין מיין ווינקל פון אַ פּאַלאַטע-קאָנצערט מיט אַ צעשפּאָלטענעם געמיט. די גאַזשע און דאָס ביסל געדיכטערע זופּ, וואָס מיר באַקומען אין דער שפּיטאָל-קיך, גייט מיר נישט איין. עס מאַטערט מיך די מחשבה — אפשר שטיי איך טאַקע אין אַ זייט, אינדערצייט ווען דער קריג איז אויף מיינער?..

כ׳וואָלט זיך אַזוי געראַנגלט מיט מיינע וואַקלענישן ביז בעסערע צייטן, ווייל כ׳בין נישט געבוירן צו גבורה; אָבער דאָס אומגליק האָט געוואָלט מיין כבוד אַלס שוישפּילער זאָל ווערן אָנגעגריפן, און כ״זאָל צוליב דעם אָננעמען אַ באַשלוס, וואָס האָט מיר כמעט געקאָסט דאָס לעבן.

אַזוי ווי די מוזיקאַלישע בריגאַדע האָט גוט פאַרדינט, און מיר, די שפּיטאָל-בריגאַדעס, האָבן נישט געגעבן אַזעלכע פּראָפיטן, האָבן די מוזיקער געקוקט קרום אויף אונדז — כלומר, זיי האַלטן אונדז אויס. (די קאַסע איז געווען אַן אַלגעמיינע). איך מיט שומאַ-כערן האָבן אַלע יאָרן ביים טעאַטער געהאַט זייער שיין פּרנסה, געווען אָנגעזען ביי מענטשן; האָבן מיר קוים געקאָנט אַראָפּ-שלינגען אַזאַ באַציאונג. כ'האָב זיך געפילט זייער שפּל און געזאָגט שומאַכערן, אַז וואָס עס זאָל נישט זיין, מאַך איך אַ סוף צו אָט דעם מצב. איך וויל נישט עמעץ זאָל קאָנען זאָגן, אַז איך עס לחם חסד.

שומאַכער האָט מיך געבעטן, איך זאָל עס נישט זען אַזוי שוואַרץ; אָבער ס'האָט אין מיר געקאָכט. אויב קאָנען די מענטשן נישט זיין כאָטש אַ קליין ביסל דאַנקבאַר פאַר דעם, וואָס דורך אונדז זענען זיי אָנגעקומען פון כאַרקאָוו קיין אַשכאַבאַד מיט זייערע כלים; וואָס אַ דאַנק אונדז געהערן זיי צו אַ טעאַטער, פאַרדינען און האָבן צו עסן — וויל איך נישט זייער שותפות. און ווו, אימ-שטיינס געזאָגט, מאַכט מען חשבונות? טויזנטער קילאָמעטער פון דער היים, אויף פרעמדער ערד.

אַלץ האָט מיך פאַרדראָסן — מיין לאַגע, די מענטשן אַרום. איז דאָס נאָך ווייניק געווען, האָב איך אין דער צייט פאַרלאָרן אַ נאָענטן חבר. דער אַקטיאָר בערגמאַן, וואָס האָט אַזוי הייס געגלויבט אין היטלערס מפּלה, איז געשטאָרבן. ער איז געווען קראַנק אויף פלעק-טיפוס, מען וואָלט אים געקאָנט ראַטעווען; אָבער אין יענעם שפּיטאָל, ווו בערגמאַן איז אויסגעגאַנגען, האָט די קראַנקן-שוועס-טער נישט געקאָנט שאַפן פאַר אים אַ שטיקל אייז צום קאָפּ; זיין טויט האָט צעבראָכן מיין געמיט. די גאַנצע שטאָט אַשכאַבאַד איז מיר מיאוס געוואָרן ווי אַ גרויסער שור, אַלץ איז מיר דאָרט געווען איבעריק.

כ'האָב אָנגעהויבן איבערוואַרפן פלענער ווי גייט מען אַוועק

פון דער שטאָט. וווּהין צו פאָרן האָב איך נישט געהאַט און נישט געוווּסט, בין איך געקומען צום אויספיר, אַז דער איינציקער וועג, וואָס איז מיר געבליבן איז צום מיליטער-אַמט. מען וועט מיר ערגעץ אָפּקאָמאַנדירן, און דאָס פּראָבלעם וועט זיין געלייזט. איך וועל אויך זיין בשלמות מיט זיך אַליין — איך גיי דעם קריג אַנטקעגן.

דער באַשלוס זיך צו מאָביליזירן פרייוויליק איז מיר נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט. ס׳האָט מיר געשראָקן דאָס אומבאַקאַנטע; עטלעכע מאָל בין איך צוגעגאַנגען צום אַריינגאַנג און זיך אומגעקערט צוריק, ביז כ׳האָב זיך געמאַכט האַרץ און אַריבערגעשפּאַנט די שוועל פונעם מיליטער-אַמט, נישט ווייסנדיק דערביי, אַז איך שפּאַן אַריבער מיין אייגענעם גורל. אַ צייכן, אַ מינדסטן סימן פון דער השגחה עליונה אויף דער אָפּגעריבענער אַריינגאַנג-טיר האָט מיר געקאָנט ראַטעווען פון יאָרן נויט און באַדריקונג. מן הסתם האָב איך עס ביי גאָט נישט פאַרדינט. כאָטש די זון האָט אַזוי ברייט געשיינט, איז דער הימל פאַר מיר אין יענעם פרימאָרגן געווען פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער.

כ׳האָב זיך אָנגעמאָלדן דעם דעזשור-אָפיציר און אָן איבעריקע הקדמות אים דערציילט וועגן די זידל און קללות-קאָנצערטן אין די שפּיטעלער און וועגן מיין ווונטש זיך צו מאָביליזירן. דער אָפיציר, אַ סימפּאַטישער מאַן אין די בעסטע יאָרן, מיט אַ שטאָלענער צווענגל אָנשטאָט אַ האַנט-פּלאַך, האָט מיר אָנגעוויזן אויף זיין מכשיר, כדי איך זאָל זען וואָס מלחמה מיינט. דערנאָך האָט ער מיר דערקלערט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ פאַראָרדנונג, נישט צו נעמען אין דער אַרמיי געוועזענע פּוילישע בירגער.

ער האָט קונציק אַרויסגענומען מיט דעם צווענגל אַ פּאַפּיראָס פון דעם שאַכטל, און דערביי, דרך אגב, אַ פרעג געטאָן:

— פאַרוואָס אייגנטלעך, ווילט איר זיך נישט מאָביליזירן אין דער פּוילישער אַרמיי?...

כ'האָב אים געענטפערט, אַז כ'ווייס נישט צי איך מעג. איך האָב אַ סאָוויעטישן פּאַספּאָרט.

צוזאַמען מיטן רויך פונעם פּאַפּיראָס, האָט ער אויסגעהוסט:

— פּרוּווט. פּאַררופט זיך אויף אונדזער שמועס. דערציילט דאָרט, אַז איר האָט זיך געווענדעט צו מיר, און איך האָב אייך אָפּגעשיקט צו זיי.

ווען איך שעם זיך נישט, גיב איך אים אַ קוש. אָט דער מענטש אינעם מונדיר, וואָס האָט שוין טועם געווען די מלחמה און גע-בראַכט פון דאָרט אַ צוועגנגל אַנשטאָט אַ האַנט, האָט מיר אַריינ-געזעצט אַ נייע נשמה. נישט מער און נישט ווייניקער, זיך מעלדן אין דער פּוילישער אַרמיי. אַז גאָט וויל, קאָן זיך דאָך איינגעבן אַרויסצופאָרן דורך זיי פונעם ראַטן-פּאַרבאַנד און פּטור ווערן פון אַ סך צרות... איך בין אַרויס פון מיליטער-אַמט מיט אַ לייכטן טראָט און שוין האָט דער קאָפּ געאַרבעט וועגן נעמען ס'פּעקל און פאָרן צום מאָביליזאַציע-פּונקט פון דער פּוילישער אַרמיי. כ'בין אַוועק-געלאָפן אין טעאַטער אָפּגעבן שומאַכערן אַ דין וחשבון פון מיין באַזוך אין מיליטער-אַמט. שומאַכער האָט זיינע אויערן נישט גע-גלויבט, צען מאָל איבערגעפרעגט ווי האָב איך גענומען בלוט דערצו, ווי אַזוי האָב איך גאָר נישט מורא געהאַט. כ'האָב זיך מודה געווען, אַז כ'האָב יאָ מורא געהאַט, אָבער ער האָט מיר נישט גע-גלויבט. פון דער רגע, ווען איך האָב אים אַלץ מגלה געווען, האָט ער זיך אָנגעהויבן פאַרלאָזן אויף מיין גבורה, און כ'האָב אים נישט געדאַרפט קיין סך איבערצייגן ער זאָל פאָרן מיט מיר אין דער אַרמיי. אויך זיין פרוי האָט מסכים געווען אויף דעם. די אויסזיכטן צו קאָנען פאַרלאָזן סאָוויעט-רוסלאַנד האָט אַלעמען געלאָקט. די איינציקע וועמען מיר האָבן דערציילט וועגן אונדזער אָפּפאָר, זענען געווען צוויי מיטגלידער פון אונדזער „שטאַב". — די הומאָריסטן גאָלדשטיין און נודעלמאַן. נאָכן אויסהערן אונדזער באַשלוס, האָבן

זיי פאַרלאָרן דעם גאַנצן הומאָר. מיר האָבן זיי געטרייסט, אַז אויב ס׳וועט זיך אונדז איינגעבן מיט דער אַרמיי, וועלן מיר אַלץ טאָן, כדי זיי אויך אַריינצוציען, אפשר וועלן מיר דאָרט קאָנען פאַר־קויפן די אידייע פון שאַפן אַ רעווי־אַנסאַמבל פאַר די זעלנער צו־זאַמען מיט פוילישע אַקטיאָרן. די טעקסטן וועט מען קאָנען איבער־זעצן און איך מיט שומאַכערן וועלן דינען ווי רעזשיסערן.

מיט אָט די ראָזע פּלענער האָבן מיר זיך געזעגנט. בילעטן האָבן מיר געקויפט ביז קערמענע, דאָס אָרט ווו ס׳האָט סטאַציאָנירט די זיבעטע פוילישע דיוויזיע. אין וואַגאָן האָבן מיר געהאַט אַ גליק־לעכע באַגעגעניש. ס׳איז געפאָרן מיט אונדז נישט מער און נישט ווייניקער ווי דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער דיוויזיע, פּאָלקאָווניק אָקוליצקי. ער האָט זיך גראָד געהאַט אומגעקערט פון אויסלאַנד. מיר האָבן אים דערציילט וועגן ציל פון אונדזער רייזע און ער האָט אונדז מיטגעגעבן אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו צו דער מאָביליזאַציע־קאָמיסיע. טאַקע אַ דאַנק דעם בריוו האָט מען אונדז אַריינגענומען אין מיליטער.

די סענסאַציע אַז דזשיגאַן מיט שומאַכערן זענען אין דער אַרמיי, איז געווען גאָר גרויס. יידן, וועמען מען האָט אויסבראַקירט, האָבן אונדז מקנא געווען. אין יענער צייט זיין אַ זעלנער פון דער פוילישער אַרמיי איז געווען גאָר אַ גרויסע דערגרייכונג. ס׳האָט געשמעקט מיט אויסלאַנד.

מיר מיט שומאַכערן האָט מען צעטיילט אין באַזונדערע קאָמ־פּאַניעס. איך האָב יעדן טאָג געמאַכט איבונגען, מאַרשירט איבערן פעלד, געלערנט די מושטרע, אויסגעהערט באַפעלן — קיצור, אַ זעלנער מיט זעלנער צוגלייך, בלויז אָן אַ ביקס. איך האָב זיך גע־מיט נאָכהאַלטן דעם טראָט פון די איבעריקע זעלנער אין מיין ריי און דערביי געלאַכט אינעווייניק. ווו דער שטראָם פון לעבן קאָן אַלץ פאַרשלעפן? אין פוילן האָב איך גערינט אין אַ סאַפּיאָרן־

פאַלק; געשלעפּט פאַנטאַן-שיפּלעך איבער דער ווייסל און פאַר־שאַלטן יעדע מינוט, וואָס איך פּטר דאָרט אַוועק. ערשטנס האָט מען זיך געקאָנט אָפּרייסן ס׳האַרץ ביים שלעפּן דאָס אייזערנע שיפל. צווייטנס האָט מען מיך אָפּגעריסן פון מיין טעאַטער־סטודיע אין לאָדזש, ווו מען האָט געהאַט צוגעגרייט אַ פּרעמיערע. כ׳האָב דאָן באַקומען אַ בריוול פון משה בראָדערזאָן תיכּף פאַרלאָזן די אַרמיי און קומען אין טעאַטער... און דאָ האָב איך גאָר געדאַרפט פירן צום טייך מיין פערד וואַשן די זייטן, אינדערצייט ווען כ׳האָב מורא געהאַט אי פאַר דעם פערד, אי פאַר דעם וואַסער, ווייל כ׳האָב נישט געקאָנט שווימען. כ׳האָב געדאַנקט גאָט, וואָס איך בין ווי עס איז פּטור געוואָרן פון מיין בהמה צוזאַמען מיטן מיליטער־דינסט און געקאָנט לויפן צוריק קיין לאָדזש שפּילן טעאַטער. איצט, נאָך יאָרן, בין איך ווידער אין מיליטער און ס׳איז מיר גוט ווי די וועלט. איך וויל גאָרנישט אַרויס פון דאָרט.

אין אַ טריבן פרימאָרגן לויפן מיר, די סאָלדאַטן, איבערן איבונג־פעלד, און אונדזער סערזשאַנט יאָגט אונדז אונטער מיט אַ האַלב מויל. מיר האָבן זיך זייער געוווּנדערט. בדרך כלל פלעגט ער ריטשען אויף אונדז ווי דורך צען גאָרגלען. די זאַך האָט אונדז אויסגעזען נישט גלאַטיק. זעלנער האָבן זיך אָנגעהויבן שושקען אין געלויף, פּרוּוון טרעפן, אפשר האָט דער סערזשאַנט פאַרברענט די שטימע אין נעבטיקן בראָנפן. אין אַ קאַזאַרמע, אָבער, איז שווער צו האַלטן אַ סוד, פּונקט ווי אין אַ תפיסה. ס׳האָט נישט געדויערט קיין צען מינוט און די אויפרעגונג אין מאָביליזאַציע־לאַגער האָט געהודזשעט ווי אַ טעלעגראַפן־דראָט אין אַ שטילער נאַכט. ס׳איז געקומען אַ באַפעל אין שטאַב זיך צו רירן אין וועג. די זיבעטע דיוויזיע פאַרלאָזט סאָוויעטן־רוסלאַנד דורך איראַן צו ווייטע, פרייע מקומות. ס׳איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אַ חלום, וואָס מען האָט זיך פאַראַנקערט אין אים אין די איינזאַמע, עלנטע נעכט.

שומאַכער איז געווען אַ ביסל סקעפּטיש צו דער ידיעה. ס׳איז צו גוט, האָט ער געטענהט, אַז ס׳זאָל אמת זיין. נאָר, אַז ער האָט געזען ווי סאָלדאַטן פּאַקן די שטאַב-דאָקומענטן און לאָדן זיי אויף לאַסט-מאַשינען, האָט ער אויסגעקרעכצט — נו, אַז מען האָט דאָס דערלעבט, וועט מען נאָך דערלעבן ווייטער... ער האָט אין יענער רגע גאָר פאַרגעסן, אַז סוף כל סוף איז מלחמה און מיר פאָרן נישט אויף קיין לוסט-רייזע;.. אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, איז די פרייד פון פאַרלאָזן דעם ראַטן-פאַרבאַנד געלעגן אויף אַלע פּנימער.

אָט די פרייד איז אויך געלעגן אויף שומאַכערס און מיין פּנים, אָבער נישט אויף לאַנג. אַ פּאָר טעג פאַר דעם אַרויספאָר האָט אונדז די פּוילישע פעלד-זשאַנדאַמעריע אַרעסטירט.

***

אין דעם תפיסה-באַראַק האָב איך געהאַט אַ סך צייט איבער-צוטראַכטן פאַרוואָס מען האָט אונדז אַרעסטירט. כ׳האָב סאָרטירט אַלע מעגלעכקייטן, ווי מען סאָרטירט בראַקאָווע סחורה, און נישט געקאָנט קומען צו קיין לאָגישן אויספיר. נאָכן אָפּוואַרפן אַלדאָס איבעריקע, איז מיר איבערגעבליבן איין סיבה פאַר אונדזער זיצן אין דער מיליטערישער תפיסה — אַ מסירה. עמיץ האָט געמסרט. וואָס ווייס איך נישט.

און אַזוי, טאַפּנדיק אינדערפינסטער צו דערגיין פאַרוואָס מיר זיצן אין תפיסה, האָט אין מיר אויפגעבליצט אַ מחשבה, אַז אפשר איז אונדזער אַרעסט פאַרבונדן מיטן טעאַטער, וואָס מיר האָבן פאַר-לאָזט אָן אַ זיי געזונט. כ׳האָב געזען זיך דרייען אין קערמענע אונדזער געוועזענעם טעאַטער-פאַרוואַלטער, אַ ביאַליסטאָקער ייד, וואָס האָט אונדז באַגלייט פון אָנהויב טורנייי איבער גאַנץ רוסלאַנד, ביז אַשכאַבאַד. אַלע האָבן געוווּסט, אַז ער איז דער פאַרטרויאונגס-מאַן פון דער נ. ק. וו. ד. און האָט אויף אַלץ אַן אויג. אויפן וועג

ביז אַשכאַבאַד איז ער געווען פאַר אונדז אַ גרויס געווינס. אויפן סמך פון זיין אַ מקורב צום סאָוויעטישן געהיים-דינסט האָט ער דערליידיקט טויזנט און איין זאַך, אפילו געהאָלפן איינציקע יידישע שרייבער זיך אַנשליסן אין דעם טעאַטער-קאָלעקטיוו, כדי זיי זאָלן קאָנען פאָרן מיט אונדז.

אָט דער וויזיט פונעם טעאַטער-פאַרוואַלטער האָט מיר שטאַרק באַאומרואיקט. ערשט אין יאָרן אַרום, נאָך אונדזער באַפרייאונג, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מיין חשד איז נישט געווען אומזיסט. ס׳איז טאַקע ער געווען, וואָס האָט אונדז געמסרט. דער ייד האָט עס אונדז אַליין דערציילט. ווען דער קאָמיטעט פאַר קונסט-ענינים האָט זיך דערוווּסט וועגן אונדזער אַוועקפאָרן, איז אַרויס אַ פאַר-אָרדנונג אויפצולייזן דאָס טעאַטער. די מוזיקער האָבן זיך איינ-געאָרדנט ווי ס׳האָט זיך געלאָזט. מיט די אַקטיאָרן איז געווען ער-גער. אָבער אַמערגסטן איז געווען דעם טעאַטער-דירעקטאָר אומאַנסקי, ער איז געבליבן אויפן וואַסער — אָן פּראָדוקטן-צו-שטעלונגען און אָן פאַרשידענע סחורות, וואָס האָבן אַלע געפונען דעם וועג צום שוואַרצן מאַרק, בעת דאָס טעאַטער האָט געדינט פאַר אַן אַדרעס. ער האָט עס טאַקע געצוווּנגען זיין ביאַליסטאָקער פאַרוואַלטער פאָרן קיין קערמענע און זיך פאַרקלאָגן פאַר דער פּוילישער מיליטער-מאַכט. ער האָט געהאַט אויסגערעכנט, אַז ווען מען וועט אונדז אַרויסטרייבן פון דער אַרמיי, וועלן מיר צוריק אויפשטעלן דאָס טעאַטער, און ס׳וועט ווידער זיין פריילעך — נישט אַזוי אונדז, ווי אים און זיין דירעקטאָר.

אָט דעם ווידוי האָבן מיר אויסגעהערט פון אים אין יאָר 1946, אין מאָסקווע. מיר האָבן אים געטראָפן אין דער פּוילישער אַמבאַ-סאַדע. איז ער צוגעגאַנגען צו אונדז און מיט טרערן אין די אויגן אַלץ דערציילט. בלויז איין טענה האָט ער געהאַט — ווער האָט עס זיך געקאָנט ריכטן, אַז די פּאָליאַקן וועלן אייך איבערגעבן דער

נ. ק. וו. ד. ? גזלנים וואָלטן דאָך עס נישט געטאָן... צוליב אָט דער מסירה האָט אים זיין פרוי פאַרלאָזט, און אין זעלבן ווינטער 1946, איז ער אויסגעגאַנגען אַן עלנטער ערגעץ אין אַ ווייטן שפּיטאָל. איך און שומאַכער האָבן אים נישט פאַרשאָלטן. כנראה, אַז אין הימל ווערט געפירט אַ גענויע בוכהאַלטעריע, ווו יעדער איז פאַרשריבן, ווי אין שטייער-אַמט. ס'קומט די רגע, דאַרף מען באַצאָלן...

מיר זענען געזעסן פאַרשפּאַרט אַ שטיקל צייט, עפּנט זיך אַן אָוונט די צעל-טיר און מען זאָגט אונדז, אַז מיר קאָנען אַרויסגיין פון לאַגער, אָבער נישט פאַרלאָזן קערמענע. איך מיט שומאַכערן זענען גלייך אַוועק צו דער שטוב, ווו ס'האָבן געוווינט זיין ווייב צוזאַמען מיט דער פרוי, וואָס איז געווען צוגעשריבן צו מיר, ווי מיין ווייב.

זיי זענען ביידע געזעסן אויף די פּעקלעך, געווען צוגעגרייט צום אָפּפאָר. לויט די ידיעות האָט דער עשאַלאָן זיך געדאַרפט רירן אין אַ פּאָר טעג אַרום. זיי האָבן אויך געזען דעם טעאַטער-פאַרוואַלטער אין קערמענע. ס'איז מיר געווען זייער ביטער אויפן האַרצן. זיין וויזיט האָט געדריקט אויף מיר ווי אַ באַרג שטיינער. כ'האָב געהאַט אַ פאַרנעפּלטן געפיל, אַז זיין קומען אַהער איז נישט גלאַט.

נאָך עפּעס האָט געדריקט אויף מיר. כ'האָב זיך דערוווּסט, אַז דער מאַן פון מיין פיקטיווער פרוי, געפינט זיך נישט ווייט פון קערמענע. יענער איז געוואָרן אַרעסטירט אין יאָר 1939 אויף דער דייטש-רוסישער גרענעץ. איצט האָט ער גענאָסן פון דער אַלגעמיינער אַמנעסטיע פאַר פּוילישע בירגער. כ'האָב זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט דער פאַרקניפּלטער לאַגע. זי זיצט אויפן פּעקל אַוועקצופאָרן. איר מאַן זיצט נישט ווייט און וואַרט אויף איר. און איך זיץ אין מיליטער-אַרעסט און ווייס נישט וואָס מיר דערוואַרט.

כ'האָב נישט געוואָלט קאַליע מאַכן די שטימונג פון די ווייבער, האָב איך אַל'ץ אַראָפּגעשלונגען, קיין וואָרט נישט גערעדט, נאָר

בלויז זיך געשטיקט מיט פראַגן, וואָס האָבן נישט פאַרמאָגט קיין ענטפערס — פאַרוואָס האָט מען אונדז פאַרהאַלטן? פאַרוואָס האָט מען אונדז אַרויסגעלאָזט? וואָס שטעקט הינטער דעם אַלעם? פאַר-וואָס און פאַרוואָס?..

די נאַכט בין איך שפּעט געקומען אין געצעלט. אַלע זעלנער זענען שוין געשלאָפן. בלויז איינער, אַן אוקראַינער פון מזרח-גאַליציע, איז נישט געשלאָפן. אָט דער האַלבער פּאָליאַק איז געווען דער תליון פונעם לאַגער. ער פלעגט אויספירן די טויט-אורטיילן איבער די פאַרדעכטיקטע אין שפּיאָנאַזש אָדער קעגנערשאַפט צו גענעראַל אַנדערס. אָט דער פאַרשוין האָט געוווּסט, אַז איך בין אונטער אַרעסט. האָט ער זיך געריצט מיט מיר — דזשיגאַן, האָב נישט קיין מורא, מיט דיר וועל איך מאַכן איינס, צוויי... וועסט זיך נישט מאַטערן... דער תלין איז געווען זיכער, אַז איך בין זיין נאָענטער קליענט. מן הסתם האָט ער שוין עפּעס געהערט. כ׳האָב אים אויפן אָרט געענטפערט — מען ווייסט נישט ווער ס׳וועט זיין פריער... דער העלד האָט אויסגעשפּיגן און זיך איבערגעצלמט. ער האָט גוט געוווּסט וויפל אמת ס׳ליגט אין מיינע רייד. אַזאַ עדות אין אויסלאַנד קאָן בלויז שאַדטן...

ס׳איז געקומען דער טאָג פון אָפּפאָר. דאָס גאַנצע מיליטער מיט זייערע משפחות זענען געבראַכט געוואָרן צום וואַקזאַל. צווישן די פּאַסאַזשירן זענען געווען אויך יידן, כדי צו ווייזן דער וועלט, אַז אין דער אַרמיי איז נישט געווען קיין דיסקרימינאַציע. דאָס ביסל יידישע מיליטערלייט האָט געדאַרפט ראַטעווען די פירמע פון גע-נעראַל אַנדערס אין אויסלאַנד. מיך מיט שומאַכערן האָבן צוויי זשאַנדאַמעריע-זעלנער אויך אַוועקגעפירט צום וואַקזאַל. מיר, אָבער, האָבן געדאַרפט פאָרן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. אַלע האָבן שוין געוווּסט, אַז מיר פאָרן נישט מיט דער דיוויזיע. די יידישע סאָלדאַטן האָבן אונדז זייער באַדויערט און צוגעזאָגט איבערצו-

געבן וועגן אונדזער גורל. מען זאָל זיך האַלטן, האָבן זיי געשריען דורך די אָפענע עשאַלאָן-טירן. ס׳איז נאָך נישט אַלץ פאַרשפּילט.

מיר האָבן זיך געמיט צו האַלטן. דערווייל האָט אונדז געהאַלטן די פּוילישע זשאַנדאַמעריע אין אַ וואַגאָן מיט ציווילע פּאַסאַזשירן, וואָס האָט אונדז געפירט אין דער ריכטונג פון טאַשקענט. אַקעגנ-איבער איז געזעסן די באַרימטע שוישפּילערין קלאַראַ יאַנג. זי איז מן הסתם געפאָרן קיין טאַשקענט. זי איז שוין געווען אין רוסלאַנד לאַנגע יאָרן. געמאַכט דאָרט אַ גרויסע קאַריערע. מען האָט דער-ציילט, אַז ראַספּוטין, וואָס האָט געפירט דעם גאַנצן קייזערלעכן הויף פאַר דער נאָז, האָט זיך געליבט אין איר. זי האָט געשמט נישט בלויז מיט איר טאַלאַנט, נאָר אויך מיט איר שיינקייט. כאָטש די יאָרן האָבן אַ ביסל צעאַקערט איר פּנים, איז זי נאָך געווען אין פאָרמע. די ראַטן-מאַכט האָט איר צוגעאייגנט דעם טיטל „פאָלקס-שוישפּילערין״ — פון די העכסטע, מלוכהשע כּיבודים. מען האָט זיך געוווּנדערט ווי אַזוי זי איז אַרויס גאַנץ פון די סטאַלינישע רציחות אין די יאָרן 1936—1938. אין 1941 האָבן מיר געהאַט אַ בשותּפותדיקן אויפטריט אין דער טאַשקענטער פילהאַרמאָניע. אויסער קלאַראַ יאַנג איז אויך געווען מיט אונדז די פּאָפּולערע פּוילישע זינגערין האַנקאַ אָרדאָנוווּנאַ. די מלחמה האָט אויפגע-שטויסן פיר קינסטלער פון פאַרשידענע טעאַטער-וועלטן. דאָס איינ-ציקע, וואָס איז מיר געבליבן פון יענעם קאָנצערט, איז די פאַר-לעגנהייט ביים ווענדן זיך וועגן עפּעס צו אָרדאָנוווּנען. איר מאַן איז געווען גראַף טישקעוויטש; מיט קיין גרעפינס בין איך קיינמאָל נישט אויפגעטראָטן, האָב איך נישט געוווּסט ווי איר צו טיטולירן. צווישן זיך איז געווען אָנגענומען די פאָרם — חבר; האָב איך איר געזאָגט — חברטע גרעפין... אָרדאָנוווּנע האָט געפּלאַצט פון גע-לעכטער.

קלאַראַ יאַנג האָט דאַן געזונגען קופּלעטן פון אַן אַלטער

אָפּערעטקע „די אַמעריקאַנערין". ביי איר האָט זיך דער זייגער געהאַט אָפּגעשטעלט מיט צוואַנציק יאָר צוריק. דאָס גאַנצע לעבן אין ראַטן-פאַרבאַנד איז געווען אָפּגעשטעלט אויף אַ צוואַנציק יאָר, אַזוי אַרום האָט זי זיך געהאַט גוט אַריינגעפּאַסט.

אין יאָר 1940 האָט קלאַראַ יאַנג אונדז באַגריסט בעתן קבלת-פּנים אין מאָסקווער קאָלאָנען-זאַל פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַר-איינען. איז אָט די זעלבע קלאַראַ יאַנג איצט געזעסן אַקעגנאיבער אונדז אין וואַגאָן מיט אַ הילצערן פּנים, ווי זי וואָלט אונדז געזען דאָס ערשטע מאָל אין לעבן. אַזוי פאַרהאַקן אַלע טירן פון דער נשמה, ווי דאָס קאָנען טאָן מענטשן אין סאָוויעטן-רוסלאַנד, האָב איר נישט געטראָפן אין דער גאַנצער וועלט. כ'קאָן זיי אפילו נישט באַשולדיקן פאַר דעם. דער רעזשים האָט עס אַרויפגעצוווּנגען אויף זיי. קלאַראַ יאַנג האָט אונדז געזען זיצן צווישן צוויי מונדירטע באַגלייטער, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז ס'איז בעסער אונדז נישט צו דערקאָנען. די סאָוויעטישע בירגער זענען דורכגעגאַנגען אַ גוטע שול. נאָך יאָרן פאַרשיקונגען האָב איך אויפגעהערט באַוווּנדערן אָט די פּעדאַגאָגיק. כ'בין בייגעווען פאַלן ווען אַ טאַטע האָט פאַר-לייקנט זיין קינד, און אַ טאָכטער איר מאַמען. כ'האָב געזען אין משך פון יאָרן מענטשן מיט גלעזערנע אויגן. זיי האָבן גאָרנישט געזען און קיינעם נישט דערקאָנט.

אַזוי זענען מיר אָנגעקומען אויף דער סטאַציע אין יאַנגי-יול. דאָרט האָט אויף אונדז געוואַרט אַן אָפיציר מיט אַ דזשיפּ. ער האָט אונדז געבראַכט אין הויפּט-שטאַב פון דער פּוילישער אַרמיי. אין פאָדער-הויז האָבן אונדז באַגעגנט באַקאַנטע מיליטער-לייט. זיי האָבן זיך שטאַרק געוווּנדערט — דזשיגאַן און שומאַכער אונטער אַרעסט. וואָס קאָן עס זיין? פּוילישע זעלנער אַרעסטירט דורך פּאָליאַקן... דאָס איז גאָרנישט צו פאַרשטיין... מיר האָבן אויך נישט פאַרשטאַנען, אָבער אַרעסטירט זענען מיר געווען.

אין שטאַב זענען מיר געזעסן מיט נאָך פאַרהאַלטענע ביי אַ צען טעג, דאָרט האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מנחם בעגין, דער איצטיקער פירער פון דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי אין ישראל, זיצט אויך פאַרשפּאַרט אין אַן אַנדער באַראַק.

פריינד און באַקאַנטע האָבן געזוכט אַ קאָנטאַקט מיט אונדז. אויך שומאַכערס פרוי איז אונדז נאָכגעפאָרן און געזוכט אַ וועג איבערצוגעבן אַ גרוס. מיך האָט אי געוווּנדערט אי אַ ביסל ווייגעטאָן, וואָס מיין פיקטיווע פרוי איז נישט געווען בעת אונדזער אַרעסט אין קערמענע און נישט אין טאָג ווען מען האָט אונדז אַריבערגעפירט קיין יאַנגע-יול. מען האָט דאָך אַ שטיקל צייט צוזאַמען זאַלץ געגעסן, איז נישט געבליבן דערפון כאָטש אַ ביסעלע פריינטשאַפט? איך בין דאָן געווען זייער עלנט, ווי יעדער מענטש, וואָס מען נעמט צו זיין פרייהייט, און זיך גענייטיקט אין אַ וואַרעם וואָרט.

אַזוי זענען מיר געזעסן אונטערן שלאָס און די אומזיכערקייט האָט אונדז געגעסן אויף אַלע ציינער. מיר האָבן נאָך אַלץ נישט געוווּסט פאַרוואָס מען האָט אונדז פאַרהאַלטן. אויף אונדזערע פראַגן האָבן מיר נישט באַקומען קיין ענטפער. מיר האָבן זיך נישט געקאָנט אָריענטירן אין דער לאַגע און זיך צוגרייטן צו אַ פאַרטיידיקונג. מען האָט אונדז נישט געזאָגט אין וואָס באַשטייט די באַשולדיקונג.

מיר זיצן אַזוי, איך און שומאַכער, און מאַכן דאָס טויזנטסטע מאָל פאַרשידענע חשבונות, אונטערציענדיק אַ סך הכל פון דעם אַרעסט, קומט אַריין אין קאַמער אַ זשאַנדאַר און הייסט אונדז זיך פאַרנעמען מיט אונדזערע פּעקלעך אין דער קאַנצעלאַריע. דאָרט האָט מען אָן איין איבעריקן וואָרט אויסגעטיילט אונדז פּראָוויאַנט און פּאַפּיראָסן, און אָפּגעפירט אונטער אַן עסקאָרט צו דער באַן. אויפן וועג צום וואָקזאַל האָב איך איבערגערעדט די באַגלייטער

אַרייַנגייִן אויסטערינקען אַ גלאָז טיי אין אַן אוזבעקישן טיי-הויז („אַ טשייכאַנאַ"). דאָרט איז מיר אויך געלונגען אַרויסצוציען פֿון איין זעלנער די ידיעה, אַז דער שטאַב אין יאַנגע-יול ווערט אויפֿגעלייזט און מיר ווערן איבערגעשיקט אין דער טאַשקענטער תּפֿיסה פֿון דער נ. ק. וו. ד. דעם באַגלייט-בריוו האָט ער מיר בשום אופֿן נישט געוואָלט געבן לייענען.

ערשט ביים דערליידיקן די פֿאָרמאַליטעטן אין דער תּפֿיסה האָט דער נ. ק. וו. ד.-אָפֿיציר אונדז איבערגעלייענט דעם בריוו, וואָס דער שטאַב פֿון דער פּוילישער אַנדערס-אַרמיי האָט מיטגעשיקט. דאָרט איז געווען געשריבן:

„מיר גיבן איבער אין אייערע הענט צוויי דעזערטערן פֿון דער רויטער אַרמיי, סעמיאָן דזשיגאַן און איזראַעל שומאַכער —ביידע סאָוויעטישע בירגער"...

די אונטערשריפֿט איז געווען נישט לייענבאַר.

**
*

די ערשטע זאַך, אַז מען קומט אין תּפֿיסה, נעמט מען צו פֿון אייך די דאָקומענטן. דערנאָך נעמט מען צו אַלץ, וואָס האָט אַ שטיקל ווערט — דאָס זייגערל, דעם פּאָרט-סיגאַר, געלט, מאַנזשעטן-קנעפּ. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט ביז מען לאָזט אייך איבער בלויז דאָס, וואָס גאָט האָט אַן אייך אָנגעהאָנגען... נאָכן אויסראַמען פֿון אַלע אייערע טאַשן ביז אַ ברעקל, ווענדעט מען זיך צו אייך בזה הלשון — און איצט, ליבער פֿריינד, זאָג מיט גוטן וואָס האָסטו נאָך פֿון ווערט-זאַכן? עס העלפֿן נישט קיינע טענות, קיין איבערדרייען אַלע קעשענעס מיט די נעט אין דרויסן. מען גלויבט אייך נישט. דער וויכּוח ענדיקט זיך מיט אַרייַנקוקן אין יעדער עפֿענונג, וואָס די נאַטור האָט געגעבן דעם מענטשלעכן גוף, כּדי אָנצוגיין מיט זיינע בידנע פֿונקציעס; אָבער אַזוי ווי דאָס אויג פֿון דער

נ. ק. וו. ד. קאָן נישט אַריינקוקן אין די טיפערע באַהעלטענישן, גיט מען דעם אַרעסטאַנט אַן אַפּפּיר-מיטל — אפשר וועט דאָס גאָלד מיט די בריליאַנטן אַרויס אויף דעם וועג...

די שיסלען אויפצוזאַמלען די אוצרות האָט אַריינגעבראַכט אַן אַלטער טשעקיסט, וואָס האָט מן-הסתם שוין יאָרן געדינט ביים רייניקן מאָגנס. מיר מיט שומאַכערן האָט מען אָוועקגעזעצט איבער די כלים ווי די צוויי מלכים, און דער אַלטער איז געשטאַנען און געוואַרט. לאַנג וואַרטן האָט ער נישט געדאַרפט. די פּילן האָבן געקאָנט פּאַנאַנדערטראָגן אַ העלפאַנד. שומאַכער האָט זיך געדרייט אין דרייען און געקרעכצט דערביי:

— אוי, ס'וועט מיר באַלד אַרויסיאָגן די קישקעס פון בויך. ווי לאַנג וועט מען זיצן אַזוי?

— ביז ס'וועט אַרויס דאָס גאַנצע סאָוויעטישע גאָלד...

מער האָב איך שומאַכערן נישט געקאָנט זאָגן. כ'בין געווען זייער באַשעפטיקט...

נאָכן זיך איבערצייגן, אַז מיר האָבן נישט אַראָפּגעשלונגען קיינע בריליאַנטן מיט גאָלדענע מטבעות, האָט מען אונדז אַוועקגעפירט אין באָד אַריין. פון איין קראַן האָט געקאַפּעט אַ ביסל וואַסער. דאָס שטיקל שוואַרצע זייף, וואָס דער אַלטער טשעקיסט האָט אונדז צוגעטיילט, האָט געקראַצט די הויט ווי גלאָז-פּאַפּיר. איך מיט שומאַכערן האָבן מיט די פּאָר הויפן וואַסער זיך אויסגעריבן די אויגן, און שוין. אויס באָד. מיר זענען פון דאָרט אַרויס שמוציקער ווי מען איז אַריין. דאָס ביסל אָנטועכץ איז אַרויס פון הייסן אַנטלויזונג-קעסל צעקנאָדערט, ווי דאָס פּנים פונעם שומר פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. יענער האָט אָפּגעטרענט פון די מלבושים אַלע קנעפּ, קאָנפיסקירט די שיך-בענדלעך מיט די הויזן-גאַרטלען.

אַזוי, אונטערהאַלטנדיק די הויזן זיי זאָלן נישט אַראָפּפאַלן,

מיט לויזע שיך, האָבן מיר זיך ביידע דערשלעפּט צו די תפיסה-צעלן. מען האָט אונדז פאַרשלאָסן, יעדן באַזונדער. פון יענער רגע האָבן מיר זיך נישט געזען דריי חדשים. ווען איך וויס, אַז מען טיילט אונדז פאַנאַנדער, וואָלט איך שומאַכערן געגעבן אַ דריק פאַרן האַנט, מיטגעגעבן אַ גלייכוווערטל, אַ זאָג מען זאָל זיך האַלטן, נישט אַראָפּפאַלן פון מוט; אָבער דאָ האָט מען אונדז פּלוצעם פונאַנדערגעריסן. דאָס האַרץ האָט מיר געקלעמט. כ׳בין געווען אויף מיין אופן צוגעבונדן צו שומאַכערן, אי דורך דער בשותפותדיקער בינע-טעטיקייט, אי דורך די יוגנט-זכרונות.

קוים זיך דערוואָרט דעם טאָג ווען מען האָט מיר דאָס ערשטע מאָל ארויסגעפירט אויפן הויף אַ ביסל רירן מיט די פיס, האָב איך אָנגעהויבן זינגען אויף קולי קולות עטלעכע טאַקטן פון אררט-הימן. אין אַ רגע אַרום האָב איך געהערט פון שכנותדיקן הויף די לעצטע טאַקטן פונעם ניגון. אַזוי האָבן מיר זיך אויפגערעדט. יעדער הויף האָט אויסגעזען ווי אַ סלוי, ווו ס׳האָבן זיך אַרומגעדרייט די אַרעסטאַנטן. איין גרופּע אַרעסטירטע האָט נישט געוווסט פון דער צווייטער. אין דער הויך זענען געשטאַנען וועכטער מיט ביקסן גרייט צו שיסן אָן אַ וואָרנונג, טאָמער וועט עמעצן זיך פאַר-גלוסטן זוכן אַ וועג אַריבערקוקן צום אַנדערן הויף. כ׳האָב זיך געוואָלט פאַרשטענדיקן מיט שומאַכערן, האָב איך אינסצעניזירט אַ קריגעריי מיט אַ צווייטן אַרעסטאַנט. כ׳האָב צו אים געשריגן אויף יידיש, שומאַכער זאָל הערן:

— ישראל, מיט דיר זיצן אונדזערע?

און שומאַכער פונעם אַנדערן הויף:

— זוך אין בית-כסא מיינע צעטעלעך!...

איך קריג זיך ווייטער, האַלט דעם אַרעסטאַנט פאַר די לאַצן:

— אין וועלכן צעל ביסטו?

— פיר! שרייט שומאַכער.

— און איך אין פינף !..
— לערן זיך קלאַפּן !

אויף מאָרגן, נאָכן פאַרטיילן דאָס ברויט, האָב איך געבעטן אַ רעציווידיסט, וואָס איז געזעסן אין מיין צעל, ער זאָל מיך אויסלערנען דעם אַלף-בית פון קלאַפּן אין וואַנט. אין אַ פּאָר טעג אַרום בין איך געווען אַ געענדיקטער טעלעגראַפיסט.

געשלאָפן בין איך אויף אַן אייזערן בעטל, אָן אַ מאַטראַץ. דער מיליטערישער קאָץ, וואָס כ'האָב געהאַט מיטגענומען, האָט מיך געראַטעוועט די זייטן. שומאַכער האָט קיין בעטל נישט באַקומען. ער איז געלעגן אויף דעם פייכטן, שטיינערנעם דיל. ווען ער איז כאָטש מיט מיר אין איין צעל, וואָלט איך זיך מיט אים דאָס אייזערל בעטל געטיילט. ס'וואָלט אויך געווען היימישער צו שלאָפן. האָט אונדז די ראַטן-מאַכט אָט דעם פאַרגעניגן אויך נישט פאַרגינען.

***

אַ סאָוויעטישער בירגער, נאָך איידער מען אַרעסטירט אים, ווייסט אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום ענין זיצן. ווען מען נעמט אים אַריין אין דער תפיסה, איז ער דאָרט אויסגעבונדן אין אַלע פּרטים, ווי ער וואָלט שוין דאָרט פאַרבראַכט צענדליקער יאָרן. ער ווייסט, אַז ביז מען וועט אים נעמען צו דער ערשטער אויספאָרשונג, וועלן אַריבער וואָכן, און אפשר חדשים. נוצט ער אויס די צייט צו טראַכטן. ער איז נאָך אַ ביסל זאַט פון דרויסן, ער האָט נאָך אַ זאַפּאַס כוח פון דער פריי, קאָן נאָך דער מוח אַרבעטן. טראַכט ער. און וועגן וואָס צו טראַכטן איז פאַראַן איבערן קאָפּ. אַלעם ערשטן דאַרף ער זיך איינחזרן וואָס צו זאָגן. ער מוז זיך צוגרייטן צו אַלע דריידלעך פונעם פאַראַגראַף, אונטער וועלכן זיין פאַרברעכן פאַלט אַרונטער. לויטן סאָוויעטישן קאָדעקס איז יעדער בירגער אַ קאַנדידאַט אויף טורמע. אַ סאָוויעטישער אַרעסטאַנט קאָן זיך אויס אין

די הונדערטער פּאַראַגראַפן, סוב-פּאַראַגראַפן, צוגאָב-פּאַראַגראַפן, סתם פּונקטן, ווי אַ געניטער אַדוואָקאַט, און אפשר אפילו מער. די אסירים אין ראַטן-פּאַרבאַנד ווייסן געגוי אַלע פּאַרטלען, וואָס ווערן גענוצט בעת די אויספאָרשונגען, און ווי זיך אויסצוהיטן פון זיי. זיי גיבן זיך אָפּ אַ געגויעם חשבון, אַז נישט זייער שולד דעצידירט וועגן דער צאָל יאָרן אין פּסק-דין, אָדער אין וועלכן לאַגער זיי וועלן ווערן פאַרשיקט. זיי ווייסן געגוי, אַז זייער גורל ליגט אין די הענט פון ריינעם צופאַל, אָבער דאָס האַלט זיי נישט אָפּ פון טראַכטן. ווייל ווי עס זאָל נישט זיין מוזן זיי זיך ווערן מיט אַלע כוחות נישט אַרונטערצופאַלן אונטער אַ פּאַראַגראַף פון אַ פּאָליטישן פאַרברעך. דאָס פּאָדערט אַ סך מחשבה, אַ פּאָליטישער פאַרברעכער האָט די קלענסטע אויסזיכטן ווען עס איז אַרויסגיין אויף דער פריי. ער געפינט זיך תמיד אין די שווערסטע באַדינ-גונגען. זיין אורטייל ווערט געחתמעט מיט אַ פופצן-צוואַנציק יאָר, אָדער גאָר אייביקער לאַגער, כיבע אַ קראַנקייט אָדער דער טויט לייזט אים נישט אויס פון דאָרט. זעלטן אַ פּאָליטישער אַרעסטיר-טער זאָל אויסהאַלטן לאַנג דעם לאַגער-רעזשים. ער מוז פאַלן אונטער דער שווערער פּראַצע, אָן עסן, אין פראָסט און נעץ. די פּריידיקער פון פרייהייט שטראָפן מיט אַ האַרבער האַנט די ווידער-שפּעניקע, וואָס וואַגן צו זאָגן אַ וואָרט אַנטקעגן.

בעסער איז די לאַגע פון די, וואָס האָבן נישט געוואַגט צו זאָגן אַ וואָרט, נאָר זענען אַרעסטירט געוואָרן פשוט, ווייל מען דאַרף זיי האָבן אין לאַגער. צו דער קאַטעגאָריע געהערן אינזשיניערן, טעכניקער, בוי-ספּעציאַליסטן, כעמיקער. די נ. ק. וו. ד. נעמט אַזאַ פאַכמאַן אַרויס פון דער היים, טשעפּעט אים צו אַ שטיקל פּאַראַ-גראַף און שיקט אים אַוועק, אַווּ מען נויטיקט זיך אין זיין באַרוף. אין תפיסה רופט מען עס: „מאַכן אַ פאַרשטעלונג”, ד. ה. מען שפּילט אָפּ מיט דעם אָרעמען מענטש אַ טעאַטער-סצענע, אַז ער

איז אַ שונא פון פאָלק, און ס'איז פאַראַן וועמען צו פאַרשיקן ווי בייטאָג איז פינסטער בויען דאָרט אַן עלעקטראָסטאַציע. דאָס איז די ראַפינירטסטע סיסטעם פון שקלאַפן-אַרבעט. די נ. ק. וו. ד. האָט די דאָזיקע סיסטעם פּרעציזירט ווי אַ שווייצאַרישן זייגער. משפחות ווערן צעריסן, קינדער בלייבן לעבעדיקע יתומים, אָבער די בויאונג פון סאָציאַליזם גייט, נישט אַזוי פאַרן סאָציאַליזם, ווי פאַר דער קליקע מאַכט-האָבער.

טראַכטן זיי, די אַרעסטירטע. זיי קליגלען זיך ווי אויסצומיידן די צושריפט אין זייערע אַקטן — „נישט באַפרייען נאָכן אָפּקומען די שטראָף". זיי גרייטן זיך צו אַזוי ענטפערן אויף דעם אויס-פאָרשערס פראַגן, אַז מען זאָל דעם אורטייל נישט באַפּוצן מיט אַ באַמערקונג — „פאַרבאָטן אויף אייביק צו פאַרלאָזן דעם פאַר-שיקונגס-געביט". נאָך מחשבות לויפן אום אין די קעפּ פון די אַרעסטירטע, וועגן ווייב, וועגן די קינדער, וועגן אַ געליבטער, סתם אַ נאָענטע נשמה; אָבער די מחשבות ווערן מיד פון לויפן נאָך עט-לעכע מאָנאַטן זיצן, ווען די פראַגע וועגן אַ שטיקל ברויט הויבט אָן עקבערן דעם מאָגן און דעם מוח.

אַמבעסטן גייט עס די קרימינעלע פאַרברעכער. זיי טראַכטן נישט. זיי האָבן נישט וואָס מורא צו האָבן. די גנבים, רוצחים, באַנ-דיטן זענען נישט קיין געפאַר פאַר דעם רעזשים. די נ. ק. וו. ד. קוקט אויף זיי ווי אויף אייגענע. די אויספאָרשונג איז זייער אַ לייכטע. דער מערדער לייגט אַרויף אַלע קרבנות אויפן טיש, מען פאַר-שרייבט אים זיין פאַרציע יאָרן, און פּטור אַן עסק. אין לאַגער זענען זיי די פירער, ווייל די מאַכט-אָרגאַנען האָבן צו זיי מער צוטרוי. די „בלאַטע", ווי מען רופט זיי אין תפיסה און אויף פאַרשיקונג, באַקומען שטעלעס, ווו מען קאָן גנבענען — אין דער בעקעריי, אין קיך, אין די מאַגאַזינען. זיי לעבט זיך ווי גאָט אין אָדעס; דער לאַגער איז זייער היים.

**
*

אין אויגוסט 1942 בין איך געלעגן אויפן אייזערנעם בעטל אין דער טאַשקענטער תפיסה און געבענקט נאָך אַ שטיקל ברויט. נאָך עטלעכע מאָנאַטן זיין פאַרשפּאַרט איז דער פיזישער הונגער אַריבער אין אַ פּסיכישן. דער מוח אַרבעט בלויז אין איין ריכטונג — עסן, עסן. און עסן איז נישטאָ וואָס. כאַטש גריזשע די הוילע פּרענטן פונעם געלעגער. אַזוי קאָן מען אַפּליגן אויפן בעטל גאַנצע טעג און נאָר ווען שלאָפן, כדי צו קאָנען חלומען וועגן עסן. אין די האַלוצי-נאַציעס זעט מען די טייערסטע מאכלים, די געשמאַקסטע ביסנס פון דער מאַמעס קיך. גייסט צוריק צו דיינע בעסטע יאָרן אין לעבן ווען דו האָסט געגעסן. פון די מער ראַפינירטע שפּייזן וואַרפט זיך אַריבער דער מוח אויף אַ שוואַרץ שטיקל ברויט, אויף אַ ציבעלע, אַ ברעקל קרויט. דו פאַנטאַזירסט וועגן עפּענען נאָכן קריג אַ רעס-טאָראַן און זיך אַליין באַשעפטיקן ביים מישן די טעפּ, צוגרייטן מאכלים און דערביי אויך כאַפּן אַ נאַש.

אין תפיסה האָט יעדער געזוכט וועגן ווי אָפּצונאַרן דעם מאָגן. מיינער אַ שכן אין צעל פלעגט זיינע פיר הונדערט גראַם ברויט עסן אַ גאַנצן טאָג מיט די אויגן. פאַרן גיין שלאָפן האָט ער עס אָנגע-הויבן גראַבלען און לייגן די ברעקלעך לאַנגזאַם אין מויל אַריין. אַזאַ אייזערנע גבורה אין קאַמף מיטן יצר הרע האָב איך זעלטן געזען. ער איז געווען מסוגל אויסצוקומען דעם טאָג מיטן לעקן זיינע פינף גראַם צוקער דורך אַ שטיקעלע לייוונט און פאַרטרינקען מיט וואַסער.

מיך האָט דער הונגער אַזוי נישט געפּייניקט. כ׳האָב בלויז גע-וואָלט עסן, אָבער זאָגן, אַז כ׳בין געוואָרן ווילד דערפון, פאַרלוירן ס׳מענטשלעכע פּנים, קאָן איך נישט. מיך האָט מער געפּייניקט דער קלאַנג פון די סאָלדאַטישע שטיוול יעדן אינדערפרי. דאָס האָבן

מאַרשירט די נ. ק. וו. ד.-זעלנער אויף זייערע טעגלעכע איבונגען. און נישט אַזוי האָט מיך געפּייניקט זייער גאַנג, ווי די מעלאָדיע, וואָס איז געוואָרן צוגעשפּילט דערביי. די מעלאָדיע האָט געהערט צו אַ ליד, מיט וועלכן דער סאָוויעטישער ראַדיאָ האָט דערמונטערט אַלע אינדערפרי דעם גרויסן ראַטן-פאַרבאַנד — „איך ווייס נישט אַזאַ לאַנד, ווו עס אָטעמט אַזוי פריי דער מענטש"...

צווישן איין הונגער-הפסקה און דער אַנדערער האָב איך געטראַכט, אַז וואָס וועט זיין די מלחמה וועט זיך ענדיקן און די טויזנטער אַרעסטירטע פּליטים וועלן זיך אומקערן אין זייער היימען. די וועלט וועט זיך דערוויסן פון זיי דעם גאַנצן ליגן, די גאַנצע פאַלשקייט פון אָט דעם רעזשים. זיי וועלן דערציילן וועגן דער פאַר-קריפּלטסטער אידיי זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן. וועגן די פאַרברעכנס, וועגן די רציחות. וואָס וועט די וועלט זאָגן אויף דעם? ווי וועלן רעאַגירן די גרויסע דענקער, די קינסטלער? וואָס וועט רעדן דער פּשוטער אַרבעטער? איך בין געווען זיכער, אַז אונדזערע מענטשן, די פירנדיקע סאָציאַליסטן, וואָס געפינען זיך איצט אין ראַטן-פאַרבאַנד, וועלן נאָכן קריג קיינעם נישט רופן צום קאַמף פאַר אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

איך האָב געפיבערט מיט איין מחשבה — שטיין צוריק אויף דער בינע אויסלאַכן, אָפּחוזקן, צעברעכן מיט אַ גוטן וויץ אָט דעם שטיינערנעם רעזשים, אַ באַשפּריצטן מיט בלוט און טרערן.

***

איינמאָל אַ טאָג, איך ליג און זוך אַ וואָרט-שפּיל צו דעם טאַטן פון די פעלקער סטאַלין, עפנט זיך די טיר פון מיין צעל און מען הייסט מיר זיך פאַרנעמען מיט מיינע פּאָר שמאַטעס. דער קאָנוווי האָט מיך אַרויסגעפירט פון קאַמער, אַריינגעזעצט אין אַ פינסטערן אויטאָ, אין אַ „שוואַרצע קראָע", ווי מען האָט עס

גערופֿן אין תפיסה, און מיך אַוועקגעפירט צו דער אויספאָרשונג־טורמע. דאָרט האָט מען מיר געמאָלדן, אַז מיין אויספאָרשונג הויבט זיך אָן. דאָס תפיסה־קאַמער אויפן נייעם פּלאַץ איז געווען אַ גן־עדן אין פאַרגלייך מיטן אַלטן. דאָ האָט יעדער אַרעסטירטער געהאַט זיין בעטל מיט בעטגעוואַנט. ס׳איז געווען אַלץ ריין, אויף די קאָרידאָרן שטיל, רואיק. איידער מען האָט מיך אַריינגעלאָזט אין קאַמער, האָט מען מיך געפירט אין באָד, אָפּגעגאָלט דעם קאָפּ אויסראַזירט ווי אַ האָר, אַלץ אָנשטענדיק, מענטשלעך. אָבער וואָס איז דערפון, אַז איך בין שוין געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט, קוים געשלעפּט די פיס. כ׳האָב נאָך פריער געהאַט באַשלאָסן אונטערצושרייבן יעדן דאָקומענט, אַבי מען זאָל מיך נישט מאַטערן; נאָר ווען דער אויספאָרשער, אַן אוזבעק, האָט געפרעגט מיט וועלכער אויפגאַבע האָט מיך די געשטאַפּאָ געשיקט קיין רוסלאַנד, איז מיר באַפאַלן אַזאַ היסטערישער געלעכטער, אַז כ׳האָב זיך געהאַלטן פאַר די זייטן. ווען ער גיט מיר נישט מיט זיין בייניקער פויסט צווישן די אויגן, לאַך איך אַזוי ביז אויף מאָרגן. כ׳האָב געפאָדערט ער זאָל רופן דעם פּראָקוראָר, האָט ער באַקומען אַ היסטעריע פון לאַכן. איך האָב, אָבער, נישט געקאָנט אים באַרואיקן ווי ער מיר, האָט ער געלאַכט לענגער. ער האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט, זאָגט ער צו מיר:

— זיי זיך מודה און שרייב אונטער, ברענג איך גלייך דעם פּראָקוראָר. כ׳האָב אים געענטפערט, אַז כ׳וועל אונטערשרייבן בלויז דאַן ווען ס׳וועט גערעדט ווערן וועגן אמתע פאַרברעכנס. קיינער וועט נישט גלויבן, אַז כ׳בין אַ געשטאַפּאָ־אַגענט, ווייל די גאַנצע וועלט קען מיך. אויך אין רוסלאַנד בין איך פּאָפּולער. ער וועט בלויז מאַכן חוזק פון זיך אַליין, אויב ער וועט מיר צווינגען אונטערשרייבן אַזאַ זינלאָזיקייט. דאָס אַלץ האָב איך אים דערקלערט מיט די הענט, מיט די אויגן, ווייל מיין רוסיש איז

געווען זייער אַ שוואַכער. דאָך איז עס אים אַריין אין קאָפּ. ער האָט מיר באַפוילן שרייבן מיין אויטאָביאָגראַפיע. כ'האָב אים דערקלערט, אַז כ'קאָן נישט שרייבן קיין רוסיש. איך וועל רעדן און זאָל ער אַליין שרייבן. אַזוי האָט עס אויסגעזען. ס'איז שוין פאַראַן אַ גאַנצע ליטעראַטור וועגן אויספאָרשונגען אין דער נ. ק. וו. ד. כ'וויל בלויז דערמאָנען, אַז דאָס אַלץ קומט פאָר שפּעט ביינאַכט. נאָך עטלעכע שעה דריקן אויף דיר מיט אַלע מיטלען, ווי אַ קלאַפּ ווערט אויך נישט אויסגעמיטן, ווערט פונעם מענטש אַ שמאַטע, וואָס האָט נישט אפילו קיין כוח צו בעטן דעם טויט אויף זיך. ער טוט אַלץ, וואָס מען הייסט אים.

מיין אויספאָרשער האָט שוין אויך קיין כוח נישט געהאַט. איז ער איינגעשלאָפן. דאָס ערשטע וואָס כ'האָב געטאָן ווען ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, איז כאַפּן אַ פּאָר צי פון זיין פּאַפּיראָס. ס'האָט זיך מיר פאַרדרייט אין קאָפּ. כ'בין שיער נישט אַנידערגעפאַלן.

צומאָרגנס האָט זיך אַלץ איבערגעחזרט פון דאָסניי. ביי דער אויספאָרשונג האָט ער געגעסן אַ דיקן סענדוויטש, ער האָט אים קוים געקאָנט אַרומכאַפּן מיט זיינע גראָבע ליפּן. מיר איז געגאַנגען די סלינע פון מויל. דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט אַ כוונה, דער אַרעסטאַנט זאָל זיך גיכער איינברעכן. נישט איין אַרעסטאַנט האָט אונטערגעשריבן, אַז ער האָט זיך געלאָזט קאַסטרירן, כדי צו האָבן אַן אָרט ווו אַנצוהענגען צוויי האַנט-גראַנאַטן אויף הרגענען סטאַ-לינען, אַבי וואָס גיכער ענדיקן די אויספאָרשונג, ווען דער ריח פון חזיר-ווורשט צערייסט די געהירן.

מען דאַרף גלויבן אין גאָט. אָט האָט דער אויספאָרשער געמאַכט מיט מיר אַ געשעפט — ער וועט שלאָפן און איך זאָל אים גלייך אויפוועקן ביים הערן טריט. דערפאַר האָט ער מיר מכבד געווען מיט אַ מוצא ברויט און איין פּאַפּיראָס. די טראַנזאַקציע האָט מיר

דערהאַלטןביים לעבן. שוין לאַנג איז מיר אַזוי גוט נישט געווען. אַ ביס ברויט און אַ צי פונעם פּאַפּיראָס. נאָך איין שריט און מען קאָן שוין באַלד זיין גליקלעך. איין שריט צו אַ שטיקעלע דרימל, כאָטש אויף דריי מינוט. די אויגן האָבן זיך ביי מיר געקלעפּט. אָבער איך האָב פאַרקויפט מיין וואַכזאַמקייט פאַר אַ שטיקל ברויט מיט אַ ביסל טאַבאַק, מוז איך קעמפן מיט דעם שלאָף ווי אַ לייב. כ'האָב אַזוי לאַנג געקעמפט ביז דאָס ריטמישע שנאָרכן פונעם אויספאָרשער האָט מיר אויך פאַרפירט אין שלאָף אַריין. כ'ווייס נישט ווי לאַנג איך בין אַזוי געלעגן ווי אַ קינד אין וויג. כ'ווייס בלויז, אַז ס'האָט מיר אויפגעוועקט אַ טעמפּער זעץ איבערן קאָפּ. כ'האָב זיך דריי מאָל איבערגעקערט פון בענקל אַראָפּ. דער אונ-בעק איז געשטאַנען איבער מיר און געוואָלט דערלייגן נאָך אַ קלאַפּ אויף גוט אויסטשובען.

— נאָר דאָס האָט מיר געפעלט — האָט ער דערנאָך גע-קרעכצט — דער ריכטער שלאָפט, דער אַרעסטאַנט שלאָפט... נאָך גוט וואָס קיינער פון דער נאַטשאַלסטווע איז נישט אָנגעקומען...

ער האָט באַפוילן מיך אַרויסצופירן אין אַן איינצלקאַמער.

**
*

זיצן אין אַן איינצלקאַמער איז גאָר אַ שווערע שטראָף. איינער אַליין צווישן פיר גרויע ווענט. נאָר משוגע צו ווערן. נישט דו זעסט, נישט דו הערסט. כ'האָב אויך נישט געוווּסט ווי לאַנג וועל איך דאָ זיצן, האָט עס מיר זייער באַאומרואיקט. די ערשטע פּאָר שעה האָב איך נאָר געוואָלט שלאָפן און ס'האָט מיר נישט געאַרט דאָס שאַרפע, עלעקטרישע ליכט אין קאַמער; אָבער ווי כ'פלעג צומאַכן די אויגן, האָט זיך דערטראָגן פון הינטער דער טיר אַ ווילדער געשריי אויסגעמישט מיט אַ דרייגאָרנדיקן אין דער מאַמען אַריין. דאָס האָט דער זעלנער, וואָס האָט נאָכגעפּאָלגט יעדע מיינע באַ-

וועגונג דורך דעם לעכל פון דער טיר (דעם „יודאַש", אין תפיסה-זשאַרגאָן), גערײטשעט איך זאָל נישט שלאָפן.

כ'האָב געוואָלט רעדן צו זיך אַליין. כדי פאַרטרײבן דעם שלאָף. האָט עס דער זעלנער אויך פאַרבאָטן. איז מיר איבערגע-בליבן בלויז צו טראַכטן. כ'האָב גערעדט צו זיך אָן קול — שמעון, באַרויק זיך. היט די נערוון. דעם געזונט האָסטו נישט וואָס צו היטן, ווייל דו האָסט אים שוין לאַנג פאַרלאָרן. איצט, בעת דער אויס-פאָרשונג דאַרפסטו האָבן דײנע נערוון. פון דעם איז אָפּהענגיק זאָלסט נאָך זען אַמאָל די ליכטיקע שיין, זען אַמאָל אַ גראָז, אַ בלום, אַ לעבעדיק באַשעפעניש, צו הערן אַמאָל...

און אַזוי ווי איך רעד צו זיך אינעווייניק, דערהער איך אַ מעקען פון אַ ציג. מן הסתם איז זי געווען צוגעבונדן הינטער דער וואַנט און געוואַרט אויפן ערשטן פּאַס פאַרטאָגיקן ליכט דערמאָנען דער וועלט וועגן איר קיום. די שענסטע סימפאָניע וואָלט פאַר מיר דעמאָלט אַזוי זיס נישט געקלונגען ווי דאָס מעקען פון אָט דעם פּירפּיסיקן בעלי חי. די ציג האָט מיר צוריקגערופן צום לעבן. די איינצלקאַמער איז פלוצעם געוואָרן אין מײנע אויגן העכער, ברײטער, אַ פּינטעלע פרייד האָט זיך פאַרגנבעט אין מיין געמיט. כ'האָב אונטערגעכאַפּט דעם ריטם פון דער ציגס מעקען און צוזאַמען מיט איר אָנגעהויבן מעקען, דער זעלנער הינטערן טיר זאָל זיך נישט כאַפּן, אַז צוזאַמען מיט דער ציג רעדט זיך אַראָפּ פונעם האַרץ אַ צעטראָטענער, צוויי-פיסיקער בעל-חי.

אין צוויי טעג אַרום האָט מען מיך אַרויסגעלאָזט פונעם איינצל-אַרעסט. איצט איז די אויספאָרשונג געגאַנגען גיכער. מען האָט פאַרגליכן מײנע דערקלערונגען מיט שומאַכערס און זיי האָבן גע-שטימט. כ'האָב דערציילט וועגן מיין שמועס מיט דעם שטאָט-קאָמענדאַנט אין אַשכאַבאַד, וואָס האָט מיר געגעבן די עצה צו גיין זיך מאָביליזירן אין דער פּוילישער אַרמיי. די נ.ק.וו.ד. האָט

בלויז נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס די פוילישע מיליטער-מאַכט האָט אונדז אונטערגעוואָרפן ווי שטיף-קינדער. איך האָב דערקלערט, אַז דאָס איז אַ נקמה-אַקט, ווייל מיר האָבן אין זיינער צייט גע-נומען סאָוויעטישע פּעסער, כדי צו קאָנען אָנגיין מיט אונדזער טעאַטער-טעטיקייט. די פּאָליאַקן האָבן חושד געווען, אַז מיר זענען אונטערגעשיקטע שפּיאָנען פון סאָוויעטישן געהיים-דינסט. זיי וואָלטן אונדז זיכער אומגעבראַכט אינעם מיליטער-לאַגער ווי אַנדערע פאַרדעכטיקטע, אָבער זיי האָבן מורא געהאַט עס צו טאָן צוליב אונדזער פּאָפּולערקייט אין דער וועלט. אַרויסטרייבן פון דער אַרמיי גלאַט, סתם, האָט זיי דאָס האַרץ נישט געלאָזט. האָבן זיי אונדז איבערגעגעבן דער נ. ק. וו. ד. זי זאָל געפינען אויף אונדז זינד.

מיינע אָפענע רייד האָבן געווירקט. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געווען פאַרטיק דער באַשולדיקונגס-אַקט. פאַרן אונטערשרייבן אים איז געקומען דער פּראָקוראָר, בכבודו בעצמו. דער אוזבעק איז אַרויס פון צימער, רופט זיך אָפּ צו מיר דער פּראָקוראָר:

— דזשיגאַן, כ'בין געווען אויף אייער ערשטן קאָנצערט אין טאַשקענט. אויך אין מאָסקווע האָב איך אייךביידן געזען בעת אייערע גאַסט-שפּילן. איך ווייס, אַז נישט דאָ איז אייער פּלאַץ.

— איז פאַרוואָס האָט איר אונדז דאָ פאַרשפּאַרט? — האָב איך געפרעגט אַ פאַרביטערטער.

— ווייל די סאָוויעטן-מאַכט איז צופיל פאַרנומען מיט מעכ-טיקע פּראָיעקטן, זי זאָל האָבן צייט איבערקלייבן שולדיקע און אומ-שולדיקע, ווי מען קלייבט איבער אַרבעס. עס מוז אַריינפאַלן אַ ביסל גוטע אַרבעס צווישן די פאַרפוילטע...

נו, אַז אַ מענטש איז געגליכן צו אַן אַרבעס, איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן...

ביים געזעגענען זיך האָט דער פּראָקוראָר מיר געגעבן די האַנט. אַ זעלטענע דערשיינונג אין דער נ. ק. וו. ד. ער האָט מיר

געזאָגט, אַז מיין אויפריכטיקייט האָט אַ סך געהאָלפן, און דאָס זען זאַכן ווי זיי זענען וועט מיר פאַרלייכטערן דעם וועג ווייטער. שטייענדיק אויף דער שוועל, האָט ער מיר נאָך צוגעוואָרפן:

— דזשיגאַן, מיט דער צייט וועט איר באַגרייפן וואָס איך האָב געטאָן פאַר אייך. האַלט זיך!

ער האָט מיר שאַרף, אָבער גוטמוטיק אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט געוואָלט איך זאָל פאַרגעדענקען זיין אויסזען. כ׳האָב געפילט ווי אויף זיינע ליפּן ליגן די פּאָר ווערטער:

— מיר וועלן זיך נאָך זען...

און איז אַרויס.

***

איך בין אויך אַרויס. פון תפיסה אין לאַגער. אייגנטלעך איז עס נישט געווען דער ריכטיקער לאַגער, נאָר בלויז אַ פּאָר-לאַגער. דאָרט בין איך געווען אַ פּאָר חדשים, ביז ס׳זענען אָנגעקומען מיינע פּאַפּירן מיט דעם אורטייל. כ׳האָב באַקומען פינף יאָר אַרבעטס-לאַגער אין אַקטיובינסק; כ׳האָב געפרעגט געניטערע אַרעסטאַנטן מיט וואָס שמעקט עס. האָבן זיי געלאַכט. די שכנים אין מיין באַראַק האָבן געזאָגט, אַז איך האָב „בלאַט״ ביי סטאַלינען. פינף יאָר איז אַ קינדערשער אורטייל און דער אַקטיובינסקער לאַגער איז אַ פּענסיאָנאַט. ערשטנס איז עס נישט ווייט, אויפן ראַנד קאַזאַכסטאַן. צווייטנס קאָן מען זיך דאָרט איינאָרדנען צו פאַרדינען נאָך אַ פּייקע ברויט. דאָס איז אַלץ גערעדט אויב נאָך די פינף וועט מען נישט צוטשעפּען נייע פּופצן...

כ׳האָב געוואָרט מען זאָל מיך איבערשיקן קיין אַקטיובינסק און געטראַכט וועגן דעם פּראָקוראָר — הער אַ טובה האָט ער מיר געטאָן — פינף יאָר...

כ׳האָב נאָך דאַן נישט געוווּסט, אַז אָט דער ייד, וואָס האָט גע-

דינט דעם טייוול, האָט געהאַט גאָט אין האַרץ און קוואַליפיצירט אונדזער פאַרברעכן נישט ווי אַ פּאָליטישן, נאָר ווי אַ קרימינעלן. ער האָט אונדז צוגעשריבן צו אַ פּאַראַגראַף, וואָס רעדט וועגן אַרומ-שלעפעריי און דאָס פעלן פון אַ שטענדיקן וווין-אָרט. אין נאָר-מאַלע צייטן באַקומט מען דערפאַר דריי יאָר. די מלחמה-צייט האָט צוגעלייגט נאָך צוויי. כ'האָב אויך געטראַכט וועגן דעם, וואָס ער האָט מיר דערציילט בעתן געזעגענען זיך. ווען עטלעכע באַדייטנ-דיקע סאָוויעטיש-יידישע בינע-קינסטלער, דער עיקרשט איינער פון זיי, וואָלט אינטערוועניַרט לטובת אונדז, גייען מיר אַרויס פריי. די צייט איז געווען אַזאַ. איין וואָרט פון אָט דעם קרוב למלכות האָט געקאָנט אויפטאָן גאָר אַ סך. דער פּראָקוראָר האָט זיך געוווּנדערט וואָס אַזאַ אינטערווענץ איז נישט געקומען. גראָד זענען אַלע די געווען אין דער צייט עוואַקואירט אין טאַשקענט.

איצט, נאָך יאָרן, ווען איך דערמאָן זיך אָן זיי, טראָג איך אויף זיי נישט קיין האַרץ. סטאַלין האָט זיי אַלע אומגעבראַכט אין די שפּעטערדיקע רציחות פון 1948 און 1952. זיי האָבן געקאָנט גוט דעם רעזשים און דער פּחד האָט פּאַראַליזירט אַלדאָס מענטשלעכע אין זיי. נישט אין אַלע. אָט האָט מען מיר דערציילט נאָך דער באַ-פרייאונג, אַז פּרץ מאַרקיש מיט עטלעכע חברים-שרייבער זענען געלאָפן זיך משתדל זיין פאַר אונדז ביי אַן איינפלוסרייכער יידישער פּערזענלעכקייט. יענער האָט אָבער מורא געהאַט צו רירן מיט אַ פינגער. אין יענע באַדינגונגען איז עס געווען בבחינת גבורה, זיך איינשטעלן פאַר אַ צווייטן. נישט יעדער איז מסוגל צו דעם.

**
*

אין פאַר-לאַגער הינטער טאַשקענט זענען נישט געזעסן קיין סך אַרעסטאַנטן. כ'האָב דאָרט באַגעגנט איינעם אַ ידיד פון וואַרשע, אַן עלעקטריע-אינזשיניער. ער האָט מיר דערזען, האָט ער זיך פאַ-

נאַנדערגעווײנט. מײַן פֿרײַנד האָט שױן, נעבעך, געהאַט פֿאַרגעסן ווי ער האָט אויסגעזען. אין לאַגער איז ער געווען בריגאַדיר צוליב זײַנע פֿאַר־קענטענישן. כ׳האָב אים געדענקט ווי אַן עלעגאַנטן מאַן מיט אַ ברייטער האַנט. תמיד אין די נאַכט־לאָקאַלן, אויף טעאַטער־פּרעמיערעס. דאָ איז ער געווען פֿאַרוואַקסן, שמוציק, אין אַ פּאָר אויסגעשמירטע וואַטע־הויזן און גומענע לאַפּטשעס אויף די פֿיס. ער האָט מיר צוגעטײלט צו זײַן בריגאַדע, איך זאָל נישט דאַרפֿן גײן אויף שוואַרצער אַרבעט. ער האָט מיר געגעבן אַ מעטאַל־שער, אָװעקגעזעצט ביי זיך אין בודקע (זײַן „ביוראָ״), און געהייסן מאַכן נעגעלעך פֿון שטאָל־דראָט. די נעגעלעך זענען געווען נויטיק אויף פּאַרפּעסטיקן גומי־זוילן צו די שיך. די זוילן פֿלעגט מען שנײַדן פֿון די גומי־רעדער צו אויטאָס.

איך זיץ אַזוי איינמאָל פֿאַרטאָן אין מײַן פּראָדוקציע, לויפֿט ער אַרײַן נישט טויט, נישט לעבעדיק:

— דזשיגאַן, כאַפּ שוין אַ לאָפּעטע און גראָב ערד. נאַ־טשאַלסטווע איז אָנגעקומען... טאָמער זעען זיי אונדז ביים פּטרן דראָט...

ער האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן דעם זאַץ, בין איך שוין געווען אין דרויסן. איך שטיי ביים שטיבל און גראָב אַ גרוב, וואָס קיינער דאַרף איר נישט אויסער מײַנע צרות, קומט אָן דער גלאַוונער נאַ־טשאַלניק אין באַגלייטונג פֿון מײַן בריגאַדיר. דער נאַטשאַלניק קוקט מיר אָן און פֿרעגט ביים באַגלייטער:

— אַ נייער?

— יאָ, אַ נייער. אַ גרויסער אַקטיאָר.

— ווי איז זײַן נאָמען?

— דזשיגאַן.

דער נאַטשאַלניק האָט געהערט מײַן נאָמען, איז ער צו אַ טריט נענטער. אונדזערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט. כ׳האָב געזען אין זײַן

בליק אַזויפיל אומעט, אַזויפיל טרויער, גאַרנישט ווי ביי אַ נאַטשאַל-ניק. פלוצעם רופט ער זיך אָפּ צו מיר:

— איר דערקאָנט מיר נישט?

כ׳האָב אים נאָכאַמאָל גוט אָנגעקוקט, און געהויבן מיט די אַקסלען:

— כ׳געדענק נישט. כ׳בין ערשט פון תפיסה. מיין זכרון איז אָפּגעשוואַכט.

דאַן האָט דער נאַטשאַלניק דערמאָנט דעם באַנקעט פאַר אונדז בעת די גאַסטשפּילן אין דניעפּראָפּעטראָווסק. דאָס איז ער, דער פאָרזיצנדער פון אַרכיטעקטן און אינזשיניערן-קלוב, וואָס האָט איינגעאָרדנט דעם באַנקעט.

כ׳בין געוועזן אויסער זיך פון דער באַגעגעניש. כ׳האָב נאָר באַדויערט וואָס שומאַכער איז נישט דערביי.

דער נאַטשאַלניק איז אַוועק. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז גע-קומען צולויפן דער בריגאַדיר, מיך אַרומגעכאַפּט און אָנגעהויבן קושן אין ביידע איינגעפאַלענע באַקן מיינע:

— דזשיגאַן. פון היינט אָן ביסטו דאָ אַ קיסר. איצט וועסטו דאַרפן מיר העלפן. דער נאַטשאַלניק האָט געהייסן דיר פרעגן, וואָס קאָן ער טאָן פאַר דיר. ער וויל דיר דאָ פאַרהאַלטן ווי לאַנג ס׳איז נאָר מעגלעך, ווייל אין אַקטיובינסק קאָן אַמאָל זיין זייער גוט, און אַמאָל זייער שלעכט. און דאָ קאָן דיר זיין נאָר גוט.

אויף מאָרגן איז דער וואַרשעווער אינזשיניער געקומען מיט אַ גאָלדענעם פּלאַן, איך זאָל ווערן דער אויפזעער איבער דער ברי-גאַדירן-קיך. איך האָב גלייך אָפּגעזאָגט. אין לאַגער צו באַקומען אַ גוטן פּאָסטן נישט האָבנדיק דערביי קיין קוואַליפיקאַציעס, איז בלויז פאַרן פּרייז פון ווערן אַ מסור. איך האָב נישט געוואָלט פאַר-לירן מיין גוטן נאָמען צווישן די אַרעסטאַנטן. האָט ער מיר פאַר-געלייגט, אַלץ דורך דער פּראָטעקציע פונעם דניעפּראָפּעטראָווסקער

יידישן אינזשיניער, דעם איצטיקן לאַגער-נאַטשאַלניק, איבערצו-נעמען דעם אויפזיכט איבער דער אַלגעמיינער קיך. האָב איך ווידער אָפּגעזאָגט; אָבער דאָ האָב איך געמאַכט אַן אַנדערן פּלאַן. כ׳האָב פאַרגעלייגט די אַרבעט אַ לעמבערגער טרעגער, אַן אייגענעם יידן, און אים געשטעלט דערביי אַ באַדינג — ער אַליין דאַרף אַרויס-געבן דאָס עסן דורכן פענסטערל. ווען ער וועט הערן פון אונדזערס אַן אַרעסטירטן אַ נאָמען פון אַ גרויסן יידישן אַקטיאָר, זאָל ער געבן דאָפּלטע, גערדיכטע פּאָרציעס. דער לעמבערגער טרעגער האָט גע-טאַנצט פאַר פרייד:

— דזשיגאַן, כ׳וועל אייך טראָגן אויף די הענט. די יידן וועלן ביי מיר אַרויסגיין פון לאַגער מיט דיקע בייכער...

כ׳האָב דורך דער פאַרמיטלונג פון בריגאַדיר איבערגעגעבן מיין גוטן מלאך פון דניעפּראָפּעטראָווסק, דעם נאַטשאַלניק, אַז אויב ער וויל העלפן אחינו בני ישראל, זאָל ער באַשטימען דעם טרעגער אַלס אויפזעער איבער דער קיך. אַזוי איז געווען. איך האָב איינגעלערנט מיט דעם נייגעבאַקענעם אויפזעער נעמען פון יידישע אַקטיאָרן — מאָריס שוואַרץ, אייזיק סאַמבערג, משה ליפּמאַן, אַברהם מאָרעווסקי, יוסף בולאָוו, פאָול באַראַטאָוו א. א.

אין אַ סאָוויעטישער תפיסה איז די קיך אָפּגעטיילט מיט אַ שטו-מער וואַנט פון דער סטאָלאָווע. ס׳איז בלויז פאַראַן אַ קליין פענסטערל אַריינצוגעבן דאָס טעפּל. דאָס אַלץ איז געמאַכט, כדי אויסצומיידן פּראָטעקציע ביים פאַרטיילן דאָס עסן. איינעם שיטער, אַ צווייטן געדיכטער. יעדער פון אונדזערע יידן, וואָס האָט אַריינ-געגעבן זיין טעפּל דורכן פענסטערל האָט דערביי אויסגעשריגן אַ נאָמען פון אַן אַקטיאָר. אַזוי איז געווען אָפּגערעדט. נישט זעענ-דיק קיינעם האָט דער טרעגער ביי יעדן אויסרוף געגאָסן געדיכטע זופּ, אָדער צוגעוואָרפן אַ פּאָר קאַרטאָפל. איין ייד האָט געוואָלט זיין קלוגער פון אַלעמען, איז ער געלאָפן עטלעכע מאָל צו דער ריי און

געשריען — מאָריס שוואַרץ! ער איז שיעור נישט צעפּלאַצט געוואָרן עסנדיק די פּאָרציעס באַקומענע קאַשע.

נאָכן אָוונטברויט האָט דער לעמבערגער מיר געפרעגט צי עס קלאַפּט דאָס געשעפט. כ'האָב אים געזאָגט יאָ, הלואי יעדן טאָג נישט ערגער. איך האָב אים געפרעגט צי איז מען אים נישט חושד אין דער קיך, צי וועט ער נישט האָבן קיין צרות. ער האָט מיר באַרואיקט:

— ס'איז אַלץ אין אָרדנונג. נאָר איז דער מאָריס שוואַרץ אַ פרעסער!!!...

מיר האָט דער נאַטשאַלניק דערלויבט ווייטער שניידן נעגעלעך פאַרן שוסטער-וואַרשטאַט. פאַרשטייט זיך, אַז אַ ביסל נעגעלעך האָב איך פאַרקויפט די פאַבריק-אַרבעטער. כ'האָב שוין געהאַט אַ שטיקל פּרנסה. ווער ס'איז געזעסן ווייסט ווי וויכטיק דאָס איז. וויכטיקער ווי אויף דער פריי.

***

איך וויל דערציילן וועגן מיין ערשטן אויפטריט נאָכן אַרעסט. ביים לאַגער, ווו מען האָט מיך אָוועקגעפירט גלייך פון דער תפיסה, איז געשטאַנען אַ פאַבריק פון עלעקטרישע קאַבעלן, אַלץ נישט ווייט פון טאַשקענט. דאָרט זענען געווען באַשעפטיקט הונדערטער שטאָ-טישע אַרבעטער. איך האָב געזען פונדערווייטנס זיך דרייען אַזויפיל פרייע מענטשן, האָט זיך מיר דער קאָפּ פאַרדרייט פון פרייד. הייסט עס, אַז ס'איז נאָך פאַראַן אַ וועלט וווּ מען קאָן גיין אין בית כסא אָן אַ באַגלייטער מיט אַ ביקס. הייסט עס, אַז ס'איז נאָך פאַראַן אַ האָפענונג אַמאָל צוריקצוקומען צו אָט דער וועלט.

ס'איז געווען די ערשטע טעג נאָכן פאַרלאָזן די תפיסה, איידער מיין וווילטעטער פון דניעפּראָפּעטראָווסק האָט מיר אַנטדעקט. כ'האָב געשפּאַנט איבערן שטח פונעם פאַר-לאַגער און זיך געפרייט מיט

יעדן שטויבעלע ערד. אַט בין איך שוין האַלב-פריי, קאָן מען זאָגן. איך זע די זון, די לבנה, איך אָטעם דעם דרויסן. איך קאָן רעדן און לאַכן, און אפילו וויינען אויפן קול; נאָר איין צרה — די פרייהייט פאָדערט מער ברויט. דער אַפּעטיט איז שאַרף ווי א מעסער, און וואָס צו שניידן איז נישטאָ. אויך בין איך געווען שטאַרק אויסגע-הונגערט נאָך פון דער תפיסה און כ׳בין מסוגל געווען איינצו-שלונגען אַן אָקס, ס׳זאָל נישט איבערבלייבן פון אים אַביינדל אויף אַ רפואה. אין פאַר-לאַגער האָט מען, וואָס אַן אמת, באַקומען מער עסן, ווי אין תפיסה — זעקס הונדערט גראַם ברויט אַ טאָג און קופּאָנען אויף זופּ. כ׳האָב באַקומען פאַרטאָג פון מיין בריגאַ-דיר די קופּאָנען, לויף איך מיט א שמחה און מיט די קופּאָנען אין האַנט צום קיך-פענסטערל. און אַזוי ווי איך שטרעק אויס די האַנט אַריינצוגעבן די פּאָר צעטלען אין פענסטערל, שפּרינגט אונטער אַ לאַגערניק, כאַפּט עס אַרויס פון מיין האַנט, און פאַרשווינדט כהרף עין.

ווען יענער רייסט מיר אַראָפּ פון פינגער אַ בריליאַנטענעם רינג, וואָלט מיר אַזוי נישט איינגעפאַלן ס׳האַרץ. דער באַנדיט האָט מיך געלאָזט אָן אַ ביסן ברויט ביז אויף מאָרגן זעקס פאַרטאָג. אָט דאַרף איך גיין אויף דער אַרבעט אַ הונגעריקער און נאָך אויסהאַלטן דעם תענית פיראונצוואַנציק שעה. וואָס טוט מען? כ׳וועל אַנידערפאַלן און ס׳וועט נישט זיין צו וועמען צו רעדן. אין אַ צרה לויפט מען צו יידן. כ׳בין אַוועק צוריק אין באַראַק פרעגן וואָס צו מאַכן. צו מיין גליק האָב איך געטראָפן אַ לאַדזשער. ער האָט גלייך גע-בראַכט צו פירן נאָך מיינע צוויי לאַנדסלייט. זיי האָבן מיר געגעבן אַ טאַלאָן אויף זופּ. איך זאָל כאָטש האָבן כוח צו האַלטן די לאָפּעטע אין האַנט. כ׳בין גלייך צוריקגעלאָפן אין דער קיך, אָבער דאָס פענס-טערל איז שוין געווען געשלאָסן.

דעם טאָג האָב איך נישט גערדאַרפט האַלטן אַ לאָפּאַטע, נאָר

שלעפּן שווערע קאַבלען פון די וואַגאָנען צום מאַגאַזין. די גאַנצע וועלט האָט זיך מיר געדרייט פאַר די אויגן. דער הונגער האָט זיך פאַרקליבן ערגעץ אין אַ ווינקל בויך און ס׳האָט מיר געאיבלט, ווי כ׳וואָלט געפאָרן אויף אַ שיף. דער לאָדזשער, אַ געוועזענער דראָזשקאַזש, וואָס האָט מיר נאָך געדענקט פון דער היים, האָט געזען ווי איך שלעפּ נישט דעם קאַבעל, נאָר דער קאַבעל שלעפּט מיך, איז ער צוגעלאָפן טרייסטן מיר בזה הלשון:

— דזשיגאַן, האַלט אויס, זיי אויף צולהכעיס. נאָכאַמאָל זאָלסטו נישט זיין קיין גרינער יאָלד. זאָלסט האַלטן די טאַלאַנען ווי אַן אייגענע ווייב, נישט אַן אורקע זאָל עס קאָנען אַרויסכאַפּן. איצט הער מיט קאָפּ — מאָרגן איז מען פריי פון דער אַרבעט. די באַר-ווערסע האָבן זייער יאָנטעוו — אַקטיאַבערסקע רעוואָלוציע. זאָלן זיי אַזוי וויסן פון זייערע הענט און פיס, ווי זיי ווייסן וואָס דאָס איז אַזוינס. נאַטשאַלסטווע מאַכט היינט אַ באַל אויסערן לאַגער. די שומרים, אָבער, באַלעווען אין לאַגער. איך וועל זיי זאָגן, אַז ביי אונדז זיצט אַ גרויסער אַרטיסט. וועסט זיי מאַכן קאָנצערט און דערוויַיל כאַפּן אַ ביס.

כ׳האָב איבערגעריסן זיין עצה:

— איך קאָן דאָך אָבער נישט קיין רוסיש...

— וואָס דאַרפסטו רוסיש? פריער פאַר אַלץ דאַרפסטו גוט אָפּעסן. היינט באַקומען זיי הערינג, זופּ מיט פלייש, ברויט ווייסע..

כ׳האָב זיך צעשריגן אויפן יידן:

— רעד נישט! דערמאָן נישט קיין עסן! איך פאַל באַלד אַנידער...

און דער דראָזשקאַזש מיט זייניקע:

—...און פּיראָזשקעס, יאָ, און געלער קעז, און...

נאָך אַ רגע וואָלט איך אים אָנגעכאַפּט פאַרן האַלדז.

— איז קודם כל עס אָפּ. דערנאָך לייג אַריין אַ ביסל פּיראָזש-

קעס אין קעשענע. וועל איך אויך האָבן אַ באַל. כ׳וועל זיך אויך פרייען וואָס דער מיט די וואָנסן האָט אַזויפיל אויפגעטאָן פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט.

און איך טענה צו אים מיט די לעצטע כוחות:

— אָבער איך קאָן נישט קיין רוסיש...

— טפש, ראשית כל עס אָפּ, און דערנאָך... דערנאָך וועסטו זינגען יידיש...

— יידיש?

— יאָ, יידיש. ס׳איז אַ גאַנץ שיין לשון. וואָס האָסטו מורא — זיי וועלן בעטן דאָס געלט צוריק פאַר די בילעטן? אין ערגסטן פאַל וועלן זיי דיר אַרויסוואַרפן, אָבער שוין אַ זאַטן.

הקיצור, דער ייד האָט דערליידיקט מיטן קאָמענדאַנט, אַז איך טרעט אויף בעת זייער באַל.

איך האָב גענומען מיין קעסעלע און אַוועק מיט ציטערדיקע קניען צו מיין אויפטריט אויפן באַל, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין אַ ספּעציעלען באַראַק. די טישן האָבן זיך געבראָכן אונטער דער מענגע עסנוואַרג. דער דראַזשקאַזש פון לאָדזש האָט נישט אויסגערעכנט אַ העלפט פון דעם, וואָס דאָרט איז געווען. ווורשט, פּאָמידאָרן, גרינסן פאַרשידענע. כ׳האָב שוין געהאַט פאַרגעסן ווי דאָס זעט אויס.

ביזן היינטיקן טאָג וווּנדער איך מיר, ווו האָב איך גענומען אָרט אין בויך אַריינצופּאַקן די פיר קעסעלעך געדיכטן זופּ. פון דעם זופּ בין איך געוואָרן שיכור ווי פון בראָנפן. דערנאָך בין איך געוואָרן זייער פריילעך. ביז אַ באַסאָווע שטים האָט מיר צוריקגעבראַכט צו דער ווירקלעכקייט:

— דער אַרטיסט פונעם ביאַליסטאָקער מיניאַטור-טעאַטער וועט אַרויסטרעטן פאַר אונדז אין אייניקע נומערן.

דאָס האָט דער לייטענאַנט פון דער וואַר-אָפּטיילונג מיר אַזוי אַנאָנסירט פאַר זיינע זעלנער.

איך האָב זיך געמאַכט קוראַזש, אַרויף אויפן טיש, און כ׳ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר כ׳האָב זיך צעזונגען מיט גרויס דביקות דעם חסידישן ניגון פון ש. אַנסקיס „דיבוק״. און נישט אַזוי האָב איך זיך צעזונגען, ווי איך האָב זיך צעטאַנצט אין אַ ווילדן טאַנץ, אַ קונציקן גאַלאָפּ אויף איין אָרט; דערביי האָבן מיינע הענט זיך געדרייט ווי די פליגל פון אַ ווינט-מיל. די אייגענע התלהבות האָט מיך מיטגעריסן און כ׳האָב פאַרגעסן וועגן אַלץ און אַלעם. די זעלנער זענען געוואָרן אַנגעצונדן. זיי האָבן געפּלעטשט מיט די הענט אין חסידישן טאַקט. ס׳האָט זיי בלויז געפעלט קאַפּאָטעס, וואָלט עס אויסגעזען ווי אַ שמחהביים רבין.

כ׳וואָלט נאָך אַזוי לאַנג געטאַנצט, ווען איך פאַל נישט אַראָפּ פון טיש. די זעלנער האָבן געפּאַטשט בראַוואָ. די התפּעלות, די געוואַלדן האָבן צעטרייסלט דעם באַראַק. איך האָב אָנגעהויבן זוכן פאַר מיין עצה-געבער פּיראָזשקעס. כ׳האָב זיי נישט געזען. כ׳האָב שוין געוואָלט אָנלייגן אַ קעשענע מיט קאַרטאָפל-קאַשע, האָבן זיך באַוויזן דעם לאָדזשערס אויסגעחלומטע פּיראָזשקעס. צוויי זעלנער האָבן זיי אַריינגעבראַכט פון דער קיך. נאָך עטלעכע רונדעס אַרום טיש האָב איך געהאַט ביידע טאַשן פול מיט פּיראָזש-קעס. דערנאָך האָב איך זיי אָנגעהויבן וואַרפן אונטערן אויפגע-קנעפּלטן העמד. אַ פּאָר הערינג האָב איך אַריינגעלייגט אונטערן היטל. דאָס זאַלץ האָט מיר געביסן דעם אָפּגעגאָלטן קאָפּ, אָבער כ׳האָב עס דערטראָגן אַזוי ביז צו מיין באַראַק.

יענע נאַכט האָט מיין באַראַק געהאַט אַ שטיקל באַל. מיין לאָדזשער לאַנדסמאַן האָט זיך באַלעקט נאָך דער לעצטער פּי-ראָזשקע און זיך אָפּגערופן צו מיר:

— דזשיגאַן, דו ווייסט? ס'איז שוין באַלד ווערט געווען די רעוואָלוציע...

אין 1954 בעת אַ טורנעע איבער צפון-אַמעריקע, האָבן מיר, איך און שומאַכער, זיך אָפּגעשטעלט מיטן אויטאָ נעבן אַ בענזין-סטאַציע אויפן וועג. נעבן דער סטאַציע איז געווען אַ רעסטאָראַן, געבויט אין שפּאַנישן סטיל. שומאַכערן האָט זיך פאַרגלוסט עסן, זענען מיר דאָרט אַריין. אַ קעלנער, געקליידט ווי אַ שפּאַניער, אין אַ בלוזע מיט האַפּט און אַ שוואַרצן קאַמזויל, איז צוגעקומען אונדז באַדינען. איך מיט שומאַכערן האָבן זיך געדונגען אויף יידיש וואָס צו באַשטעלן. דער קעלנער איז געוואָרן ווייס ווי די וואַנט, אַראָפּ-געוואָרפן דעם טאַץ אויף דער ערד, און זיך געטאַפּט פאַרן קאָפּ:

— ווײַ איז מיר, דזשיגאַן! ווּעמען זע איך? איר לעבט?...

דער שפּאַנישער קעלנער האָט געדינט בעת דער מלחמה, ווי אַ היטער פון דעם פאַר-לאַגער. ער איז אויך געווען אויף יענעם באַל און געזען מיין אויפטריט. אין זיין קאַמפּאַניע זענען געווען בלויז צוויי יידן — ער און דער לייטענאַנט.

— דזשיגאַן, איר זאָלט וויסן זיין, אַז נאָר צוליב אייך בין איך אין אַמעריקע...

דער זעלנער האָט דערציילט, ווי נאָך מיין אויפטריט, איז ער געוואָרן אַ פאַרביטענער. טראָץ דעם פאַרבאָט האָט ער אָנגעהויבן כאַפּן דאָ, דאָרט אַ וואָרט מיט די יידישע אַרעסטאַנטן. ער אַליין איז געווען אַ יתום, זיך אויסגעהאָדעוועט אין אַ קינדער-היים; אָבער זיין יידישן אָפּשטאַם האָט ער נישט געקאָנט פאַרגעסן, ווייל די רוסישע קינדער פלעגן עס אים דערמאָנען מיט קלעפּ. הקיצור, ער איז אַנטלאָפן פון דער ארמיי און אַרויס פון רוסלאַנד מיט דעם שטראָם פוילישע יידן אויף פאַלשע פּאַפּירן. דאָ מאַכט ער זייער גוט פרנסה. האָט אַ טייער ווייבל, פון אַרום וואַרשע, מיט צוויי קינדער. ביז שפּעט אין דער נאַכט זענען מיר געזעסן, דריי פינטעלעך

יידן אין דעם גרויסן אַמעריקע, און זיך געטיילט מיט די זכרונות פון יענע פאַרקראַטעוועטע יאָרן.

***

פונעם פאַר-לאַגער הינטער טאַשקענט בין איך אַוועק אין מערץ 1943. דער נאַטשאַלניק האָט זיך מיט מיר געזעגנט, אָנגעזאָגט צו זיין פאַרזיכטיק מיט די אַרעסטאַנטן, נישט געטרויען קיינעם.

— דזשיגאַן, ס'וועט נאָך קומען דער טאָג און איר וועט זיין פריי. דערציילט דער וועלט, אַז ס'לעבן אין ראַטן-פאַרבאַנד טויזנ-טער יידן, וואָס האָבן נישט פאַרגעסן זייערע אבות. אפשר וועלן מיר זיך נאָך זען אין אַנדערע באַדינגונגען. פאַרלירט נישט דעם בטחון. דאָס איז אַן אַלט יידיש געווער קעגן צרות.

דער אומעט איז געלעגן אויפן נאַטשאַלניק גדיכטער, ווי אויף מיר. מיין בריגאַדיר איז געשטאַנען פונדערווייטנס און געוויינט..

אויפן טראַנזיט-פונקט האָט מען מיר געפרעגט וועלכן פּאַראַ-גראַף אונטערליג איך. איך האָב אָפּגעדעקלאַמירט — פּאַראַגראַף 57. נישט איך, נישט שומאַכער, האָבן נאָך דאַן געוווּסט, אַז דער פּראָקוראָר האָט אונדז אונטערגעוואָרפן אַ קרימינעלן פאַרברעך, כדי אונדז צו ראַטעווען. פּאַראַגראַף 57 האָט גערעדט וועגן פאַר-רעטער פונעם פאָטערלאַנד. אויפן סמך פון מיין דעקלאַראַציע האָב איך זיך באַלד געפונען אויפן הויף פון די איזאָלירטע, פּאָליטישע אַרעסטירטע. דאָרט זענען שוין געווען אויפגעזאַמלט רוסישע יידן, פּליטים פון די פּוילישע געביטן, אַזוי ווי איך, און עטלעכע פּאָליאַקן, געוועזענע פונקציאָנאַרן פון די ליקווידירטע דעלעגאַטורן.. נאָך דעם ווי גענעראַל אנדערס מיט דער אַרמיי האָבן פאַרלאָזן דעם סאָוויעטן-פאַרבאַנד, זענען אַרעסטירט געוואָרן די אַלע פאַרבלי-בענע פּאָליאַקן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו די עמיגראַנטישע קרייזן אין לאָנדאָן. די סאָוויעטן האָבן זיי שוין מער נישט באַדאַרפט

צו זייער פּאָליטישן שפּיל. צווישן די אַרעסטירטע פּאָליאַקן איז געווען איין ייד, אויך אַ פונקציאָנאַר. ער האָט זיך נישט געקאָנט אַן עצה געבן מיטן סימן פון זיין אָפּשטאַם. אונדז האָט ער דערציילט, אַז ער איז אַ ייד, ווייל וואָס וואָלט אים געהאָלפן דאָס לייקענען? די פּאָליאַקן האָט ער איינגערעדט, אַז ער איז אַ קריסט. פון דעם אַלעם האָט ער געמוזט זיך דרייען אין באָד מיט אַ האַנטעך אַרום די לענדן. איך האָב אים אַ נאָמען געגעבן משה קאַטאָליק, און ביי דעם איז ער געבליבן ביז דער באַפרייאונג.

אויפן טראַנזיט-פונקט האָט מען נישט געאַרבעט. מען איז געלעגן אויף די פּריטשעס און געוואַרט ביז צום טראַנספּאָרט. יעדן טאָג זענען צוגעקומען הונדערטער אַרעסטאַנטן. פון אַלע גלויבנס און פון אַלע נאַציעס. מען האָט זיי דאָ אויפגעזאַמלט פון גאַנץ רוס-לאַנד. פאַרהונגערטע און צעבראָכענע. אַמערגסטן זענען אָנגעקומען די טשעטשענער, אַן אַלטער קאַווקאַזער שבט. זיי פלעגט מען אַראָפּ-נעמען פון די לאַסט-וועגענער האַלב-טויטע. איך האָב זיך איינ-געבעטן צו אַרבעטן אַלס סאַניטאַר, כדי זיך צו קענען פרייער באַ-וועגן. דער דאָקטאָר פון פונקט האָט מיר געגעבן אַן עמער מיט גרינעם יאָד און באַפוילן — גיי צו די וואַגאָנען און שמיר וווּ עס טוט וויי... אַן אַרעסטאַנט האָט געפּלאַצט דער קאָפּ פון היץ, האָב איך אים געשמירט דעם שאַרבן אויף גרין. כ'האָב געמאָלט מיט דעם יאָד בייכער, פיס, אַקסלען, ווו נאָר מען האָט געקאָנט צו-קומען. וואָס נאָך האָב איך געקאָנט טאָן פאַר די אָרעמע באַרג-באַוווינער, וואָס די מילדע זון און די קרישטאָל-ריינע לופט האָט אַזוי אויסגעאיידלט זייערע פאַרברוינטע פּנימער? סטאַלין האָט זיי געהאַט באַשטראָפט פאַר אויפנעמען פריינדלעך די דייטשן, און באַפוילן אָפּצומעקן פון דער מאַפּע זייער רעפּובליק. די איינוווינער האָט מען צעוואָרפן ווי מיסט איבער די לאַגערן פון ווייטן קאַזאַכ-סטאַן. ווען עס קומען צו זיי טערקן, וואָלטן זיי אויך אַרויס אין גאַס

מיט ברויט און זאַלץ, אַזוי איז דער האַס צום סאָוויעטישן רעזשים געווען שטאַרק ביי זיי. די טשעטשענצעס האָבן נישט געקאָנט קיין דייטשן און נישט געוווּסט וואָס זיי ברענגען מיט זיך. זיי האָבן בלויז געזען ווי סטאַלינס בילד ליגט צעריסן אויפן ברוק. מער האָבן זיי נישט געדאַרפט. און איך, דער יידישער אַרעסטאַנט פון פוילן, איז אומגעגאַנגען צווישן זיי מיט אַן עמער גרינעם יאָד לינדערן זייער פיין.

די איראָניע פון גורל האָט געוואָלט, אַז דער נאַטשאַלניק פונעם טראַנזיט-לאַגער איז אויך געווען אַ טשעטשעניעץ נישט פון די פאַר-שיקטע, נאָר אַן אַלטער פאַרטיי-מיטגליד, וואָס האָט יאָרן מיטגע-אַרבעט מיטן רעזשים און דערגאַנגען ביז אַ פּאָלקאָווניק פון דער נ. ק. וו. ד. ער האָט געמוזט צוזען ווי מען פאַרניכטעט זיין פאָלק, און נישט געקאָנט זאָגן אַ וואָרט אַנטקעגן. מיר, יידישע אַרעסטאַנטן, האָבן געהאַט מיט אים אַ צוזאַמענשטויס, וואָס אין אַנדערע צייטן וואָלט זיך דאָס געקאָנט ענדיקן פאַר אונדז זייער טרויעריק. די זאַך איז געווען אַזוי. ראש השנה האָבן די יידישע אַרעסטאַנטן באַשלאָסן צו דאַוונען אין אַ מנין. מיר זענען געווען, צוזאַמען מיט משה קאַטאָליק, פערצן מאַן. מוסף האָט געדאַרפט זאָגן דער „פאַר-ברעכער״ האַלבערשטאַם, אַ זון פונעם באַוווּסטן באָבעווער רבין. די פוילישע און רוסישע אַרעסטאַנטן האָבן אונדז געוואָרנט מיר זאָלן נישט דאַוונען בציבור. דאָס שמעקט מיט נייע פּופּצן יאָר קאַטאָרגע. יידן זענען דאָך, אָבער, עקשנים. האָבן זיי זיך אַוועק-געשטעלט אונטערן פרייען הימל דאַוונען. דער בעל-תפילה האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָנעם פּלויט און זיך אָפּגעגעבן כולו דער השגחה עליונה. ס'האָט נישט געדויערט קיין פינף מינוט, האָט אין הויף אַריינמאַרשירט אַ ראָטע נ. ק. וו. ד.-זעלנער מיט מאַשין-געווער אין די הענט. זיי האָבן אונדז געגעבן אַ רינגל אַרום און געוואַרט אויף וויטערדיקע באַפעלן פון דעם נאַטשאַלניק, דעם טשעטשע-

ניעץ. יענער איז אָנגעקומען און זיך אַוועקגעשטעלט קעגנאיבער אונדזער שליח ציבור. דער זון פון באָבעווער רבין האָט פּאַוואָליע געזאָגט פּסוק נאָך פּסוק און זיך גאָר ווייניק געמאַכט פון לאַגער-הערשער. מיר זענען געשטאַנען ווי צוגעשמידטע און נאָכגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט. דעם נאַטשאַלניקס אויגן האָבן געשפּריצט מיט פייער. ער האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט אונדז. דער בעל תפילה האָט פאַרקלעמט ביידע הענט אין די פלאַנקן פון עם פאַרקאַן, אַרויפגעהויבן דעם קאָפּ צום הימל, און נישט געדאַוונט, נאָר געריידט מיט אַ פעסט קול אין אונדזער נאָמען צום אַלמעכטיקן. דער טשעטשעניעץ האָט מן הסתם פאַרשטאַנען, אַז ער וועט אונדז קאָנען רירן פונדאַנען נאָר מיט קוילן. און אפשר האָט ער דאַן גע-טראַכט — זע נאָר וואָס יידן זענען — צעטראָטן, צעבראָכן האָבן זיי זיך איינגעזאַמלט אין אַ געמיינזאַמער תפילה און האָבן נישט מורא פאַר קיין פאַרבאָט. זיי פאַרלאָזן זיך אויף אַ העכערע קראַפט, נישט אויף סטאַלינען, וואָס האָט פאַרניכטעט זיינע ברידער...

ער האָט באַפוילן די זעלנער אָפּצוטרעטן און אַליין אויך אַוועק נישט אומצוקוקן זיך אויף אונדז.

איך געדענק נישט גענוי אין שייכות מיט וועלכער געשעעניש איז אין יאָר 1943 דערקלערט געוואָרן אַ קליינע אַמנעסטיע. מען האָט באַפרייט פון די לאַגערן פּאָליאַקן, רומענער, עסטרייכער, שפּאַניער א. א. קיין יידן האָט מען נישט באַפרייט. איך האָב זיך באַקלאָגט אויף דעם פאַר דעם זון פון באָבעווער רבין, אונדזער בעל-תפילה. אַלע פעלקער האָבן אַ טאַטן, האָב איך אים געזאָגט, בלויז די יידן זענען יתומים. ס'איז נישטאָ ווער זאָל זאָגן אַ וואָרט פאַר זיי. דער יונגער צדיק, שוין דאַן אויסגעדאַרט און אויסגעקוואַרט פון הונגער און קראַנקייטן, האָט געשמייכלט:

— דזשיגאַן, זינדיקט נישט. מיר, יידן, פאַרמאָגן דעם בעסטן טאַטן. אונדזער פאָטער אין הימל זעט אַלץ און פאַרשרייבט אַלץ.

ער וועט אָפּקלייבן ווער ס'זאָל דערלעבן די באַפרייאונג, די גאולה. דאַן, ווען ער וועט באַשליסן, וועט אונדזער גאולה זיין פולקאָם, אפילו אַ גאולה דורך אַן אייגענער מדינה. יידן וועלן אַרויס פון דער קנעכטשאַפט און לויבן זיין נאָמען אויף די הייליקע פלעצער. ווער ווייס צו איך וועל דאָס דערלעבן, אָבער איר יאָ. איך פיל עס. יידן וועלן דאַרפן אייער וויץ, אייער טרייסט. אייך וועט גאָט געבן כוח איבערצולעבן. מיר האָט גאָט אויסדערוויילט צו העכערע צילן — צו באַווייזן יידן ווי מען איז זיך מקריב פאַר דער תורה, דערפאַר וועל איך נישט איבערלעבן.

און ער איז געשטאָרבן. אויף מיינע הענט. אָט דער יונגערמאַן מיט די בלויע הימל-אויגן, וואָס ביי די אומות-העולם וואָלט מען אים פאַרהייליקט, האָט צוליב כשרות-טעמים זיך דערנערט מיט בלויזן ברויט און וואַסער. ער האָט פאַרקויפט פון זיך ביז אַ פאָדעם, צו קויפן אַ ביסל זויער-מילך יעדן טאָג, און נישט דאַרפן עסן די זופּ פון טריפהן קעסל. ווען ס'זענען אים אויסגעגאַנגען אַלע מיטלען איז ער אויסגעגאַנגען. ביז זיין משפחה אויף דער פריי האָט זיך דערוווּסט וועגן זיין פינסטערן גורל, איז ער שוין געווען אויפן עולם האמת.

איך בין אין יענער צייט אויך געווען מיט איין פוס אויף יענער וועלט. כ'בין קראַנק געוואָרן אויף דעזינטעריע. דאָס שמוציק עסן האָט גורם געווען די מחלה. מען האָט געוואָרפן אין דער זופּ אָפּפאַל פון פאַרפוילטע פיש. פון אָט דעם מאַכל זענען טויזנטער אַרעסטירטע אַוועקגעפאַלן. איך האָב געזען, אַז נאָך אַ ביסל צייט און איך ענדיק זיך, האָב איך אָנגעהויבן זוכן מיט די לעצטע כוחות אַן אויסוועג.

ביים לאַגער איז געווען אַ קרעמל, ווו א רוסישער ייד האָט אָפּיציעל פאַרקויפט זויער-מילך צו די אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן גע-האַט מיט וואָס צו באַצאָלן. איך האָב נישט געהאַט. האָב איך אים

בלויז געבעטן רחמים, ער זאָל זאָגן אין שטאָט וועמען פון די פּוי-לישע יידן, אַז דזשיגאַן איז אין לאַגער און ער גייט שטאַרבן, ווייל ער האָט נישט אויף זויער-מילך. אויף מאָרגן איז דער ייד געקומען עפּעס ס׳געשעפּט אַ צופרידענער — ער האָט געטראָפן לאַנדס-לייט פון לאָדזש, און דערציילט וועגן מיין לאַגע. אויפן אָרט האָבן זיי אים געגעבן געלט, ער זאָל מיר פאַרקויפן זויער-מילך וויפל איך וויל. אויך האָט ער מיר געזאָגט, אַז זיי וועלן אָנהויבן אַריינשיקן פּעקלעך עסן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום רופט מען מיך פון דער קאָמענדאַנטור אָפּנעמען אַ פּעקל עסן. כ׳עפן אויף דאָס פּעקל, פאַלט אַרויס פון דאָרט אַ בריוול. איך וויל אים איבערלייענען, גיט מיר די האַנט-שריפט אַ קלאַפּ אין האַרץ און אַלע אותיות גיסן זיך צענויף אין איין אות. דער אות מיט וועלכן ס׳הויבט זיך אָן דער נאָמען פון מיין פיקטיווער פרוי, וועמען כ׳האָב אין זיינער צייט אַריינגענומען אין אונדזער טרופּע און געראַטעוועט פון פאַרשיקונג. יענער בריוו האָט מיר אויסגעלערנט נישט צו מאַכן קיינע אויספירן אויף דער הייסער מינוט. זי האָט געשריבן, אַז דעם טאָג, בעת מען האָט מיך מיט שומאַכערן געפירט קיין יאַנגע-יול, האָט זי באַקומען אַ ידיעה, אַז מען האָט איר מאַן אַריינגעוואָרפן אין תפיסה פאַר פאַרקויפן אַ פלאַש בראָנפן אויפן מאַרק. זי איז גלייך געפאָרן דאָרט אים ראַטעווען, אויסקויפן מיט געלט. ביז זי האָט זיך דערשלאָגן צו עמיצן, איז יענער געשטאָרבן אין תפיסה. אין איין צייט האָט זי אונדזביידן פאַרלאָרן; אָבער אַזוי ווי איך האָב געלעבט, האָט זי זיך געוואָרפן מיר ראַטעווען. זי האָט פאַרקויפט פון זיך דאָס לעצטע און געלאָפן קיין טאַשקענט. איך בין שוין, אָבער, דאָרט נישט געווען. אין שטאָט האָט זי זיך דערוווּסט פון יידישע פליטים, אַז איך זיץ אין טראַנזיט-לאַגער. יעדן צווייטן טאָג האָט זי מיר אָנגעהויבן ברענגען פּעקלעך עסן. די זון האָט אויפגעשיינט פאַר מיר. ווען נישט איר

הילף וואָלט שוין לאַנג קיין זכר פון מיר נישט געווען. אַ דאַנק אַט דער פרוי האָב איך דערלעבט די פרייהייט.

**
*

נעכט בין איך געלעגן אויף דער נאַרע אין טראַנזיט-לאַגער און געפּרוּווט מאַכן אַ סך-הכל פון זיך אַליין. ווער בין איך? וואָס בין איך? ווו בין איך? כ'בין אַ יידישער אַקטיאָר, אַ קאָמיקער, אָבער אַנשטאָט איך זאָל אויסלאַכן דעם גורל, מאַכט דער גורל גאָר חוזק פון מיר. אַנטלאָפן פון די נאַציס און געזוכט שוץ ביי די סאָוויעטן. מען האָט מיך געצוווּנגען ווערן אַ בירגער פונעם ראַטן-פאַרבאַנד, אויב נישט שיקט מען מיר קיין סיביר. בין איך געוואָרן. איז אויס-געבראָכן די מלחמה. האָב איך זיך געמאָלדן אין דער רוסישער אַרמיי, האָט מען מיך נישט אָנגענומען. האָב איך זיך געמאָלדן אין דער פּוילישער אַרמיי. האָט מען מיך יאָ אָנגענומען. כ'האָב איינמאָל גענומען דאָס לעבן ערנסט, פאַרשטאַנען דעם זין פון דער מלחמה און געוואָלט קעמפן קעגן די רוצחים פון מיין פאָלק. בין איך מגולגל געוואָרן אין לאַגער. כ'בין צעריבן געוואָרן צווישן די רעדער פון דעם גרויסן סאָוויעטישן באַלאַגאַן. אַזאַ באַלאַגאַן, אַז איך וואָלט זיך געשעמט אים אַרויפצושלעפּן אויף דער וועלט-בינע. די פּוילישע מיליטער-מאַכט האָט מיטגעשיקט מיט אונדז אַ בריוול, און אַנשטאָט לאַגיש צוגיין צו אונדזער ענין, אויסקוועטשן פון אים דאָס גאַנצע זינלאָזיקייט, האָט מען מיך געמאַכט פאַר אַ פאַרברעכער. כ'בין געקומען צום אויספיר, אַז די רוסן זענען די געניאַלסטע אָרגאַניזאַטאָרן פון באַלאַגאַן; אָבער פון דעם אויס-פיר איז מיר לייכטער נישט געוואָרן, בלויז טרויעריקער. אויף דער נאַרע אינעם לאַגער איז געלעגן דער טרויעריקסטער קאָמיקער אין דער וועלט. זיין נאָמען? — דזשיגאַן.

**
*

פון פאַרלאָזן די טאַשקענטער תפיסה ביזן אָנקומען צום לאַגער אין אַקטיובינסק, זענען אַוועק ניין חדשים. אין משך פון אָט דער צייט בין איך אַ דורך דעם גאַנצן אוניווערזיטעט פונעם סאָוויע־טישן לעבן. דער רוסישער שרייבער מאַקסים גאָרקי האָט באַשריבן זיינע יוגנט־וואַנדערונגען איבער דעם צאַרישן רוסלאַנד אין אַ בוך מיטן נאָמען „מיינע אוניווערזיטעטן". ווען דער גרויסער פּראָזאיקער גייט אַ דורך דאָס וואָס איך, וואָלט ער אַ נאָמען געגעבן זיין בוך — „מיין קינדערגאָרטן". די לעקציעס, וואָס דער סאָוויעטישער רעזשים גיט זיינע בירגער, האָט דער רעאַקציאָנערער צאַריזם נישט געוואַגט אַריינצונעמען אין זיין לערן־פּראָגראַם.

איך האָב זיך אויסגעלערנט רעדן אַנדערש און טראַכטן אַנ־דערש. כ'האָב אויסגעשטודירט וויפל ליגן עס ליגט אין דעם באָל־שעוויסטישן אמת. כ'האָב זיך פאַרפולקאָמט אין שעלטן מיט אַזעלכע קללות, וואָס קיין לשון אין דער וועלט פאַרמאָגט עס נישט. כ'בין געוואָרן אַ מייסטער אויף זידלערייען, שמוציקע רייד, סתם זאָגעכצן ביטערע. כ'בין גרינטלעך אַדורך די נישט אָנגעשריבענע הויפּט־געזעצן פון דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט, דאָס זענען — שווייגן און גנבענען.

מיט שווייגן איז אַזוי: וויפל דו זאָלסט נישט שווייגן, מוזטו ווערן אַרעסטירט פאַר רעדן.

מיט גנבענען איז דאָס זעלבע: ווי אָרנטלעך דו זאָלסט נישט וועלן זיין, מוזטו ווערן אַרעסטירט פאַר גנבה.

ווייל דער ראַטן־פאַרבאַנד קאָן זיך נישט באַגיין אָן זיצער. אויף די זיצער זיצט דער רעזשים. איצט, פּונקט אַזוי ווי אין סטאַלינס צייטן, ווען מען האָט אים געדאַרפט לויבן אויף אַלע לוויות און אויף אַלע חתונות.

באַוואָפנט מיט דער אויבנדערמאָנטער בילדונג בין איך אָנגע־קומען אין אַקטיובינסקער שטראָף־לאַגער. דער לאַגער איז געשטאַ־

נען נעבן גרויסע שטאָל-הוטעס. דאָרט האָבן אויך געאַרבעט אַזוי-גערופענע „פרייע אַרבעטער" פון דער געגנט אַרום.

די נייעס, אַז מען האָט מיך געבראַכט אין לאַגער, האָט זיך פאַרשפּרייט כהרף עין. די יידישע אַרעסטאַנטן זענען געלאָפן מיר אָפּגעבן שלום. כ'האָב דאָרט געטראָפן שומאַכערן. מיר האָבן זיך נישט געזען פון דער אויספאַרשונג. דעמאָלסט האָט ער געווויגן צוויי און פערציק קילאָ. איצט האָט ער אויסגעזען ווי אַ גאַנצער אַטלעט. ער האָט שוין געווויגן פופציק קילאָ. ווען נישט זיין גרויסער שטערן און די ברילן, וואָלט איך אים נישט דערקאָנט, אַזוי פלאַך איז ער געווען, ווי אַ ברעט. ווי איך בין געווען אַליין אויף גרויסע צרות, האָבן מיר די טרערן געשטיקט אין האַלדז. שומאַכער האָט מיר געטרייסט — גאָט צו דאַנקען דערפאַר. ער אַרבעט נישט אין דרויסן. אַ באַקאַנטער דאָקטאָר האָט אים אַריינגענומען אין לאַגער-שפּיטאָל, ווי אַ קראַנקן. באַקומט ער אַ ברעקל ברויט מער און ליגט אויף אַ בעטל. ווען נישט אָט די הילף, וואָלט ער שוין לאַנג געלעגן אונטער גראָז.

מען האָט טאַקע געקאָנט זאָגן — גאָט צו דאַנקען. אין לאַגער איז געזעסן אַ יידישער אַקטיאָר. ער האָט געהאַט אַ ריזן-פּאָסטן. אין דער בעקעריי. דעם ערשטן אָוונט, אַז ער האָט מיר מיט שומאַכערן מכבד געווען מיט שטיקלעך ווייס ברויט, איז בלויז פון דעם מעל-קאָליר אונדז געוואָרן ליכטיק אין די אויגן; אָבער אַקטיאָר בלייבט אַקטיאָר. ער האָט אָנגעהויבן שטעלן באַדינגונגען ביים געבן דאָס שטיקל טעגלעך ברויט — מען זאָל אויסהערן זיין זינגען. מילא, האָבן מיר אויסגעהערט. דערנאָך פלעגן מיר דאַרפן לויבן זיין טאַלאַנט ביז אין הימל אַריין. איך האָב עס געטאָן זייער פלייסיק. מיינע לעקציעס, וואָס כ'האָב געגאַשט אינעם סאָוויעטישן לעבנס-אוניווערזיטעט, זענען נישט געגאַנגען לאיבוד; אָבער שומאַכער האָט בשום אופן נישט געוואָלט גיין אין שפּאַן. ער האָט

געטענהעט — עס קומט אים נישט, דעם בעקער, קיין לויב, ווייל ער איז אַ דראַנג, נישט קיין זינגער. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט אויפגעהערט געבן שומאַכערן ברויט, און איך האָב גערדאַרפט מיין כשר-פאַרדינטן ביסן טיילן אויף צוויי. דער אַקטיאָר האָט מיר אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, טאָמער גיב איך שומאַכערן כאָטש אַ ברעקל, הערט ער אויף זינגען און ס׳איז געענדיקט דאָס געשעפט. כ׳האָב געזען, אַז ס׳איז ביטער, האָב איך זיי ביידן גענומען פאַר די קעפּ און אויסגעזידלט לויט אַלע כללים פון מיין געענדיקטן פאַקולטעט. דעם בעקער האָב איך געשטראָפט פאַר פאַדערן קאָמפּלימענטן און שומאַכערן — פאַר נישט געבן זיי. דער סוף איז געווען, אַז מען האָט געכאַפּט דעם קינסטלער ביים גנבענען ברויט, און מען האָט אים אַוועקגעשיקט אויף שוואַרצער אַרבעט.. ס׳האָבן זיך געענדיקט די זיבן גוטע יאָר. אַלע דריי זענען מיר געבליבן אָן ברויט.

איך האָב אָנגעהויבן קאָמבינירן ווי זיך אַריינצוקריגן אויף אַרבעט, וווּ מען קאָן גנבענען. אַ דאַנק מיינע גוטע זעלנער-שיך און אַ פּאָר פעקלער מאַכאָרקע שוחד, האָב איך זיך איינגעאָרדנט אין שניידעריי-וואַרשטאַט. דער וואַרשטאַט איז באַשטאַנען פון צוויי אָפּטיילונגען — ווו מען האָט געלאַטעט שמאַטעס פאַר די אַרעסטאַנטן, און אַ צווייטע אָפּטיילונג פאַר נאַטשאַלסטווע. צו-ערשט בין איך געווען באַשעפטיקט ביי די לאַטעס, צעשטאָכן זיך די פינגער ביים שטופּן די נאָדל אין פאַרשמאַלצענעם לייוונט, האַרט ווי אַ בלעך פון שמוץ. ס׳איז מיר דאָרט מיאוס געוואָרן דאָס לעבן. כ׳האָב חרטה געהאַט אויפן גאַנצן עסק. ס׳איז מיר באַפאַלן אַ מרה-שחורה, פינסטערע מחשבות זענען מיר געלאָפן, ווי די מייז, דורכן קאָפּ. כאָטש נעם צערייס אַ פּאָר אַלטע הויזן אויף אַ תליה... אָבער דאָס שדל פון געלעכטער אין מיר האָט געוויזן אַ רויטע צונג, מיר אויסגערעדט — דזשיגאַן, בהמה, טו אַלץ איבערצולעבן. ווּעסט

אַרויסגיין פונדאַנעט מיט צוואַנציק פּראָגראַמען הומאָר. ס׳וועט דיר קלעקן רעפּערטואַר אויף אַ גאַנץ לעבן. די וועלט וועט זיך האַלטן ביי די זייטן, ווען דו וועסט אָפּשפּילן איין קליינע סצענע פון דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט, וואָס דער לאַגער איז אַן אינטע-גראַלער טייל פון איר.

דעמאָלסט, אין דעם שניידער-וואַרשטאַט, בין איך געווען זיכער, אַז די וועלט וועט זיך קאַטשען פון געלעכטער, ווען איך וועל ברענגען דעם גרוס פון ראַטן-פאַרבאַנד. אָבער ווו? נאָך הייַנט זענען פאַראַן אינטעליגענטע בהמות, וואָס נעמען דעם קאָמוניזם טויט-ערנסט.

אַזוי זענען אַוועקגעלאָפן דריי מאָנאַטן און כ׳האָב געלייגט לאַטעס אויף לאַטעס. כ׳האָב געזען, אַז מיט די לאַטעס וועל איך ווייט נישט פאַרפאָרן, האָב איך פאַרטראַכט אַ פּלאַן צו שאַפן אַ לאַגער-טעאַטער. גערעדט און געטאָן. כ׳האָב נאַטשאַלסטווע פאַר-קויפט די אידייע. די נ. ק. וו. ד. האָט עס אויפגעכאַפּט ווי אַ ווילדע מציאה. אַט וועלן זיי באַווייזן די העכערע אינסטאַנצן, ווי די איבער-דערציאונג אין לאַגער איז געלונגען. אַרעסטאַנטן גייען שאַפן אַ קינסטלערישע איינהייט. שומאַכערן האָב איך אויסגערופן ווי דעם אָנפירער, און כ׳האָב זיך געלאָזט איבערן לאַגער מאָביליזירן נאָך כוחות. ס׳איז געווען פון וואָס צו קלייבן. אין אַקטיובינסקער שטראָף-לאַגער זענען געווען פאַרשפּאַרט זינגער און טענצער, מוזיקער און רעציטאַטאָרן, די בעסטע. זיי זענען אַלע געווען באַ-שטראָפט פאַר משונהדיקע פאַרברעכנס. פאַר אומגלויבלאַכע מסי-רות. זיי אַליין האָבן נישט געוווּסט פאַרוואָס זיי זיצן. פון די אַרעס-טירטע קינסטלער האָט מען געקאָנט שאַפן אַ פיינף גוטע אַנסאַמבלען. איך און שומאַכער זענען געוואָרן די רעזשיסערן. די פּראָבן זענען געווען פאַררעכנט ווי אַרבעטס-טעג. יעדע וואָך פלעגן מיר געבן אַ דריי-פיר קאָנצערטן. איך האָב תמיד געשפּילט אַ דייטש. פון

מיין רוסיש האָט מען זיך געקייקלט פון געלעכטער. קיין בעסערע פּראָפּאַגאַנדע האָט מען זיך נישט געדאַרפט ווינטשן. יעדע פּאָלי-טישע פאַרזאַמלונג האָט מען געענדיקט מיט אונדזערס אַן אויפ-טריט.

ס׳וואָלט אַלץ גוט געווען מיטן טעאַטער, ווען ס׳איז פאַראַן דערביי וואָס צו עסן. אמת, מיר האָבן נישט געאַרבעט אַזוי שווער ווי די אַנדערע, אָבער זאַטער זענען מיר דערפון נישט געוואָרן. כ׳האָב געזאָגט שומאַכערן, דו פיר טעאַטער, און איך וועל ווידער זוכן אַ שטעלע, ווו מען קאָן גנבענען, אַ נישט וועלן מיר דאָ אויס-גיין ווי די ליכט. איצט, אַז מען האָט מיך שוין געזען אויף דער בינע, איז שוין געווען לייכטער צוצוקומען צו די לאַגער-באַלעבאַטים. מען האָט מיך אַריינגעשיקט אַרבעטן אין דער שניידעריי פאַר די פּני פונעם לאַגער. אין יענעם יאָר איז געוואָרן אַ מאָדע אויף פרענטשן. די אַרמיי-אָפיצירן האָבן אַראָפּגעוואָרפן די גימנאַס-טיאָרקעס, די בלוזעס איבער די הויזן, און לויט אַ באַפעל זיך אָנגעטאָן פרענטשן, ווי אין די אַלירטע אַרמייען. די נ.ק.וו.ד.-לייט האָבן זיך מתקנא געווען אָן די העכערע ראַנגעס אויפן פראָנט, און גרייט געווען אַוועקגעבן אַ האַלבע מדינה פאַר אַ פרענטש מיט שליפעס. איך בין געוואָרן דער גרויסער ספּעציאַליסט אויף דעם. מיין לערע ביי די לאָדזשער מייסטערס איז מיר דאָן גאָר שטאַרק ביי-געשטאַנען.

אַ דאַנק מיין קענטשאַפט אין שניידעריי בין איך עולה לגדולה געוואָרן. די נאַטשאַלניקעס האָבן מיר געקוקט אין די אויגן וואָס פאַר אַ מינע איך מאַך. און נישט אומזיסט. פאַר אַ שיין-אויפגענייטן פרענטש מיט שליפעס האָט איין נאַטשאַלניק אונטערגעקויפט דעם אַנדערן. ס׳איז אַוועק צווישן זיי אַן אויסטויש פון טובות. דער האָט געקאָנט שאַפן רייז, און יענער פלייש. איינער האָט געקאָנט זאָגן אַ גוט וואָרט אין דער פאַרטיי, אַ צווייטער — אין דער צענ-

טראַלע. זיי האָבן זיך אָנגעשטאָפּט די טאַשן, געפּרעסן און גע־טרונקען, און איך האָב זיך בלויז באַלעקט. איך האָב טאַקע באַ־קומען פּרעמיעס פּאַר שפּילן טעאַטער ביינאַכט און נייען מונדירן בייטאָג, אָבער מער ווי צו זעקסהונדערט גראַם ברויט טעגלעך בין איך נישט דערגאַנגען. כ׳האָב באַשלאָסן, והי מה, אָנהויבן גנבענען. מיין שותף איז געוואָרן דער דירעקטאָר פון שניידער־וואַרשטאַט, אַ רוסישער פּויער מיט אַ יידישן קאָפּ. אַזוי ווי דער וואַרשטאַט פּאַר נאַטשאַלסטווע געפינט זיך אין דער אויסערן־זאָנע פונעם לאַגער, וועט ער מיר מיטגעבן יעדן טאָג אַ צוואַנציק מעטער לייוונט דאָס אַרויסצושמוגלען. דעם לייוונט וועל איך איבערגעבן אַ קאַזאַך, אַ „פרייען" אַרבעטער, וואָס באַדינט די אינסטרומענטן־אָפּטיילונג, און יענער וועט ברענגען פון שטאָט עסנוואַרג אינעם ווערט פון דעם געגנבעטן לייוונט.

מיר האָבן זיך איינגעטיילט מיט די ראָלן. דער רוס מיטן יידישן קאָפּ, דער צושניידער פון וואַרשטאַט, האָט געשניטן אַזוי די סחורה, ס׳זאָל אַרויספאַלן אַ גוטע פּאָר מעטער. ביינאַכט פלעגט ער די סחורה ברענגען אין דער ביבליאָטעק, וווּ שומאַכער איז געשלאָפן, ווי אַ פּאַרדינסטפולער אַקטיאָר. דאָרט איז דאָס לייוונט געלעגן אונטערן בעטל ביז איך בין געקומען אינדערפרי עס אַרומוויקלען אַרום בויך. שומאַכער האָט מיר תמיד געהאָלפן אָנטאָן מיין שינעל, ווייל כ׳האָב זיך נישט געקאָנט געבן אַ דריי צוליבן אַרומגעבונדענעם בויך. אַזוי פלעג איך אַרויס מיט מיין בריגאַדע צו דער אַרבעט. אין דער אויסערן־זאָנע. דאָרט בין איך גלייך געלאָפן צום קאַזאַך אָפּלאָדן די סחורה. אין די שופלאָדן פאַר דעם געצייג זענען געלעגן אָנגעגרייט — הינער, פּוטער, פלייש, אייער, פיש געקאָכטע און געבראָטענע, וויינטרויבן, עפּל, בראָנפן, הערינג — וואָס אַ מויל קאָן אויסריידן. ס׳איז געווען צו עסן פּאַר אַ מאַן צען — און געווען זענען מיר אינגאַנצן פיר:

דער רוס, דער ממזר מיטן יידישן קאָפּ. שומאַכער, (פֿאַר באַ-האַלטן די סחורה אונטערן בעטל). איך — פֿאַר אַרויסטראָגן דעם לייוונט און ברענגען דאָס עסנוואַרג. דער אַקטיאָר, דער בעקער — פֿאַרן קאָכן. יעדע נאַכט, צווישן עלף און איינס, האָבן פֿיר אַרעס-טאַנטן געמוזט אויפעסן אַלץ, ביז אַ פּאָדעם. טאָמער וואָלט מען עפּעס אַנטדעקט, באַקומט יעדער פֿון אונדז נייע פופֿצן יאָר. האָט מען געגעסן און געפּלאַצט.

מיין שינעל איז געווען אַן אינסטיטוציע פֿאַר זיך. ער האָט פֿאַרמאָגט קעשענעס, גרויס ווי שופֿלאָדן. דאָרט האָב איך געלייגט די פּראָדוקטן. ס׳איז געווען אַ מלחמה-שינעל. מען האָט עס געזען דורך די לעבער אין די פּאַלעס, געזוימט מיט שפּורן פֿון פֿאַרטריקנט בלוט. איך ווייס נישט דורך וועלכע וועגן איז אָט דער שינעל אָנגעקומען אין לאַגער. איך ווייס בלויז, אַז ער איז געווען מיין צווייטע הויט. כ׳האָב זיך געפֿילט אין אים ווי אַ פֿיש אין וואַסער. אַרויפֿגעצויגן אים אויף די אַקסלען, האָב איך דעם שינעל פֿאַר-פֿעסטיקט אַרום די לענדן מיט אַ שטריק, אויפֿגעשטעלט דעם קאָלנער און גרייט געווען צו גיין קעמפֿן מיט דעם פֿראָסט און דעם הונגער. געקומען צוריק מיטן אַריינגעשמוגלטן האָב און גוטס, פֿלעג איך אָפּבינדן די שטריק, אַרויסציען די הענט פֿון ביידע אַרבל, און אַרויס פֿון שינעל, ווי אַ ריטער פֿון זיין פּאַנצער. דער קויט, וואָס האָט זיך געהאַט איינגעגעסן אינעם געוועב, האָט אים גע-מאַכט האַרט ווי אַ בלעך. מיינע שותפֿים פֿלעגן נישט איינמאָל נאָכ-קוקן דעם בייזן ווונדער, ווי דער שינעל, אָנגעפֿילט מיט עסנוואַרג שטייט, עלעהיי אַ בופֿעט. אַ טרייער בגד געווען. ער האָט מיר גוט געדינט.

***

איינמאָל, נאָך אַ סעודה ביז פּלאַצן, האָבן מיר פֿאַרפֿירט אַ וויכוח צי עס לוינט זיך ריזיקירן מיט נייע יאָרן לאַגער. דער אַקטיאָר,

דער קוכער, האָט געהאַלטן מען זאָל עסן וויפל ס׳גייט אַריין. די מלחמה וועט זיך ענדיקן און מען וועט אַלעמען אַמנעסטירן, אָן אונטערשייד פון יאָרן. דער עיקר איז איבערהאַלטן דעם קריג. דער זאַטער וועט נאָך עפּעס דערלעבן, אָבער דעם הונגעריקן וועט מען פון דער ערד צוריק נישט אויפגראָבן. די איבעריקע האָבן געלעקט דעם אַראָפּגערונענעם שמאַלץ פון די פינגער און שטום צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. בלויז איך בין נישט געווען גליקלעך פונעם גאַנצן עסק. כ׳האָב געוואָרנט מיינע שותפים, אַז אונדזערע גראָבע בייכער וועלן אונדז מסרן. ווי פאַר אַ לאַגער זענען מיר געוואָרן צו דיק.

דער רוס, שומאַכער, אויך דער אַקטיאָר, זיי וואָלטן אפשר אין אַן אַנדערער צייט מסכים געווען מיט מיר, אָבער זיי זענען אַלע געווען קראַנק אויף דער לאַגער-מחלה — דעם פּסיכאָלאָגישן הונגער. אַ מענטש עסט און עסט, און איז הונגעריק. דער מאָגן האָט זיך אַנטזאָגט צו ווערן זאַט. איך בין אויך געווען באַהערשט פון אָט דער קראַנקייט, מיט דעם אונטערשייד בלויז, וואָס דאָס ביסל שכל הישר איז מיר נישט אַוועק אין בויך אַריין, נאָר געבליבן אויף זיין פּלאַץ — אין קאָפּ. איך האָב נאָך געהאַט דעם כוח צווישן איין פאַרשלונגענעם ביסן און דעם צווייטן געבן אַ קרעכץ:

— מ׳וועט שלעכט אָפּשניידן...

דער אַקטיאָר פלעגט מיר באַרואיקן:

— ביז מ׳וועט שלעכט אָפּשניידן, דאַרף מען שניידן....

האָט מען געשניטן שטיקער פלייש און געוואָרפן אין מויל אַריין. מען האָט דאָס פלייש נישט געגעסן, נאָר געשלונגען. און וואָס מער מען האָט געשלונגען, אַלץ הונגעריקער איז מען געוואָרן. לסוף האָב איך זיך צעבייזערט:

— וואָס דאַרף מען זיין הונגעריק און ריזיקירן מיט ס׳לעבן. קאָן מען דאָך זיין הונגעריק אָן ריזיקע...

איך האָב געמאָלדן מיינע שותפים, אַז איך גיי אַרויס פון געשעפט. כ׳האָב זיי אַרויפגעלייגט אויפן טעלער מיינע מאָטיוון. איך האָב געשמוגלט נישט צו הונגערן, אָבער סתם לייגן אין בויך עסן ווי שטיינער, וויל איך נישט. קיין הנאה פונעם עסן האָב איך נישט. דער הונגער-געפיל, וואָס האָט זיך פאַרלייגט ערגעץ אין מיינע געהירן, לאָזט מיך נישט צורו. וועל איך שוין בעסער הונגערן ווי אַלע מענטשן, און ס׳וועט מיר זיין גוט ווי די וועלט...

כ׳האָב זיי אויך אָנגעגעבן פּאָליטישע סיבות. ס׳איז יאָר 1944. עס דערנענטערט זיך דער נצחון איבער נאַצי-דייטשלאַנד. וועט מען דערציען ביזן סוף מלחמה מיט ליידיקע מאָגנס. מ׳וועט נישט שטאַרבן פון הונגער.

כ׳האָב זיי איבערצייגט. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו ווערן ערלעך און ליקווידירן דעם עסק מיט א פייערלעכער סעודה שבת ביינאַכט.

שבת ביינאַכט האָבן מיר זיך אויסגעזעצט אין דער ביבליאָטעק פּראָווען דעם לעצטן בשותפותדיקן מאָלצייט. דער רוס איז צופעליק נישט געווען. ער האָט געדאַרפט קומען אַ פּאָר שעה שפּעטער. דער אַקטיאָר האָט אָנגעהויבן טיילן דאָס פלייש, עפנט זיך די טיר און ס׳קומט אַריין דער נאַטשאַלניק פונעם לאַגער.

ס׳איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן דער סקולפּטאָר, וואָס זאָל קאָנען פאַראייביקן אין שטיין אָט די פאַרשטיינערטע סצענע, ווי מיר זענען געבליבן זיצן מיט אָפענע מיילער נישט צו קאָנען זיי פאַרמאַכן פון שרעק און איבעראַשונג. דער נאַטשאַלניק האָט געבלאָנדזשעט מיט די אויגן איבער דער באַטעריע טעפּ, געוואָרפן אַ בליק אויפן אויוון, ווו אַ פיש האָט זיך געטרונקען אין אַ סקאָ-וואָראָדע צעשמאָלצן פוטער, און אָן איין וואָרט אַרויס אַזוי שטיל, ווי ער איז אַריין.

דער נאַטשאַלניק איז שוין לאַנג געווען אַוועק, און מיר האָבן

נאָך אַלץ געציטערט צו רעדן אַ וואָרט. ביז שומאַכער האָט זיך ווילד צעלאַכט, דער אַקטיאָר נאָך אים, און איך נאָך זיי.

מיר האָבן זיך גוט אויסגעלאַכט, האָט דער אַקטיאָר אָנגעהויבן וויינען, שומאַכער נאָך אים, און איך נאָך זיי.

ס׳איז געווען אויף וואָס צו וויינען. נישט אויפן עסן, נאָר אויף דעם מאָרגנדיקן טאָג, ווען מען וועט דאַרפן שטיין פאַרן נאַטשאַלניק, דעם אַבסאָלוטן הערשער איבער דעם לאַגער, און דאַרפן שטאַמלען דורך פחד אַ פאַרענטפערונג אויף די טעפּ עסנוואַרג.

כך הווה. צומאָרגנס, זונטיק פאַר מיטאָג, איז מען געקומען מיך נעמען צום נאַטשאַלניק. יענער האָט שוין געוואָרט אויף מיר. און דאָ איז געשען אַן אומדערהערטע זאַך אינעם לאַגער-רעגולאַמין: ער האָט מיר געבעטן זיצן. כ׳האָב מיינע אויערן נישט גע-גלויבט. ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט זיין ביטע און כ׳האָב מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ברעג בענקל. זיינע רייד זענען צו מיר דערגאַנגען, ווי פון אַן אַנדער וועלט:

— דזשיגאַן, דו ביסט מיין באַליבסטער אַרעסטאַנט. איך ווייס ווער דו ביסט. אָט ליגן פאַר מיר אויסשניטן פון פאַרשידענע סאָ-וויעטישע זשורנאַלן, וואָס דערציילן וועגן דיינע געלונגענע אויפ-טריטן. אָט איז דיינע אַ פאָטאָ. זע ווי דו האָסט אויסגעזען, און זע ווי דו זעסט איצט אויס. האָסט זיך איינגעוויקלט אין אַ פאַרשמאָל-צענעם שינעל, און מיינסט דורכצוגיין דיינע פאַר יאָר לאַגער אין דעם מלבוש. דו ביסט דאָך אַ שניידער. פאַרוואָס נייסטו דיר נישט אויף אַ פאָר לייטישע הויזן, אַ רעקל אַ גוטן? איך וועל דיר קיין וואָרט נישט זאָגן.

דער נאַטשאַלניק האָט מיר אויסגעשטרעקט זיין קעסטל פּאַ-פּיראָסן. כ׳האָב מיט וואַקלדיקע פינגער אַרויסגעצויגן אַ פּאַפּיראָס און אפשר אַמאָל צען געריבן דאָס שוועבעלע, ביז ס׳האָט אַ צישע געטאָן מיט פייער. כ׳בין געווען אַזוי איבערגענומען מיט דעם

מעמד, אַז די גלידער האָבן אָפּגעזאָגט צו דינען. די פיס מיינע, ווי כ׳האָב זיי נישט אויסגעצויגן פאַר זיך, אָדער פאַרבויגן הינטערן בענקל, זענען זיי מיר געוועזן איבעריק. נאָך אַ רגע וואָלט איך אַראָפּגעפאַלן פון בענקל, אַזוי בין איך געווען אויפגערעגט. די רעכטע האַנט האָט זיך נישט געקאָנט אַן עצה געבן מיטן פּאַפּיראָס, אים פעסטיקן צו די ליפּן. דער נאַטשאַלניק האָט געזען ווי איך בין צעמישט. ער האָט געשמייכלט און גערעדט ווייטער:

— איך ווייס, אַז דו און שומאַכער זיצן אין לאַגער פאַר גאָר קליינע זינד. איר זייט נישט קיין פּאָליטישע פאַרברעכער. זאָלסטו הערן מיין עצה. טו נישט קיין זאַך פאַרוואָס דו זאָלסט דאַרפן דאָ בלייבן אַ גאַנץ לעבן. איך וועל דיך נישט פרעגן וועגן דאָס עסנוואַרג און דו דערצייל מיר אויך נישט. איינס זאָלסטו יאָ וויסן — איך, דיין נאַטשאַלניק, האָב שוין לאַנג פאַרגעסן דעם טעם פון אַ גע-פּרעגלטן פיש אין פּוטער. ווערסט מן הסתם טראַכטן — דער נאַ-טשאַלניק איז אַ טפש, ער טוט נישט ווי אַלע. איז טראַכט; אָבער איך גלויב אין עפּעס אַזוינס, וואָס פאַר דיר איז עס אומפאַר-שטענדלער. איך גלויב אין אונדזער וועג, וואָס וועט אַמאָל דער-פירן צו בעסערע צייטן פאַר אַלע. אָט דער וועג פירט אויך דורך לאַגער. ס׳איז אַ סטאַציע אין מאַרש צום קאָמוניזם. ווערסט עס נישט באַגרייפן. איז באַנוגן זיך מיט מיין עצה. און כדי דו זאָלסט נישט הונגערן, דערלויב איך דיר צו נייען כאַלעווקעס פאַר די שוס-טערס, נאָך דיין אַרבעטס-טאָג; זיי וועלן דיר גוט באַצאָלן און וועסט קאָנען זיך צוקויפן עסן. פאַר שפּילן און אָנפירן מיט דעם לאַגער-טעאַטער וועל איך דיר און שומאַכערן באַשטימען געלט-פּרעמיעס. איצט גיי און זיי אַ מענטש. אפשר וועסטו אַמאָל אונ-דזערע וועגן בעסער פאַרשטיין...

אַ סך וואַסער איז פאַרפלאָסן נאָך יענעם שמועס, אַ סך מחשבות האָבן זיך געקרייצט אין מיין מוח במשך אָט די יאָרן, און

דעם סאָוויעטישן וועג צום קאָמוניזם פאַרשטיי איך נאָך אַלץ נישט. איך באַדויער נאָר ביז היינט, וואָס כ׳האָב דעמאָלט נישט געזאָגט דעם לאַגער-נאַטשאַלניק:

— אַז מען דאַרף דעם ליים צו אַן אידעע, מעג זי זיין די דער-הויבנסטע, קנעטן מיט בלוט און טרערן, איז ביי מיר רעכט אָן איר....

דער לאַגער-נאַטשאַלניק, מיט אַ פּנים פון אַ פאַרביסענעם נזיר, האָט תמיד געשמייכלט, ווען ער האָט מיר געזען. ער האָט מיך אויך גערופן סעמיאָן מאָסעיעוויטש, אַ זעלטענער פאַל אינעם לאַגער-שטייגער. יענער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו מיר. פאַרוואָס ווייס איך נישט. אפשר אַ דאַנק מיינע פּרענטשן, וואָס ער פלעגט געבן מתנות די מיטגלידער פונעם אָרטיקן פאַרטיי-קאָמיטעט. זיין אָנזען איז דורך דעם זייער געשטיגן. ווי נאָך, אַז ער האָט געקאָנט נאָכקומען זייער ביטע וועגן שאַפן אַ טעאַטער פאַר די פאַבריק-אַרבעטער, איז ער שוין געווען באַלד מיט איין פוס אויף נאָך אַ העכערן פּאָסטן, אפשר אפילו אין צענטער, אין מאָסקווע.

אין דעם שטאָל-קאָמבינאַט האָבן געאַרבעט הונדערטער פּליטים פון פוילן, וואָס האָבן אונדז גוט געקענט. אונדזערע יידן זענען אַלע כמעט געווען רעקאָרד-אַרבעטער, סטאַכאַנאָוצעס. די אַפּאַטיע, דער גרויער, אומעטיקער קיום פונעם סאָוויעטישן מענטש, האָט זיי נאָך נישט געהאַט צעפרעסן. דער יידישער בעל-מלאכה איז פאַר-וואָרפן געוואָרן קיין רוסלאַנד צוזאַמען מיט זיין דרך-ארץ פאַר דעם אַרבעטס-געצייג און פאַר אַרבעט בכלל. נישט בלויז בעל-מלאכהס. אין יענע יאָרן האָבן אין די סאָוויעטישע זאַוואָדן געאַרבעט יידן, וואָס האָבן אין פוילן געהאַט גרויסע געשעפטן, אונטערנעמונגען וויכטיקע. זיי זענען געשטאַנען ביי די שמעלץ-אויוונס, ביי די וואַלץ-מאַשינען, און געדינט ווי אַ ביישפּיל פאַר דעם סאָוויעטישן פּראָ-לעטאַריער. זיי האָבן זיך געווענדעט צום פאַרטיי-קאָמיטעט מען זאָל אונדז דערלויבן אויפטרעטן אין שטאָט. דער ענין איז נישט

געווען אַזוי פּשוט. שליסלער זענען מיר דאָך געווען אַרעסטאַנטן. די נ.ק.וו.ד. האָט גענומען אויף זיך די אחריות, אַז מיר וועלן נישט אַנטלויפן. לסוף האָט מען די שוועריקייט אויך גובר גע-ווען, און מיר האָבן אָנגעהויבן אויפטרעטן אויסערן לאַגער.

די ערשטע דריי קאָנצערטן האָבן מיר געגעבן אין ווױן-באַצירק פון די זאַוואָד-אַרבעטער, מערסטנטייל יידן פון פּוילן, מאָביליזירטע אין די אַרבעטס-באַטאַליאָנען. איך האָב נאָך פריער צוויסן געגעבן דורך באַקאַנטע וועגן דעם, כדי מען זאָל פאַר אונדז צוגרייטן „רעקוויזיט". אַזוי האָב איך עס אָנגערופן. דער „רעקוויזיט" האָט געדאַרפט באַשטיין פון טאַבאַק, צוקער, לימאָן-פּראָשעק, ווורשט, ברויט — מיט איין וואָרט, אַן „עס-רעקוויזיט".

דער טאָג פון ספּעקטאַקל, שבת נאָך מיטאָג, איז אָנגעקומען. מען האָט אונדז, די אַקטיאָרן, פאַרלאָדן אויף אַ לאַסט-מאַשין מיט באַוואָפנטע זעלנער אַרום. מען האָט אָנגעזאָגט די קינסטלער, טאָמער דערוויטערט זיך איינער פון זיי מער ווי פינף מעטער, שיסט מען אין אים אָן אַ וואָרענונג.

אַלע בילעטן זענען געווען צעכאַפּט. אין די ערשטע רייען זענען געזעסן די דיגניטאָרן מיט זייערע ווייבער. די בינע איז געווען באַצירט מיט לויב-לאָזונגען פאַר סטאַלינען און זיינע נסים. אין מיטן איז געהאָנגען אַ בילד, ווי ער קושט אַ קליין מיידעלע מיט צעפּעלער. אַרום דער בינע האָבן זיך אויסגעשטעלט די היטער מיט זייער מאַשינגעווער. הינטער די קוליסן האָט מען אַריינגעלאָזט בלויז די שליחים מיטן „רעקוויזיט" פאַר דער פאָרשטעלונג, כלומר... די פּעקלעך עסן האָבן מיר אָפּגעגעבן דעם סערזשאַנט פון אונדזער וואָך, אַ פאַרהונגערטער מיליטער-מאַן, וואָס איז תמיד אויסגע-גאַנגען נאָך אַן איבעריקן פּאַפּיראָס. ער איז געוואָרן אונדזער שטילער שותף. אין לאַגער, נאָכן צוריקקומען פון דער פאָרשטע-לונג, האָט די גאַנצע וואָך געהאַט צו עסן און צו רויכערן אויף

אַ גאַנצע וואָך. די זעלנער האָבן זיך אָנגעהויבן רייסן צו באַגלייטן אונדז צו די פאָרשטעלונגען. דאָס ערשטע וואָס זיי פלעגן פרעגן בעתן אָנקומען אין טעאַטער, איז געווען — ווו זענען די „רעק-וויזיטערס״ ?...

כ׳האָב, וואָס אַן אמת, פאַרראַטן דעם לאַגער-נאַטשאַלניק מיט זיין עצה, אָבער מיין געוויסן אַלס קינסטלער איז געווען ריין. כ׳האָב געגעסן ברויט נישט דורך נייען כאַלעווקעס, נאָר מיט דער הילף פון דער בינע... נאָך אַן אינטערעסאַנטע זאַך איז געשען מיט מיר און שומאַכערן. ס׳איז אפשר אַן ענין פאַר פסיכאָלאָגן. ווען מיר האָבן געגעסן אונטערן דרוק פון פחד, זענען מיר געווען אייביק הונגעריק. מיר האָבן געשלונגען שטיקער פלייש, און זיך נישט גע-קאָנט אָנעסן צו דער זעט. איצט, אַז מיר האָבן געקייט געלאַסן דעם באַקומענעם כל-טוב פון אונדזערע פאַרערער אין דרויסן, איז כמעט אַלץ איבערגעבליבן. מיר האָבן גאָר אַזויפיל עסן נישט געוואָלט. די טאַלאָנען אויף זופּ און ברויט האָבן מיר אָנגעהויבן אָפּגעבן מער באַדערפטיקע אַרעסטאַנטן.

דער לאַגער-נאַטשאַלניק איז געוואָרן גרעבער און העכער פון נחת. די קאָנצערטן האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג. דער עולם פלעגט שרייען פון זאַל — שניידערלער! די מלכה פון טערקיי! אַ חתונה!

זיי האָבן נאָך געדענקט די שלאַגער-נומערן פון אונדזערע פאַר-מלחמהדיקע אויפטריטן אין פוילן. די בינע און דער צושויער-זאַל האָבן זיך צוזאַמענגעשמאָלצן אין אַ בשותפותדיקער בענק-שאַפט צום פאַרלאָרענעם קיום. דאָס יידישע ליד האָט צעברענט די געמיטער, פאַרטריבן דעם אומעט, געוועקט בטחון. נאָך דער פאָרשטעלונג איז אַן אַרבעטער צוגעלאָפן צו דער בינע, אויס-געשטרעקט זיינע הענט צו אונדז, געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ערגעץ האָט זיך פאַרהאַקט ביי אים און זיינע טרערן האָבן אָנגעהויבן רעדן. ווי מיר זענען עס דעמאָלסט געווען צעבראָכן. ווי מיר, פּוילישע

יידן, זענען עס דעמאָלסט געווען, פֿאַרוואָרפֿן, אויסגעוואָרצלט פֿון אונדזערע דורותדיקע ישובים. האָבן מיר זיך אַלע געטוליעט צום יידישן וואָרט — דאָס איינציקע, וואָס איז אונדז איבערגעבליבן.

אַזוי האָבן מיר געזונגען און געשפּילט. די פּני פֿון דער שטאָט אַקטיובינסק זענען געקומען זען דעם בייזן, יידישן וווּנדער. דער דירעקטאָר פֿון דער אַקטיובינסקער פֿילהאַרמאָניע האָט געקויפֿט קאָנצערטן ביי דער נ. ק. וו. ד. מיר האָבן פֿאַרדינט געלט, זיך אַ ביסל אויסגעפּאַשעט, אָנגעהויבן באַקומען אַ שטיקל פּנים.

***

ס'איז שוין געווען יאָר 1945. די מלחמה האָט זיך געהאָט געענדיקט. און מיר זענען נאָך אַלץ געזעסן אין לאַגער. אונדז האָט מען ערשט באַפֿרייט דעם ניינטן אויגוסט אין יאָר 1946. מיר זענען אָפּגעזעסן כמעט דעם גאַנצן אורטייל. די סאָוויעטן-מאַכט האָט אונדז גאָר ווייניק געשאָנקען. פֿאַרן באַפֿרייען זיך האָב איך אָנגעזאָגט שומאַכערן, ער זאָל פֿאַרניכטן אַלע בריוו, אַלע צעטעלער, די טעאַטער-טעקסטן — עס זאָל נישט בלייבן קיין סימן פֿון אונדזער אַרעסט. מיר האָבן זיך געזעגנט מיט די יידישע אַרעסטירטע. דאָס האַרץ האָט אונדז וויי געטאָן אויף דעם אַקטיאָר, אונדזער שותּף צום פּרעס. ער איז געווען פֿאַרמשפּט פֿאַר אַ פּאָליטישן פֿאַרברעכן אויף פֿופֿצן יאָר. פֿאַרוואָס ער זיצט האָט ער קיינמאָל נישט געוווּסט. איך בין זיכער, אַז די נ. ק. וו. ד. האָט אויך נישט געוווּסט. דער אַקטיאָר אַליין האָט געדרונגען פֿון דער אויספֿאָרשונג, אַז מען האָט אים פֿאַרטוישט מיט אַן אַנדערן, וואָס האָט געטראָגן דעם זעלבן נאָמען. אין ראַטן-פֿאַרבאַנד, אָבער, ווען מען זיצט, זיצט מען. ס'איז נישט פֿאַראַן קיין אַדרעס זיך צו באַקלאָגן. אויסער דעם האָט די נ. ק. וו. ד. זיך נישט געקאָנט דערלויבן מודה צו זיין, אַז זי האָט געמאַכט אַ טעות. סטאַלין האָט אַזוי געלערנט.

נאָך דער באַפרייאונג זענען מיר גלייך געפאָרן קיין מאָסקווע. דער לאַגער־נאַטשאַלניק האָט אונדז אַרויסגעפּראָוועט אין וועג זייער אָנשטענדיק — מיט פּראָוויאַנט און מיט די נויטיקע דאָקו־מענטן. ער האָט געזען אין אונדזער באַפרייאונג אַ פּערזענלעכן נצחון. מיר האָבן געפּאָלגט זיין עצה, און אָט פאַרלאָזן מיר דעם לאַגער...

געקומען קיין מאָסקווע, האָבן מיר זיך געמאָלדן אין קאָמיטעט פאַר די פּוילישע רעפּאַטריאַנטן. גוטע פריינד האָבן אונדז נישט פאַרלאָזן. זיי האָבן אויסגעפּועלט פאַר אונדז דאָס רעכט צו וווינען אין דאָרף קראַסקאָוו, פערציק קילאָמעטער הינטער דער שטאָט. אין יענעם דאָרף איז געשטאַנען אַ הויז, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר די באַפרייטע קאָמוניסטן פון פּוילן. די, וועלכע זענען אַוועק קיין סאָוויעט־רוסלאַנד נאָך פאַר דער מלחמה, אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן. אין 1937, בעת די גרויסע סטאַלין־ריייניקונגען, האָט מען זיי אַלע פאַרשיקט אין די לאַגערן, אָדער סתם צעשאָסן. די פּוילישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָס איז איצט געשטאַנען אין גרויסן, האָט זיך משתדל געווען פאַר אירע אַלטע קאַדרען. און אָט האָט מען אין דעם דאָרפישן הויז אויפגעזאַמלט די רעשטלעך פון דער אַמאָליקער פּאַרטיי. איך האָב אין זיי נישט געזוכט קיין נקמה. דאָס לעבן האָט עס געטאָן אָן מיר, און איך וואָלט געווען אַ סך גליקלעכער מיינע אויגן זאָלן עס נישט האָבן געזען. איך וויל בלויז דערציילן וועגן איין באַגעגעניש אין אָט דעם הויז מיט אַ פאַר־מלחמהדיקן קאָמוניסט, וואָס האָט געחלומט וועגן סטאַלינס קעניגרייך.

כ'האָב אים געטראָפן אין אויפנעם־צימער. אַ זקן מיט ציטער־דיקע הענט. איינגעהויקערט. אין א געשאָנקענעם אויבער־מאַנטל, וואָס איז געהאָנגען אויף אים, ווי אויף אַ ווענטל פון אַ שטול. מיט אַ צעפליקטן שאַל, פאַרבונדן אַרום האַלדז. אויפן קאָפּ אַן

אָפּגעקראָכן היטל מיט אַ צעשפּאָלטענעם דאַשעק. ער האָט געוויקלט אַ ביסל מאַכאָרקע אין אַ שטיקל צייטונג-פּאַפּיר. אויפן ברעג נאָז איז געהאָנגען אַ טראָפּן. ער האָט מיך דערזען, פרעגט ער מיט אַ צעשפּאָלטענער שטים:

— פון וואַנען זייט איר?

— פון לאָדזש.

— איר זייט אויך פון די זיבנאונדרייסיקער?...

— ניין, פון די צווייאונפערציקער...

איך האָב פאַרשטאַנען זיין פראַגע. ער האָט געהערט צו די אַרעסטירטע אין יאָר 1937, פריער פון מיר. איך האָב אים אויך געפרעגט פונוואַנעט ער שטאַמט.

— אַ לאָדזשער, גאַרדין אין מיין נאָמען.

מיט דער רגע ווי ער האָט געזאָגט זיין נאָמען, איז ווי אַ גייסט פון יענער וועלט וואָלט אַ פּאָכע געגעבן מיט אַ שוואַרצער פּאָלע פאַרביי מיין פּנים:

— זייט איר עס דער גאַרדין, דער יונגער, עלעגאַנטער סאַלאָן-קאָמוניסט, וואָס האָט געהאַלטן פאַר אונדז אַזעלכע פייערדיקע רעדעס? אַלע מיידלעך האָבן זיך דאָך אין אייך געליבט. איך גע-דענק אייערע רעפעראַטן אַזוי ווי היינט.

דער אַלטער, צעבראָכענער שאַרבן, וואָס פון אים איז איבער-געבליבן בלויז דער פאַמיליע-נאָמען, איז פון פויליש אַריבער אויף יידיש:

— יאָ, דאָס בין איך דער געוועזענער ברונעטער יונגערמאַן גאַרדין, וואָס האָט געהאַלטן פייערדיקע רעדעס און אלע מיידלעך האָבן זיך געליבט אין אים... אין 1930 בין איך אַוועק קיין סאָוויעט-רוסלאַנד. כ'האָב געאַרבעט אין קאָמינטערן. אין 1937 האָט מען אונדז, די קאָמוניסטן פון פוילן, פאַרשיקט. מיך האָט מען פאַר-וואָרפן ביז וואָרקוטאַ. איך איינער פון מיין גרופּע בין געבליבן לעבן.

— און איר פאָרט צוריק קיין פוילן ?

— יאָ, איך פאָר צוריק אַ היים.

— די היים איז דאָך אָבער צעבראָכן.

— אויף לעבן איז זי צעבראָכן. אויף שטאַרבן, אָבער, איז זי גאַנץ...

כ׳האָב אים מער קיינמאָל נישט באַגעגנט.

***

אין מאָסקווע האָב איך באַקומען אַ בריוו פון דער פרוי, וואָס כ׳האָב אַמאָל אריינגענומען אין דער טרופּע און זיך פאַרשריבן מיט איר אין סאָוויעטישן ציוויל-אַמט, אין „זאַגס”. איר איבער-געגעבנקייט בעת מיין זיצן אין טאַשקענטער פּאָר-לאַגער, האָט דעצידירט וועגן מיין לעבן. כ׳האָב שוין געשריבן, ווי אירע צוגעשיקטע פּעקלעך עסן האָבן פאַרטריבן דעם מלאך-המות, וואָס איז שוין געשטאַנען ביי מיר צוקאָפּנס. איצט האָט זי מיר געשריבן פון וואַרשע, אַז זי האָט חתונה געהאַט, ווייל די מלחמה-באַדינגונגען זענען געווען צו שווער פאַר אַ פרוי אַליין. זי האָט געבעטן איך זאָל איר פאַרגעבן.

אונדזער פריינטשאַפט האָט זיך געצויגן עטלעכע גוטע יאָר. זי איז מיטגעפאָרן מיט מיר ווו רוסלאַנד האָט אַן עק. אויף דער פריי איז אונדזער געמיינזאַמע צוקונפט געווען פאַר מיר אַ ביסל פאַרנעפּלט ; אָבער ליגנדיק אויף דער לאַגער-פּריטשע, האָב איך אָנגעהויבן חלומען וועגן דעם טאָג, ווען מיר וועלן זיך ווידער באַגעגענען. כ׳האָב אין מיין דמיון געקערט דאָס בלאַט אויף צוריק — און פאַרוואָס טאַקע נישט חתונה האָבן כדת וכדין ? איך האָב שטאַרק איבערגעלעבט איר פאַרבינדן זיך מיט אַ צווייטן. נישט דערפאַר, ווייל כ׳האָב מורא געהאַט, אַז כ׳וועל בלייבן אַן אַלטער בחור, נאָר כ׳בין געווען אַזוי אויסגעבענקט נאָך אַ שטיקל היים,

נאָר אַן אייגענעם טיש, נאָר אַ וואַרעמען שמייכל, וואָס בלויז אַ ווייב קאָן עס דיר געבן.

אויף וויפל איך האָב איר געקאָנט, האָט זי פאַרמאָגט אַלע אייגנשאַפטן צו דעם. כ׳האָב נישט געקאָנט מאַכן קיינע פאַר־גלייכן, ווייל בלויז איר האָב איך געקאָנט אַזוי נאָענט. אויך איר שטיצע אין מיין נויט האָט געזאָגט עדות אויף דעם.

נאָכן אַראָפּשלינגען דאָס קלעמעניש האָב איך געקאָנט דאָס אַלץ זען אין אַן אַנדער ליכט — ווי האָב איך געקאָנט גאָר טראַכטן, אַז אַ פרוי, וואָס האָט רעכט נישט געוווּסט צי זי איז מיינע, צי נישט מיינע, וועט זיך אָוועקזעצן וואַרטן אויף מיר פינף יאָר. זי האָט דאָך געדאַרפט זיין אַ מלאך; נאָר אַזוי ווי זי איז נישט געווען קיין מלאך, נאָר אַ מענטש פון בלוט און פלייש, האָט זי געהאַנדלט לויט די ערדישע געזעצן, און נישט לויט די הימלישע. ביזן היינטיקן טאָג טראָג איך איר פריינטשאַפט אין מיין האַרץ.

***

מיר זענען אין מאָסקווע געקראָכן פון דער הויט וואָס שנעלער צו פאָרן קיין פוילן. דערווייל האָט זיך די רעפּאַטריאַציע אָפּגע־שטעלט. ס׳זענען אַוועק וואָכן און חדשים, און מען רירט זיך נישט פון אָרט. ווי נאָר אַן אַמט, אַ קאָנסולאַט, זענען מיר געלאָפן דאָרטן זוכן הילף. אין אָוונט האָט שומאַכער געשפּונען פּלענער וועגן אונדזערע אויפטריטן אין פוילן, און איך האָב דאָרט דורכגעצויגן בונטע, פרייַלעכע פעדים וועגן קאָנצערטן אין אייראָפּע, ווייטער פון די באַפרייער. דאָרט וועלן מיר זיך קאָנען וויצלען אָן פחד, ווי אַמאָל. די סלינע איז מיר גערונען פון מויל אויף דער בלויזער מחשבה וועגן קאָנען געבן אין טאַטנס טאַטן אַריין דעם טאַטן פון די פעלקער יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין. שומאַכער האָט שוין געוואָלט פאַרנאָטירן עטלעכע וויצן מיינע אויף דער טעמע, אָבער

כ׳האָב אַרויסגעריסן די פעדער פון זיין האַנט. מער ווי דאָס האָט אונדז געפעלט. כ׳בין שוין געווען אַן אָנגעלערנטער.

ענדלעך, אין אַ טריבן נאָוועמבער טאָג, האָבן מיר באַקומען אַ בריוו פון דער פוילישער אַמבאַסאַדע צום רעפּאַטריאַציע-אַמט אין לעמבערג, מען זאָל אונדז איינשליסן אין אַ טראַנספּאָרט רע-פּאַטריאַנטן פון אונדזער קאַטעגאָריע — געוועזענע אַרעסטירטע. מיר האָבן זיך אויף דער גיך געזעגנט מיט די פּאָר נאָענטסטע מאָס-קווער פריינד, און גלייך געלאָפן צו דער באַן. צו אונדזער גרויסער איבעראַשונג האָבן מיר געטראָפן אין אונדזער וואַגאָן דעם פּאָפּו-לערן מוזיקער עדי ראָזנער און זיין פרוי. ער האָט אָנגעפירט מיט אַ מוזיקאַלישן אַנסאַמבל, וואָס האָט געהאַט גרויס דערפאָלג. עדי ראָזנער האָט געשטאַמט פון פוילן און געווען פאַררעכנט ווי אַ סאָוויעטישער בירגער. ער האָט געהאַט גענומען אַ סאָוויעטישן פּאַספּאָרט. מיט אים זענען מיטגעפאָרן עטלעכע מוזיקער פון זיין אַנסאַמבל. איינער פון זיי, וואָס האָט אונדז גוט געקאָנט, האָט מיט אַ ווונק אונדז געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ראָזנער מיט זיין פרוי ווילן מיטפאָרן מיט דעם טראַנספּאָרט קיין פוילן, און ער האָט באַצאָלט דערפאַר, ווו מען דאַרף, אַ גרויסע סומע געלט.

איך מיט שומאַכערן זענען שוין געווען געשמיסענע, האָבן מיר זיך געהאַלטן פון דער מוזיקאַנטישער גרופּע גאָר ווייט. זיי האָבן, נעבעך, נישט געוווסט, אַז די נ. ק. וו. ד. האָט טויזנט און איין אויג. מיר האָבן שוין יאָ געוווסט.

אָנגעקומען מיט מזל קיין לעמבערג, האָט מען אונדז איינ-קוואַרטירט אין געוועזענעם עלעגאַנטן האָטעל „דזשאָרדזש״. פון זיין עלעגאַנץ איז איבערגעבליבן איין ניקלנער קראַן אין וואַנע-צימער. איז ער אויך געווען צעבראָכן. דער האָטעל איז אונטער דעם סאָוויעטישן רעזשים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אריינפאָר-הויז. ס׳איז נישט געווען קיין גאַנץ ברעטל אין אים. ברודיק, אָפּ-

געלאָזן, צעריסן דאָס געוואַנט — אַלץ לויטן שטייגער פון דער ראַטן-ווירטשאַפט.

אַ גאַנצן טאָג, אויף מאָרגן, זענען מיר געווען באַשעפטיקט ביים דערליידיקן די פאָרמאַליטעטן פונעם אַרויספאָר. אַרום אונדז האָבן זיך געדרייט פאַרשידענע מאַכערס, פאַרמיטלער. זיי האָבן פאַרגעלייגט זייער הילף ביים רעגיסטרירן די דאָקומענטן, אָן באַ-לוינונג, ווייל מיר זענען דאָך עפּעס יידישע אַקטיאָרן, דאַרף מען אונדז העלפן. די ריי צום רעגיסטראַציע-באַאַמטן האָט זיך טאַקע געצויגן ווי דער יידישער גלות. האָבן מיר גערן אָנגענומען זייער הילף.

נאָך מיטאָג האָבן מיר געדאַרפט גיין אונטערשרייבן פאַר-שידענע פּאַפּירלעך. דער באַאַמטער האָט אויף אונדז געקוקט, ווי אויף צוויי גנבים. ער האָט אונדז אָנגעהויבן שטעלן קלאָץ-קשיות, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שום שיכות צום ענין אָפּפאָר. און דער עיקר האָט ער אונדז געפרעגט פאַרוואָס זענען מיר אָנגע-קומען צו פאַרמיטלער און אַליין נישט געבראַכט די דאָקומענטן. פון דער פראַגע האָט מיך אָפּגעריסן דאָס האַרץ. לויט שומאַכעדס אויסגעצויגן, צעשראָקן פּנים, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אים איז אויך געשען דאָס זעלבע. מיר זענען דאָך ביידע געווען געניט אין די דריידלעך פון דער נ. ק. וו. ד. זייערע מענטשן קאָנען זיך צו-טשעפּען צו אַ שטרוי; אָבער מיר האָבן געהאַט ריינע געוויסנס. אַלץ איז ביי אונדז געווען כשר. האָבן מיר קיינזאַך נישט איבערגע-טראַכט און אַוועק אין אָוונט צו אַן אויפטריט פון יידיש-סאָוויע-טישע קינסטלער. נאָכן קאָנצערט זענען מיר געווען איינגעלאַדן צו עסן אָוונט-ברויט מיט זיי אין האָטעל-רעסטאָראַן. מיר האָבן זייער אָנגענעם פאַרבראַכט מיט די קאָלעגן-שוישפּילער, ביז צוויי נ. ק. וו. ד.-אָפיצירן מיט מאַשין-געווער אין די הענט זענען צוגע-

קומען צו אונדזער טיש און געפרעגט ווער איז דאָ דזשיגאַן און שומאַכער. מיר האָבן זיך ביידע אויפגעשטעלט.

אין איין אויגנבליק זענען מיר שוין געזעסן אין אַ „שוואַרצן ראָב", אין אַן אַרעסטאַנטן-אויטאָ, וואָס האָט אונדז אַוועקגעפירט אין דער לעמבערגער נ. ק. וו. ד.-תפיסה. דער טעמפּאָ, מיט וועלכן עס ווערן אַרעסטירט מענטשן אין ראַטן-פאַרבאַנד, איז צו באַ-וווּנדערן. הלוואי וואָלט עס אַזוי געקלאַפּט אויף אַנדערע געביטן. מיר האָבן נאָך רעכט נישט באַוויזן אָפּצוווישן דאָס מויל פונעם כיבוד אין האָטעל-רעסטאָראַן, זענען מיר שוין געזעסן אין תפיסה.

ווידער האָט מען מיר אָפּגעשיידט פון שומאַכערן, און די אויס-פאָרשונג איז אַוועק איר נאָרמאַלן גאַנג. די נ. ק. וו. ד האָט געפּאָ-דערט פון יעדן באַזונדער אַן אונטערשריפט, אַז עדי ראָזנער און זיין פרוי האָבן געוואָלט אומלעגאַל פאַרלאָזן דעם ראַטן-פאַר-באַנד.

איך האָב דערקלערט, אַז מיר קאָנען ראָזנערן פון פוילן. אויך זיין פרוי קאָנען מיר. זי איז די טאָכטער פון דער שוישפּילערין אידאָ קאַמינסקאַ; אָבער, אַז זיי ווילן אומלעגאַל אַרויספאָרן, דאָס האָבן מיר נישט געוווּסט. דאַן האָבן די אויספאָרשער (צוויי) געפרעגט וועגן נאָך אַ פּאַסאַזשיר אין זעלבן וואַגאָן. דאָס האָבן זיי געמיינט אַ בינע-אַרבעטער, באַקאַנט אין דער טעאַטער-וועלט אונטערן נאָמען חיים נאַכאַלניק, אַ מענטש מיט אַ צונג אויף שרויפן, וואָס האָט יאָרן געאַרבעט ביי אידאָ קאַמינסקאַ. כ'האָב קיין סך נישט געדאַרפט צו פאַרשטיין, אַז אַלע, ראָזנער און חיים נאַכאַלניק מיט זייערע פרויען, זיצן שוין אין דער זעלבער תפיסה.

אויף מאָרגן האָט מען זיך ווידער גענומען צו אונדזערע ביי-נער מיר זאָלן באַשטעטיקן, אַז ראָזנער האָט געוואָלט אַנטלויפן פונעם ראַטן-פאַרבאַנד. נאָכן אונטערשרייבן אַזאַ דעקלאַראַציע וועט מען אונדז באַפרייען און מיר וועלן קאָנען פאָרן ווייטער.

די סאָוויעטן-מאַכט האָט דערשלאָגן אין מיר אַ סך זאַכן. אויסער דעם געזונט האָט זי דערשלאָגן אין מיר דעם מוט צו אויס-דויער; אָבער דאָס שטיקל ווירדע האָט נאָך אין מיר געזשיפּעט. ס'קאָן זיין — ווען איך זיץ אין לאַגער נאָך פינף יאָר, וואָלט עס אויך דערשלאָגן געוואָרן. בין איך, אָבער, אַרויס, כמעט, צום טערמין. כ'האָב קאַטעגאָריש אַנטזאָגט אונטערשרייבן, געגעבן אַ צופּ שומאַ-כערן ער זאָל טאָן דאָס זעלבע, און ווי גאָט וועט געבן. ס'איז נישט געווען אין דעם קיין גבורה. דער לאַגער האָט אונדז פּשוט פאַר-האַרטעוועט.

דאָס, וואָס די אויספאָרשער האָבן ביי אונדז נישט אויסגעפירט, האָבן זיי אויסגעפירט ביי חיים נאַכאַלניקס ווייב. זי איז געווען אַ רוסישע, וואָס האָט זיך געוואָלט אַרויסכאַפּן פון איר היימלאַנד מיט דער הילף פון אַ מאַן, אַ פּוילישן בירגער. זי האָט ביי דער ערשטער אויספאָרשונג אַלץ דערציילט. דערביי האָט זי נאָך אָנגע-רעדט אויף חיים נאַכאַלניק, אַז ער האָט איר צוגערעדט צו דעם, און זי איז גאָט די נשמה שולדיק. פון זיך איז זי אַריבער אויף ראָזנערן, און אַזוי איז ער און זיין פּרוי באַגראָבן געוואָרן אין לאַגער אויף יאָרן. אויך עטלעכע מסירות פון אַנדערע האָבן צו-געהאָלפן צו דעם.

די נ. ק. וו. ד. האָט אונדז בשום אופן נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פון די הענט. איך בין שוין אַוועק אַזוי ווייט צו דערקלערן, אַז ראָזנער האָט אונדז נישט אָנפאַרטרויט זיינע פּלענער, ווייל איך און שומאַכער זענען געווזענע לאַגערניקעס, דאָס הייסט איבערדער-צויגענע סאָוויעטישע מענטשן. ער האָט פּשוט מורא געהאַט מיר זאָלן אים נישט אַרויסגעבן. אויף דעם תירוץ האָב איך באַקומען אַן ענטפער פונעם אויספאָרשער מיט אַ פויסט צווישן די אויגן. כ'האָב זיך דריי מאָל איבערגעקערט אין דער לופט פונעם פאַכמע-נישן קלאַפּ.

די זעלבע נאַכט האָט מען מיך ווידער געפירט צו דער אויס־פאָרשונג. דער אויספאָרשער, וואָלקאָוו האָט ער געהייסן, האָט אָנגעהויבן פרעגן ביי מיר וועגן מענטשן, וועמענס נעמען כ׳האָב געהערט דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן. ווי געוויינטלעך האָט ער נישט געגלויבט און אונדזער באַגעגעניש האָט זיך געענדיקט פאַר אים מיט גיין שלאָפן, און פאַר מיר — מיט קאַרצער.

אין עק קאַרצער איז געווען אַ גרוב מיט וואַסער. מען האָט מיך אויסגעטאָן נאַקעט און אַריינגעוואָרפן אין דער גרוב מיט אייז־קאַלטן וואַסער. כ׳בין דאָרט געשטאַנען, ביזן האַלדז פאַרזונקען, און אַ צאָן האָט נישט געטראָפן אויף אַ צאָן.

וואָלקאָוו האָט געכאַפּט, מן הסתם, אַ דרימל. איך געדענק אויך נישט וויפל צייט כ׳בין געשטאַנען אין וואַסער און געוואַרט אויף מיין סוף, איז ער אַריין אין קאַרצער און מיך געוואָרנט:

— אַזוי וועסטו שטיין אין וואַסער ביז דו וועסט נישט זאָגן ווער זענען די מענטשן, וועגן וועלכע כ׳האָב געפרעגט.

מיט די לעצטע כוחות, אַ צעטרייסלטער פון דער קעלט, האָב איך אים געענטפערט:

— כ׳בין געזעסן אין לאַגער, כ׳קאָן אַלע געזעצן. איך ווייס, אַז איך טאָר נישט שטאַרבן בעת דער אויספאָרשונג, אויך נישט אין תפיסה. טאָמער ענדיק איך זיך אין וואַסער, וועט איר דאַרפן אָפּגעבן חשבון דעם פּראָקוראָר.

וואָלקאָוו האָט געזען, אַז ער וועט גאָרנישט מאַכן מיט מיר, האָט ער באַפוילן מיך אַרויסצושלעפּן פון גרוב. ער האָט אַ נעם געטאָן מיין אָנטועכץ און זיך געלאָזט מיט דעם צו דער טיר:

— ווען ס׳וועט דיר ווערן גוט קאַלט, זאָלסטו מיך רופן; אָבער פריער ווי אין צוועלף שעה אַרום וועסטו מיר נישט זען. איך גיי איצט אויף אַן אמת שלאָפן.

כ׳בין אומגעלאָפן אַ נאַקעטער איבערן קאַרצער, און נישט

געקאַנט דערוואַרעמען די גלידער. כ׳האָב מיט די הענט געריבן דאָס לייב, גערופן עס צוריק צום לעבן. די קעלט אַרום האָט גע-שטאָכן ביז אין לעבער אַריין. וועט דאָ טאַקע זיין מיין סוף? וועל איך אויסגיין אויפן שוועל פון מיין באַנייטן לעבן? ניין! האָט אַלץ אין מיר געשריגן — כ׳וועל מיך נישט לאָזן!

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געקלאַפּט מיט די פויסטן אין טיר און געברעוועט — פּראָקוראָר! פּראָקוראָר! פון דעם אַליין איז שוין מיר געוואָרן אַ ביסעלע וואַרעמער. כ׳האָב געקאָנט אויסהאַלטן ביז פאַרטאָג. כ׳האָב געהאָפט אויפן מאָרגנדיקן טאָג, אפשר וועל איך זיך דאָך דערשלאָגן צום פּראָקוראָר. וויאַזוי האָב איך אַליין נישט געוווּסט. כ׳האָב זיך פאַרלאָזט אויפן צופאַל. וואָס האָב איך דען געהאַט צו פאַרלירן?

דער צופאַל איז געקומען. אַ זייגער זעקס אינדערפרי האָט זיך געעפנט די טיר פונעם קאַרצער. דער שומר האָט אַריינגעטראָגן אַ טעפּל זודיק וואַסער צו טרינקען. כ׳האָב אַ כאַפּ געטאָן דאָס טעפּל און האָב אַ פּליוכע געטאָן דאָס וואַסער גלייך אים אין פּנים אַריין. זיינע געוואַלדן האָבן צעריסן די ווענט. אין איין מינוט איז זיך צוזאַמענגעלאָפן די גאַנצע נאַטשאַלסטווע, מיט דעם פּראָקוראָר בראש. מיך האָט מען אַרויסגעשלעפּט פון קאַרצער, אַרויפגע-וואָרפן אויף מיינע אַקסלען אַן אַלטע פלאַנדעקע און אַריינגע-זעצט אין אַן איינצל-קאַמער. אַ זייגער אַכט האָט מען מיר צוריק-געגעבן מיין קאָנפיסקירטן אָנטועכץ, און אָפּגעפירט צום פּראָקוראָר. ווען איך דערצייל וועגן די מעשים פון די נ. ק. וו. ד.-לייט, איז נישט מיין כוונה צו שילדערן יעדערן פון זיי ווי אַ טייוול אין אַ מונ-דיר. כ׳האָב אויף מיין וועג איבער תפיסות און לאַגערן זיך אָנ-געשטויסן מיט היטער פון רעזשים, ביי וועמען ס׳האָט נאָך גע-קלאַפּט אַ מענטשלעכער אָדער. פאַרוואָס אַזעלכע האָבן געדאַרפט דינען אין דער נ.ק.וו.ד., איז מיר נישט קלאָר. אפשר זענען זיי

געווען טרייע גלוביקע, אָדער אפשר צוליב קאַריערע. ווי עס זאָל נישט זיין, אַז מען האָט געהאַט מזל אַריינצופאַלן צו אַזאַ דיגניטאַר, און נישט צו אַ כאַם, אַ סאַדיסט, איז געווען צו דערליידן.

דער לעמבערגער פּראָקוראָר האָט געהערט צו דער ערשטער גרופּע. קודם כל האָט ער מיר געהייסן זיצן און מכבד געווען מיט אַ פּאַפּיראָס. דערנאָך האָט ער זייער אויפמערקזאַם געלייענט מיינע דאָקומענטן. לסוף האָט ער אַריינגערופן דעם נ. ק. וו. ד.-נאַטשאַל-ניק, זיך געסודעט מיט אים אַ פּאָר מינוט, און מיר דערציילט פּאַר-וואָס מען מאַטערט מיר און שומאַכערן: מען האָט געפונען ביי שומאַכערן אַ צעטל מיט פינף אויפגעשריבענע נעמען. דאָס זענען פינף יידישע יונגעלייט, ציוניסטן, וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט צו העלפן אַרעסטירטע ציוניסטישע טוער אַנטלויפן פון לאַגער, באַ-זאָרגן זיי מיט דאָקומענטן ווי פוילישע בירגער און זיי אַריבערפירן די גרענעץ. מען האָט זיי אַרעסטירט. אַלע האָבן זיי זיך מודה געווען, און פאַרמשפט געוואָרן יעדער צו צוואַנציק יאָר קאַטאָרגע. דאָס איז געשען מיט אַ פּאָר חדשים צוריק. און איצט האָט מען געפונען ביי שומאַכערן אַ ליסטע מיט זייערע נעמען.

— שומאַכער איז דיין נאָענטסטער פריינד. ווילסטו מיר זאָלן דיר גלויבן, אַז דו ווייסט גאָרנישט וועגן דעם ?

דער פּראָקוראָר האָט עס געפרעגט מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט געדאַרפט בעל כורחו, מיר שוין קוילענען. כאָטש ער האָט אָנגע-שטעלט אויף מיר אַ פּאָר שטרענגע, פּאָליצייאישע אויגן, האָב איך פון זיין מידן פּנים נישט אַראָפּגעלייענט קיין רשעות. פאַרקערט, כ'האָב געפילט, אַז ער וואַרט פון מיר אַן ענטפער, וואָס זאָל אים באַרעכטיקן אָנצושרייבן אַ צייגעניש, אַז איך בין אומשולדיק.

כ'האָב אים דעם ענטפער געגעבן. ס'איז מיר נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט, ווייל ווען ער האָט מיר דערציילט וועגן דעם געפונענעם צעטל, בין איך אַליין אַריינגעפאַלן אין אַ גרויסן צווייפל — אפשר

איז טאַקע שומאַכער געווען אַ פאַרבינדונגס-מאַן אין אַט דער אָרגאַניזאַציע, און עס געהאַלטן פאַר מיר בסוד ? אָבער גלייך אויף אַן אָרט האָב איך אָפּגעוואָרפן אַזאַ מעגלעכקייט — שומאַכער אין אַ געהיימער אָרגאַניזאַציע, איך זאָל נישט וויסן ? !... כ׳האָב זיך פאָרגעשטעלט שומאַכערן אין אַלע ראָלן, בלויז נישט אין דער ראָל פון א קאָנספּיראַטאָר. אויסער דעם האָב איך תמיד געוווּסט וואָס ביי אים אונטערן נאָגל. איז לאָמיר זיך דערמאָנען ווען און ווו און וויאַזוי קומט אַט דאָס אומגליקלעכע צעטל צו אים ?

כ׳האָב מיך אַזוי לאַנג געבראָכן דעם קאָפּ, ביז דורך אַ שמאָל שפּעלטל ביי מיר אין מוח איז אַרויסגעקראָכן אַ געזעגענונגס-סצענע מיט אַ יידן פאַרן פאַרלאָזן דעם לאַגער אין אָקטיובינסק. יענער האָט געהייסן גלויבערמאַן. ער האָט עס געגעבן שומאַכערן די רשימה און געבעטן זיך דערוויסן צו די אַלע לעבן. כנראה, אַז ער האָט געוווּסט מיט וואָס זיי באַשעפטיקן זיך. ער האָט בלויז נישט געוווּסט, אַז זיי זענען אַרעסטירט. ווען ער ווייסט דאָס, וואָלט ער שומאַכערן נישט געגעבן אַזאַ געפערלעכן צעטל.

איך האָב שומאַכערן אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט — צערייס אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט לאַגער. ער האָט מיר צוגעזאָגט דאָס צו טאָן אין צוג. ער וועט נאָר אויסלערנען אויף אויסנווייניק די נעמען, ווייל אַ ייד בעט, דאַרף מען זיין אַ מענטש. פאַרשטענדלעך, אַז מיר האָבן בעתן איינאָטעמען נאָך לאַנגע יאָרן אַ ביסל פרייע לופט, פאַרגעסן אין דער גאַנצער וועלט מיטן שטיקל פּאַפּיר בתוכו. האָט מען אונדז דערפאַר אַרעסטירט און מיך האָט מען געווייקט אין דער קאַלטער מקווה, באַלד ביזן טויט אַריין. אַלץ צוליב דעם שטיקל פּאַפּיר, וואָס שומאַכער האָט פאַרגעסן צו צערייסן און אַרויסוואַרפן. איז דאָס נישט קאָמיש ?

און אַזוי, פאַרגעסנדיק ווו איך געפין זיך, בין איך זיך פאַר-גאַנגען אין אַזאַ ווילדן געלעכטער, ווי וואָלקעלאַקעס וואָלטן מיר

געקיצלט. כ׳האָב אפילו אָנגעשטעקט מיט מיין געלעכטער, פריער דעם פּראָקוראָר און דערנאָך דעם נאַטשאַלניק פון דער נ. ק. וו. ד. זיי האָבן געקוקט אויף מיר מיט פאַרזשמורעטע אויגן און זיך גע־האַלטן פאַר די זייטן. דאָס כאַכאָטשען האָט לאַנג נישט געדויערט. דער נאַטשאַלניק האָט זיך דער ערשטער געכאַפּט, אַז עס פּאַסט נישט צו דער אומגעבונג, און געגעבן אַ קלאַפּ מיטן פויסט אין טיש. איך האָב זיך גלייך באַרואיקט. דער פּראָקוראָר נאָך מיר. פון דעם געלעכטער האָב איך אַ סך געוווּנען. זיי האָבן מיר דערלויבט צו דערקלערן באריכות דעם גאַנצן ענין.

כ׳האָב זיי דערציילט די געשיכטע פונעם צעטל און פאָרגע־לייגט צו קאָנטראָלירן די פּרטים דורך פאַרבינדן זיך מיט דעם אַקטיו־בינסקער לאַגער. פון דאָרט וועלן זיי זיך דערוויסן וואָס פאַר אַ כשרע אַרעסטאַנטן מיר זענען געווען. באַקומען פּרעמיעס, גע־שטאַרקט די מלחמה-מאָראַל דורך אויפטריטן פאַר דער אַרבעטער־שאַפט, און בכלל. ווייטער האָב איך זיי איבערצייגט, אַז מיר האָבן נישט געדאַרפט פּלאַנירן צו אַנטלויפן פון לאַגער, ווייל מיר האָבן מאָנאַטן פריער געוווּסט וועגן אונדזער פאַרשטייענדיקער באַ־פרייאונג. מען קאָן אויך פרעגן גלויבערמאַנען. ער וועט באַשטע־טיקן אונדזערע רייד.

דער פּראָקוראָר האָט מיר געגלויבט. דער נאַטשאַלניק נישט; זיי האָבן ביידע זיך אָנגעהויבן דינגען וועגן מיר, דערנאָך האָבן זיי זיך געכאַפּט, אַז איך דאַרף נישט זיין דערביי. אַ סאָלדאַט האָט מיך אַוועקגעפירט צוריק אין דער צעל.

צומאָרגנס האָט מען אונדז באַפרייט. צוריק אין האָטעל האָב איך אַוועקגעגעבן שומאַכערן וואָס ביי מיר אויפן האַרץ. ער האָט זיך, נעבעך, פאַרענטפערט. ווער האָט געקאָנט וויסן, און גיי זיי אַ חכם. און איך האָב אויף אים געשריגן, אַז אין קאַלטן וואַסער האָט מען מיך געבאָדן, נישט אים. דערנאָך האָבן מיר פאַרדראָסן

מיינע אייגענע רייד. שומאַכער האָט בעת דער אויספאָרשונג אויך נישט געלעקט קיין האַניק. מען האָט אים גוט געמאַטערט.

צוערשט האָבן מיר נישט פאַרשטאַנען וואָס איז די נ. ק. וו. ד. אַזוי גוט געוואָרן און אונדז אַרויסגעלאָזט פון תפיסה. דערנאָך האָבן מיר עס תופס געווען. יעדן, וואָס האָט אונדז אָפּגעגעבן שלום אין גאַס, האָט מען גלייך אַרעסטירט. מיר האָבן געדינט דער נ.ק.וו.ד. ווי אַ ווענדקע צו כאַפּן מענטשן און זיי פאַרשן וועגן אונדז. האָבן מיר אויפגעהערט אַרויסגיין פון האָטעל.

אין דער נ.ק. וו.ד. האָט מען אונדז געהאַט אָנגעזאָגט צו קומען יעדן טאָג זיך מעלדן. מיר האָבן נישט געטאָרט פאַרלאָזן לעמבערג. אויסער דעם זענען אונדזערע דאָקומענטן געווען קאָנ-פיסקירט.

איינעם אַ טאָג האָב איך זיך געמאַכט האַרץ און בעת אונדזער וויזיט אין נ.ק.וו.ד. געבעטן די דאָקומענטן, ווייל מיר ווילן פאָרן צוריק קיין מאָסקווע בעטן דעם פוילישן אַמבאַסאַדאָר ער זאָל אונדז העלפן אין אונדזער לאַגע. דער באַאַמטער האָט זייער באַ-דויערט וואָס ער קאָן נישט נאָכקומען די בקשה. אָנשטאָט דעם האָט ער אונדז פאַרלויבט די שטאָט לעמבערג, ווי שיין זי איז, און אונדז פאָרגעלייגט מיר זאָלן בעסער אויסנוצן די צייט אויף לענגערע שפּאַצירן...

דער לעצטער גאַסן-הונט אין לעמבערג האָט געהאַט אַ בעסער לעבן, ווי אונדזערס. ער האָט כאָטש געקאָנט זיך טרעפן מיט חברים, געבן אַ שטיף, זיך רייסן איבער אַ ביין. מיר האָבן זיך נישט גע-קאָנט טרעפן מיט קיינעם, ווייל מיר האָבן מורא געהאַט צו ברענגען שאָדן מענטשן. די נ.ק.וו.ד. האָט געזען, אַז מיר מיידן אויס יעדן קאָנטאַקט, האָט זי באַפוילן, אַלס שטראָף, אַרויסוואַרפן אונדז פון האָטעל. מיר זענען געבליבן בוכשטעבלעך אויפן ברוק. נאָך אַ גליק,

וואָס מען האָט אונדז דערלויבט איבערלאָזן אין אַ קעמערל דאָס ביסל אָרעמקייט.

וואָס טוט מען? ווי גיט מען זיך אַן עצה? ס׳איז דערגאַנגען דערצו, אַז איך מיט שומאַכערן האָבן געדאַרפט נעכטיקן אין אַ קלויסטער, אָדער פשוט אויף טרעפּ. עטלעכע נעכט זענען מיר גע-בליבן אין אַ האַלב-חרובער שול. מיר האָבן צומאָל נישט געהאַט ווו זיך אַרומצוואַשן. אַריינגיין צו באַקאַנטע האָבן מיר נישט גע-וואַגט. איך און שומאַכער האָבן געפילט, אַז אויב וועט זיך עס ציען אַזוי לענגער, וועלן מיר פאַלן אין גאַס אָפּגעריסן פון אַלע-מען, אַן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָן דאָקומענטן און דער חלף פון נ. ק. וו. ד. אויפן האַלדז. שומאַכער האָט זיך אײַנגאַנצן אײַנגעבראָכן. ער האָט אפילו פאַרלאָרן דעם מוט אַריבערצוקוקן איבער זײַנע ברילן און מיך פרעגן, ווי זײַן שטייגער — וואָס וועט זײַן?

אין לעבן זענען פאַראַן טעג, וואָס פאַרפליען נישט צו לאָזן הינטער זיך אַ שפור. אַזוי ווי קיינמאָל נישט געווען. דאָקעגן זענען פאַראַן טעג, וואָס מען געדענקט זיי אפילו בעת דעם שאַרפסטן צאָנווייטיק. אַזאַ טאָג אין מײַן לעבן איז דער טאָג, ווען איך מיט שומאַכערן זענען געזעסן אויף אַ באַנק אין לעמבערגער פּאַרק און געריבן די פאַרשלאָפענע אויגן. ערשט מיט אַ שעה צוריק זענען מיר אַרויס פון דער קאַלטער שול, וואָס האָט אונדז געדינט אויף נאַכט-לעגער. אין דרויסן איז געווען נאָך קעלטער. כמעט אַ פראָסט. די זון איז אויך געווען אויפגעשטאַנען אויף דער לינקער זײַט. אַ ברוגזע, האָט זי געשפּיזלט מיט איין אויג הינטער אַ צעפּליקטן וואָלקן. מיר וואָלטן בעסער געגאַנגען און נישט געזעסן, האָבן מיר, אָבער, נישט געהאַט קיין כוח. שומאַכער האָט געקלאַפּט אַ פוס אָן אַ פוס, געווישט די פאַרלאָפענע ברילן און יעדע רגע קאָנטראָ-לירט צי דער קאָלנער פון זײַן פאַלטן שטייט, אָדער האָט די קעלט געפונען אַן אַנדער וועג צום דאַרן האַלדז. איך האָב פאַררוקט

ביידע הענט אין די אַרבל פון מיין אויבער-מאַנטל און איינגע-קאָרטשעט די קני — אַ סגולה צו וואַרעמקייט. אַזוי זענען מיר ביידע געזעסן אָן צו רעדן איין וואָרט. ביז שומאַכער האָט זיך אָפּ-גערופן מיט אַ פאַרפרוירענעם קול:

— מ׳עט זיך מוזן אויפהענגען...

כ׳האָב אָנגעקוקט מיין לאַנגיאָריקן חבר. כ׳האָב געזוכט אין זיין פּנים אַ מינדסטן שטריך פון די יאָרן, ווען מען איז צוזאַמען געלאָפן צו בראָדערזאָנען נאָכן טעאַטער. כ׳האָב נישט געפונען אפילו אַ קנייטשעלע פון יענער צייט. די פאַרצווייפלונג האָט אים געהאַט געענדערט, נישט צו דערקענען. כ׳האָב אַרויסגעצויגן אַ האַנט פון וואַרעמען אַרבל און זי פאַרלייגט אויף זיין אַקסל. שומאַכער האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן די טרערן. זיי זענען פריי געפלאָסן פון הינטער די ברילן. כ׳האָב געזוכט אַ שאַרף ווערטל, אַ הלצהלע אים צו טרייסטן, און גאָרנישט געפונען. האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסן:

— איידער מען גייט קויפן אַ שטריק, לאָמיר בעטן אויף אליהו הנביא... אפשר אַ נס...

און שומאַכער, מיט אַן אָנדייט פון אַ שמייכל אויף די צע-שפּאָלטענע ליפּן:

— אין אַזאַ קעלט? באַלד קומט ער...

...און אַזוי ווי ער רעדט עס אַרויס, שטעלט זיך אָפּ נעבן אונדז אַן אָנגעפּעלצטער ייד מיט אַ פּילצענעם הוט, קוקט אויף אונדז און גלויבט נישט זיינע אויגן:

— דזשיגאַן, שומאַכער, וואָס טוט איר דאָ?

דער ייד מיטן פּילצענעם הוט איז געווען אונדזער אליהו הנביא. ס׳האָט נישט געדויערט קיין האַלבע שעה, זענען מיר געזעסן ביי אים אין דער וואַרעמער שטוב און דערציילט אונדזערע צרות פון אָנהויב אָן. יענער האָט זיך זייער געהאַט איבערגענומען, אפילו געלאָזט

אַ טרער צוזאַמען מיט שומאַכערן, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט באַרואיקן. דאָס איז געווען אַ ייד אַ פּשוטער, עמך, פון די שבת-בייטאָג פאַרשטעלונגען. ער האָט אונדז געקאָנט פון דער בינע. ראשית כל האָט ער אַרויפגעשטעלט אויפן טיש פון כל-טוב: ברויט מיט הערינג, אַ ציבעלע, עטלעכע ווורשטלעך, און דער עיקר — אַ טשייניק טיי. מיר האָבן געגעסן, אָפּגעבאָפּט ס׳האַרץ, און דער ייד האָט דערציילט אונדזערע טעאַטער-וויצן און זיך גע-האַלטן פאַר די זייטן פון געלעכטער. ער האָט געקאָנט שטיקער פון מיינע מאָנאָלאָגן אויף אויסנווייניק, זיך באַלעקט מיט יעדן וואָרט, אַזוי ווי מיר מיט זיינע ווורשטלעך. אויסגענוצט דעם גאַנצן רעפּערטואַר, זיך גוט אָנגעלאַכט, איז אַזוי ווי דער פאַרהאַנג וואָלט אַראָפּגעפאַלן, האָט זיך פונעם יידן אָפּגעטאָן דאָס געפרייד:

— און איצט מיינע ליבע אַקטיאָרן, דאַרף מען זוכן אַן עצה ווי אייך צו ראַטעווען.

ער האָט געפונען. אָט דער פאָלקס-מענטש, אָן קיינע פּניות, האָט זיך מקריב געווען צו גיין דעם לייב גלייך אין מויל אַריין. ער איז אַוועק אין דער נ. ק. וו. ד. און געמאָלדן, אַז מיר ווױנען ביי אים, און אויב מיר זענען פאַרברעכער, זאָל מען אונדז נעמען אין תּפיסה, אָבער נישט לאָזן אויף הפקר, ווייל דאָס פּאַסט פאַר אַ קאַפּיטאַליסטישער מדינה... דערנאָך האָט ער אויפגעמאַכט די גאַנצע שטאָט יידן, מען זאָל איינלייגן וועלטן און אונדז העלפן אַרויסגיין פון דער קלעם. יידישע הערצער איז נישט אָפּצושאַצן. מען האָט זיך אַזוי געהאַט איבערגענומען מיט אונדזער ביטערן גורל, אַז עצות זענען געפלויגן פון אַלע זייטן. אייניקע האָבן פאָרגעשלאָגן, מען זאָל אונדז באַהאַלטן אויף עטלעכע יאָר אין אַ בונקער, ביז די גאַנצע מעשה וועט פאַרגעסן ווערן. אנדערע האָבן געזאָגט, אַז בעסער איז מאַכן פאַלשע דאָקומענטן און אַוועקפירן אונדז ווייטער פון לעמ-בערג. אונדזער אליהו הנביא האָט נישט מסכים געווען צו קיין

זאַך — אַקטיאָרן, האָט ער דערקלערט דער עדה, זענען ווי פייגל, זיי דאַרפן זיין פריי. פאַלשע דאָקומענטן וועלן נישט העלפן, ווייל מיר זענען צו גוט באַקאַנט. מען מוז, האָט ער געשריען, גיין אויפן אויסגעפרוּווטן וועג — שוחד. מען דאַרף צוקומען צו די סאַמע גדולים און זיי אונטערשמירן. אַז מען וועט זיי אונטערשמירן וועלן זיי פאַרשמירן...

אַזוי איז טאַקע געווען. אַ געוויסן טאָג איז דער ייד אַריינגעפאַלן אין שטוב מיט אַ שמחה — מאָרגן, אַז איר וועט גיין צו דער טעגלעכער מעלדונג אין דער נ. ק. וו. ד. וועט מען אייך אַרעסטירן אויף ניין טעג, נאָך די ניין טעג וועט מען אייך באַפרייען און צוריקגעבן די דאָקומענטן, איר זאָלט קאָנען פאָרן קיין מאָסקווע זיך סטאַרען פונדאַסניי וועגן אייער רעפּאַטריאַציע.

מיר האָבן די שמחה מיט אונדזער ווילטעטער נישט געטיילט. פון אונדזער דערפאַרונג מיט דער נ. ק. וו. ד. האָבן מיר געוווּסט, אַז פון ניין טעג קאָן אַמאָל ווערן ניין יאָר, אָבער דער ייד האָט געזאָגט, אַז די אחריות איז אויף אים. זענען מיר אַוועק. אַזאַ שטאַרקע אמונה האָבן מיר געהאַט אין אים. מיר האָבן גאָר אַנדערש זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז דער ייד איז געשיקט געוואָרן פון די הימלישע אינסטאַנצן אונדז ראַטעווען.

אין אַרעסט האָט מען אונדז ווידעראַמאָל צעטיילט. איך ווייס נישט ווי שומאַכער האָט געפירט דעם חשבון פון די טעג, נאָר איך האָב מיט אַ נאָגל יעדן פרימאָרגן איינגעקריצט אַ פּאַסיקל אויף דער וואַנט. די לעצטע נאַכט פון אַרעסט האָב איך געהאַט אַזאַ חלום — איך בין אויפגעשטאַנען, גענומען דעם נאָגל צו מאַכן דאָס ניינטע פּאַסיקל, זע איך אויפן וואַנט שוין איינגעקריצט ניין פּאַסן, ווי די בערן. אַ שווייס האָט מיך באַשלאָגן — הייסט עס, אַז מען האָט מיך נישט באַפרייט, הייסט עס, אַז מען דאַרף זיצן פונדאַסניי, הייסט עס... כ'האָב געמאַכט אַ געוואַלד און אַראָפּגעפאַלן

פון דער פריטשע. כ׳האָב קוים מיט צרות דערלעבט דעם פרימאָרגן. אינעם קאָרגן, גרויען ליכט האָב איך געציילט די פּאַסיקלעך — אַכט. כ׳האָב אַרויסגעשלעפּט דעם פאַרראָסטן נאָגל פון זיין באַהעל-טעניש, צוגעקריצט אַ ניינטן פּאַסיקל, און זיך איבערגעגעבן כולי אין גאָטס הענט — זאָל ער טאָן וואָס ער וויל...

מען האָט אונדז אַרויסגעלאָזט. פון אַלע דאָקומענטן האָט מען אונדז בלויז צוריקגעגעבן דעם אַמבאַסאַדאָרס בריוו. דער נ. ק. וו. ד.-אָפיציר האָט אונדז אָנגעזאָגט אין משך פון אַכט שעה פאַרלאָזן לעמבערג. ס׳זאָל נישט בלייבן פון אונדז קיין שפּור. מיר זאָלן פאַרגעסן, אַז מיר זענען ווען עס איז געווען אין לעמבערג. מיר האָבן צוגעזאָגט און די תפיסה-טיר האָט זיך פאַרמאַכט הינטער אונדז.

אויפן גאַס האָט געוואַרט אויף אונדז דער ייד מיטן פילצענעם הוט.

— דאָ האָט איר בילעטן און געלט. און פאַרט. סטאַרעט זיך פונדאַסניי פאַרלאָזן רוסלאַנד. ווען איר וועט האָבן רעפּאַטריאַציע-פּאַפּירן, שיקט מיר אַ טעלעגראַמע. כ׳וויל קומען זיך געזעגענען און דערציילן ווי איך האָב אייך באַפרייט.

ער איז געשטאַנען ביים וואַגאָן-פענסטער און געלאַכט. מיר האָבן אַרויסגעקוקט צו אים און געוויינט.

— דזשיגאַן, שומאַכער וויינט נישט! ס׳איז נישט אייער פּאַך! איר וועט נאָך זען וויפל יידן וועלן לאַכן מיט אייך!

דער צוג קיין מאָסקווע האָט זיך גערירט. דעם יידנס געשרייען זענען געבליבן אַלץ ווייטער און ווייטער.

***

אָנהויב פעברואַר 1947 זענען מיר אָנגעקומען צוריק קיין מאָסקווע. דער ערשטער פונקט אויף אונדזער סדר היום איז געווען

באַקומען נייע דאָקומענטן. צוליב דעם האָבן מיר זיך ווידער געמוזט רירן אין וועג, קיין אַקטיובינסק, צום לאַגער-נאַטשאַלניק. צו אים האָט מען נישט געקאָנט קומען מיט ליידיקע הענט. כאָטש אַ טרייער דינער פון דער מאַכט, אַ באַוווסטזיניקער בויער פון אַ בעסערן מאָרגן, איז ער אויך געווען אונטערגעוואָרפן די בידנע געזעצן פון ערגערן היינט, און געוואָלט אַ בעסערן ביסן, ווי מיר אַלע. מיר האָבן אויפגעליען געלט ביי אַלע פריינד און אָנגעקויפט צוויי וואַ-ליזעס מיט עסנוואַרג. מאָסקווע, די הויפּטשטאָט, איז געווען באַזאָרגט מיט אַלעם גוטן. אויסער עסנוואַרג האָבן מיר אויך איינגעהאַנדלט פאַר אים שטאָף אויף אַנצוגן, שיך, אַ לעדערנעם מאַנטל — אַלץ זאַכן צוטריטלעכע בלויז פאַר דער נייער אַריסטאָקראַטיע. קיין אַקטיובינסק זענען מיר געפאָרן צוויי מעת לעת... דער נאַטשאַלניק האָט אונדז אויפגענומען ווי צוריקגעפונענע קינדער. זיין פרייד איז געווען גאָר גרויס. ווי נאָר, אַז מיר האָבן געעפנט די פּאָר וואַליזעס, איז ער אינגאַנצן צעמישט געוואָרן. ער האָט גלייך גערופן זיין פרוי, זי זאָל אָנקוקן די אוצרות. עפּעס ענלעכס האָט זיך אין זיין קאַריערע נישט געטראָפן. צוויי געוויזענע אַרעסטאַנטן זענען צוריק-געקומען פרעגן וואָס הערט זיך גוטס און נאָך מיטגעבראַכט מתנות.

נאָכן עסן האָבן מיר אַרויפגעלייגט אויפן טיש אונדזער בקשה.

מיר האָבן אים דערציילט, אַז מען האָט צוגעגנבעט ביי אונדז די דאָקומענטן אין באַן, און מיר דאַרפן קאָפּיעס. דער נאַטשאַלניק איז נישט געווען איבערראַשט. גנבענען דאָקומענטן איז דאַן געווען אַ וואָכעדיקער ענין.

— אויב איר ווילט נייע דאָקומענטן, מיט געענדערטע דאַטעס, אַנדערע פּרטים, זאָגט, האָט נישט מורא. איר ווילט, מן הסתם, דאָקומענטן, וואָס זאָלן אייך דערמעגלעכן דעם אַרויספאָר פון ראַטנפאַרבאַנד.

ווען מיר האָבן אים פאַרזיכערט, חס וחלילה, מיר ווילן בלויז

אָפּשריפטן פון אונדזערע כשרע לאַגער-דאָקומענטן, און קיינע ענדערונגען, איז ער שוין יאָ געווען איבערראַשט. מענטשן שלעפּן זיך צוויי טעג אין אַ ביטערן פראָסט מיט וואַליזעס גאָלדענע סחורה, כדי צו באַקומען כשרע פּאַפּירלעך. איך בין זיכער, אויב דער נאַטשאַלניק לעבט נאָך, ברעכט ער זיך ביז היינטיקן טאָג דעם קאָפּ אויף דער רעטעניש.

ער האָט אונדז געהייסן קומען צומאָרגנס אין דער לאַגער-קאַנצעלאַריע. אויף מאָרגן זענען די דאָקומענטן געלעגן פאַרטיקע. דער נאַטשאַלניק האָט נאָך אונדז דערלויבט זיך זען מיט דעם אַקטיאָר, אונדזער שותף צו די טעפּ געקעכצן. ער האָט אויסגעזען נישט שלעכט, ווי יעדער אַרעסטאַנט וואָס הויבט אָן פאַרשטיין אין משך פון יאָרן, אַז ס׳איז נישטאָ וואָס צו רייסן פּאָסן פון זיך און מען דאַרף טאָן אַלץ צו דערלעבן די פרייהייט. ער האָט ווידער געאַרבעט אין אַ פּלאַץ ווו מען האָט געקאָנט צופּאַרדינען נאָך אַ זופּ, אָדער אַ ברויטל. דער אַקטיאָר האָט משלים געווען מיט זיין גורל. ער האָט אויפגעהערט לעבן, ווי טויזנטער זיינס גלייכן אין די לאַ-גערן, צעוואָרפענע איבערן גרויסן ראַטן-פאַרבאַנד. ער האָט בלויז עקזיסטירט. בעת אונדזער באַגעגעניש האָט דער אַקטיאָר נישט געלאַכט, נישט געוויינט, בלויז זיך געוווּנדערט וואָס מיר זענען נאָך נישט אין פּוילן. מיר האָבן אים וועגן אונדז גאָרנישט דערציילט.

געקומען צוריק קיין מאָסקווע, האָבן מיר זיך גענומען ווידער צו אונדזערע ענינים — דערליידיקן דעם אַרויספאָר. ס׳איז לייכט צו זאָגן דערליידיקן. דאָס האָט זיך געצויגן טיף אין זומער אַריין. ביז יולי חודש. יעדן טאָג פלעגן מיר פאָרן פון אונדזער דאָרפישן קוואַרטיר קיין מאָסקווע, כדי צו מאַכן קילאָמעטערס פון איין אַמט צום אַנדערן. נאָך גוט, אַז מען האָט אונדז אַריינגעלאָזט צוריק וווינען דאָרט, ווען נישט, וואָלט אונדז אויסגעקומען ווידער זיך וואַלגערן אויפן גאַס, ווי אין לעמבערג.

יעדער מענטש פאַרמאָגט דאַטעס, וואָס ער געדענקט גענוי, ווי די דאַטע פון זיין געבוירן. דעם 25-טן יולי 1947 האָבן מיר ענדלעך באַקומען די דערלויבעניש צו פאָרן קיין פוילן. איך האָב גלייך אָוועקגעשיקט אַ טעלעגראַמע צו אליהו הנביא קיין לעמבערג, ער זאָל קומען זיך געזעגענען. ביז וואָס ווען האָבן מיר גענומען אָפּ-שייד פון אונדזערע פריינד און באַקאַנטע אין מאָסקווע. אַממערסטן זענען מיר געווען פאַרבונדן מיט דער יידיש-סאָוויעטישער שרייבער-גרופּע. דער דיכטער איציק פעפער האָט אונדז אויפגענומען אין זיין „אָפיס״. פעפער האָט נאָך זיין באַזוכן די פאַראייניקטע שטאַטן אין יאָר 1943, צוזאַמען מיטן שוישפילער שלמה מיכאָעלס, ווי אַ סאָוויעטישע דעלעגאַציע פון גוטן ווילן צו דעם אַמעריקאַנער יידנטום, אָנגעהויבן נוצן ענגלישע ווערטער אין זיין טאָג-טעגלעכן לשון. די דעלעגאַציע איז אין זיינער צייט געשיקט געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון סטאַלינען, בכבודו ובעצמו. האָט פעפער פאַר קיינעם נישט מורא געהאַט און געמישט זיין יידיש מיט קאַפּיטאַ-ליסטישע שפּראַך-עלעמענטן... פונדעסטוועגן, אַז מיר זענען געזעסן מיט אים און איך בין אַרויס מיט אַן אַנטי-סאָוויעטישן וויץ, איז ער געוואָרן בלאַס און אונדז געווונטשן אינדערגיך אַ זיי געזונט.

פון פעפערן זענען מיר אַוועק צו פּרץ מאַרקישן. ער איז דאָך געווען אונדזערס אַן אייגענער. אַ קינד פון פוילן. זיין הויז איז גע-שטאַנען נישט ווייט פון ווייס-רוסישן וואָקזאַל. דורך דעם פענסטער פון זיין אַרבעטס-צימער האָט מען געזען אַלע צוגן, ווי זיי קומען און גייען. מאַרקיש האָט אונדז ביידן אַרומגענומען און געזאָגט:

— יאָטן מיינע, טייערע. איר פאָרט צען אַזייגער אינדערפרי. איך וועל שטיין ביים פענסטער און אייך נאָכקוקן מיט פייכטע אויגן. דער פייף פון לאָקאָמאָטיוו וועט זיין מיין קרעכץ. פאָרט געזונט. איר זייט מיר איינגעבאַקן אין האַרץ. איר האָט מיטגעבראַכט אַהער אַ שטיק פון מיין לעבן, אַ שטיק פון מיין יוגנט...

צולעצט זענען מיר אַוועק צו אונדזער לערער און דערציער משה בראָדערזאָן. בראָדערזאָן האָט נישט אָנגעגעבן קיין ביטע אַרויסצופּאָרן, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז די וואָס וועלן אָנגעבן אַזעלכע ביטעס, וועט מען פאַרשיקן קיין סיביר. דער פּחד האָט געשלאָגן פון זיין קינדעריש-נאַאיוון בליק. ווער נאָך אַזוי ווי איך האָב געוווּסט וועגן זיין נאַאיווער נשמה, ווי אַ לאַנדשאַפט געמאָלט פון אַ דאָרפישן קינסטלער. און אָט דער מענטש האָט זיך געדאַרפט דערנאָך צוזאַמענשטויסן מיט דער רויער, ריקזיכטלאָזער, ברוטאַ־לערווירקלעכקייט אין די סאָוויעטישע תפיסות און לאַגערן. ער האָט נאָך דערלעבט אַרויסצוגיין פון דאָרט, כדי צו שטאַרבן גלייך נאָך דעם אין וואַרשע, איידער ער האָט באַוויזן זיך ווי געהעריק אָנפרייען מיטן צוריק-באַקומענעם לעבן; אָבער איציק פעפער, פּרץ מאַרקיש — די גאַנצע שרייבער-גרופּע איז אין יאָר 1952 אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד אויף סטאַלינס פּערזענלעכן באַ־פעל. דאָס איז געווען די צייט ווען סטאַלין האָט פאַר זיין טויט זיך געאײַלט צו פאַרענדיקן היטלערס לעבנס-ווערק — אומברענגען יידן.

ביזן היינטיקן טאָג פאַרגעטער איך בראָדערזאָנען. ער האָט מיר אַזויפיל געגעבן.

אַ טאָג פאַר אונדזער אָפּפאָר איז געקומען פון לעמבערג דער ייד מיטן פילצענעם הוט. געקומען איז ער מיט אַ מיליטערישן אַעראָפּלאַן פאַר צוויי פלעשער בראָנפן.

מיר זענען געזעסן אויף אַ באַנק אין אַ פּאַרק. אַזוי ווי דעמאָלסט אין לעמבערג. מיט דעם אונטערשייד בלויז, וואָס דאַן איז די קעלט געקראָכן אונטער דער הויט און שומאַכער האָט פאַרגעשלאָגן מען זאָל זיך הענגען. איצט האָט די זון געשפּילט דורך די בלעטער פון די ביימער און דער דאָקומענט אַרויסצופאָרן האָט געוואַרעמט דורך דער ברוסט-קעשענע, וואָס אין זומערדיקן רעקל. אליהו הנביא

איז געזעסן צווישן אונדז ביידן און דערציילט ווי אַזוי ער האָט אונדז באַפרייט.

ער איז אַוועק צום קאָמאַנדיר פון דער לעמבערגער נ. ק. וו. ד. און אַוועקגעלייגט אים אויפן טיש אַנדערטהאַלבן מיליאָן רובל. דאָס געלט האָט דער ייד אויפגענומען פון דריי דאַוונער אין זיין שול. ער האָט זיי דערציילט, אַז דאָס גייט אויף פדיון שבויים; אויך די נעמען פון די געפאַנגענע האָט ער געזאָגט. ער האָט געהאַט אויסגערעכנט, אַז דער גענעראַל וועט זיך נישט קאָנען ווערן מיטן יצר הרע... און טאָמער איז יענער פאָרט אַ רויטער צדיק, איז דער ייד אויך גרייט געווען צו דעם — זאָל זיך אים דוכטן, אַז ער גייט אויף קידוש השם. ער איז דען דער ערשטער ביי יידן? שענערע פון אים זענען געגאַנגען...

דער גענעראַל איז קיין צדיק נישט געווען. ער האָט גענומען. דעם אויספאָרשונגס-ריכטער האָט ער אַוועקגעשיקט ערגעץ אין אַ שטעטל דערליידיקן ענינים. די דאָקומענטן האָט ער פאַרברענט און באַפוילן אונדז נעלם צו ווערן פון לעמבערג.

— אַנדערטהאַלבן מיליאָן — האָט זיך שומאַכער געכאַפּט פאַרן קאָפּ. דאָס איז דאָך עפּעס... ווער זענען די יידן? מען דאַרף שוין שרייבן צו זיי, זאָגן זיי...

— איר האָט זיי גאָרנישט וואָס צו זאָגן, ווייל איך האָב שוין אַלץ געזאָגט.

— אָבער אַזאַ אוצר מיט געלט — האָב איך זיך נישט איינגע-האַלטן — דאָס זענען דאָך עפּעס נישט גלאַט יידן...

— האָט נישט קיין צרות, דזשיגאַן. זיי זענען זייער גלאַטע יידן, אַזוי ווי איך און איר, נאָר מיט מער געלט.

— אָבער אויף וואָס פאַר אַ סמך האָבן זיי אייך געגעבן?

— כ'האָב זיי צוגעזאָגט עולם הבא...

איך מיט שומאַכערן האָבן זיך איבערגעקוקט. אונדזער אליהו

הנביא האָט עס אַרויסגערעדט מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט די נדבנים צוגעזאָגט אַ העלפט פון זיינע נאַפט-קוואַלן. איך האָב אין מיין לעבן נישט געזען אַזאַ קלאָרן בליק ווי ביי יענעם יידן מיטן פילצענעם הוט. מיט וואָס פאַר אַ צוטרוי האָט ער אים, זיין בליק, פאַרוואָרפן צו דער ווייט, ביזן סאַמע גרעניץ פון באַשאָף.

שומאַכער האָט זיך נישט געקאָנט באַרואיקן:

— אָבער אויף וואָס פאַר אַ סמך זייט איר אַוועק צום גענעראַל, ריזיקירט מיטן קאָפּ?

— כ׳האָב ליב טעאַטער...

***

ווער איז געווען דער שליח פון גאָט, וואָס האָט אונדז אַרויס-געפירט פון אונדזער קלעם? אַ מענטש פון דער מאַסע. אַ ייד, וואָס האָט איבערגעזעצט די געבאָטן פון דער תורה אין דעם פּשוטן לשון פון טאָג-טעגלעכע מעשים-טובים. אמת, ער האָט טאַקע ליב געהאַט טעאַטער, אָבער אָן זיין קריסטאַל-ריינער נשמה וואָלט אָט די ליבע נישט געווען גענוג איינצולייגן וועלטן פאַר צוויי ווילד-פרעמדע, היימלאָזע פליטים, ווען ער האָט צופעליק געטראָפן פאַרפראָרענע אין גאַס. מיר האָבן אים געבעטן ער זאָל קומען קיין פוילן. מיר וועלן איבערנעמען די זאָרג פאַר זיין קיום בכבוד, ביזן סוף פון זיין לעבן. ער האָט אָפּגעזאָגט.

— מיין פרוי ליגט אויגן ליגן בית-עולם. מער ווי זי האָב איך נישט. כ׳וועל זי נישט פאַרלאָזן... איך וויל ליגן נעבן איר...

ווידער איז ער געשטאַנען ביים פענסטער פון וואַגאָן, וואָס האָט אונדז געפירט צוריק פון וואַנעט מיר זענען געקומען — קיין פוילן. ווידער האָט ער אונדז נאָכגעשריען — איר זאָלט דערפרייען יידן! ווידער האָבן מיר אים פאַרלוירן אינעם דאַמף פון לאָקאָ-מאָטיוו... מער האָבן מיר אים קיינמאָל נישט געזען.

דער צוג האָט געטריבן פון אונטער זיינע רעדער די ערד פון ראַטן-פאַרבאַנד. מיר האָבן זי פאַרלאָזן מער קיינמאָל נישט צו באַטרעטן.

***

אין יוני 1947 זענען מיר אָנגעקומען קיין וואַרשע. אַכט יאָר בין איך דאָרט נישט געווען. איך בין אַרויס פון וואַגאָן אָן האַרץ-קלאַפעניש. דאָס האַרץ אין מיר איז געווען פאַרשטיינערט. איך מיט שומאַכערן האָבן געשפּאַנט דורך די חורבות און געשוויגן. ס'איז נישט געווען וועגן וואָס צו רעדן. מיר האָבן שוין אַלץ געוווּסט. מיר האָבן אפילו געוווּסט, אַז אין דער שטאָט וווּ מיר האָבן געהאַט הונדערט און איין פריינד וועט פאַר אונדז נישט זיין ווו איבערצונעכטיקן. נישט דערפאַר, ווייל די פריינדשאַפט האָט זיך אָפּגעטאָן, נאָר דערפאַר, ווייל די פריינד זענען געבליבן אין אוישוויץ, אין טרעבלינקע, אין די ווייטע, הוילע סטעפּעס פון ראַטן-פאַרבאַנד.

די ערשטע נאַכט זענען מיר געשלאָפן אין מאַגאַזין פונעם יידישן קאָמיטעט. ווען מיר זענען דאָרט אָנגעקומען איז שוין דאָרט קיינער נישט געווען. דער שומר האָט אונדז זייער וואַרעם אויפ-גענומען, מיט עסן און טרינקען און אַ גוט וואָרט. ער האָט עס אונדז אויסגעבעט צוויי געלעגערס אין מאַגאַזין. אויף מאָרגן האָט שוין גאַנץ וואַרשע געוווּסט, אַז מיר זענען דאָ. יידן זענען געקומען אין קאָמיטעט אָנקוקן דאָס בייזע וווּנדער. מען האָט אונדז געטאַפּט צי מיר זענען אמתע. כ'האָב זיי געמוזט מכבד זיין מיט אַ פּאָר פאַר-מלחמהדיקע וויצן, זיי זאָלן זיך איבערצייגן, אַז דאָס זענען מיר — דזשיגאַן און שומאַכער.

ס'האָט אונדז געצויגן צו דער היימשטאָט — צו לאָדזש. אין לאָדזש האָבן זיך געהאַט אויפגעזאַמלט מער יידן, ווי אין וואַרשע.

די יידישע רעפּאַטריאַציע פון די מזרח-געביטן, וואָס זענען אָנגע-שלאָסן געוואָרן צום ראַטן-פאַרבאַנד, האָט זיך קאָנצענטרירט אין לאָדזש. מיר האָבן געבענקט נאָך יידן. אויך האָבן דאָרט שומאַכערס פרוי און טאָכטער געוואַרט אויף אים. אויף מיר האָט קיינער נישט געוואַרט. מיין משפּחה האָט נאָך פריער פאַרלאָזט פּוילן.

מיר האָבן טאַקע געטראָפן אין לאָדזש פריינד און באַקאַנטע, אָבער דאָס געזונט איז געווען אַזוי איינגעבראָכן, אַז מיר האָבן נישט געהאַט קיין כוח זיך צו פרייען מיט זיי. דער חורבן, די עלנטקייט פון דער שטאָט האָט אונדז דערדריקט. מיר האָבן באַשלאָסן אַוועק-צופאָרן אין אַ הינטער-שטאָטישער קינדער-קאָלאָניע, אין העלע-נוּוועק, כדי צו קומען אַ ביסל צו זיך. אין דער קאָלאָניע האָט מען איינגעזאַמלט די געראַטעוועטע יידישע יתומים. זיי זענען געווען צעשפּרייט ביי גוטהאַרציקע קריסטן, אין קלויסטערס, אָדער סתם פאַרוואָרפן אין שטאַלן און שייערן בעת דער דייטשער אָקופּאַציע. אָט זענען זיי אומגעלאָפן איבער דעם גראָזיקן שטח, זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש — ווי קינדער. אַזוי ווי זיי וואָלטן נאָך נישט גענוג געווען באַהאַלטן. כ׳בין געשטאַנען אין אַ ווינקל, נאָכ-געקוקט אונדזערע משה׳לער, שיינדעלער, און דער טרויער האָט געגריזשעט מיין געמיט. איינצלנע זענען זיי געבליבן פון משפּחות. ווער ווייסט — אפשר האָט אַ מאַמע געשעפּטשעט אַ נאָמען פון איינעם אַזאַ קינד און געבעטן צו גאָט — לאָז כאָטש אים איבער — בעת זי אַליין איז געגאַנגען צום טויט. כ׳האָב געזען ביי אַנדערע קינדער אַ מאָדנעם עצבות אין די אויגן בעת זייערע קונדסערייען. אַן עצבות פון דערוואַקסענע; אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם, האָב איך געפונען אַ טרייסט נעבן זיי. אָט די קינדער, האָב איך געטראַכט, זענען אונדזער המשך — אויף צו להכעיס די שונאים און פּאַרטי-ליקער. פאַר זיי, די קינדער, איז כדאי ווייטער ממשיך צו זיין און בויען דאָס לעבן פונדאָסניי. דאָס קליינוואַרג האָט אונדז געגעבן

כוח אָפּשאָקלען פון זיך די אייגענע גרוילן, אויף וויפל דאָס האָט זיך געלאָזט.

כ׳בין געזעסן מיט שומאַכערן און זיך באַראָטן וואָס ווייטער. ער האָט פאָרגעלייגט אפשר בויען צוריק אַ סטאַביל טעאַטער אין פוילן. אונדזערע נעמען זענען נישט פאַרגעסן געוואָרן. פאַרקערט. די רעשטלעך פון אונדזער עולם גאָרן נאָך אַזאַ טעאַטער. אויך די מלוכה וועט העלפן; איך האָב, אָבער, געהאַלטן אַנדערש:

אין שטעט — בית עולמס, מיט הייזער-מצבות, מיט לאַמטערן-יאָרצייט-ליכט און צושויער — יתומים, קאָן מען נישט בויען פונדאַסניי. דאָס אָרט איז פאַרשאָלטן און פאַרלאָרן פאַר אונדז. מען דאַרף אַלץ טאָן אַוועקצופאָרן און איינאָרדנען דעם קיום אנדערשוו.

שומאַכער האָט בלויז געוואָרט איך זאָל עס זאָגן. ער האָט גלייך מסכים געווען מיט מיר; אָבער דער אַרויספאָר פון פוילן איז נישט געווען אין אונדזערע הענט. מיר האָבן גדאַרפט וואַרטן צוויי יאָר, ביז דאָס איז צושטאַנדגעקומען. מיר האָבן גדאַרפט אַריבערגיין אַ באַרג מיט שוועריקייטן. די פירמע פון געוועזענע אַרעסטאַנטן האָט אונדז זייער געשטערט. שליסלעך איז פוילן נישט געווען אומאָפּהענגיק. זי איז בלויז געווען אַ פיליע פון ראַטן-פאַרבאַנד. ווען נישט דער אָדלער און דאָס ווייסע שטיק צוגעשטוקעוועטע לייוונט צו דעם רויטן שטאָף פון דער נאַציאָנאַלער פאָן, וואָלט מען גאָר פאַרגעסן ווו מען געפינט זיך.

כ׳האָב שוין ערגעץ ווו דערמאָנט, אַז צווישן יידן ווערט מען נישט פאַרפאַלן. די יידישע קאָמוניסטן האָבן זיך זייער געמיט מען זאָל אונדז דערלויבן פאָרן ווייטער. זיי האָבן פאַרשטאַנען, פונקט ווי מיר, אַז הומאָר און סאַטירע אין דעם נייעם רעזשים וועט נישט זיין קיין גאַנגבאַרע סחורה. קאָמוניזם איז זייער אַן ערנסטע טעאָריע, אַ גוטער וויץ קאָן איר בלויז פאַרשאַפן קאָפּ-ווייטיק. אויך

די כהנים פון רעזשים פאַרשטייען נישט קיין חכמות. ביי זיי, פאַר רעדן אָפן, ווערט מען גלייך פאַרמאַכט... די יידישע העלפער אין אויפבויען דאָס נייע פוילן, וואָס אין 1968 האָט מען זיי צעטריבן אין אַלע עקן וועלט, ווי ציוניסטישע אַגענטן — זיי האָבן דאָך אַמ-בעסטן געוווּסט, אַז מיר זענען אָפּגעקומען פאַר אַלע אונדזערע זינד. האָבן זיי פאַרבויגן אויף אַ רגע זייער טריישאַפט צו דעם זיסן טאַטן סטאַלינען, און זיך דערמאָנט, אַז אויסער קאָמוניסטן, זענען זיי אויך שטיקלעך יידן. טאַקע אַ דאַנק דער אינטערוועגץ פון עטלעכע גדולים, אחינו בני ישראל, האָבן מיר באַקומען די דערלויבעניש צו פאַרלאָזן פוילן.

דערווייל זענען מיר געפאָרן איבער די פוילישע שטעט שפּילן טעאַטער. אין זאַל זענען געזעסן די רעשטלעך פון מיינע אַמאָליקע צושויער. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך שפּיל פאַר די אומגעע-קומענע. מיינע נאָך-מלחמהדיקע מאַנאָלאָגן האָבן געקלונגען זייער טרויעריק. איך אַליין בין געווען אויסגעטאָן פון יעדן פאָדעם פרייד. די מרה-שחורה איז געדיכט געלעגן אין זאַל און אויף דער בינע. כ'האָב זיך געמיט צו ברענגען אַ ביסעלע הייטערקייט און ס'איז אַרויס פון מיין מויל אַ קדיש. וויפל איך האָב נישט געוואָלט זיך וויצלען אויפן חשבון פון דער קעגנוואַרט, בין איך צוריקגעקומען צו אונדזער עבר. די בענקשאַפט נאָך דעם אַמאָל האָט פאַרכליניעט די צושויער צוזאַמען מיט די אַקטיאָרן. נישט ווילנדיק זענען מיר צוריקגעקומען אין אונדזערע אויפטריטן צו דער וועלט, וואָס איז פאַרטיליקט געוואָרן. ווידער האָט דאָס יידישע וואָרט, דאָס יידישע ליד, דערמאָנט יעדערן זיין סביבה, זיינע נאָענטע, זיינע בעסטע יאָרן. לעבן-געבליבענע שאַרבנס האָבן זיך ווידער געזען אין זייערע היימען צוזאַמען מיט טאַטע-מאַמע, מיט ברידער, שוועסטער, מיט פריינד און געליבטע. יעדעס ליד האָט אויפגעמישט בלעטלעך פון גליקלעכע שעהן. יעדער וויץ האָט דערמאָנט אַ נאָענטן שכן. נאָך

איין רגע און מען האָט געקאָנט מיינען, אַז ס'איז גאָרנישט געשען; אַז דאָס אַלץ איז געווען אַ בייזער חלום. אָט האָבן מיר, איך און שומאַכער, זיך פונאַנדערגערעדט מיט דער לאָדזשער אויסשפּראַך. אָט האָבן מיר אויפגעלעבט באַלוט מיט אונדזער לשון, דעם צעזונגענעם, דעם בויגעוודיקן. דער עולם איז זאַל לאַכט, ער פרייט זיך מיט דעם באַקאַנטן ווערטער-קלאַנג, וואָס גלעט אַזוי זיין אויער. אָט... ניין... ניין... זיי זענען נישטאָ, אָט די יידן. זיי וועלן שוין קיינמאָל מער נישט זיין.

איך האָב דערציילט וויצן און אין מיר האָט אַלץ געוויינט.

***

פאַר די צוויי יאָר זענען, איך און שומאַכער, אויפגעטראָטן אין צענדליקער ישובים. אַלע פאָרשטעלונגען זענען פאַרשוווּמען געוואָרן אין מיין זכרון. איך געדענק בלויז איינע. נישט צוליב די קינסטלערישע דערגרייכונגען, אָדער גרויסע פאַרדינסטן, נאָר צוליב אַ געעשעניש, וואָס האָט מיין לעבן אַוועקגעפירט אויף ברייטע, פריידיקע שליאַכן, און מיך פאַרגיטיקט פאַר אַלע מיינע ליידן.

אויף איינע פון מיינע ערשטע אויפטריטן אין לאָדזש, בעת אַ סצענע ווי איך פאַרקויף פאַרמלחמהדיקע פּאַטעפאָן-פּלאַטן, איז עמיץ זיך פאַרגאַנגען אין אַ דערשטיקט געוויין. די שטילקייט אין זאַל איז צעריסן געוואָרן. אין אַ לאָזשע, נישט ווייט פון דער בינע, איז געזעסן אַ פרוי, געווישט מיט א טיכעלע די אויגן און געמאַכט אַלע באַמיאונגען זיך צו באַרואיקן. דערנאָך האָט זי מיר געגעבן אַ צייכן מיטן טיכעלע. ווי אַ טויב, אַ שניי-ווייסע טויב, זאָל האָבן אַ שוועב-געטאָן גלייך צו מיר, כדי צו ברענגען אַ גרוס פון ווייטע פאַרגאַנגענע יוגנט-יאָרן — אַזוי האָט געפאָכעט דאָס טיכעלע.

אין דער לאָזשע איז געזעסן עווא פייגנבלום. זי האָט געשמט מיט איר שיינקייט אין פאַרמלחמהדיקן וואַרשע. איר פאָטער איז גע-

ווען אַ רייכער אינדוסטריעלער. אַ ליבהאָבער פון יידישן טעאַטער. מיינער אַ פאַרברענטער חסיד. ער האָט זיך נוהג געווען מיר איינ־לאַדן צום שבתדיקן טיש. אַזוי האָב איך באַקאַנט זיין טאָכטער. זי האָט באַקומען פון מיר אַ מתנה, מיין ערשטע פּאַטעפאָן־פּלאַטע. כ׳האָב אויך בייגעלייגט אַ פאָטאָ צו דער מתנה. זי האָט מיר געבעטן כ׳זאָל אָנשרייבן אויף דער פּלאַטע עטלעכע שורות צום אָנדענק. איר אויגן זענען געווען אָנגעשטעלט אויף מיר. מיר האָט זיך אַזוי געגלוסט צופאַלן צו זיי און טרינקען דעם טוי פון די שוואַרצאַפּלען. דאַן האָבן דער מיידלס גרינלעכע אויגן געשמייכלט צו מיר און איך האָב נישט געוווּסט ווי אַזוי צו באַהאַלטן מיין פאַרלוירנקייט. ווען איך בין אַ שרייבער, וואָלט איך אפשר געקאָנט געטרייער שילדערן איר מאַטע הויט, וואָס האָט גאָלדיק געשימערט פון אונטער די קורצע בלוזע־אַרבל. דעם גלייכן, געשניצטן נאָז, גאָרנישט יידישלעך. אירע ווייסע ציין, וואָס האָבן, ווי אַ ים־כוואַליע, געשלאָגן צו די רויטע פולע ליפּן. אַזוי ווי איך בין נישט קיין שרייבער זאָג איך — זי איז געווען שיין.

כ׳האָב געטראַכט וואָס צו זאָגן אין דער דעדיקאַציע. געטראַכט און געטראַכט ביז ס׳האָט זיך געגעבן אַ צינד אָן אין מיר אַ דיכ־טערישער פונק, און כ׳האָב אָנגעשריבן:

— ווען כ׳וואָלט געדאַרפט אויסחלומען אַ חלום, זאָל ער אויס־זען אַזוי ווי דו...

איצט איז זי געזעסן אין טעאַטער און געוויינט.

נאָך דער פאָרשטעלונג איז זי אַריין צו מיר הינטער די קוליסן. פון אירע אויגן האָט איצט געפלאָסן דער צער, דער זעלבער צער, ווי ביי די קינדער אין דעם הינטערשטאָטישן אָפּרו־הויז. אַ הויכע, שטאַלטנע ווי תמיד, איז זי געשטאַנען מיר אַנטקעגן. זי האָט מיר דערציילט ווי דער פאָטער איז געשטאָרבן פון הונגער בעת זיין פאַרשיקונג אין סיביר. דער מאַן איז אויסגעגאַנגען אין

אַ צווייטן לאַגער. די מוטער און אירע אַ שוועסטער זענען נישט צוריקגעקומען פון דאַכאַו. זי איז געבליבן אַליין.

סוף 1947 האָבן מיר חתונה געהאַט. אַט האָט מיין חלום אויס-געזען אַזוי ווי זי; אָבער דורך וואָס האָבן מיר, צוויי עלנטע מענטשן, געדאַרפט דורכגיין, כדי זיך צוזאַמענצוקומען?

אַ יאָר שפּעטער האָב איך געזאָגט — עוואַ, פאָר אַרויס, אפשר וועט דאָס מיר העלפן. זי איז אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריז. איך בין געלאָפן, ווי פריער אין מאָסקווע, איבער אַלע אַמטן שרייען — מיין ווייב איז אַוועקגעפאָרן, איך וויל זיין מיט איר... ס'האָט מיר גע-האָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. פון מיין וועלן זיין קליגער פון דער וועלט האָב איך בלויז פאַרלאָרן. עוואַ איז געזעסן אין פּאַריז, געשריבן בריוו מיט דער אייביקער פראַגע — וואָס וועט זיין? און מיר האָט מען נישט געלאָזט פאָרן. בלויז פון דער בענקשאַפט איז מיר נמאס געוואָרן דאָס לעבן.

כ'האָב פאַרלאָרן די האָפענונג צו באַקומען די אַרויספאָר-דערלויבעניש. עוואַ האָט מיר געשריבן, אַז זי קומט צוריק צופאָרן און מ'וועט זיין צוזאַמען. אָבער איך האָב איר טעלעגראַפירט חס וחלילה. איר זיצן אין פּאַריז איז מיין איינציקער אויסרייד אָפּשלאָגן די שוועלן מען זאָל מיר אַרויסלאָזן.

ענדלעך, אין 1949, האָב איך און שומאַכער באַקומען די נוי-טיקע וויזעס. מען האָט געמוזט אָנקומען צום סאַמע פּרעזידענט פון דער מדינה, כדי דאָס צו דערליידיקן.

ווידער זענען מיר געזעסן אין צוג. אונדזער אליהו הנביא איז דאָסמאָל נישט געשטאַנען ביים פענסטער. מיר זענען געפאָרן צו דער פרייער וועלט.

דער צוג האָט געריירט, אַדורכגעפּויזעט די וואַקזאַל-האַלע, כדי דערנאָך זיך פונאַנדעריאָגן האַלדז און נאַקן דורך פעלדער און וועלדער. איך האָב נישט געוואָלט אַרויסקוקן דורכן פענסטער.

כ׳האָב נישט געוואָלט זען די געדיכטע זאַנגען, וואָס דער ווינט האָט גענויגט זייערע ברויטיקע קעפּ ביז צו דער ערד. כ׳האָב נישט געוואָלט זען דעם הימל ווו פעדער-וואָלקנס האָבן געשווומען צום אין-סוף. כ׳האָב נישט געוואָלט זען די פּוילישע לאַנדשאַפט, וואָס איז מיר געבליבן אַזוי נאָענט, אַזוי אויפגעגאָסן מיט די הייטערסטע יאָרן פון מיין לעבן.

האַרט פאַר דער גרעניץ האָב איך יאָ אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער, כ׳האָב זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן. כ׳האָב געמוזט נעמען אָפּשייד פון די בוימער, די בלומען די פּוילישע, וואָס האָבן געבליט אויף די זייטן נעבן דער באַן-סטאַציע. כ׳האָב געמוזט זאָגן זיי-געזונט אַלץ, וואָס האָט בונט געפאַרבט מיין יוגנט.

פּוילן איז געבליבן הינטער אונדז.

מדינת ישראל

מדינת ישראל

דעם 5-טן יאַנואַר 1972 בין איך געשטאַנען אויף דער בינע פונעם היכל התרבות, דער קולטור-פּאַלאַץ אין תל-אביב. איבער דריי טויזנט צושויער האָבן אויסגעפילט דעם זאַל. מען האָט גע- פייערט מיינע פערציק יאָר בינע-טעטיקייט. אָט דער יום טוב איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך אַ געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט.

ערשט דאַ, אויף דער פייערונג, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך בין, נאָך 22 יאָר לעבן אין מדינת ישראל, געוואָרן אַ טייל פון איר. דער עולם איז באַשטאַנען פון יידן, וואָס האָבן נאָך געדענקט מיינע אויפטריטן אין לאַדזשער „אררט”, ביז הי-געבאָרענע, סאַברעס. זיי האָבן קוים פאַרשטאַנען יידיש. די לעצטע זענען געקומען, כדי צו נאַשן אַ ביסל הומאָר, פון וועלכע זייערע טאַטעס באַלעקן זיך אַזוי. אויך טוריסטן זענען געקומען. פון דער גאַנצער וועלט. בעת דער הפסקה האָט מען געהערט רעדן אַ זיבעציק לשונות.

אין מיין יום טוב האָבן אויך אָנטיילגענומען אַקטיאָרן פון די עברית-טעאַטערס. די הבימה-שוישפּילערין מרים זוהר האָט געפירט דעם אָוונט. אויף מאָרגן האָט געשריבן דער קריטיקער מענדל קאַכאַנסקי:

— ווידער האָט ער זיך באַוויזן מיט זיין טרויעריקן פּנים, מיט דער מגושמדיקער לאַנגער נאָז און מיט דעם מידן, הייזעריקלעכן קול. די גאַנצע אָנגעזאַמלטע חכמה פון דורות איז געלעגן אין

דזשיגאַנס איינגעבויגענעם היטעלע, מיט דער צו-לאַנגער קאַפּאָטע און דער באַרימטער רויטער פּאַטשיילע, דזשיגאַנס קען-צייכן אויף דער בינע. דזשיגאַן — האַלב מנחם-מענדל, האַלב טשאַפּלין. דזשיגאַן — דער לעבעדיקער המשך פון אַ הערשעלע אָסטראָ-פּאָליער, צי מאָטקע חבד. אַ תמימותדיקער לץ, און אַזוי יידיש.

ווען מען האָט געזען אַן אויסגעשטרעקטע האַנט מיט אַ רויטער פּאַטשיילע פון הינטער דעם פאַרהאַנג, האָט מען שוין געוווּסט, אַז באַלד וועט זיך באַווייזן דזשיגאַן, און מיט אים דאָס געלעכטער.

און איך האָב געזאָגט גלייך נאָך דער פאָרשטעלונג:

— איך בין אַ קינד פון אַ דור, ווו יידיש געלעכטער האָט געמוזט גיין האַנט ביי האַנט מיט ווייטאָג, אַקסל צו אַקסל מיט טרויער...

נישט לייכט איז דער גורל פון אַ קאָמיקער ביי אַ פאָלק, וואָס האָט געלאַכט בלויז פון צרות. שווער צו מאַכן לאַכן יידן. יענע זענען אַזעלכע מומחים אויף וויינען. און אויף וואָס צו וויינען האָט קיינמאָל נישט געפעלט. טאָמער האָט זיך געטראָפן אַ טאָג, ס׳איז נישט געווען אויף וואָס צו וויינען, האָט מען געוויינט אויף קרעדיט, אויף מאָרגן, איבערמאָרגן. פון לאַכן אַזוי, סתם, האָט מען נישט געהאַלטן. געלעכטער איז גאָרנישט געווען מעשה ייד. בלויז פורים און שמחת תורה האָבן יידן געמעגט לאַכן. וואָלטן זיי אויך נישט געלאַכט, האָט מען עס, אָבער, פאַררעכנט פאַר אַ מצווה. און פאַר אַ מצווה איז אַ ייד גרייט אויף אַלץ, אפילו לאַכן.

***

די פייערונג איז פאָרגעקומען 22 יאָר נאָך מיין אָנקומען אין לאַנד. כ׳האָב זיך דערמאָנט דעם טאָג פון מיין אָנקום קיין ישראל. דאָס איז געווען דעם 15-טן מערץ 1950. איך און שומאַכער האָבן זיך געריכט צו טרעפן יידן, וואָס האָבן אונדז געדענקט פון די אַלטע, גוטע צייטן. כ׳האָב זיך אָבער נישט פאָרגעשטעלט, אַז גלייך אין

בעת מיין פאָרשטעלונג

היפּהער פּאָרט וועל איך זיך אָנשטויסן אויף אַזאַ יידן. נאָכדעם ווי די זשורנאַליסטן האָבן אויפגעכאַפּט ביי אונדז עטלעכע זאַצן, דער פּאָליציי-שעף האָט געטרונקען מיט אונדז אַ לחיים, די פּאָרט-אַרבעטער האָבן אָפּגעגעבן שלום, איז צוגעלאָפן צו מיר אַ פייער-לעשער און מיט אַ שטראַלנדיק פּנים אַ פרעג געטאָן:

— פאַניע דזשיגאַן, איר געדענקט מיך?

כ'האָב באַקוקט פון אַלע זייטן זיין בלויען מונדיר, דאָס פאַר-שוויצט, צעשמייכלטע פּנים מיטן פליישיקן נאָז, און געהויבן די אַקסלען:

— כ'געדענק נישט.

— איר געדענקט נישט?

— ניין...

— איך בין דער פון דער צווייטער ריי...

—...

— איר געדענקט נישט? אין בזשעזשין, אין זאַל פון די פייער-לעשער. איך בין געזעסן אין דער צווייטער ריי און געקנאַקט באַני-קערן. איר האָט דאַן איבערגעריסן אייער מאָנאָלאָג און געמאָלדן דעם עולם: אויב דער חברה-מאַן אין דער צווייטער ריי וועט נישט אויפהערן קנאַקן באַניקערן, הער איך אויף צו שפּילן. דאָס בין איך דער חברה-מאַן פון דער צווייטער ריי.

כ'בין געזעסן אין פּאָרט און די אויגן נישט געגלויבט. מאַטראָסן, פּאָליציסטן, אַלץ יידן. און דער עיקר — דער פּאָליציי-שעף. אַ ייד פון יידן-לאַנד. אַ ווילנער, פון ירושלים ד'ליטא. כ'בין אַמאָל גע-זעסן נאָך מיינער אַ פאַרשטעלונג אין פאַרמלחמהדיקן וואַרשע מיט אַ באַקאַנטן פּוילישן אַקטיאָר און געטרונקען קאַווע. אַ יונגער שוי-שפּילער פון מיין אַנסאַמבל האָט געהאַט צרות מיט דער מאַכט. פּאָליטישע. יענער איז געווען זייער באַווירקט פון דער רויטער תורה. כ'האָב געבעטן מיין באַקאַנטן, אפשר קאָן ער העלפן. און

אַזוי ווי מיר זיצן אין דער קאַפע, הייסט ער דעם קעלנער ברענגען דעם טעלעפאָן צום טיש, דרייט אָן אַ נומער, און בעט עפּעס עמיצן אַ וואַצעק העלפן „אַן אייגענעם, פון דער בראַנזשע אַקטיאָרן, אַן אומשעדלעכן ייד״. וואַצעק האָט זיך דערנאָך אַרויסגעשטעלט ווי אַ הויכער רעגירונגס-באַאַמטער.

כ׳האָב זיך דאַן צוגעהערט צום טעלעפאָן-געשפּרעך און גע-טראַכט דערביי: וועט נאָך קומען אַמאָל אַ צייט ווען מיר וועלן האָבן אונדזערע אייגענע וואַצעקס? אַ יידישער אַקטיאָר זאָל קאָנען אָפּרופן אַ, דיגניטאַר און רעדן מיט אים אויף דו?

און אָט בין איך געזעסן אין חיפה׳ער פּאָרט און געדוצט דעם פּאָליציי-שעף, ווייל ער איז געווען אַ סך יינגער פון מיר, און אַ ווילנער בחור, וואָס האָט געזען מיינע פאָרשטעלונגען אין זיין גע-בוירנשטאָט.

היינט איז מען שוין צוגעוווינט אָבער, אין 1950, צוויי יאָר נאָך דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל...

עס ליגט מיר נאָך דער ערשטער איינדרוק אין די ביינער. יידן האָבן גערעדט אַ זאַפטיקן יידיש. דאָס מאַמע-לשון איז געווען אין טויזנטער מיילער. גלייכווערטלעך, שטעכווערטלעך, וויצן. כ׳האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז כ׳בין אין וואַרשע, צי אין לאָדזש פאַר דעם קריג. איך בין געשווומען צווישן זיי ווי אַ פיש אין וואַסער. לאַנג, אָבער, האָב איך נישט געקאָנט שווימען. מען האָט געדאַרפט אָנהייבן טראַכטן וועגן פרנסה. איך און שומאַכער האָבן זיך אַוועקגעזעצט צו דער עבודה, צוגרייטן אַ פּראָגראַם און ווידער ווערן לצים מיט לצים צוגלייך. אָט איז איינער פון די סקעטשן, וואָס מיר האָבן דעמאָלסט אויפגעפירט: דער סקעטש האָט געהייסן „דזשיגאַן און שומאַכער אין 1980״. מיר פלעגן אַרויסטרעטן אויף דער בינע ווי צוויי אַלטע זקנים, וואָס שטריקן זאָקן.

— שמעון דזשיגאַן.

— ישראל שומאַכער.

— אין 1980.

— שלום!

— שלום!

— וואָס הערט מען?

— אַ דאַנק, אַזוי זיך.

— וואָס?

— ר׳איז שוין האַלב-טויב, דער אַלטיטשקער —

— איר ווייסט וואָס היינט איז?

— אַ כאַמסין, עס ברענט אַ פייער אין גאַס.

— אַ כאַמסין איז געווען נעכטן, היינט איז אַ יאָנטעוו.

— גוט יאָנטעוו, וואָס איז די גדולה?

— מען עפנט היינט די צווישנשטאָטישע אונטערגרונט-באַן אויפן נאָמען פון משה בן-גוריון.

— איר מיינט דוד בן-גוריון.

— ניין, משה, דוד׳ס אייניקל.

— יאָ, דער אַלטער האָט גערעדט און דאָס אייניקל טוט.

— ס׳איז אַ גרויסע טעכנישע דערגרייכונג. שטעלט אייך פאָר: תל-אביב—חיפה אין אַ האַלבער שעה.

— און די רעשט — צו פוס...

— נסים פון טעכניק! און ווי לאַנג האָבן מיר שוין דעם פאָרט אין הרצליה?

— צען יאָר.

— טעכנישע נסים! און דער קאַנאַל טבריה—נתניה?

— פופצן יאָר.

— נסים פון טעכניק!

— יאָ, טעכניק.

— און ווי לאַנג לעבן מיר אין דער מדינה?

— דרייסיק יאָר.

— טעכניק!

— ניין, געדולד.

— און מיר רעדן עברית!

— דאָס איז טעכניק!

— געדענקסט, מיט דרייסיק יאָר צוריק, ווען מיר זענען געווען עולים? מיר האָבן נישט געקענט קיין עברית; טויזנטער פון די נייע עולים האָבן נישט געקענט קיין עברית און מיר האָבן געגעבן פאַר-שטעלונגען אויף יידיש, מאַמע-לשון.

— און איצט? מיר רעדן אַלע עברית. יידיש האָט מען פאַר-געסן. איך אַליין האָב עס פאַרגעסן, אוי-וויי.

— טאַקע? ווי זאָגט מען אוי-וויי אויף יידיש?

— דאָס האָב איך אויך פאַרגעסן.

מיר האָבן זיך באַלד געשאַפן אַ נאָמען פון סאַטיריקער. נישט בלויז דער ברייטער עולם איז אונדז געקומען הערן. אפילו די, וואָס זענען געשטאַנען ביים רעדל, האָבן זיך צו אונדז צוגעהערט. ישראל האָט געהאַט אַ יונגע ביוראָקראַטיע, וואָס האָט נאָך נישט געוווּסט ווי אַזוי זיך אויפצופירן. אָדער פאַרקערט — וואָס האָט שוין געכאַפּט די קונץ פון שווער מאַכן דאָס לעבן פון די בירגער. באַלד נאָכן פראָקלאַמירן די מדינה איז איינגעפירט געוואָרן דער ראַציע-רעזשים, דער אַזוי גערופענער „צנע”. שפייז-פּראָדוקטן, אויך אַנדערע אַרטיקלען, זענען געוואָרן ראַציאָנירט, דער רעזשים האָט געוואָלט אָפּשטעלן די ווירטשאַפט אויף די פיס; אָבער אין יענער צייט איז עס שווער געווען צו פאַרטראָגן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שוואַרצער מאַרק מיט ספּעקולאַציעס. דאָס אַלץ האָט אונדז גע-געבן ווּנדערלעכן מאַטעריאַל.

מיר האָבן זיך דערלויבט צו קריטיקירן, אָפּלאַכן פון יעדן

איינעם, אָנהויבנדיק פון אַ פּאָליציאַנט ביז דעם סאַמאַראָדנעם פּרעמיער.

בעת די כנסת-וואַלן אין יאָר 1952 האָט די רעגירנדיקע פּאַרטיי באַנוצט אין איר פּראָפּאַגאַנדע אונדזערע פּלאַקאַטן, צו באַווייזן ווי דער רעזשים איז דעמאָקראַטיש, ווי די ישראל-בירגער קאָנען זאָגן אַלץ, וואָס זיי ווילן.

אין אונדזער ערשטן פּראָגראַם איז געווען אַ נומער מיטן נאָמען „בענץ". דער נומער האָט זיך אָנגעהויבן דערמיט, וואָס שומאַכער און איך זענען אַריינגעקומען אויף דער בינע פוןביידע זייטן און מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק. איך האָב געפרעגט שומאַכערן:

— איר זענט דאָ געקומען זיצן?

— ניין, שלאָפן. גייט טאַקע אַראָפּ פון דער באַנק, ווייל כ'וויל מיר בעטן ס'בעט.

— כ'האָב פונקט אַזאַ רעכט צו שלאָפן אויף דער באַנק ווי איר.

— אַזוי? ווי לאַנג זענט איר שוין אין לאַנד?

— פיר חדשים.

— ערשט פיר חדשים? וועט איר אַזוי גוט זיין שלאָפן אויף אַ באַנק אין שדרות קרן קיימת. שדרות רוטשילד! אַנדערש פּאַסט אים נישט! געזען אַ חוצפּה?! די נייע עולים ווייסן שוין אַליין נישט וואָס זיי ווילן.

— ווי לאַנג זענט איר אין לאַנד?

— אַ האַלב יאָר. כ'בין שוין באַלד אַ וותיק, אַן איינגעזעסענער. איר ווייסט וואָס כ'וועל אייך זאָגן?

— כ'ווייס, כ'ווייס, איר וועט באַלד זאָגן אַז איר האָט געלייגט שאָסייען, געטריקנט בלאָטעס און איך בין געקומען צום גרייטן... אַ חוצפּה דאָס איז! איך שלאָף שוין דריי נעכט אויף דער באַנק, גייט ער מיך גאָר אַראָפּשטופּן...

— זעסט, מען טאָר זיך נישט אַרויסרירן פון דער היים. כ׳בין נאָר דריי טעג נישט געווען דאָ, איז מיר שוין עמעצער אַריין מיט זיינע פיס אין בעט אַריין. נו, וואָס זיצט איר ? וואָס שטייט איר ? ווו גייט איר ? בעט ס׳בעט ! איר וועט שלאָפן צופוסנס. נעמט אַרויס ס׳בעטגעוואַנט. ווו זוכט איר, אין דער טעקע ? (שלעפּט אַרויס אַ האַנטוך).

— נאָט אייך.

— דאָס איז דאָך אַ האַנטוך, גיט מיר ס׳ליילעך.

— דאָס ליילעך האָט מען צוגענומען אין מכס, אין צאָל-אַמט.

— שוין, מ׳עט מאַכן נאַכט. (נעמט אַרויס אַ צעריסענע פּי-דזשאַמע).

— וואָס איז דאָס?

— פאַר דער רעוויזיע אין חיפה׳ער פּאָרט איז עס געווען אַ פּידזשאַמע (לייגן זיך ביידע).

— ר׳ וותיק, לאָזט אַ נייעם עולה אויסציען די פיס.

— דאָס יאָ, בבקשה.

— ס׳איז דושנע.

— נעמט אַרויס אַ פּוס פון מיין טאַש.

— איר האָט אַ סיגאַרעט ?

— בבקשה.

— ווו נעמט איר אַזעלכע גוטע סיגאַרעטן ?

— איך נעם ? איר נעמט ! איך קויף.

— פון וואַנען זאָל איך נעמען צו קויפן ? פון דריי טעג אַ וואָך וואָס איך אַרבעט אויפן כביש ?

— איר אַרבעט נישט מער אויפן כביש ווי דריי טעג אין דער וואָך ? און פון דעם קענט איר לעבן ?

— דאָס איז מיין מזל, ווען איך אַרבעט זעקס טעג אין אַזאַ היץ, וואָלט איך באַלד געשטאָרבן.

— און ווי זעט איר אויס מיט עברית ?

— ביטער. נעכטן בין איך געגאַנגען אין לשכת העבודה, אין אַרבעטס-אַמט, וועגן אַרבעט, האָט דער פּקיד מיט מיר אַנדערש נישט געוואָלט רעדן, נאָר עברית.

— כ'שטעל זיך פאָר ווי איר האָט זיך געמאַרדעוועט.

— איך האָב זיך געמאַרדעוועט ? ער האָט זיך געמאַרדעוועט. בכלל רעדט מען דאָ צו פיל. יעדער איינער האַלט רעדעס. אָבער אַז מען וועט איינפירן בענץ וועט מען איינשפּאָרן ווערטער.

— בענץ ? וואָס איז דאָס אַזוינס ?

— די ראשי-תיבות פון „בדיבור נחוץ צנע". איר פאַרשטייט ? ב ע נ ץ. מ'דאַרף איינפירן אַ צנע ביים רעדן.

— וואָס וועט די מלוכה האָבן פון די איינגעשפּאָרטע רייד ?

— אַז יעדער רעדנער וועט ביים רעדן איינשפּאָרן ווערטער, וועט ער ממילא איינשפּאָרן צייט ביי די וואָס הערן. און צייט איז געלט און פאַר געלט קען מען בויען פאַבריקן, און פאַבריקן איז סחורה, און סחורה איז עקספּאָרט, און עקספּאָרט איז דאָלאַרן...

— איר מיינט, אַז מיט ווייניקער רעדעס אין כנסת קען מען איינשפּאָרן סחורות אויף עקספּאָרט ?...

ביסלעכווייז זענען מיר אַריבער צו קריטיק איבער די פּאָליטישע פּאַרטייען, די רעגירונגס-קאָאַליציע, די חברים פון דער כנסת. מיר האָבן גערעדט וואָס אַמאָל שנעלער, ביז מיר האָבן גענומען זינגען און געכאַפּט אַ טענצל. צום סוף זענען מיר אַוועקגעפאַלן אויסגעמאַטערטע אויף דער באַנק.

— אוי, ס'איז גוט.

— אוי, ס'איז נעבעך זייער גוט.

— איר האָט הנאה געהאַט ?

— אַלץ הייסט הנאה געהאַט.

— נו, ווייזט מיר נאָך איין לאַנד, איין פֿאָלק, אין דער גאַנצער וועלט, ווו ס׳זאָלן זיין אַזויפיל צרות און מען זאָל קאָנען אַזוי לאַכן ?...

***

אַזאַ סקעטש האָט געוויזן, אַז סאַטירע ווירקט בעסער ווי אַ לייט-אַרטיקל אין אַ צייטונג. דער וויץ מיט דער צעריסענער פּי-דזשאַמע האָט גלייך געבראַכט רעזולטאַטן. עס איז באַלד געקומען אַ באַפעל אָפּצושטעלן דאָס נאַרישע אַרומזוכן אינעם באַגאַזש פון די נייע עולים אין חיפה׳ר פּאָרט. פון דעמאָלט אָן האָט מען דעם באַגאַזש נישט בודק געווען ביזן דעק.

גלייך ביי מיינע ערשטע אויפטריטן אין ישראל, האָב איך גע-זוכט אַ נייעם העלד פאַר מיינע מאָנאָלאָגן. כ׳האָב געזוכט אַ טיפּ, וואָס זאָל פאַרמאָגן אַלע אייגנשאַפטן פון אַ ישראל-ייד. אַ גע-שטאַלט אין וועמענס מויל איך זאָל קאָנען אַריינלייגן רייד וועגן די פּראָבלעמען וואָס זענען פאַרבונדן מיט זיין טאָג-טעגלעכן לעבן.

כ׳האָב געזוכט אַ פאַרטרעטער פון מיין פּוילישן ייד מיט דער רויטער פּאַטשיילע. וואָס איז פאַרטיליקט געוואָרן. כ׳האָב אים, מיין ייד מיט דער קאַפּאָטע און דאָס קליינע היטעלע, געוואָלט אי-בערפלאַנצן אַהער, אויף דעם ישראלדיקן באָדן. כ׳האָב געזוכט און געפונען. כ׳האָב גענומען דעם שטאָטישן פרנסה-זוכער און אַרויפ-געצויגן אויף אים אַ דאָרפישע הויט. כ׳האָב מיין ייד אויסגעטאָן די קאַפּאָטע און אים געגעבן אַ כאַקי-בלוזע מיט קורצע הייזלער. אויפן קאָפּ האָב איך אים אַרויפגעטאָן אַ טעמבל, דאָס באַרימטע ישראל-דיקע היטל, וואָס איז רונד און האָט נישט קיין צורה. בלויז די רויטע פּאַטשיילע האָב איך איבערגעלאָזט אין זיין האַנט ווי אַ סימבאָל פון המשכדיקייט. אָט איז מיין מאָנאָלאָג:

— שלום תל-אביבער! עץ דערקאָנט מיך? כ׳זע שוין אויס ווי אַ סאַברע, ניין? כ׳האָב אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם גלות, אויס



דער קיבוצניק

קאַפּאָטע; בלויז מיט דער פּאַטשיילע קאָן איך מיך נישט שיידן. צוואַנציק יאָר איז זי געווען מיט מיר, געדינט צו דער נאָז, דערנאָך, ביי די נאַציס, צו די אויגן. ווי, וויפל טרערן האָט די פּאַטשיילע איינגעזאַפּט. אין ראַטן-פאַרבאַנד האָב איך די פּאַטשיילע גענוצט פאַר אַ פאָן. דאָ, אין ישראל, נוצט זי מיר קעגן שווייס...

איך אַרבעט אויפן דאָרף. כ׳בין אַ קיבוצניק. ס׳ווייסט? כ׳קיק ענק אָן ווי משוגע. ס׳האָט זיך אַלע אַריינגעשטופּט אין תל-אביב. ווי קאָנט עטץ לעבן אין אַזאַ ענגשאַפט, און נישט ווערן זאַדישעט? צוויי שעה האָט מיר געדויערט אַריבערגיין די גאַס. די שאָפערן האָבן מיך געזידלט, פאַרוואָס כ׳האָב מיך נישט געלאָזט איבער-פאָרן. אוי, די שטאָטישע האָבן אַ תל געמאַכט פון דער מדינה. זאָגט מיר, אדרבא, ווער דאַרף האָבן די ציבעלעזאַציע?... איך דאַרף עס אויף טישע נאַנציק כפּרות. איך וויל די האַנטיקע יידן פון ישראל זאָלן גיין אין די וועגן פון אונדזערע אבות. דאָס האַנטיקע פּירעבץ האָט דען אַ טעם? שטעלט אייך פאָר, איך קום אין הייליקן לאַנד מיט אַ פאָר טויזנט יאָר צוריק און טרעף אברהם אבינו האַנדלען מיט דאָלאַרן... אָדער זיין זון יצחק זאָל איינפּאַלן בויען אַ האָטעל אויפן סאַמע ברעג ים... כ׳האָב געלערנט חומש. כ׳האָב נישט גע-זען אין חומש זאָל שטיין, אַז די מאַמע רחל האָט געשפּילט אין ברידזש. פאַרקערט. אָט האָט יעקב אבינו געהאַט צוועלף זין, ווי די בערן. ער האָט געקאָנט אויפשטעלן אָן אייגענע פוטבאָל-מאַנשאַפט, פאָרן אין אויסלאַנד צו כאַפּן גאָלן און ברענגען טייפּ-רעקאָרדערס... נו, איז ער געפאָרן?...

אונדזערע אבות האָבן נישט געדאַרפט קיין ציבעלעזאַציע. זיי האָבן נישט געדאַרפט קיין אויטאָס. הלואי וואָלטן איצט נישט גע-ווען קיין אויטאָס. וואָלטן דאָך נישט געווען קיין שאָפערן, וואָלטן מיר געהאַט נאָך אַ פאָר טויזנט לעבעדיקע יידן... עטץ ווילט פאָר-שריט? בבקשה. יאָך נישט... יאָך וויל גיין אין די זעלבע וועגן וואָס

אונדזערע אבות. זיי האָבן געפּאַשעט שאָף און רינדער? יאָך אויך. זיי האָבן געהאַט יעדער עטלעכע ווייבער? יאָך אויך...

פאָלגט מיך, וואָס דאַרפט עטץ זיצן אין שטאָט, אַריינלייגן דעם קאָפּ אין קאָמבינאַציעס, ספּעקולאַציעס, געשעפטן? קומט בעסער אויפן דאָרף און לייגט אַריין דעם קאָפּ אין דר'ערד אַריין, וועט עטץ דאָך וויסן פון אַ לעבן... (די רעדאַקציע האָט זיך געמיט איבערגעבן דעם טייל פון דזשיגאַנס מאָנאָלאָג אין זיין באַזונדערן, לאָדזשער רעדנס-אָרט).

***

אַזוי ווי יעדער, וואָס קומט קיין ישראל, בין איך געווען שטאָלץ, וואָס מיר האָבן אַן אייגענע אַרמיי. איך בין נתפּעל געוואָרן דערפון, וואָס יעדער בירגער איז אַ סאָלדאַט. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז פאַראַן אין דעם אויך אַ הומאָריסטישער מאָמענט: איין זאַך איז צו זען אַ יונגן, שלאַנקן מוסקולירטן בחור אין אַ מונדיר, און אַ צווייטע זאַך איז צו קוקן אויף אַ מיטליעריקן קרעמער מיט אַ בייכל, אָנגעטאָן, אין אַ מונדיר, וואָס איז אויף אים צו ענג.

איינער פון אונדזערע דערפאָלגרייכע סקעטשן איז געווען אויף דער טעמע. טאַטע און זון געפינען זיך אויף איבונגען. דער זון מושטירט דעם טאַטן. מיר זענען אַרויסגעקומען אויף דער בינע אין מונדירן.

— כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, מיין זון. מילא, דאָס וואָס מען האָט מיך, אַ מענטש אין מיינע יאָרן, גערופן אויף מאַנעווערעס, בין איך זיי מוחל. דאָס וואָס מען האָט מיך אַרויסגענומען פון געשעפט פונקט פאַר יאָנטעוו, ווען מען קאָן עפּעס פאַרדינען — בין איך זיי אויך מוחל; אָבער דאָס, וואָס מען האָט מיך אַריינגעגעבן אין אַן אָפּטיילונג, וווּ מיין אייגענער זון איז אָפיציר און ער זאָל מיט מיר קאָמאַנדעווען — דאָס וועל איך זיי נישט מוחל זיין.

אַ באָבאָווער חסיד אין דער ישראל-אַרמיי

— דאָ מוזסטו פאַרגעסן אַז דו ביסט אַ טאַטע. דאָ בין איך עלטער פון דיר. דאָ זענען מירביידע זעלנער. איך מוז טאָן דאָס, וואָס מען הייסט מיך, און דו מוזט טאָן, וואָס איך הייס דיך. הקשב! אַכטונג!

— נחומקע, אַז דו ווילסט אויף מיר שרייען, זאָלסטו האַלטן ס׳מויל. ווען איך בין געווען אין דיינע יאָרן, האָסטו נאָך געדאַרפט וואַרטן זיבן יאָר זאָלסטו געבוירן ווערן. דרך ארץ, דערווייל בין איך דיין טאַטע!

— אין דער היים! דאָ, אַז מען זאָגט „הקשב״ דאַרפסטו שטיין גלייך ווי אַ סטרונע, נישט קיין פינטל טאָן מיט אַן אויג.

— אָ-וואָ, די אייער ווילן זיין קליגער ווי די הינער.

— טאַטע דו לאַכסט? וועסט ביי מיר וויינען ווי אַ טאַטע...

— מאַך דיך נישט נאַריש; אַן אַלטן סאָלדאַט גייסטו לערנען ווי צו שטיין און גיין? איך קאָן דיך לערנען! נאַפּראַוואָ... (דרייט זיך רעכטס). ווײ איז מיר, נאַ לעוואָ... (דרייט זיך לינקס) ווײ איז מיר... (דרייט זיך אַרום און אַרום) ווײ איז מיר...

— ס׳איז גאַנץ גוט, טאַטע, אָבער וואָס טוט דיר אַזוי ווײ?

— דער פּאַספּאָרט, מיין זון, די יאָרן...

— טאַטע, דו האָסט געדינט אין אַרמיי?

— כ׳האָב געהאַט אַ ברירה? מ׳האָט מיך געמסרט... הער, נחומקע, גיב אַ באַפעל, כ׳זאָל מיך צולייגן אויף אַ האַלבער שעה, כ׳בין מיד. אַ גאַנצן טאָג מאַרשירן מיר באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ...

— און איך האָב יאָ כוח? הקשב!

— איז גיב זיך אויך דעם זעלבן באַפעל.

— טאַטע, נעם אַרויס די הענט פון די קעשענעס.

— כ׳קען נישט, די הויזן זענען מיר צו גרויס. כ׳האָב נישט באַקומען קיין פּאַסעק. ס׳פעלן אויס פּאַסקעס.

— אוודאי פעלט אויס. ס׳איז אַ יונגע אַרמיי. צוערשט האָט מען

געדאַרפט קויפן טאַנקן, אַמוניציע; אַז דער שונא וועט אונדז באַ-פאַלן, מיט וואָס וועט מען שיסן? מיט פאַסקעס?

— ביסט נישט גערעכט, נחומקע. אַז דער שונא וועט אונדז, חלילה, באַפאַלן, וועט מען זיך צוהאַלטן די הויזן?

— טאַטע, דו קענסט דעם לעצטן באַפעל פון גענעראַל-שטאַב?

— אַז וואָס?

— די זעלנער ווערן געבעטן נישט צו געבן קיין עצות די אָפיצירן... מנוחה! רוען!

דער פאָטער טוט אויס דאָס היטל, בלייבט אין קאַפּל. — כ׳בעט דיך, זאָג מיר, נאָך וואָס ליגט מען אַרויף בלעטער מיט צווייגן אויף די היטלען? ס׳איז דאָך אַ גאַנצער פּרדס.

— דאָס טוט מען אָפּצונאַרן דעם שונא. דאָס איז סטראַטעגיע. ווייסט וואָס עס איז אַזוינס סטראַטעגיע?

— פרעג מיך עפּעס גרינגערס.

— סטראַטעגיע הייסט, למשל: אַז ס׳איז נישטאָ מיט וואָס צו שיסן, זאָל מען שיסן אַזוי לאַנג, אַז דער שונא זאָל נישט וויסן, אַז ס׳איז נישטאָ מיט וואָס צו שיסן.

— נחום, גיב אַ באַפעל כ׳זאָל עפּעס נעמען אין מויל אַריין.

(פייפט) — דריי מינוט צייט אויף מיטאָג.

— דריי מינוט? כ׳וועל דאָך נישט אויסקומען.

— ביים מיליטער איז דריי מינוט אַ ים מיט צייט.

— ווי אַזוי? איין מינוט אויף צו וואַשן די הענט: איין מינוט צו מאַכן אַ ברכה; בלייבט איין מינוט אויף עסן?

— לויט דעם וואָס ס׳איז דאָ צו עסן, איז איין מינוט אויך גענוג. (גיט אים די מענאַשקע).

— ווו איז דאָס פלייש?

— זעסט דאָרט אַן אַרבעס? אונטער דער אַרבעס ליגט ס׳פלייש.

***

כ׳בין געוואָרן זייער פּאָפּולער. ס׳האָבן מיך אָנגעהויבן דער-קאָנען שאָפערן, פּאָליציאַנטן, קעלנערס, אויפּרוימערס פון טרעפּ. כ׳האָב שוין פריער דערציילט וועגן דער צנע-צייט. די רעגירונג האָט איינגעפירט שטרענגע באַגרענעצונגען. מען האָט נישט גע-טאָרט ברענגען אין שטאָט אַריין אַן איבעריק איי. איינמאָל זענען מיר געפאָרן נאָך אַ פאַרשטעלונג פון חדרה. דאָרט זענען עופות געווען בזיל הזול. האָט דער אימפּרעסאַריאָ געקויפט, אָן אונדזער וויסן, צוויי הינער און זיי אַריינגעפּאַקט אונטערן זעסל פון דער טעקסי. אויפן וועג קיין תל-אביב האָט אונדז אָפּגעשטעלט אַ פּאָ-ליציי-פּאַטרול, כדי צו קאָנטראָלירן אויב מיר שמוגלען נישט קיין פּראָדוקטן פאַר דעם שוואַרצן מאַרק. דער אימפּרעסאַריאָ האָט זיך געגעבן אַ וואָרף צו מיר:

— דזשיגאַן, ראַטעווע, דו זיצסט אויף צוויי הינער...

איין פּאָליציאַנט האָט זיך נישט געפוילט, איבערגענישטערט די טעקסי און מיך געפרעגט וואָס פאַר א פעקל ליגט אונטער מיין זעסל.

כ׳האָב זיך נישט פאַרלאָרן, און אים אָפּגעענטפערט:

— מען זאָל טאַקע אַלע אַזוי געזונט זיין, און איר זאָלט געפינען אַ בעסערע פרנסה, ווי איך זיץ אויף צוויי הינער...

דער פּאָליציאַנט האָט זיך צעלאַכט:

— דזשיגאַן מיט זיינע וויצן... נו פאָרט...

אַ צווייט מאָל האָט אַ פּאָליציאַנט בעת אַזאַ קאָנטראָל געפונט דאָס קעסטל פון אונדזערס אַ מוזיקערס אַ פידל. אינעווייניק איז געלעגן אַ קאַטשקע.

דער פּאָליציאַנט האָט אים געפרעגט:

— דאָס איז אייער פרנסה?

האָט אים דער מוזיקער געענטפערט, ווי ביי יידן, מיט אַ פראַגע:
— פון מוזיק קאָן מען לעבן ?...

מיר האָבן אָט די סצענעס אויסגענוצט דערנאָך צו אונדזערע פאָרשטעלונגען.

***

מיר האָבן זיך באַמיט צוצופּאַסן אונדזערע פּראָגראַמען צו דעם עולם, וואָס האָט עולה געווען פון אונדזערע מקומות, דער עיקרשט פּוילן. מיר האָבן אָפּט אַריינגעפלאָכטן ווערטלעך, זאָגעכצן, אייגנטימלעך דעם יידן פון פּוילן און זיין מענטאַליטעט. אונדזער ציל איז געווען צו פאַרהיטן דאָס אייגנאַרטיקע, דערווייַזן, אַז יידישער הומאָר איז אוניווערסאַל, אַז אין תוך האָט זיך געענדערט דער שטייגער, אָבער נישט די איינשטעלונג. אינטערעסאַנט, אַז אויף אונדזער דערפאַרונג זענען דערנאָך אויפגעקומען הומאָר-אַנ-סאַמבלען אין עברית, וועלכע האָבן אויסגענוצט די זעלבע הומאָר-עלעמענטן, אויסגעפּרוּווטע דורך אונדז אין משך פון יאָרן.

אָט זענען אייניקע אָפּשניטן פון אַ סקעטש „אַ היילונג פאַר די נערוון". די אַקציע קומט פאָר אין אַ ישראלדיקן אָפּרו-הויז.

— זעט נאָר, דאָס זענט איר ?
— יאָ, דאָס בין איך.
— אויף אָפּרו ?
— אויף צרות...
— דער מאָגן ?
— ניין.
— די פיס ?
— ניין.
— די נערוון ?
— יאָ.

— מיין מעשה.

— שלום עליכם.

— גאָט צו דאַנקען. איצט וועט כאָטש זיין מיט וועמען אַויס־רעדן אַ יידיש וואָרט.

— אוי, יידיש... מ׳עט טאַקע אָפּרוען אַ ביסל די נערוון.

— טאַקע אַזוי, אָבער וואָס איז דערפון, אַז איך גיי אַרום אַ גאַנצן טאָג אָן אַ קאָפּ.

— וואָס איז דען ?

— איר האָט נישט געהערט וואָס ס׳איז געשען מיט פרידמאַנען ?

— מיט וועלכן פרידמאַן ?

— יאַנקלען קאָנט איר ?

— וועלכן יאַנקל ?

— יאַנקל פרידמאַן.

— ניין, כ׳קאָן אים נישט.

— יאַנקל מיטן אייגל. די גאַנצע וועלט קאָן אים.

— איך בין נישט די וועלט.

— רעגט מיך נישט אויף.

— ער איז אַ שוואַרצער ?

— ניין, אַ געלער. מיט אַן אייגל.

— ציט נישט די עצמות. זאָגט וואָס איז געשען מיט אים ?

— שרייט נישט ! איר הערט ? שרייט נישט, ווייל כ׳בין זייער אויפגערעגט.

— זע איך דאָך שוין טאַקע, אַז די נערוון ביי אייך...

— וואָס די נערוון ביי מיר ?

— רב ייד, וואָס האָט איר זיך צוגעטשעפּעט ?

— רעגט מיך נישט אויף !

— ווער רעגט אייך אויף ? מען איז געזעסן, גערעדט. ס׳איז געווען אַ פאַרגעניגן, זענט איר אַריינגעפאַלן מיט אַ געלן פרידמאַן...

— ווער זאָגט אײַך, אַז כ׳בין אַרײַנגעפאַלן ?

— שוין, לאָזט מיך אַרויס פון ס׳געשעפט.

— אָבער כ׳האָב אײַך דאָך געזען מיט אים.

— מיטן געלן פרידמאַן ?

— מיטן זעלבן.

— קאָן איך אים אויפסנייַ נישט.

— מ׳קאָן דאָך פון אײַך פּלאַצן.

— באַרואיקט אײַך, אײַערע נערוון...

— איר מיינט, אַז כ׳בין משוגע ?

— פונוואַנעט זאָל איך וויסן ?

— פונוואַנעט זאָלט איר וויסן ? מיט אַזאַ רעדן קאָנט איר דאָך טאַקע משוגע מאַכן. שוין, ס׳האָט שוין מיר געגעבן אַ כאַפּ. איך מוז עפּעס צעברעכן. (צעברעכט אַ שטעקן) איצט גלויבט איר שוין ?

— אָבער איך קאָן פּאַרט נישט דעם יאַנקל פרידמאַן...

— רעדט נישט. כ׳צעברעך באַלד דאָס גאַנצע מעבל.

— האַקט, ברעכט. כ׳קאָן אויך דאָס זעלבע. (צעברעכט אַ גלאָז). געהערט אַ מעשה ? איך בין געקומען זוכן אַ היילונג צו די נערוון, איז ער גאָר אַרײַנגעפאַלן מיט אַ פרידמאַן...

— מיט אַן אויגל...

— וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר האָט מיך דאָ אַהערגעבראַכט, איך זאָל טרעפן אַזאַ פינסטער אָנשיקעניש, אַזאַ בייז באַגעגעניש, אַזאַ ביטער צוטשעפּעניש, אַזאַ בראָך, אַזאַ שלאַק, אַזאַ צרה.

— כ׳האָב געבענקט נאָך אַ יידיש וואָרט, האָב איך. כ׳האָב גע־דאַרפט בעסער צעברעכן הענט און פיס, איידער כ׳האָב אָנגעהויבן צו רעדן מיט אים וועגן זיינע באַקאַנטע.

— מיינע באַקאַנטע ?

— יאָ, אײַערע. איר קאָנט דען נישט פרידמאַנס שווער ?

— וועלכן שווער ?



די ווייען ביים געבורט פון אַ נייעם פּראָגראַם
(פון לינקס — י. שומאַכער ז״ל און איך)

— רויטמאַנען. משה רויטמאַן. דער געשטופּלטער.

(וויינט) — לאָמיר שוין בעסער אַדורכקומען. זאָל שוין זיין, אַז איך קאָן פרידמאַנען, ווייל צום געשטופּלטן רויטמאַן האָב איך שוין נישט קיין כוח...

***

דאָס איז געווען איינע פון די בעסטע דיאַלאָגן, וואָס איך האָב אויפגעפירט מיט ישראל שומאַכער. מיר האָבן איבערגעטראָגן צוויי יידן פון אָטוואָצק אין אַן אַפּרו-הויז, ווו דורך די פענסטער זעט מען דעם כרמל-באַרג. די לאַנדשאַפט האָט זיך געענדערט, אָבער אונדזערע געשטאַלטן זענען געבליבן די זעלבע. זייערע קינדער זענען שוין אַנדערש. מיר האָבן נישט געמאַכט קיין פּרווו צו דערגיין צו זיי.

סוף 1960 איז צווישן מיר און שומאַכערן געקומען צו אַ שווערן קאָנפליקט. דער אומגליק איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער קאָנפליקט האָט נישט געהאַט קיין קינסטלערישע סיבות. אין משך פון יאָרן זענען מיר געווען אַזוי אויפגעשפּילט, אַז צווישן אונדז איז נישט געשטאַנען קיין איבעריק וואָרט. אויך האָט אונדז געבונדן אַ בינע-חברשאַפט, וואָס איז געווען געקניפּט דורך צענדליקער נסיונות. שוין נישט צו דערמאָנען דעם געמיינזאַמען וועג פון צרות און פּיין אין ראַטן-פאַרבאַנד. און דאָך; נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, האָבן זיך צווישן אונדז אָנגעהויבן רייבונגען. און נישט אַזוי צווישן אונדז, ווי אַרום אונדז. אַ טעאַטער באַשטייט נישט בלויז פון אַקטיאָרן. אַרום דער בינע דרייען זיך אָפט צופיל ברואים מיט גראָבע הענט, וואָס זענען מסוגל צו פאַרדאַרבן יעדן גוטן חלק פון אַ פריינדשאַפט אָדער אַ שעפערישן בונד. בדרך כלל טוען זיי עס פּשוט, ווייל זיי פאַרשטייען נישט אַנדערש. זיי פאַרשטייען נישט דעם קינסטלער, וואָס איז, אין גרעסטן טייל, אַ שקלאַף ביי זיינע

אייגענע עמאָציעס. ס׳איז גענוג אַמאָל איין שעפּטש, ער זאָל אַראָפּגיין פון גלייכן וועג און אָנהויבן טאָן נאַרישקייטן, הן מענטש־לעכע, הן שעפּערישע. ס׳איז רעכט, אַז מען האָט שומאַכערן אַריינ־גערעדט גלייך אין אויער אַריין — וואָס דאַרפסטו דזשיגאַנען, וועסט זיך אָן עצה געבן אָן אים... ס׳קען זיין, אַז איך בין אויך שולדיק אין דער צעשיידונג. איך האָב אַרויסגעלייגט אויפן טיש אַלע עוולות, דער׳ עיקרשט די מאַטעריעלע, און געפּאָדערט אַן ענטפער אויף זיי; אָבער די באַציאונגען זענען געוואָרן אַזוי פאַרקריפּלט, אַז כדי זיך אויפצוריידן האָבן מיר ביידע געדאַרפט שרייען, ווי עס וואָלט געשטאַנען צווישן אונדז אַ וואַנט. אָט די וואַנט האָבן אויפגעשטעלט מענטשן זייטיקע, כדי צו פאַרסירן זייערע אייגענע אינטערעסן. איך האָב נישט געהאַט קיין כוח צו שרייען, צו שטרייטן, האָב איך זיך געזאָגט — דזשיגאַן, עס לאָזט זיך נישט מער. דו געפינסט זיך נישט מיט שומאַכערן אין תפיסה, וווּ איינער איז געווען אויסגעשטעלט אויפן אַנדערן, און מען האָט זיך געהאַלטן צוזאַמען. דו ביסט אויף דער פריי און שומאַכער האָט זיך צוגעקליבן עצה־געבערס, וואָס דו האָסט נישט אויף זיי קיין שליטה. עס האָבן נישט געהאָלפן קיינע שתדלנותן פון וויכטיקע, ישראלדיקע פערזענלעכקייטן. עס האָט נישט געהאָלפן דאָס אַפּעלירן צום שכל הישר. ערגעץ האָט זיך פאַר־האַקט אונדזער צוזאַמענאַרבעט. מיר זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

איך און שומאַכער זענען געווען אויסגעוואַקסן צו אַ טעאַטער־אינסטיטוציע. אונדזערע נעמען פלעגט מען אַויסרופן אין איין אָטעם. איך האָב אויף איין רגע נישט געהאַט פאַרגעסן, אַז דרייסיק יאָר זענען מיר געשטאַנען צוזאַמען אויף דער בינע און דער עולם וועט אפשר נישט וועלן אַקצעפּטירן איינעם. די ספיקות האָבן מיך אויפ־געגעסן. וועט דער צושויער קאָנען פאַרגעסן, אַז איך בין געבליבן אַליין?

כ׳האָב געמוזט פּרוּוון. זיצן אינדערהיים און לייגן אויף דער

וואָגשאָל קעגן און פאַר, האָט נישט געהאַט קיין זין. כ׳האָב געמוזט צוריק אַריינשפּרינגען אין די טיפע, אומזיכערע וואַסערן פון טע-אַטער און פּרווון שווימען.

כ׳האָב זיך גענומען פעסט צו דער אַרבעט אויף צוגרייטן אַ פּראָגראַם. די פּראָגראַם האָב איך געגעבן אַ נאָמען „פריש געזונט און משוגע״. דעם נאָמען האָב איך אויסגעקליבן בכוונה, טאָמער פאַל איך אַדורך, וועל איך זאָגן — פריש, געזונט און משוגע, גע-וואָלט מאַכן אַליין אַ טעאַטער...

שומאַכער האָט זיך שטאַרק פאַרלאָזט אויף די עצות פון די אַזויגערופענע טעאַטער-אַלצווייסער, און אַוועק שטעלן „קידוש השם״ פון שלום אַש. איך פאַרשטיי נישט ביזן היינטיקן טאָג וואָס איז געשען מיט דעם קלוגן חבר מיינעם, וואָס זיין חכמה איז געווען אַ שם דבר, אַז ער האָט אויסגעקליבן אַ דראַמע זיך צו רעפּרעזענ-טירן דעם עולם אַליין, אָן מיר. ס׳איז רעכט, ווען שומאַכער גרייט צו אַ סאַטירישן פּראָגראַם, וואָלטן מיר ביידע געהאַט דערפאָלג און ישראל וואָלט באַרייבערט געוואָרן מיט נאָך אַ בינע, ווו דער הומאָר שפּרודלט אין אַלע זיינע פּריידיקע פאַרבן; ווייל שומאַכער איז געווען אַ טעאַטער-מענטש בחסד עליון. ער האָט געהאַט אַ דינעם חוש פאַר וואָרט-שפּיל, פאַר קאָמישע סיטואַציעס. ער האָט גע-שעפּט פון אונדזער היימישער ליטעראַטור מיט אַ געניטער האַנט, אויסגעפונען לאַנג-פאַרגעסענע אוצרות און זיי אַרויפגעבראַכט אויף דער בינע.

האָט גענומען שומאַכער, פאַרוואָרפן זיין באַשטימונג פון גאָט ווי אַ קאָמיקער, און אַוועק צו דראַמע. פאַרשטענדלעך, אַז ער איז געשטרויכלט געוואָרן. פאַר מיר פּערזענלעך איז עס געווען אַ גרוי-סער קלאַפּ. איך האָב געהאָפט, אַז ער וועט אָפּשפּילן די פּיעסע, זיך אַרומזען, אַז דאָס איז נישט פאַר אים און זיך אומקערן צוריק צו אונדזער בשותפותדיקער בינע-אַרבעט; אָבער דער דורכפאַל האָט

אים זייער צעבראָכן. ער האָט געגלויבט אויסצוהאַלטן די דראַמע אויף זיינע אַקסלען, אָבער דאָס איז אים נישט געלונגען. זיין אָרט איז געווען אין טעאַטער פון הומאָר און סאַטירע. אין דערזעלבער צייט האָט זיך אונטערגערוקט אַ שווערע קראַנקייט, וואָס האָט אים צוגעשמידט צום בעט. די יאָרן תפיסה, לאַגערן, קלעמענישן, הונ-גער — אַלץ האָט זיך צוריק אָפּגערופן. דעם 21-טן מיי, יאָר 1961 איז ישראל שומאַכער נפטר געוואָרן. זיין פּריצייטיקער אַוועקגיין פון דער וועלט איז געווען אַ פאַרלוסט נישט בלויז פאַר זיין משפחה און פילצאָליקע פריינד, נאָר אויך פאַר אונדזער טעאַטער-קולטור.

דרייסיק יאָר זענען מיר צוזאַמען געשטאַנען אויף דער בינע. דרייסיק יאָר זענען מיר געווען אַזוי איינגעשפּילט, אַז מען האָט זיך פאַרשטאַנען אויפן ווונק. דאָס האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן ווערן אין דרייסיק טעג, צו די שלושים. איך געדענק שומאַכערן ביז היינט.

אַ פּאָר טעג נאָך זיין פּרעמיערע, בין איך אַרויס מיט מיין פאַר-שטעלונג. איך בין געווען זייער געשפּאַנט. ווי וועט מיך אויפנעמען דער עולם אָן מיין לאַנגיאָריקן שותף? טעאַטער איז אַן אייביקער מאַרש אויף אַ דינער שטריק. מען ווייסט קיינמאָל נישט פאָרויס צי זי וועט אויסהאַלטן, אָדער פּלאַצן. איצט, ווען איך האָב געדאַרפט שטעלן די ערשטע שריט אויף אָט דער שטריק אַליין, אָן שומאַכערן, איז די מורא ביי מיר געווען גאָר גרויס.

גאָט האָט מיר דאָסמאָל ווידער נישט פאַרלאָזט. דאָס פּראָגראַם האָט זייער אויסגענומען. זי איז באַשטאַנען, ווי תמיד, פון סקעטשן, פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע, עטלעכע מיינע מאָנאָלאָגן און פאָלקס-געזאַנגען. דער עולם האָט אין משך פון יאָרן געשטראָמט צו אונדז הערן אַ שאַרף וואָרט וועגן אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען, אַ וויץ אויף אַ מיניסטער, אַ הלצה וועגן אַ באַאַמטן, ווען דער קאָפּ האָט זיך פאַרדרייט פון גרויס גדולה. שומאַכער איז טאַקע

נישט געווען מיט מיר, אָבער אונדזער געמיינזאַמע ריכטונג אין טעאַטער האָב איך נישט געענדערט.

דעם ערשטן אָוונט אָן אים איז מיר געווען זייער סומנע. איך האָב געבעטן עמיצן פון די אַקטיאָרן זאָלן בלייבן מיט מיר אויף דער בינע. מיר האָבן אויסגעפּילט די צייט מיט וויציקע שמועסן וועגן טאָג-טעגלעכע ענינים אין דער היים און אין גאַס. למשל:

— היינט האָב איך איינגעלאַדן מיינס אַ באַקאַנטע, זי זאָל לאַכן און אָנשטעקן אַנדערע מיט געלעכטער. האָט זי אָבער מורא, ווייל פון לאַכן מאַכן זיך קנייטשן אויפן פּנים, און זי האָט שוין אַזויפיל, אַז עס גייט שוין מער נישט אַריין...

— דער פינאַנץ-מיניסטער האָט געזאָגט, אַז מיר האָבן לעצטנס אין ישראל פינף גוטע יאָר.

— און וואָס זאָגסטו?

— נאָך אַזעלכע פינף גוטע יאָר וועט מען קאָנען זאָגן, אַז דאָס ערגסטע איז שוין אַריבער...

און אָט איז אַ סקעטש, וואָס שילדערט דעם צוזאַמענשטויס צווישן אַ נייעם עולה און דער סוכנות, דער אַדרעס פאַר אַלע טענות צו דער נייער, הייסער ישראל-ווירקלעכקייט:

— ווער איז אין דער ריי? בבקשה, ביטע.

— גוט מאָרגן, בוקר טוב.

— רעדט נישט אַזויפיל, זאָגט וואָס איר דאַרפט.

— די מעשה איז אַזוי.

— מאַכט עס בקיצור, אָן מעשיות.

— בקיצור — איך בין אַ נייער עולה. כ׳האָב באַקומען אַ דריי-צימער וווינונג.

— איז דאָך גוט. וואָס ווילט איר איצט?

— ס׳איז אַזוי גוט, אַז ערגער קאָן נישט געבן.

— רב ייד, רעדט צו דער זאַך?

— די זעלבע וווינונג האָט די סוכנות צוגעטיילט נאָך אַ יידן, אַ געוויסן זלמן רויזנקראַנץ. ער האָט אויך אַ ווייב מיט פיר קינ-דער, אַזוי ווי איך.

— איז וואָס אַרט אייך?

— ס׳וואָלט מיך נישט געאַרט, זאָל ער האָבן, אָבער ער האָט זיך אַריינגעצויגן אין מיין דירה.

— איז דאָך אַלץ דערליידיקט.

— וואָס הייסט דערליידיקט?

— וואַרט אַ רגע. דער... ווי הייסט ער!

— רויזנקראַנץ, זלמן.

— רויזנקראַנץ האָט באַקומען אַ באַשטעטיקונג אויף אייער דירה?

— יאָ.

— ער האָט זיך שוין אַריינגעצויגן?

— יאָ.

— ער וווינט שוין דאָרט?

— יאָ.

— טאָ וואָס ווילט איר?

— אַ דירה! איר קאָנט דאָך נישט פאַרלאַנגען...

— איך פאַרלאַנג גאָרנישט? איר פאַרלאַנגט!

— איך פאָדער איר זאָלט מיר דערליידיקן דעם ענין!

— טאָ דערליידיקט.

— איך שטיי דאָך דאָ צו דערליידיקן.

— איז מאַכט עס בקיצור. וואָס פאַרלאַנגט איר?

— שוין, איך גיב אייך צו פאַרשטיין. שטעלט אייך פאָר, אַז זלמן רויזנקראַנץ איז אַריין אין מיין דירה און וויל נישט אַרויס, ווייל ער האָט נישט וווהין. פרעג איך אייך — וואָס זאָל איך טאָן?

— עצות באַקומט מען אין צימער 113.

— איך דאַרף נישט קיין עצה. איך דאַרף אַ דירה.

— וואָס פֿאַרדרייט איר מיר דעם קאָפּ? איך האָב נאָך אַנדערע מענטשן צו דערליידיקן.

— און מיר האָט איר שוין דערליידיקט?

— איז מאַכט עס בקיצור. וועגן וואָס האַנדלט זיך...

***

נאָכן אָפּשפּילן די סצענע, האָבן מיר באַוויזן אַן אַנדער סקעטש, פּונקט דאָס פֿאַרקערטע — העפֿלעכע באַאַמטע. דאָ האָט דער באַאַמטער מיט זיין איבערגעטריבענער גוטהאַרציקייט דערפֿירט דעם דעם עולה צו אַזאַ מצב, אַז יענער האָט געוואָלט אַרויסשפּרינגען דורכן פֿענסטער. אַ גליק, אַז דאָס ביוראָ איז געווען אין פּאַרטער...

— גוט מאָרגן, בוקר טוב.

— אַ גוט יאָר. קומט אַריין, קומט אַריין. זעצט אייך. אַ גלאָז טיי?

— ניין, אַ דאַנק. אַ דירה.

— אַ דירה? מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן; אָבער כ׳זע איר זייט עפּעס אויפֿגערעגט. נאָט אייך אַ פּיל.

— אַ דאַנק. (שלינגט אַראָפּ די פּיל).

— און איצט, מיין ליבער ייד, לאָמיר הערן וואָס קוועטשט אייך.

— די מעשה איז אַזוי...

— וואַרט אַ רגע. נעמט נאָך אַ פּיל.

— אַ דאַנק.

— און איצט דערציילט וואָס דריקט אייך.

— די פּיל.

— נעמט אַ ביסל וואַסער.

— אַ דאַנק (טרינקט).

— איצט לאָמיר הערן אייער מעשה.

— די מעשה איז אַזאַ. איך בין אַ נייער עולה. די סוכנות האָט מיר צוגעטיילט אַ דירה מיט...

— געלויבט צו גאָט. כ׳פריי מיך זייער. זאָל אייך זיין מיט גליק.

— יאָ, אָבער.

— וואָס אָבער?

— אָבער אויף דערזעלבער דירה האָט די סוכנות געגעבן אַ באַשטעטיקונג נאָך איינעם, אַ זלמן רויזנקראַנץ. ער האָט אויך אַ ווייב מיט פיר קינדער, אַזוי ווי איך.

— עפּעס גוטע קינדער?

— וואָס איז וויכטיק? וויכטיקער איז דאָס, אַז ער איז אַריין אין מיין דירה.

— טאַקע אַזוי?

— טאַקע אַזוי!

— ער האָט זיך גאָרנישט געשעמט?

— ...

— איך שטעל מיך פאָר וויפל געזונט דאָס קאָסט אייך. ווו לעבט איר, ווו שלאָפט איר?

— דער רויזנקראַנץ שלאָפט אין מיין בעט. מיין פרוי שלאָפט אין דער וואַנע. מיין יינגערע מיידל שלאָפט אין דער וואַש-מאַשין.

— אוי, וויי, וויי. און ווו עסט איר?

— כ׳האָב שוין פאַרלוירן דעם אַפּעטיט. כ׳דאַרף נישט עסן.

— האָט נישט קיין צרות, איכל זיך באַלד נעמען צו דעם רויזנקראַנץ, וועט בלייבן פון דעם גאַנצן קראַנץ איין רויז.

— לאַנג לעבן זאָלט איר.

— שוין מען נעמט זיך צו דער אַרבעט. ווי הייסט איר?

— יאַנקל זילבערמינץ.

— אַ שיינער נאָמען, ס׳קלינגט...

— ביי רויזנקראַנצן קלינגט נישט און ער האָט די דירה.

— איר וועט אויך האָבן. אָט שרייב איך אַ בריוו (שרייבט). און איצט מיין ליבער ייד, זשיראַנטן האָט איר ?

— זשיראַנטן ?

— נו, יאָ. פריינד, קרובים, וואָס זאָלן אונטערשרייבן פאַר אייך, אַז איר וועט צאָלן דירה-געלט.

— כ׳האָב אַ פעטער אין אילת און אַ מומע אין צפת.

— גוט, אויסגעצייכנט. (פאַרשרייבט). איצט נעמט דעם בריוו און גייט געזונטערהייט.

— וואָס זאָל איך טאָן מיט דעם בריוו ?

— מיטן בריוו ? גאָרנישט. איר וועט בלויז געבן אַ שפּרונג צו דער עיריה, צום שטאָט-ראָט. דאָרט וועט מען אייך אָנשרייבן אַ בקשה. מיט דער בקשה וועט איר געבן אַ לויף צו דער הויפּט-פּאָסט, קויפן הכנסה-מאַרקעס אויף 10 פונט און אָנקלעפּן אויף דער בקשה. דערנאָך וועט איר זיך צוכאַפּן צום פענסטערל נומער 12 שטעמפּלען די מאַרקעס. נאָכן שטעמפּלען וועט איר צוריקלויפן אין עיריה, מען זאָל אייך אונטערשרייבן. דערנאָך וועט איר צופאָרן קיין אילת צום פעטער און צו דער מומען אין צפת און זייביידן ברענגען קיין תל-אביב אין דער באַנק, וווּ מען דאַרף זשירירן. אין באַנק וועט מען אייך געבן וועקסלען אונטערצושרייבן. אַז איר וועט אַלץ האָבן דערליידיקט, וועט איר קומען צו מיר, וועל איך אייך דאַן געניי זאָגן, וואָס איר האָט צו טאָן ווייטער. (דער עולה נעמט לויפן פון דער בינע).

— ר׳ב ייד, וווּ לויפט איר ? ר׳ ייד !...

די פּאָר סקעטשן האָבן זייער אָריינגעטראָפן. דער עולם האָט זיך געקאָטשעט פון געלעכטער. די הייטערקייט האָט זיך איבער-געטראָגן פון איינעם צום אַנדערן. די פּראָבלעם עולים און סוכנות איז געווען זייער אַקטועל. איך האָב געפונען די הומאָר-שפּילקע

אַ שטאָך צו טאָן אין אַט דעם בלאַטער. די צושויער האָבן זיך צעשאָקלט, געשריען — בראַוואָ.

נאָך דער פּרעמיערע האָב איך געזאָגט אַ פּאָר ווערטער:

— טייערע פריינד, באַזוכער מיינע! איך האָב היינט געפילט, אַז איר האָט מורא געהאַט גלייך מיט מיר — וועל איך בלייבן דזשיגאַן, אָדער נישט?... איצט זע איך, אַז מיר זענען אַלע אַרויס בשלום...

אַזוי ווי איך וואָלט האָבן אַרויסגעכאַפּט זייערע מחשבות. זיי האָבן מיר מער נישט געלאָזט רעדן. דאָס געדיכטע בראַוואָ-פּאַטשערײַ איז געווען זייער ענטפער.

מיין פרייד וואָלט געווען נאָך גרעסער ווען שומאַכער איז דאָן מיט מיר.

***

מיט דער צייט בין איך געוואָרן אַ מקורב צו מלכות. פּערזענ-לעכקייטן פון דער רעגירונג האָבן מיר אָנגעהויבן איינלאַדן, אויס-הערן אַ פּעפּערדיקן וויץ, כדי אים צו פאַרקויפן דערנאָך אין דער כנסת אָדער אויף א מיניסטאָרן-זיצונג. אויף איינער פון אַזעלכע אויפנאַמעס האָט מיר דערזען שמעון פּרס, דער פּאָסט-מיניסטער, און מיר אַ צופרידענער דערציילט, ווי ער האָט געליפערט מיינעם אַ וויץ דעם פּרעמיער דוד בן-גוריון. דאָרט האָט זיך גערעדט וועגן אַ מתנה, אַן אויטאָ, וואָס בן-גוריון האָט געוואָלט געבן מנחם בעגינען, דעם פירער פון דער אָפּאָזיציע. בעגין האָט העפלעך אָפּגעזאָגט. ער קאָן נישט פירן. האָט אים בן-גוריון באַרואיקט — איך וועל אַליין פירן, איר וועט דאַרפן בלויז טראָמבען מיטן קלאַקסאָן... בן-גוריון האָט געלאַכט, אָבער געהאַט דערביי טענות — אַלע דערציילן מיר דזשיגאַנס וויצן — דו, לוי אשכול. פאַרוואָס נעמט קיינער מיר נישט מיט אַמאָל צו זיינער אַ פאַרשטעלונג?

אַ שמועס מיט פרוי גאָלדע מאיר, ראש הממשלה.

— איר פאַרשטייט, דזשיגאַן? אַלע, איך בתוכם, דערציילן דאָך אים בלויז די וויצן, וואָס אים לוינט זיך צו הערן; אָבער וואָס וועט זיין, אַז ער וועט זיצן אין זאַל און הערן אַלע אייערע וויצן?...

יאָרן איז דוד בן-גוריון געווען פּרעמיער-מיניסטער. צענדליקער בייסיקע וויצן האָב איך דערציילט אויף זיין חשבון. כ׳האָב אַמאָל אפילו געהאַט איבערגעכאַפּט די מאָס. אמת, די אָפּאָזיציע האָט מיך זייער מברך געווען פאַר דעם אַנעקדאָט, אָבער ער איז, לויט מיין איצטיקן מעסטן זאַכן, געווען אַ ביסעלע האַמעטנע. כ׳האָב דערציילט:

ווען אַ קינד ווערט געבוירן, קושט אים אַ מלאך. גיט ער אים אַ קוש אין קאָפּ, וואַקסט עס אויס אַ דענקער. קושט ער אים אויף די ליפּן, וועט ער זיין אַ רעדנער. פאַלט זיין קוש אויף די הענט, וועט ער זיין אַ פּיאַניסט. ווו האָט דער מלאך אַ קוש געטאָן בן-גוריונען, אַז ער זיצט שוין אַזוי לאַנג אויף זיין פּאָסטן?...

***

איינמאָל בעת אַ סימפּאָזיום אין ישראלדיקן זשורנאַליסטן-פאַרבאַנד, איז אויפגעטראָטן דער פינאַנס-מיניסטער פּנחס ספּיר. נאָך זיין רעדע האָט ער פאַרגעלייגט די אַנוועזנדיקע שטעלן פראַגן.

דער מיניסטער האָט מיך דערזען אין זאַל, האָט ער זיך ברייט צעשמייכלט, אַריינגעטאָן ביידע הענט אין די הויזן-טאַשן און זיך געווענדעט צו מיר:

— נו דזשיגאַן, לאָמיר הערן, אפשר האָט איר עפּעס צו זאָגן?

כ׳האָב אים אויפן אָרט אָפּגעענטפערט:

— כ׳וויל זאָגן, אַז דאָס ערשטע מאָל זע איך אונדזער פינאַנס-מיניסטער האַלטן די הענט אין זיינע אייגענע טאַשן...

כ׳האָב אַמאָל נקמה גענומען אין אַ בירגערמייסטער, וואָס האָט

תמיד אַנטזאָגט צו באַפרייען מיינע פאַרשטעלונגען פון שטאָטישן שטייער.

כ׳האָב וועגן אים דערציילט פון דער בינע, אין זיין אייגענער שטאָט:

נעבן שטאָט־ראָט האָט זיך אַ ייד אויסגעגליטשט אויפן טראָטואַר. גראָד איז פאַרבייגעגאַנגען דער בירגערמייסטער, האָט ער אים געהאָלפן זיך אויפהויבן פון דער ערד. דער ייד איז געווען זייער דאַנקבאַר און געפרעגט מיט וואָס קאָן ער זיך רעוואַנזשירן. האָט אים דער בירגערמייסטער געזאָגט — איר קאָנט זיך רעוואַנזשירן מיט שטימען פאַר מיין קאַנדידאַטור בעת די קומענדיקע וואַלן. האָט אים דער ייד געענטפערט:

— אדון ראש העיר, כ׳בין נישט געפאַלן אויפן קאָפּ. כ׳בין געפאַלן אויפן הינטן...

***

לוי אשכול, איידער ער איז געוואָרן פרעמיער־מיניסטער, האָט געהאַט דעם פּאָרטפעל פון פינאַנס־מיניסטער. ער איז געווען אַ יידישער מענטש, זיך נישט אָפּגעריסן אויף איין רגע פון דעם היימישן קוואַל. ער האָט ליב געהאַט אונדזער מאַמע־לשון יידיש און אים גענוצט בעת רעגירונג־זיצונגען, ווו נישט איינמאָל זענען דאָרט געלייזט געוואָרן גורלדיקע פּראָבלעמען. מיט איין יידישן גלייכווערטל האָט ער געקאָנט פאַרענטפערן שווערע, פּראָפּעסאָרישע סוגיאָס. ביז דער לעצטער רגע פון זיין לעבן איז ער געבליבן אויפגעשמאָלצן מיט די פּאָלקס־מאַסן און זיי אַמבעסטן פאַרשטאַנען. איך האָב אים, בעתן איבערנעמען דעם הויכן אַמט, אָנגעשריבן אַן עפנטלעכן בריוו. אין אַ גוטער מינוט פלעגט ער אים לייענען פאַר פריינד, פאַר קאָלעגן־מיניסטאָרן, און דאָס געלעבטער איז געווען גאָר גרויס. אָט איז מיין בריוו:

בעת אַ משפחה־שמחה ביים גענעראַל־סעקרעטאַר פון ישראלדיקן זשורנאַליסטן־
פאַרבאַנד משה רון. פון לינקס — מיין ווײַב, פינאַנס־מיניסטער פ. ספיר, איך,
און דעם מיניסטערס פאַרשטאָרבענע פרוי שושנה ז״ל

לכבוד
מר לוי אשכול
ראש הממשלה

איך פאַרשטיי, אַז איר האָט איצט נישט קיין צייט אויף לייענען לאַנגע בריוו, מאַך איך עס שנעל און הויב באַלד אָן בקיצור.

איך ווייס, אַז אַ סך בירגער פון אונדזער לאַנד זענען צופרידן, וואָס איר האָט איבערגענומען דעם פאַראַנטוואָרטלעכסטן אַמט פון דער מדינה ראש הממשלה, פּרעמיער-מיניסטער, אָבער איך ווייס אויך, אַז ס׳זענען פאַראַן נישט-צופרידענע, וואָס איר האָט פאַרוואָרפן די טעקע פון פינאַנס-מיניסטער.

צווישן די נישט-צופרידענע פאַרנעם איך זיכער דאָס ערשטע אָרט.

פאַרוואָס ?

פאַר דעם, ווייל איר האָט מיר צוגענומען דעם הויפּטקוואַל פון מיין פּרנסה. איר האָט מיך ממש צעבראָכן. פּשוט פון מיר גע-מאַכט אַ תל. וואָס האָט מיר געפעלט, אַז איר זענט געווען פינאַנס-מיניסטער ?

איך האָב געהאַט ווענען אַ ר יי נ צ ו ז אָ ג ן.

איר זענט דאָך פאַר מיר געווען אַ גאָלדגרוב. איך בין דאָך געווען דער איינציקער ייד אין לאַנד, וואָס האָט אויף אייך מער פאַרדינט, ווי איר אויף מיר.

אַכט יאָר האָט איר אַליין מיר צוגעשטעלט מער מאַטעריאַל ווי אַלע הומאָריסטן אין לאַנד צוזאַמען. און מיט וויפל דאַנק-באַרקייט האָב איך אייך דערפאַר אָ פּ ג ע ד י נ ט.

פאַר וואָס זענען אונדזערע שטייער-צאָלער געווען אַזוי פאַר-ביטערט ? ווייל זיי האָבן ביי אייך נישט געלעקט קיין האָניק. האָב איך אַריינגעגאָסן אין זייער ביטערקייט איין אשכול-חכמהלע און זיי האָבן געלעקט די פינגער. כ׳האָב זיי פאַרזיסט די שטייערן.

ביי אייך האָבן זיי געוויינט און געצאָלט.

ביי מיר האָבן זיי געלאַכט און געצאָלט.

אַ פּאָר וויצן אויף אייער קאָנטאָ איז געווען גענוג זיי זאָלן מער נישט טראַכטן וועגן אויפגעבן פאַלשע הכנסות.

ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן אויף אַזאַ בראָך, אַז איר וועט ווערן אויס פינאַנס-מיניסטער ?

ס'גרעסטע אומגליק האָט געטראָפן מיך. איך בין געוואָרן אַר-בעטסלאָז.

ס'האָט זיך פון מיר אָפּגעטאָן די שכינה. עפּעס אַ פּוסטקייט איז געבליבן ביי מיר אויף דער צונג. כ'בין ממש געוואָרן אויס !

וועמען זאָל איך איצט אַריינזאָגן ?

אויף וועמען זאָל איך איצט רייטן ?

ווער ווייסט צי דעם נייעם פינאַנס-מיניסטער וועט געלינגען צו דערהאַלטן די זעלבע פּראָספּעריטי, וואָס האָט געהערשט ביי אייער קאַדענץ.

ווער ווייסט צי ער וועט האָבן דעם זעלבן מוט וואָס איר און די דערפינדערישקייט אויסצוגעפינען גענוג המצאות אויף נייע שטייערן, אַזוי, אַז דער עולם זאָל קרעכצן און דאַרפן אָנקומען צו מיר, אַז איך זאָל זיי טרייסטן. דערווייל איז מיר שווער און ביטער.

מיינע שונאים, דאָס הייסט די, וועלכע האָבן מיך מקנא געווען, האָבן דערפילט, אַז איך פיל מיך שטאַרק שוואַך פון דעם טויט-קלאַפּ, וואָס איך האָב באַקומען מיט אייער ווערן פּרעמיער-מיניס-טער. נעמען זיי איצט נקמה אין מיר. זיי זיצן אויף מיינע פאָרשטע-לונגען און לאַכן נישט.

מיט איין וואָרט, איך דאַרף רחמים.

וואָס איך האָב דערלעבט ! וואָס איך האָב דערלעבט ! פאַר וואָס איז דאָס מיר געקומען ?

פאַר וואָס האָט איר מיר דאָס געטאָן ?

וואָס בין איך שולדיק אַז בן-גוריון... שוין. כ׳וויל נישט רעדן. כ׳וויל נישט האָבן מיט אים צו טאָן. כ׳האָב גענוג דאָס, וואָס כ׳האָב מיט מיר אַליין צו טאָן.

ווער וועט פאַר מיר האָבן אַ טרייסטוואָרט ?

בכבוד רב

ש. דזשיגאַן

***

אין יאָר 1962 בין איך געווען אין אַמעריקע אויף גאַסט-אויפטריטן. די אַמעריקאַנער צושויער האָבן געקוקט זייער קרום ווען מען האָט זיי פאַרגעשטעלט די שוואַכע זייטן פון דער ישראלדיקערווירקלעכקייט. חוזק מאַכן פון אונדזער אַ מיניסטער, איז ביי זיי געווען בבחינת עבודה זרה. מען האָט נישט געטאָרט לאָזן פאַלן אַ שטויבעלע אויף מדינת ישראל. די יידן אין אַמעריקע האָבן גע-האָלפן, און העלפן ביז היינט דער מדינה מיט אַ ברייטער האַנט און מיט אַן אָפן האַרץ; דאָס אינעווייניקסטע לעבן אונדזערס, די פּראָבלעמען אינלענדישע — דאָס האָבן זיי איבערגעלאָזט אונדז אַליין צו לייזן, אַן זייער אַריינמישונג. פאַר זיי דאַרף מדינת ישראל שיינען ווי אַן אויסגעשייערטער סאַמאָוואַר לכבוד יאָנטעוו — הייס און משפּחהדיק. און טאַקע אַזוי ווי אין אַ משפּחה פאַרגיט מען אַ קינד זיינע זינד, אַזוי פאַרגיט דאָס אַמעריקאַנער יידנטום אַלע פעלערן, וואָס עס מאַכט די יונגע מדינה. אויב האָב איך געוואָלט אויסנעמען מיט מיינע גאַסט-שפּילן, האָב איך זיך געמוזט רעכענען דערמיט. מיין רעפּערטואַר האָט געדאַרפט באַשטיין פון ריינעם לאַך-מאַטעריאַל, אָבער נישט פון סאַטירע. איך בין נישט געווען בשלמות מיט זיך אַליין — וואָס בין איך עפּעס אַ לץ צו קיצלען דעם עולם ? איך זאָל זיך דאַרפן אַנטזאָגן פונעם סאַטירישן מאָמענט

אין מיין רעפּערטואַר, וועל איך ווערן איינער פון אַלע. איינער פון די אַזוי-גערופענע, ישראל-קינסטלער, וואָס קומען קיין אַמעריקע באַזינגען תל-אביב. לסוף האָב איך זיך צעבונטעוועט און באַשלאָסן אַריינגעמען אין מיין פּראָגראַם אַ מאָנאָלאָג וועגן אַ ישראלדיקן מנחם-מענדל. דורך זיין מויל האָב איך געמוזט אַ ביסל מקטרג זיין אויף געוויסע נעגאַטיווע דערשיינונגען אין אונדזער עקאָ-נאָמיק, פאַרקריפּלטע איינשטעלונגען לגבי אַרבעט, און בכלל — כ׳האָב געדאַרפט אויף מיין אופן דערציילן וועגן זאַכן, וואָס דאַרפן נישט זיין אין מדינת ישראל. מאָלט אייך, אַז כ׳האָב מיט מיין מאָנאָלאָג נישט צעשמעטערט די מדינה; אָבער בלויז דער פאַקט, אַז אַ קינסטלער פון ישראל צעגיסט זיך נישט איבער דעם נס פון אַן אויסגעמאָלקענער קו אין אַ קיבוץ, נאָר פּרוּווט אַריינטרעפן מיט אַ וויציק וואָרט אין אונדזער ווירקלעכקייט — איז שוין אויך געווען יוצא דופנדיק.

כ׳האָב אָנגעטאָן אויפן שפּיץ קאָפּ אַן אָפּגעבליאַקעוועט קאַ-פּעליושל, גענומען אַ שירם אין דער האַנט, און אַרויס אויף דער ניו-יאָרקער בינע זאָגן מיין מאָנאָלאָג:

— אויב איר מיינט, אַז איר קענט שוין דעם ריכטיקן מנחם-מענדל, האָט איר אַ גרויסן טעות. ס׳דרייען זיך אַרום אַ וועלט מיט מנחם מענדלס, אָבער ווי קומען זיי צו מיר? איך בין אַ ישראל-דיקער מנחם מענדל. אַ „וותיק״. אַ לאַנג-יאָריקער מנחם מענדל, נישט פון היינט.

אַ היינטיקער וותיק איז אַ געוועזענער עולה, און אַ צוקונפטיקער יורד.

איך בין אַהערגעקומען צוזאַמען מיט דער מדינה, און כ׳האָב גאָרנישט דערלייגט צו איר.

כ׳בין אַהערגעקומען, איז מיין גאַנץ פאַרמעגן געווען איין פונט.

און כ׳האָב מיך שוין אַרויפגעאַרבעט, כ׳בין שוין שולדיק מענטשן טויזנטער.

די מדינה האָט זיך אַנטוויקלט? — איך אויך.

די מדינה האָט געבויט? — איך אויך.

די מדינה האָט זיך געבאָרגט געלט? — איך אויך.

די מדינה צאָלט די חובות? — איך נישט.

ס׳אַ נפקה-מינה, אבי ס׳איז דאָ אַ מדינה.

אַ פיינע מדינה, אַ טייערע מדינה! ס׳ווערט טייער פון טאָג צו טאָג. אמת, ס׳זענען דאָ חסרונות אויך; אָבער אַ מדינה קען נישט באַשטיין פון בלויז פעלערן... ס׳דאַרפן זיין חסרונות אויך... אָבער דער חסרון איז דאָס, וואָס מען לאָזט מיך נישט העלפן דער מדינה.

ווען מ׳לאָזט מיך צו, וואָלט דאָ אַלץ אַנדערש אויסגעזען. נעמט, למשל, דעם איצטיקן עקאָנאָמישן קריזיס. וואָס איז ס׳געוואָלט? וואָס איז ס׳געשריי? אַלע ווייסן, אַז ס׳מאַכט זיך אַ קריזיס, מאַכן זיך אַרבעטסלאָזע. מ׳קען פאַרשטיין. אָבער אָפּזאָגן מענטשן פון דער אַרבעט... דאָס איז נישט יושרדיק. (ס׳איז גערעדט וועגן יאָר 1962).

ווען די מענטשן וואָלטן פריער י אַ געאַרבעט... פאַרשטיי איך. מ׳זאָגט זיי אָפּ; אָבער זיי האָבן דאָך פריער אויך נישט געאַרבעט! זאָלן זיי אַרבעטן ווייטער! איצט זאָגט מען — גייט מען אָפּזאָגן אַ פּאָר טויזנט באַאַמטע. וואָס איז דער אויפטו? אַ נאַרישקייט. ווען זיי פרעגן מיך, גיב איך זיי אַזאַ עצה, אַז זיי וואָלטן נישט געדאַרפט אָפּזאָגן קיין איין פקיד און ס׳וואָלט נישט געקאָסט דער מדינה קיין איין פּיאַסטער. ווי אַזוי? גאָר פשוט. כ׳וואָלט אַריינגעגאַנגען צו דער פירמע וויסאָצקי פון די טיי און זיי אויפגעוויזן וויפל זיי האָבן היזק, אַז די פקידים אַרבעטן נישט. די פירמע אַליין וואָלט אויסגעהאַלטן אַלע באַאַמטע.

מ׳זאָגט אַז אונדזער מלוכה-באַנק האָט נישט קיין אייגן געלט. און ווען האָבן זיי געהאַט אייגן געלט ?... און אַז מ׳האָט נישט קיין אייגן געלט, בויט מען אויף אַזוי פיל בענק ? מיט אַזויפיל פיליעס ? ! ווער באַדאַרף האָבן אַזויפיל בענק ? מילא, „בענקלער" פאַרשטיי איך. דאָס דאַרף מען אַ סך. אָבער בענק ? !

צו דעם אוצר, וואָס אונדזער פינאַנס-מיניסטער האָט, באַ-דאַרף מען האָבן אַ באַנק ?

דעם אוצר קען מען אַריינלייגן אין אַ קליין בייטעלע. ווען מ׳לאָזט מיך צו, ליקווידיר איך אַלע בענק און לאָז נאָר איבער די פיליעס.

און אַז ס׳וואָלט אויסגעמאַכט אויף יעדן בירגער דריי פיליעס, איז ווייניק ?

אונדזערע מיניסטאָרן ברעכן זיך די קעפּ ווי צו ראַטעווען די עקאָנאָמישע לאַגע. האָבן זיי אויסגעטראַכט פּלענער אויף פּלענער מיט אפשר הונדערט פּונקטן ? ווער דאַרף האָבן אַזויפיל פּונקטן ?

ווען מען לאָזט מיך צו מאַך איך פון די אַלע הונדערט פּונקטן נאָר איין פּונקט — פּונקט פאַרקערט !... איר קענט נאָך זאָגן, אַז איך רעד נאַרישקייטן, אָבער נאַרישקייטן אין ישראל איז אויך נישט קיין ביליק אַרטיקל... מיר צאָלן דערפאַר גענוג טייער.

אונדזער רעגירונג אַפּעלירט, מען זאָל נישט מאַכן קיין פּאַניק. בכן, דער קריזיס איז נישט קיין קריזיס, און די אַרבעטסלאָזיקייט איז פּלאַנירט, און לויט זייער סטאַטיסטיק גייט אַלץ בסדר.

האָב איך מיר געמאַכט אַן אייגענע סטאַטיסטיק. וואָס ווייזט זיך אַרויס ? אַז ס׳מוז זיין אַ קריזיס, ווייל קיינער אַרבעט נישט ; לויט מיין סטאַטיסטיק ! כ׳וועל אייך באַלד מאַכן אַ חשבון :

מיר האָבן אין דער מדינה איבער צוויי מיליאָן בירגער. די אַרמיי און די פּאָליציי רעכן איך נישט. ס׳הייסט צוויי מיליאָן בירגער. פון דעם אַ האַלבן מיליאָן קינדער און אַ האַלבן מיליאָן זקנים, וואָס

אַרבעטן נישט. האָט איר שוין אַ מיליאָן. האָלט׳ס קאָפּ. איצט האָבן מיר אַ האַלבן מיליאָן שנאָרער און אַ האַלבן מיליאָן משוגעים, וואָס אַרבעטן אויך נישט. האָט איר שוין צוויי מיליאָן בירגער, וואָס טוען נישט די האַנט אין קאַלטן וואַסער. בלייבט נאָך איבער איך... און... מיין פרוי. מיין פרוי האָט נישט קיין כוח. זאָל איך איינער אַליין אַרבעטן פאַר דער גאַנצער מדינה?!! וויל איך נישט.

אמת, אונדזער רעגירונג פירט איצט אַן אָפּשפּאָרונגס-פּאָליטיק. גאַנץ שיין, מ׳דאַרף שפּאָרן; אָבער כ׳קאָן נישט פאַרשטיין איין זאַך. פאַרוואָס ווילן זיי נאָר שפּאָרן נאָכן אויסגעבן ס׳געלט, און נישט פאַרן אויסגעבן ס׳געלט??...

אויפגעבויט רעגירונגס-געביידעס, 10 שטאָק, 15 שטאָק; ווען מען וויל מען מיט דעם טאָן אַ טובה? אַזוי איז מען געלאָפן דריי שטאָק, ביז מען האָט גאָרנישט געפועלט. איצט לויפט מען 15 שטאָק, ביז מען פועלט גאָרנישט.

ס׳מעגט אויף מיר זאָגן טויזנט מאָל מנחם מענדל, נאָר ווען איך האָב די דעה, גיי איך פון מיניסטעריום צו מיניסטעריום און מאַך אַן אָרדענונג.

נעמט אונדזער פּאָסט. אויך אַ דעפיציט-געשעפט. די צרה איז נאָר, וואָס דער דעפיציט גייט נישט ווי די בריוו. ס׳ווייסט פאַרוואָס מען פאָרט אַזויפיל פון אונדז קיין אויסלאַנד? מ׳פאָרט אָפּגעבן די בריוו...

נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז מ׳לאָזט מיך נישט צו. כ׳האָב נישט קיין מזל. מנחם מענדל. ווען איך האָב מזל, וואָלט איך היינט דאָ געשטאַנען? כ׳וואָלט שוין היינט געווען אַ מיניסטער; אָבער מען לאָזט נישט צו.

נאָך אַ זאַך. מיר האָבן אַ מדינה-קאָנטראָלער. אַ ווילער מענטש, אַן אָרנטלעכער מענטש. אַ סימן: שוין צען יאָר ווי ער שרייט, אַז מען פאַרטאַכלעוועט ס׳געלט פון דער מדינה. ר׳האָט געזען, אַז מען

הערט נישט, האָט ער געמאַכט אַ געוואַלט! יידן! מע גנבעט! נו? האָט מען עפּעס געטאָן דערצו? און אַז מ׳טוט גאָרנישט דערצו, טאָ צו וואָס באַדאַרף איך אַ מדינה-קאָנטראָלער?! ער זאָל שרייען, אַז מען גנבעט? און אָן אים ווייסט מען נישט?

דער אַמעריקאַנער עולם האָט געהאַט גרויס הנאה. ענדלעך האָט ער דערהערט אַ לעבעדיק וואָרט פון מדינת ישראל. איך האָב אויך געהאַט הנאה, לייענענדיק ברוך שעפנערס רעצענזיע וועגן מיר אין דער יידישער צייטונג „פאָרווערטס״. ער האָט דאָרט, צווישן אַנדערע, געשריבן:

ווען איך האָב איצט געזען דזשיגאַנען אויף דער בינע אין ניו-יאָרק, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, ווי עמיצער וואָלט מיך מיט אַ כישוף-שטעקעלע אָוועקגעווישט אַ פערטל יאָרהונדערט. עס זאָל דאָס אַ טראָפּן האָבן געגאַנגען פאַרלוירן פון דער צעזונגענקייט, פון דער פרישקייט און פון דער פאָלקסטימלעכקייט פון יענעם דזשיגאַן! באַלד דאַכט זיך, וועט ער צו מיר אַ ווונק-טאָן אַזוי היימיש-צייטיק ווי דעמאָלסט אין לאָדזש: „ס׳הערט זעך?״...

אָבער נאָך שטאַרקער איז געווען דער איינדרוק וואָס עס האָט אויף מיר דאָסמאָל געמאַכט דער אינהאַלט פון דער פאָרשטעלונג. די מערסטע נומערן האָבן געפינקלט מיט סאַטירע. מען האָט אויף דער בינע דערלאַנגט מלקות אויף רעכטס און לינקס, און דער עולם אין זאַל האָט געקייכט פון געלעכטער.

און דעמאָלט האָב איך זיך מיט אַמאָל אָפּגעגעבן אַ חשבון, ווי מיר דאָ האַלטן אויף דער וועלט. ביי אונדז איז דאָך דאָס פעלד פון סאַטירע אינגאַנצן וויסט! קיין גרעזל וואַקסט דאָ נישט! עס האָט זיך דאָך שוין געהאַט אויסגעדוכט, אַז אַזאַ זאַך ווי סאַטירע איז ביי יידן אינגאַנצן מער נישטאָ. מיטאַמאָל קומט אַ טעאַטער פון ישראל און ווייזט אונדז, אַז ס׳איז יאָ דאָ. און דווקא אין יידיש און אין מדינת ישראל. און קיינער לייגט דאָרט די חברה נישט אין

ביים באַפרייטן כותל מערבי, יוני 1967, גלייך נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה

חרם. עס קומען אין טעאַטער אַלערליי יידן מיט אַלערליי לשונות. עס קומען נייע אימיגראַנטן און עס קומען „וותיקים״, איינגעזעסענע, עס קומען שטאָטישע און עס קומען קיבוצניקעס. עס קומען מיניס־טאָרן און עס קומען גענעראַלן, און אַז מען זאָגט אויף דער בינע אַ וויץ אויף זייער חשבון, לאַכן זיי מיט מיטן גאַנצן עולם.

קאָן מען טאַקע זאָגן — גאָט צו דאַנקען. ס׳איז נאָך פאַראַן סאַטירע ביי יידן.

***

דער זעקס־טאָגיקער קריג האָט געפאָדערט זיינע קרבנות. דער נצחון האָט גענוג געקאָסט. איך רעד נישט וועגן דעם געלט. איך רעד וועגן יונגע לעבנס. צוזאַמען מיט דער פרייד פון זיג האָט דער טרויער זיך פאַרקליבן אין יידישע הייזער. ביי איינעם איז געפאַלן אַ זון, ביי אַ צווייטן אַ ברודער, אלמנה׳ס מיט זויג־קינדער אויף די הענט האָבן געלייגט בלומען אויף מענערישע קברים. ישראל־זעלנער זענען צוריקגעקומען פון די פראָגטן פאַרביטערטע אויפן פאַרגאָסענעם בלוט. ס׳איז געווען אַ מלחמה אָן צוינקריצעניש. מען האָט אונדז גענויט צו איר. אונדזער פרעמיער־מיניסטער, די פרוי גאָלדע מאיר, האָט עס טרעפלעך באַצייכנט מיט איר זאָג, אַז אונדז וועט זיין זייער שווער מוחל צו זיין די אַראַבער פאַר צווינגען אונדז צו שיסן אין זיי.

איך האָב בייגעשטייערט צו דער זעקס־טאָגיקער מלחמה מיין איינציקן געווער — הומאָר. עצבות האָבן מיר געהאַט איבערגענוג. כ׳האָב זיך גענומען, ווי א טרייער זעלנער, ברענגען אַ ביסל הייטער־קייט דעם יידן פון אַ גאַנץ יאָר, דעם פשוטן ישראל־בירגער, וואָס קרעכצט ביים צאָלן שטייער און שיקט זיין קינד אין פייער אָן איין וואָרט.

מיינע וויצן פון יענער צייט זענען אַוועק איבער דער גאַנצער

וועלט. נישט אַזוי צוליב זייער גאונות, ווי צוליב זייער זיין פֿאַר-בונדן מיט אַ מלחמה, וואָס האָט פֿאַרבליפּט מענטשן און לענדער. דער דייטשער וואָכנזשורנאַל „דער שפּיגעל" האָט מיר אָנגעגעבן ווי דעם אויטאָר פֿון די מייסטע מלחמה-אַנעקדאָטן. מיינע אַ פֿאַ-טעפּאָן-פּלאַטע אויף דער טעמע איז געווען זייער פּאָפּולער. נאָר אַממערסטטן האָט געריעדט צום עולם מיין מאָנאָלאָג „נסים". כ'האָב זיך אָנגעטאָן ווי אַ רעזערוו-זעלנער, מיט אַ געל-צעפּלאָשעטער באָרד, און אַ ביקס אויפֿן אַקסל. אויך די רויטע פּאַטשיילע האָב איך נישט פֿאַרגעסן:

— נו, וואָס זאָגט איר איצט צו אונדזער מדינה? אויסגע-וואַקסן קיין עין-הרע. פֿריער, אַז מען האָט געוואָלט געפֿינען אויף דער מאַפּע ישראל, האָט מען געדאַרפֿט האָבן אַ פֿאַרגרעסער-גלאָז. ס'איז געווען אַ פּינטעלע, וואָס די שונאים האָבן זיך פֿאַרנומען אָפּצומעקן צוזאַמען מיטן פּינטעלע ייד. האָט זיך איבערגעדרייט די מעשה. היינט דאַרף מען זוכן די ירדן-מלוכה מיט שמעק-הינט. אַמאָל איז די מדינה געווען אַזוי שמאָל, אַז אַ שוואַנגערע פֿרוי איז געשטאַנען אין ישראל, האָט זי געהאַט דעם בויך ביי די אַראַבער... ביי די פֿריערדיקע גרעניצן האָבן די סיריער באַשאָסן פֿון אויבן אונדזער אונטן. איצט איז זייער אונטן איינגעשטעלט פֿון אונדזער אויבן...

איך וויל נישט רעדן, נאָר איך האָב אַ שטיקל טענה צו משה דיין, אונדזער הויפּט-גענעראַל. ער האָט קיינמאָל, אין זיינע טאָג-באַ-פֿעלן, נישט דערמאָנט נאָך אַ וויכטיקן גענעראַל — דעם רבונו של עולם. אויך האָט ער נישט דערמאָנט דעם גענעראַל תהילים... נו, און דער גענעראַל נס האָט ווייניק געהאָלפֿן צום נצחון? אמת, ער האָט זיך איינגאַנצן נישט פֿאַרלאָזן אויף זיי, דער משה דיין. ער האָט געהייסן אַ ביסל שיסן אויך — וואָס זיכער איז זיכער;... אָבער איר האָט געדאַרפֿט זען ווי אונדזערע זעלנער האָבן געשאָסן און

געדאַוונט. אַז מען רעדט שוין וועגן דאַווענען, מוז איך אייך דערציילן וואָס מיט מיר אַליין איז געשען אויפן פראָנט. איך בין געווען מאָ-ביליזירט אין סיני. האָט מען געגעבן אַ באַפעל — רוען! איינער האָט געכאַפט אַ דרימל, איינער אַ סענדוויטש, איינער אַ סיגאַרעטל. און איך האָב געכאַפט אַ מנחה׳לע. פּלוצעם, איך שטיי שמונה עשרה, קומט אַ באַפעל — יאָגן דעם שונא. דאָס ערשטע מאָל זינט איך דאַוון בין איך נישט אויסגעגאַנגען קיין שמונה עשרה, נאָר אויס-געלאָפן שמונה עשרה. כ׳האָב אַזוי געיאָגט, אַז ביי עלינו האָב איך שוין אויסגעשפּיגן אין סועץ-קאַנאַל. ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט. וואָס זאָל איך אייך זאָגן. אָט די נאַכט איז געווען דער שענסטער טאָג אין מיין לעבן. כ׳האָב געטראַכט — נסים, גאָלע נסים. איך, יאַנקל, וואָס גיט מיר אַ מיליאָן כ׳זאָל זיין א מוהל, בין איך גאָר אַ העלד, אַ גבור און שווענק די מידע פיס פונעם לויפן אין די וואַסערן פון סועץ-קאַנאַל. נו, איז דאָס נישט קיין נס? נאָך אַ נס, וואָס די מלחמה האָט נישט געדויערט מער ווי זעקס טעג. ווען זי געדויערט מער וואָלט קאַאיראָ געהאַט אַ יידישן בירגער-מייסטער.

די מלחמה האָט מען געוווּנען נאָר מיט נסים. ווו דער רבונו של עולם האָט אַריינגעשטעקט אַ פינגער, האָט מען גלייך געוווּנען. אָט האָט איר, למשל, דעם קעניג כוסיין. משה דיין האָט אים גע-זאָגט — אַ טראָן האָסטו, מיט וואָס צו זיצן האָסטו, טו זיץ. נעמט ביי אים גאָט צו דעם שכל. דער חתן-בחור פאָרט קיין קאַאיראָ, נאָסער פירט אים אונטער, און מיר מאַכן אים חתונה...

איך זאָג אייך, אַ שאָד וואָס מען איז נישט געגאַנגען ווייטער. פאַר וועמען האָט מען מורא צו האָבן? מיר יידן זענען, קיין עין הרע, אַ שטאַרק פאָלק. אַ סימן. וויפל דער רבונו של עולם האָט אונדז נישט געשטראָפט, האָבן מיר נאָך אַלץ אויסגעהאַלטן...

און איצט איז אַזוי — וועלן די אַראַבער מאַכן מיט אונדז שלום,

איז גוט. אויב נישט, ווינטש איך זיי די יידן זאָלן זיי באַזעצן און די סאָוויעטן זאָלן זיי באַפרייען...

דערווייל לעבן מיר פון נסים, ווער עס גלויבט נישט אין נסים איז קיין ייד נישט. אָט וועל איך אייך פרעגן אַזאַ פראַגע — ווי איז דאָס מעגלעך, אַז איין קליינע מדינה ווי ישראל האָט גובר געווען פיר גרויסע מדינות אין זעקס טעג? איר ווייסט נישט? וועל איך אייך זאָגן. קיינער הערט נישט? איר קאָנט האַלטן אַ סוד?

איך אויך...

**
*

די מלחמה פון די זעקס טעג האָט געבראַכט צו אַן אויפלעבונג אין לאַנד, אויף אַלע געביטן. יידן אין די תפוצות זענען אומגעגעגאַנגען פאַרחלומטע. אויף אַלעמענס ליפּן איז געלעגן די באַוווּנדערונג פאַר דער מדינה. יידישע גבירים פון גאָרער וועלט האָבן געעפנט זייערע בייטלען, ווי צו זאָגן — נעמט, איר זייט ווערט. די רעגירונג, אָבער, האָט נישט געוואָלט סתם נעמען. זי האָט גערופן צו אינוועסטיציעס, צו פאַרווירקלעכן גרויסע פּראָיעקטן אויף אַ געזונטן, עקאָנאָמישן באַזיס. האָט זי אָרגאַניזירט אַ מין מיליאָנערן-קאָנפערענץ. ס׳זענען זיך אויפגעפּאָרן גרויסע געשעפט-לייט צו באַהאַנדלען פּלענער וועגן אינוועסטירן קאַפּיטאַל אין לאַנד. איך האָב צו דער געלעגנהייט צוגעגרייט אַ מאָנאָלאָג פון אַ יידישן מיליאָנער, ווי איך האָב אים געזען:

— שוין. ס׳קאָנט מיר אָפּגעבן מזל-טוב. כ׳בין געוואָרן אַ זיבעלע. היינט איז געוואָרן דאָס זיבעטע מאָל זינט כ׳קום קיין ישראל. מ׳האָט מיך דאָ איינגעלאַדן צו קומען אויף דער קאָנפערענץ פון די מיליאָנערן. כ׳בין אַליין. מיין פרוי האָט מיר געזאָגט — כ׳שטעל מיר שוין פאָר וואָס פאַראַ געזעלשאַפט דאָרט וועט זיין, אז מ׳האָט

דער מיליאָנער מיט די פּלענער פאַר מדינת ישראל

דיך איינגעלאַדן... בין איך אַליין. וואָס? כ׳זע נישט אויס ווי אַ מיליאָנער? ניין? כ׳זע נישט אויס ווי אַ מיליאָנער? הערט׳ס.

כ׳זע טאַקע נישט אויס ווי אַ מיליאָנער, נאָר כ׳ווינטש אייך, אַלע! צוזאַמען! אַזוי ווי ס׳זיצט דאָ... ווינטש איך אייך — ס׳זאָלט פאַרמאָגן מיין מיסט... דאַרפט איר מער נישט אַרבעטן.

כ׳בין אָנגעשטאָפּט. כ׳בין אַ מולטי-מולטי-מיליאָנער. ווי כ׳בין געקומען צו מיינע מיליאָנען? אַמעריקע... כ׳האָב דאָרט אָנגעהויבן מיט קערן די גאַסן... יאָ, יאָ. דער מיליאָנער איז אַמאָל געשטאַנען מיט אַ בעזים אין דער האַנט און געקערט די גאַסן. ס׳ווילט נישט גלויבן? כ׳זאָל טאַקע אַזוי דערלעבן נאָך צו זען מיין פרוי שטיין אונטער דער חופּה מיט אַ צווייטן מאַן... פינף יאָר האָב איך געקערט די גאַסן. די אַנדערע פינף יאָר האָב איך געפּוצט שיך. די דריטע פינף יאָר פאַרקויפט צייטונגען. נאָך דעם איז מיר געשטאָרבן אַ מומע, מיר איבערגעלאָזט אַ ירושה — בין איך געוואָרן אַ מיליאָנער...

אָבער איך בין נישט פון די מיליאָנערן וואָס מען זאָגט, אַז אַ חוץ געלט פאַרמאָגן זיי גאָרנישט. איך פאַרמאָג אַ יידיש האַרץ, ספּעציעל פאַר ישראל. איך וויל אַז ישראל זאָל געניסן פון מיינע מיליאָנען!! קומט מיר עפּעס דערפאַר?

איך בין דאָ אַהערגעקומען קיין ישראל אינוועסטירן. ווי הייסט דאָס אין ישראל? באַגראָבן... ס׳אַרט מיך נישט. וויפל? שפּילט נישט קיין ראָל, ס׳דאַרף נאָר זיין אויף אַ ציל, אַ צוועק, אויף אַ פּלאַן, אַן אידעע.

וואָס קומט אַרויס, אַז כ׳האָב נישט אין ישראל מיט וועמען צו רעדן?... קליינע מענטשעלעך, מיט קליינע געשעפטעלעך. מאַכן מיר אַ תל פון אַלע פּלענער!

כ׳האָב דאָ געהאַט איין פּלאַן, אַז כ׳רעד דערפון ווײנט מיר ס׳האַרץ. אַזאַ פּלאַן: אַלע ווייסן אַז אין ישראל טאָר מען נישט אַרבעטן אין שבת. און לאָמיר זאָגן, אין איטאַליע טאָר מען נישט

אַרבעטן זונטיק. איר ווייסט וויפל דאָס קאָסט אָפּ דער מדינה? אָפּ-שטעלן די פּראָדוקציע אויף אַ גאַנצן טאָג אַלע וואָך? האָב איך פאָרגעלייגט אַזאַ פּלאַן: מ׳זאָל ברענגען קיין ישראל צוויי מיליאָן איטאַליענער, — זיי זאָלן דאָ אַרבעטן שבת, און מיר זאָלן שיקן קיין איטאַליע צוויי מיליאָן יידן זיי זאָלן דאָרט אַרבעטן זונטיק. די פּראָדוקציע זאָל קלאַפּן אַ גאַנצע וואָך! מ׳לייגט גאָרנישט אַריין, נאָר טראַנספּאָרט. ס׳פאַרשטייט? בין איך געגאַנגען מיט דעם פּלאַן צו איר... צו גאָלדען... פּאַרוואָס צו גאָלדען? אַ ווילע פרוי, אַ פיינע פרוי, אַ פרוי אַ דזשענטעלמען... הכלל, גאָלדע האָט געהערט דעם פּלאַן האָט זי מיר געבעטן כ׳זאָל גיין מיט דעם פּלאַן צו משה דיין. גוט. קום איך צו משהן. און אַזוי ווי כ׳האָב אים געזאָגט, אַז גאָלדע האָט מיך געשיקט... האָט ער מיר צעשאָסן דעם גאַנצן פּלאַן... און מער קיין געשעפטן מיט קיין יידישע גענערעלער מאַך איך נישט! זיי זענען גוט נאָר פאַר די אַראַבער.

כ׳האָב דאָ געהאַט נאָך אַ פּלאַן. וועגן נגב. איר האָט דאָ אַ נגב. וואָס איז דער נגב? זאַמד. זאַמד און די זון ברענט. אַ חמימה. מ׳זאָגט, אַז דאָרט איז אַזוי הייס, אַז מ׳לייגט דאָרט אַרויף אויפן זאַמד אַ רוי איי, געדויערט אַ רגע איז עס אָפּגעקאָכט. וואָס האָט מען דערפון? גאָרנישט. איז דאָך אַ שאָד. האָב איך געהאַט אַזאַ פּלאַן: מ׳זאָל פאַרדינגען דעם נגב צו די ענגלענדער. זיי שיקן אונדז אַהער טראַנספּאָרטן רויע אייער. מיר לייגן זיי אַרויס אויפן זאַמד און נאָך דעם זעלבן טאָג שיקט מען זיי צוריק טראַנספּאָרטן אָפּגעקאָכטע אייער. אַ ריזן אינדוסטריע! אין איין וואָך קאָן מען אָפּקאָכן אַלע ענגלישע אייער אויף האָרט;

געענדיקט מיט די ענגלענדער נעמט מען זיך צו די כינעזער. איז דאָ צו קאָכן... אויף יאָרן פאָרויס. מיליאַרדן! בין איך געגאַנגען צום פינאַנס-מיניסטער, יענער צעלייגער. אַן אַנדער מיניסטער, אַ ייד לייגט דיר אַרויף אויפן טיש אַזאַ פּלאַן, זאָג אַ שיינעם דאַנק.

ניין. ער האָט מיך געהייסן ברענגען קאַלקולאַציעס און מאַכן חשבונות וויפל אייער עס קאָנען אונדז צושטעלן אַמעריקע, אַזיע, און אייראָפּע צוזאַמען. הער נאָר אַ חוצפה פון אַ מיניסטער — ער האָט אַ מיניסטעריום מיט גאַנצע רעכן-מאַשינען, וויל ער, אַז איך זאָל מיך אָוועקשטעלן איבערציילן אַלע אייער פון דער גאַנצער וועלט. כ׳האָב זיך אַזוי אויפגערעגט, אַז כ׳האָב צעריסן דעם גאַנצן פּלאַן.

נו, וואָס האָט ער אויפגעטאָן, דער מיניסטער? איך האָב נישט קיין פּלאַן און ער האָט נישט קיין אייער.

כ׳האָב געהאַט נאָך אַ פּלאַן. ס׳הערט?... אַלע ווייסן אַז אין אַמעריקע זענען דאָ צענדליקער טויזנטער האָטעלן. און אין יעדער שטוב וואָס מ׳גייט דאָרט אַריין ליגט אַזאַ גראָב ענגליש בוך. אין אַמעריקע הייסט עס די בייבל. האָב איך מיר געטראַכט: אויב אַזויפיל מיליאָנען מענטשן לייענען די בייבל, איז עס דאָך סחורה. טאָ פאַרוואָס זאָל מען נישט נעמען אַזאַ בייבל און דאָס איבערזעצן אויף לשון-קודש...?

כ׳האָב עס דערציילט אַ תל-אביבער ייד, האָט ער מיר געזאָגט, אַז מ׳האָט מיר שוין אויסגעכאַפּט דעם פּלאַן מיט צוויי טויזנט יאָר פריער. גיי מאַך געשעפטן מיט אונדזערע יידעלעך...

האָב איך געהאַט נאָך איין פּלאַן וואָס האָט צו טאָן מיט ישראל-טוריסטיק. בין איך געגאַנגען צום טוריסטיק-מיניסטער אַליין און אים געפרעגט:

— זאָגט נאָר, מיסטער מיניסטער, ס׳קומען דאָ אַהער יידישע טוריסטן פון דער גאַנצער וועלט, — וואָס האָט איר זיי צו ווייזן? — וואָס? דעם כותל מערבי, און די מאַמע רחלס קבר. אַלע זאָכן צום וויינען. לאָמיר זאָגן, אַז אַלע יידן זענען געקומען, געקושט, געזען, געוויינט און געצאָלט. און וואָס האָט איר צו ווייזן די יידן, וואָס

האָבן זיך שוין אויסגעוויינט, און ווילן עפּעס זען אויך? פאַרוואָס לאָזט מען מיך איבער צו טראַכטן וועגן דעם?

די גויאישע טוריסטן האָב איך געזאָגט, דאַרף מען ווייזן אַזעלכע זאַכן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן מיט יידישע הענט. האָב איך פאָרגעלייגט מען זאָל ברענגען פון מצרים די פּיראַמידן. דער מיניס-טער האָט מיך אָנגעקוקט און געשמייכלט. האָב איך דאָך געזען, אַז מיין פּלאַן געפעלט אים. אַ סימן, אַז ער האָט אויפגעהויבן ס׳טרייבל און גערופן עמיצן. אין אַ פּאָר מינוט אַרום זענען אַריינגעקומען צוויי געזונטע באַאַמטע און מען האָט מיך אַוועקגע-פירט גלייך צוריק אין משוגעים-הויז.

מער גיב איך נישט ישראל קיין פּראָיעקטן. זאָלן זיי אַליין זיך געבן אַן עצה...

ס׳איז נישט פון די לייכטע זאַכן פאַר אַ הומאָריסט צו עקס-פּלאָאַטירן יאָרן לאַנג די זעלבע פּערזענלעכקייט, חוזקן פון אים אָדער וויצלען זיך אויף זיין חשבון. אין מדינת ישראל איז דער אויס-וואַל זייער אַ באַגרענעצטער. אין פאַרלויף פון פינפאונצוואַנציק יאָר האָבן זיך געדרייט אַרום דער מאַכט כמעט די זעלבע נעמען. דוד בן-גוריון, משה דיין, גאָלדע מאיר, פּנחס ספּיר. יעדע פיר יאָר זענען פאָרגעקומען וואַלן. אָבער זיי האָבן נישט אַריינגעטראָגן קיינע וועזנטלעכע ענדערונגען אין דער פּאָליטישער מאַפּע. די מדינה האָט אין משך פון איר קיום נישט געהאַט מער ווי דריי פּרעמיער-מיניסטאָרן. טאָמער זענען שוין צוגעקומען אַ פּאָר נייע מיניסטאָרן, פון דער אָפּאָזיציע, ווי, למשל: מנחם בעגין, אריה דולצין, איז זיי נישט געפעלן געוואָרן דער שידוך און זיי האָבן אָפּגעגעבן צוריק די פּאָרטפעלן. איך בין געבליבן ווידער ביי די אַלטע. איז ווי קאָן אַ הומאָריסט זיך אַן עצה געבן נישט צו ווערן לאַנגווייליק ביים רעדן וועגן איין און דער זעלבער פּערזענלעכקייט?

ווי געזאָגט — אויב א סאַטיריקער האָט נישט וועמען צו רייסן, האָט ער נישט וואָס צו בייסן...

איך זיץ אַמאָל אין דער גאַרדעראָב און גרימיר זיך צום אויפ-טריט הער איך הינטער מיר דאָס באַקאַנטע, הייזעריקע קול פון מיינעם אַ ידיד, אַן אַלטן, אויסגעדינטן אַקטיאָר:

— דזשיגאַן, דו ביסט דאָך אַזוי ענלעך צו גאָלדע מאיר, דעם פּרעמיער-מיניסטער. גיב אַ קוק אויף דיין נאָז, ער איז דאָך ווי אַראָפּגענומען פון איר פּנים.

איך האָב אים גלייך אָפּגעענטפערט:

— מיינסטו, אַז איך קאָן צוליב מיין נאָז זי פאַרבייטן אין דער רעגירונג?

— נו, מילא. צום נאָז דאַרפסטו אויך האָבן איר שכל.

— טאָ וואָס נוצט מיר איר נאָז?

— זאָלסט זיך קאָנען פאַרשטעלן פאַר גאָלדע מאיר און זאָגן דערביי אַ גוט וואָרט.

דער חידוש פון אַלטן אַקטיאָרס רייד האָט מיך אַ פּיק געטאָן אין קאָפּ. ס'איז דאָך טאַקע אַ פּלאַן. כ'האָב שוין אויסגענוצט אַלע אונדזערע מיניסטאָרן, אַלע כלל-טוער. אויסגעלאַכט אַלע גדולים. בלויז גאָלדע מאיר איז אַרויס פון מיר מיט גאַנצעביינער, ווייל זי איז אַ פרוי און איך קאָן איר נישט נאָכמאַכן. איז געקומען אַ טע-אַטער-מענטש, וואָס האָט שוין געהאַט אויפגעגעסן אַלע ציינער אויף דער בינע, און מיר געגעבן אַזאַ טייערן פּלאַן.

זיין פּלאַן איז, אָבער, נישט געווען אַזוי פּשוט דורכצופירן. גאָלדע מאיר איז שטאַרק באַליבט ביי יידן. מען וועט נישט לאָזן פאַלן אַ שטויבעלע אויף איר. דאָס מינדסטע נאַרישקייט בעתן פאַרשטעלן זי אויף דער בינע, איין אומגעשיקטע באַוועגונג קאָן ווערן אויסגעטייטשט ווי גרינגשעצונג פאַר איר פּערזאָן. דאָס בלויזע דערשיינען אין אַ קלייד מיט איר באַרימטן האַנט-בייטל

אונטערן אָרעם און אַ גרוילעכן פּאַרוק אויפן קאָפּ, פּאַרקעמט אויף איר אופן, קאָן מיך פּאַרדעכטיקן, אַז כ׳וויל גאָר מאַכן חוזק פון דער פרוי, וואָס ווערט ביי יידן פאַררעכנט ווי די מאַמע פון דער יידישער מדינה.

אָבער דער הומאָריסט אין מיר האָט שוין געריבן די הענט — דאָס קאָן דאָך זי׳ן אַ סצענישער אויפטו מען זאָל ליגן אונטער די בענקלער פון געלעכטער. כ׳האָב אָנגעהויבן שטודירן יעדע אירע באַוועגונג, איר אַרט רעדן, כ׳האָב נישט דורכגעלאָזט קיין אויפ-טריט אירן פאַר דער טעלעוויזיע. כ׳בין געגאַנגען אויף אירע פאַר-זאַמלונגען. כ׳האָב אויך געהאַט דעם כבוד צו זיין אַ גאַסט אין אַ פּריוואַטער שטוב, ווו זי איז געווען איינגעלאַדן.

כ׳האָב זיך גוט אָנגעלאָפן, אָנגעאַרבעט, אָבער ס׳איז ווערט געווען. כ׳האָב געפונען איר רואיקן טאָן, איר פשוטן צוגאַנג צו מענטשן, איר דינעם שמייכל, און דער עיקר — איר אָן פּניותדיקער שטיין פאַר דער וועלט. ווי איינער זאָגט — דאָס בין איך און מיין באָבע איז נישט געווען די מלכה וויקטאָריאַ פון ענגלאַנד....

דאָס ערשטע מאָל, אַז איך בין אַרויפגעגאַנגען אויף דער בינע אָנגעטאָן ווי גאָלדע מאיר און לאַנגזאַם, ווי איר שטייגער איז, אויפ-געהויבן די לינקע האַנט צו אַ באַגריסונג, איז דער גאַנצער עולם געבליבן געפּלעפּט. אין זאַל איז געוואָרן אַזוי שטיל, ווי ס׳וואָלט דאָרט קיינער נישט געווען. באַלד, אָבער, איז אויסגעבראָכן אַזאַ געלעכטער, אַז ס׳איז אוממעגלעך געווען צו פירן די פאָרשטעלונג. צושויער האָבן זיך אויפגעשטעלט פון די שטולן, זיך איבערגעשריען מיט די שכנים, געטיקעט מיט די פינגער אויף מיר און זיך גלייך געכאַפּט פאַר די זייטן. דאָס שענסטע דערביי — טוריסטן האָבן געמיינט, אַז די אמתע גאָלדע מאיר שטייט פאַר זיי.

דער עולם האָט זיך געהאַט אַ ביסל באַרואיקט, האָב איך אָוועקגעלייגט דעם האַנט-בייטל, אָנגעצונדן אַ פּאַפּיראָס מיט אַלע

איך שפּיל גאָלדע מאיר, אונדזער ראש ממשלה.

אירע כאַראַקטעריסטישע האַנט-באַוועגונגען דערביי... און אָנגע-הויבן מיין מאָנאָלאָג:

— ווען מיין באָבע איז געווען אין מיינע יאָרן, איז זי נישט אַרומגעפלויגן איבער דער וועלט אין אַן אַעראָפּלאַן. זי פלעגט צו מיר זאָגן: „גאָלדע, ווו לויפסטו?" ווו כ'לויף? — שנאָרען. איר זעט דעם טשעמאָדאַן? יעדער מיינט אַז כ'פיר דאָ אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר פון ניקסאָנען. זיי ווייסן שוין איין מאָל. דאָס געלט האָב איך באַקומען מיט פינף טעג צוריק. מיינט איר, אַז עס איז מיר נאָך געבליבן אַ פּיאַסטער?

ווען כ'בין אָנגעקומען קיין ניו-יאָרק, האָט מען מיך אויפגע-נומען מיט גרויס דרך-ארץ. ס'איז דאָרט געווען דער פּרעזידענט ניקסאָן און אַ ספּעציעלע לייבוואַך. אַ צווייטע לייבוואַך האָב איך געהאַט פון ספּירן, אונדזער פינאַנס-מיניסטער. ער האָט נישט באַוואַכט מיך, נאָר דעם בייטל מיינעם. דערנאָך האָט דער אָרקעס-טער געשפּילט „התקוה" און ספּעציעל פאַר מיר — „די יידישע מאַמע".

פון ניו-יאָרק בין איך געפלויגן קיין וואַשינגטאָן. זאָגן אייך דעם אמת? כ'בין דאָך טאַקע אַ סאָציאַליסטקע, אָבער כ'האָב מורא געהאַט, אַז מען זאָל דעם אַעראָפּלאַן נישט פאַרכאַפּן קיין קובאַ. מיר זענען אַראָפּ אין וואַשינגטאָן. דאָרט האָט מיך אָפּגע-וואַרט דער פּרעזידענט. ווען דער פּרעזידענט האָט מיך דערזען, האָב איך בפירוש געהערט, ווי ער האָט געזאָגט: „אוי-וויי". ער האָט עס געזאָגט אַזוי, אַז כ'וואָלט געשווירן, אַז ער איז אַ ייד.

די גאַנצע צייט האָב איך גערעדט צו ניקסאָנען ווי אַ מאַן צו אַ מאַן. כ'האָב אים אויסדריקלעך געזאָגט, אַז איך קאָן נישט אַהיימ-קומען מיט ליידיקע הענט. און ער האָט געזאָגט: „כ'האָב אייך נישט געגעבן קיין פאַנטאָמס מיט עלעקטרישע אינסטרומענטן?"

האָב איך אים מודה געווען, אַז יאָ. נאָר אַז דאָס גייט פֿאַר די אַראַ-בער, און וואָס קריגן די יידן?

ער האָט מיר פֿאַרגעלייגט אַ הלוואה פֿון 200 מיליאָן, האָב איך אים געזאָגט, אַז דאָס איז אַ סומע, וואָס ס׳קאָסט אונדז אָפּ די שטרייקן בלויז אין איין חודש. כ׳האָב פֿאַרלאַנגט צוויי הלוואות, אָבער אונטערן באַדינג, אַז מיר וועלן אָפּגעבן, ווען מיר וועלן האָבן. האָט ער גענומען לאַכן: ווען וועט ישראל האָבן אַמאָל געלט? ווען? האָב איך געזאָגט, משיח וועט דאָך אַמאָל מוזן קומען, יאָ צי ניין?

וועגן מיין ענלעכקייט אויף דער בינע צו גאָלדע מאיר איז דערנאָך אומגעגאַנגען פֿאָלגנדיקער וויץ:

ווען גאָלדע מאיר איז געוואָרן אויפגענומען פֿון דעם פּויפּסט, האָט ער איר באַגריסט — שלום, שמעון דזשיגאַן...

***

אין משך פֿון יאָרן האָבן זיך אָנגעזאַמלט וואָרט-שפּילן, קאַ-לאַמבורן, גלייכווערטלער, וואָס איך האָב גענוצט אין מיינע פּראָ-גראַמען. אַ סך פֿון זיי זענען פֿאַרפֿלויגן איבער ימים, זיך איינגע-נעסטיקט ביי יידן. ביי אַ שבתדיקן טיש, בעת אַ שמחה, נעמט מען זיי אַרויס פֿון געדעכעניש, מען זאָגט זיי איבער און מען שמייכלט דערביי צום אומגעזעענעם בעל-קאַטאָוועס, וואָס האָט זיי פֿאַר-פֿאַסט. ס׳איז נישט פֿאַראַן קיין גרעסערער שכר פֿאַר אַ בינע-קינסטלער ווען מען דערמאָנט זיינס אַ וואָרט אויסער די ווענט פֿון טעאַטער. איך האָב דערלעבט צו דעם און ווינטש זיך נישט מער.

אָט איז אַ הויפֿן לצנות פֿון אַלע צייטן:

וואָס קאָן מען אין ישראל מאַכן אָן געלט? — חובות.

***

איך ווינטש נישט מיין גרעסטן שונא, וואָס ס'האָט מיך היינט געטראָפן.

— ???...

— כ'האָב געוווּנען אויף דער לאָטעריע.

*****

יידן פירט מען תמיד פאַר דער נאָז, ס'זאָל נאָר זיין אַזויפיל נעז — קיין פירער וועלן נישט פעלן.

*****

די רוסן לייגן פאָר ישראל אַזאַ שלום מיט די אַראַבער, אַז מיר מוזן ענטפערן — חס ושלום...

*****

ישראל איז אַ לאַנד פון נסים. גייסט אַריבער די גאַס און בלייבסט לעבן — אַ נס. גייסט אַרויס פון דער קראַנקנקאַסע אַ געזונטער — אַ נס. דו באַקומסט נאָך דריי יאָר וואַרטן אַ טעלעפאָן — אַ נס. קאָנסט אויסקומען מיט דיין געהאַלט — אַ נס. אין פאָסט-קעסטל ליגן נישט אינדערפרי מאָנונגען פון שטייער-אַמט — אַ נס. קיינע פּאָליציי-ראַפּאָרטן — ווידער אַ נס.

הקיצור, דו דאַרפסט אַ גאַנצן טאָג שרייען על הנסים...

*****

דער רבונו של עולם האָט נישט קיין דרך-ארץ פאַר געלט. א סימן — זע וועמען ער גיט עס...

*****

דער ישראלדיקער פינאַנס-מיניסטער האָט תמיד בייזע חלו-מות. עס חלומט זיך אים אַלע נאַכט, אַז דאָס געלט וואָס ער פּטרט איז זיינס...

**
*

וואָס קאָן מען באַקומען אין ישראל פאַר אַ פונט? אַ קללה פון אַ שנאָרער...

**
*

די ישראלים האָבן תמיד ווייניקער ווי זיי דאַרפן, ווייל זיי ווילט זיך מער ווי זיי פאַרדינען...

**
*

קאָלומבוס איז געווען דער ערשטער אַמעריקאַנער ציוניסט. ווען ער אַנטדעקט נישט אַמעריקע, פון וועמען וואָלטן מיר באַ-קומען אַזאַ הילף?

**
*

די ישראל-רעגירונג איז די בעסטע אין דער וועלט. אַלע רעגי-רונגען זאָגן צו, אַז ס'וועט ווערן בעסער און האַלטן נישט קיין וואָרט. אונדזער רעגירונג זאָגט צו, אַז ס'וועט ווערן ערגער און האַלט יאָ וואָרט...

**
*

אין ישראל זענען נאַרישקייטן גאָרנישט ביליק. מיר צאָלן פאַר זיי זייער אַ הויכן פּרייז...

**
*

ווען האָט זיך געשאַפן פאַרטייען ביי יידן? ווען גאָט האָט געזאָגט — איר זאָלט זיך מערן און פרוכפּערן...

**
*